STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07929

AMERIKE, DU BIST GROYS!

Velvl Tshernovetski

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ו. טשערנאָוועצקי

אמעריקע דו ביסט גרויס

צווייטער באַנד

א י ב ע ר אַ מ ע ר י ק ע א ו ן מ ע ק ס י ק ע

אַרויסגעגעבן פון:
„ד ע ר אַ ר ג ע נ ט י נ ע ר מ אַ ג אַ ז י ן"
בוענאָס איירעס — 1956.

הילע געצייכנט פון קינסטלער **לעאָן ב. גלאַנצער**

דרוקעריי „ברידער זלאַטאָפּיורא" — גאַסקאָן 1231 — בוענאָס איירעס

אַ פּאַר באַמערקונגען

צום סוף פון אַ דעם צווייטן באַנד וועט דער פריינט לייענער טרעפן אַ נייס, וואָס אין קיין שום יידישן בוך האָט ער עס, ביז איצט, נישט באַמערקט. נעמלעך:

אַ קליינע אָפּטיילונג אין ענגליש און די בילדער פון א ל ע פּרעזידענטן פון נאָרד־אַמעריקע, זינט וואַשינגטאָן ביז היינט.

דאָס האָט דער מחבר פון אַ די צווייטע בענד, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן אַמעריקעס גרויסקייט, געפונען פאַר זיין חוב און פאַר זיין דאַנק צו זיינע אַמעריקאַנער יידישע און נישט־יידישע פריינט, צו די יידישע קינדער מיט וועלכע עס איז אים אויסגעקומען צו רעדן, און וועלכע, צום באַדויערן, לייענען נישט קיין יידיש, געפונען פאַר זיין בעסטע און האַרציקסטע מתנה זיי צוטראָגן און זיי ווידמענען.

עס איז דעם שרייבערס נשמהדיקער אויסדרוק און אָנערקענונג פאַר דעם גרויסן אַמעריקאַנער פאָלק, פאַר די קינדער פון אַ דעם גרויסן דעמאָקראַטישן לאַנד, וועלכע זענען שטענדיק גרייט אַוועקצוגעבן זייער לעבן אויפן מזבח פון פרייהייט, יושר און דעמאָקראַטיע.

ווען מען קומט קיין אַמעריקע — אפילו אויף אַ קורצן באַזוך — און מען זעט דאָס גרויסקייט פון אַ דעם לאַנד, איז נישט מער ווי אַ מענטשלעכער חוב אָפּגעבן כבוד די בויער פון אַ דער מדינה. און מיט די עטלעכע שורות אין דער לאַנדעס־שפּראַך פון דעם דאָזיקן גרויסן פאָלק, און מיטן אַרויסברענגען די בילדער פון די חשובע גרינדער, בויער און רעגירער פון אַ דעם לאַנד, דערפילט דער מחבר זיין מענטשלעכן חוב פון רעספּעקט, באַוואונדערונג און דאַנקבאַרקייט צו אַ דער מדינה, וואָס ווערט אָפיציעל אָנגערופן:

פאַראייניקטע שטאַטן פון נאָרד־אַמעריקע.

XXX

מייערע גאָלדע.

איך האָב דיר, אין די פאַבריקע בריוו באַשריבן ווי אַזוי מען לעבט אין אַמעריקע.

ווי דו האָסט זיכער באַמערקט, איז מיר דאָס אַמעריקאַנער לעבן נישט איבע־ריק געפעלן! מיר, די רויִקע זיד־אַמעריקאַנער מענטשן, וועלכע זענען געוווינט צום רויִקן זיד־אַמעריקאַנער לעבן, וועלכע זענען געוווינט צו עסן מיטיק גאַנצע צוויי שעה און נאָך דעם מיטיק — זיך צולייגן אַ „סיעסטאַ“ (אָפּרו־שלאָף) אויף אַ האַלבער שעה, — אונדז קאָן נישט געפעלן ווערן דאָס הו־האַ־לעבן פון אַמערי־קאַנער מענטשן.

אָבער, נאָך ווייניקער געפעלט מיר, ווי אַזוי די אַמעריקאַנער מענטשן... שטאַרבן! דער אופן פון שטאַרבן איז דאָך פאַרהייליקט ביי אונדז זיד־אַמעריקאַנער און גאָר דערהויפּט — ביי יידן. דאָס שטאַרבן אויפן אייגענעם בעט, דאָס קומען בכבוד צו קבר־ישראל, איז דאָך איינער פון די ווונטשן פון יעדן איינעם פון אונדז.

דאָ, אין אַמעריקע, שטאַרבט מען אַנדערש! און אַפילו צו קבר ישראל — קומט מען אַנדערש!...

דאָס „לעצטע הויז“ פון נפטר אין אַמעריקע — איז אַ פרעמד „טויטן־הויז“.

וואָס איז אַזוינס „טויטן־הויז?“

וועל איך דיר דערציילן ווי אַזוי אין אַמעריקע... שטאַרבט מען.

ביי זיך אין בעט — אין דער אייגענער שטוב — שטאַרבט אין אַמעריקע קיינער נישט! סיידן ער באַקומט אַ האַרץ־שלאַג. די „מאָדע“ אין אַמעריקע איז:

ווען מען ווערט שלאַף, נעמט מען באַלד צו אין שפּיטאָל אָדער אין אַ קלי־ניק (סאַנאַטאָריע) און אויב עס איז נישט באַשערט צו לעבן — שטאַרבט מען אין שפּיטאָל־צימער. פון דאָרט — נעמט מען נישט אַהיים, נאָר אין אַ „טויטן־שטיבל“. דאָ, אין אַמעריקע, ווערט עס אַנגערופן „פיונעראַל“, אָדער „מעמאָריאַל־טשאַפּעל“. דאָס זענען „געשעפטן“ וואָס האָבן ספּעציעלע „סאַלאָנען“ ווו מען ברענגט דעם מת און מען „היט“ אים דאָרט אַ טאָג, צוויי און דריי, ביז עס קומט דער ליבער זונטיק און מען קומט צו דער לוויה. דער באַלעבאָס פון אָט די „מעמאָריאַל־טשאַפּעלס“, איז טאַקע דער באַגראָבער. אויף אַמעריקאַנישן לשון טראָגט ער אַ נאָמען: „אַנדערטעיקער“, און אַנדערע האָבן שוין אַ גרעסערן „טשין“

און ער רופט זיך „לייסענדס". דאָס הייסט: — אַ באַגרעבער מיט אַ „פּאַטענט" — אַן „אַנערקענטער"!

כדי דו זאָלסט זיך שאַפן אַ באַגריף וועגן אָט דעם „מתים־מיסחר", וועל איך דיר איבערשרייבן אַ פּאָר אַנאָנסן פון אָט די „מתים־שטיבלעך":

מעלדעט איינער, אַז זיין „פיונעראַל" איז די גרעסטע און פיינסטע פון ברוק־לין. די לוויה ווערט דורכגעפירט: — בכבוד, פּינקטלעך און אָרנטלעך. דער „טשאַפּעל" — דאָס מתים־שטיבל האָט... „קאָנדענסירטע לופט" (איירע אַקאָנדי־סיאָנאַדאָ). די קאָנדיסירטע לופט איז נישט פאַרן מת, וואָס ליגט דאָרט, נאָר פאַר די פריינט און פאַמיליע וואָס איז אים געקומען באַגלייטן...

ווי דו זעסט, זאָגט ער צו, אַז די לוויה וועט זיין... אָרענטלעך, פּינקטלעך און בכבוד. דערפון פאַרשטייסטו שוין אַליין, אַז עס זענען דאָ אַ סך „מתים־שטיבלעך", „פיונעראַל־טשאַפּעלס", וואָס פירן דורך אַ לוויה... נישט אָרנטלעך, נישט פּינקט־לעך און... אָן כבוד! דאָס הייסט, פּשוט, מען שווינדלט אָפּ דעם... מת!

אַ צווייטער אַנאָנס:

„הערי נייבערג ענד סאָן" מעלדן, אַז זייער געשעפט עקזיסטירט שוין... 80 יאָר!

ער מיינט אַז עס איז אַ גרויסע מציאה! איך געדענק אונדזער טעפּליקער באַ־גרעבער, הערש וואַטענמאַכער, איז אַלט געווען — אַזוי האָט מען געזאָגט — הונ־דערט יאָר און איז געשטאָרבן פון זאַראַזן זיך מיט טיפוס!...

דער „פּאַרק־וועסט מעמאָריאַל טשאַפּעל" מעלדעט גאָר פיינע „גליקן". דער דאָזיקער „לייסענדס־אַנדערטייקער" פאַרזיכערט אַז זיין „געשעפט אויף דער 79טער גאַס איז פּערווי קלאַס און „איר קענט זיין זיכער אַז די אַטמאָספערע און די רעלי־גיעזע סורוויס (באַדינונג) איז פּונקט ווי איר ווינטשט!...

אָבער, קלוגער פון אַלע איז די פירמע קירשנבאַום ברידער און קאָמפּאַני. זיי זאָגן צו ערשטנס: — אַ „פּערזענלעכע באַדינונג פון אַ דירעקטאָר פון אַ פיר־מע". טאַקע פּשוט און פּראָסט: „יעדע לוויה — אַזוי מעלדן זיי — ווערט פּער־זענלעך דורכגעפירט פון אַ מיטגליד פון דער קירשענבאַום משפחה. דיזע פּאַר־זיכטיקע אויפמערקזאַמקייט צו יעדעס באַזונדערע נויטען האָט איין די לעצטע איבער 30 יאָר געשאַפן דאָס העכסטע איין בכבוד׳יגקייט און איין עקאָנאָמיע".

זעסטו, דאָס איז פיין! דער באַגרעבער פאָרט נאָך דער לוויה און זעט אַז אַלעס זאָל צוגיין אין אָרדענונג!

און ביי אַ מת — האָבן נאָך אַנדערע כלי קודש פּרנסה! אין אַמעריקע נוצט מען אַלצדינג אויס פאַר ביזנעס! די גרעסטע ביזנעס איז...

— דער אויבערשטער, דער רבונו־של־עולם!

די בעסטע געשעפטן מאַכן די, וועלכע דרייען זיך אַרום גאָטס געבאָט, אַרום די צוויי לוחות, אַרום כשר און טריפס; און אַפילו ביי אַ טויט־פאַל, איז באַלד דאָ ביזנעס! אָט מעלדן יידן — טאַקע אויף דער זעלבער זייט, קאָלום נעבן קאָלום, מיט איינלאַדונגען צו לוויות — פאָלגנדע „ביזנעס״:

„משניות לערנען — קדיש זאָגן ביי די אַלטע רבנים פון דער בית תומכי תורה, קענט איר פאַרזאָרגן די נשמות פון אייערע ג״ט זעליקע. דאָס איז אַ גרויסער זכות פאַר די נפטרים, און די צדקה איז אַ כבוד פאַר די לעבעדיקע.

אָדער אַ צווייטער אַנאָנס:

קדיש זאָגן, משניות לערנען ביי יידן תלמידי חכמים אין חברה בית הלוי ווו מען דאַוונט און מען לערנט אַלע ערב ובוקר און מען היט אָפּ דעם קדיש זייער ערלעך. 20 דאָלאַר אַ יאָר, אויך מנין געשיקט צו אבלים אַהיים און תהילים געזאָגט פאַר קראַנקע.

וואָס שייך „קרקע״ — אַ פּלאַץ צו באַגראָבן, איז אין ניו־יאָרק פאַראַן — ווייט פון שטאָט — צענדליקער און הונדערטער בית עלמנס פון אינסטיטוציעס, לאַנדסמאַנשאַפטן און... פּריוואַטע סוחרים, וואָס פאַרקויפן קרקע אויף אויסצו־צאָלן! די גרעסטע בית עולמס איז פון אַרבעטער רינג — ווו עס רוען די רעשטן פון שלום עליכמען, אברהם רייזין ע״ה א״א.

אַ גרויסער בית עולם איז דער אַלטער און נייער „מאָנטעפיאָרע סעמענ־טערי״ און אַלע טאָג זענען דאָ מעלדונגען פון פּריוואַטע פירמעס און פון אינס־טיטוציעס. איין אינסטיטוציע „יונייטעד זאָנס אָוו איזראַעל״ (פאַראייניקטע זין פון ישראל, אָדער, אגודת בני ישראל), זאָגט צו אַזעלכע „גליקן״, אַז עס גלוסט זיך אַזש קומען קיין אַמעריקע... שטאַרבן!

זייער מעלדונג גיב איך דאָ איבער אַזוי ווי זי גייט און שטייט, כדי דו זאָלסט זיך שאַפן אַ באַגריף פון אַמעריקאַנער „ביזנעס״. די דאָזיקע געזעלשאַפט איז נישט בלויז פאַר „איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר״ — נאָר פאַרן לעבן אויך! זיי האָבן דאָקטוירים, דענטיסטן און „ספּעציאַליסטן״ צו באַשיצן דאָס געזונט פון די מיטגלידער. דער עיקר אָבער — בכבודיקע באַגלייטונג, אויסשטאַטונג און קרקע נאָך הונדערט יאָר!

אדרבא, לייען זייער מעלדונג, וואָס גייט אָפט אין די צייטונגען און קאָסט אָפּ אַ מאַיאָנטעק!...

„ויעשו כולם אגודה אחת — ווערט אַ חבר אין אגודת בני ישראל (יונייטעד סאָנס אָוו איזראַעל). די ערשטע און איינציקע פּראָגרעסיווע ברידערלעכע און וויל־טעטיקע אָרגאַניזאַציע וואָס האָט באַזייטיקט די אַלטע מעטאָדן פון גרויסן איינ־טריט־געלט און באַגרענעצונג אויף איינצעלנער מיטגלידערשאַפט, מיט בענעפיטן

בלויז לאחר מאה שנה, און האָט פאָרמולירט אַ נייעם פּלאַן לויט אַ װיסנשאַפטלעכן סיסטעם — אַקצענטירנדיק: געזונט, פּאַרגעניגן, מאַסן־מיטגלידערשאַפט, קליינע קאָסטן, מיט אַ פּראָגראַם פון פאַרשיידענע טעטיקייטן פאַר יונג און אַלט, און אַ סטעף פון איבער 30 דאָקטוירים, דענטיסטן און ספּעציאַליסטן צו באַשיצן דעם געזונט פון די מיטגלידער אָן קיין שווערע קאָסטן, אין אַלע טיילן פון ניו יאָרק. דערצו ווערט אויך דערלויבט צו ערשטן מאָל די אָנשליסונג פון גרופּן, פאַמיליע, סירקולאַס און פאַראיינען. פאַר אַלע בענעפיטן אָן קיינע קאָסטן אויסער בלויז — 5 דאָלאַר אָפּצאָל יערלעך, פאַר דער גאַנצער פאַמיליע פון יעדן מיטגליד, וואָס איז פאַרציייכנט אַלס אַזעלכער און שליסט זיך אָן צוזאַמען מיט דער גרופּע, וועלכע האָט אויך די פּריווילעגיע צו רעזערווירן אַ באַזונדער סעקטאָר פאַר פּריוואַטע פאַמיליע־פּלעצער צו בלויז 100 דאָלאַר פאַר 4 קברים, אָדער פּראָפּאָרציאָנעל פאַר מער, אויף אונדזער אייגענעם באָדן אין איינע פון די שענסטע סעמעטערים, וויניקער ווי אַ שעה פון טיימס־סקוועער. דער עיקר, אָבער:

בכבודיקע באַגלייטונג מיט אויסשטאַטונג און קרקע לאחר מאה שנה.

אונדזערע אָפּיסעס אויף 233 וועסט 42טע גאַס, נ. י. ערשטער פלאָר אַרויפֿ־צוגיין און אויך מיט עלעווייטאָר. אָפן טעגלעך, אויסער שבת.

מיר שיקן אונדזערע פאָרשטייער צו יעדן וואָס פאַרלאַנגט".

נו, גאָלדע, ווי געפעלט דיר דער אַנאָנס פון אָט דער מאָדערנער „חברה קדישא"? דאָס קאָן מען טרעפן בלויז אין אַמעריקע, ווו פון אַל׳עמען און פון אַלעס, מאַכט מען ביזנעס...

ווי דו זעסט, האָט מען דעם אָפיס אויף דער 42טער סטריט — דאָס רייכסטע פּלאַץ אין ניו־יאָרק — (נאָך פינפטע עוועניו און בראָדוויי) און אויב עמיצער וויל — שיקט מען אים אַהיים אַ פאָרשטייער!

אַלזאָ! — צווישן אַמעריקאַנער פּרנסות — איז אַ באַגרעבער, נישט די ערגסטע!...

און איצט, גאָלדע, גיי איך דיר דערציילן אַ זאַך, וואָס דו וועסט, זיכער, נישט וועלן גלויבן און וועסט עס האַלטן פאַר אַ וויץ.

אין אַמעריקע — אַ חוץ אין די רעליגיעזע קרייזן — ווען עס שטאַרבט אַ פּרוי, איז איידער מען לייגט זי אַריין אין קבר, קומט די „פיינאַדאָראַ" און מאַכט איר אַ... „פּערמאַנענטע", פּודערט איר אָן דאָס פּנים און פאַרקעמט זי אַ ז ו י, גלייך ווי זי זאָל דאַרפן גיין צו אַ טאַנץ. ווען דו קומסט צו צום קאָסטן ווו דער מת ליגט און גיסט אַ קוק דורכן גלאָז, איז דיר אוממעגלעך צו גלויבן, אַז דאָ ליגט אַ מת. מען מאַסאַזשירט אַ ז ו י אויס דאָס פּנים, אַז דו זעסט גאָר אַ שמייכעלע אויף די אָנגעשמינקטע ליפּן.

נישט ערגער לייגט מען אַריין אַ מאַן אין דער ערד אַריין. ביי אַ פּאָר לוויות ווו איך בין געווען, האָב איך געטראָפן דעם מת אין קאַסטן אַ ז ו י פאַרקעמט, אַזוי אָנגעשמירט דאָס פּנים, כאָטש גיב אים אָפּ שלום עליכם און גיב אים מיט אַ גרוס דער מאַמען אויף יענער וועלט. אויב ער האָט געטראָגן ברילן — ליגט ער אין קאַסטן אָנגעטון אין זיי. עס פעלט בלויז אַז מען זאָל אים אויך אַריינשטעקן דעם סיגאַרעט וואָס ער פלעגט שטענדיק רויכערן.

דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב עס דערזען — האָב איך זיך געוואָלט צעלאַכן. דערנאָך, האָב איך זיך באַהערשט און איך פלעג שוין גלייכגילטיק כאַפּן אַ בליק ווי אַזוי דער נפטר זעט אויס?

איך האָב שפּעטער, צווישן חברים, געפּרוווט מאַכן וויצן אויפן חשבון פון אַ פרוי, וואָס איך האָב געזען ליגן אַן אָנגעפּודערטע אין קאַסטן. איך האָב געזאָגט, אַז עס איז דאָ אַ געפאַר, דאָס ווי נאָר זי וועט קומען אויף יענער וועלט —וועט זיך אין איר עמעצער פאַרליבן און קאָן זי נאָך ברענגען צו אַ זינד... נו, איז מען ברוגז געוואָרן אויף מיר, פאַרוואָס איך קריטיקיר אַמעריקאַנער מינהגים. אַלעס, וואָס אַמעריקאַנער טוען, דאַרף זיין גוט!

אַזוי ווילן די אַמעריקאַנער מענטשן. אַזוי ליב איז זיי אַמעריקע.

און איצט, גאָלדע, וועלן מיר איבערלאָזן די טויטע, מיט די לוויות, מיט די באַגראָבער און וועלן גאָר אַוועקגיין אין

— יידישן טעאַטער!

באַלד ווי איך בין געקומען קיין אַמעריקע האָב איך זיך פאַראינטערעסירט צו וויסן, ווי עס האַלט מיטן יידישן טעאַטער דאָ. געוווּסט האָב איך, אַז מיט טעאַטער איז דאָ נישט פויגלדיק. וואָס איך האָב נישט געוווּסט איז, אַז... עס האַלט טאַקע אַזוי שמאָל מיט יידיש טעאַטער, אַז עס איז כמעט נישטאָ קיין יידיש טעאַטער אין ניו־יאָרק!

איצט איז דער בעסטער ווינטער סעזאָן. די ענגלישע טעאַטערס זענען פול! אויף צו קריגן אַ בילעט דאַרף מען שטיין אין דער ריי אַ גוטע פּאָר שעה אויפן ברענענדיקן פראָסט. אַפילו אין אַ גוטן „סינע" קריגט מען נישט אַזוי לייכט קיין ענטראַדע.

אָט איז פאַראַן אַ „סינע" הייסט ער „ראַדיאָ סיטי". מען הייבט דאָרט אָן שפּילן 10 אַזייגער אינדערפרי און מען ענדיקט 1 ביינאַכט. אַלע דריי שעה — אַ סעאַנס. איז אַפילו אויף אינדערפרי אוממעגלעך זיך אַריינצוכאַפּן אין „סינע" און נישט דאַרפן שטיין אַ שעה־צוויי אויף דער גאַס.

דורך אַ צופאַל האָבן מיר — ס'הייסט מוני, בעטי און איך, זיך אַריינגעכאַפּט אַהין ביינאַכט.

דאָס וואָס איך האָב דאָרט געזען, וועל איך אייביק געדענקען! עס איז אַ „סינע" מיט „לעבעדיקע נומערן" (וואַריעטע) מיט אַ קאָנצערט פון 68 פון די בעסטע פּראָפעסאָרן פון ניו־יאָרק; דערנאָך הייבט זיך אויף דער פאָרהאַנג און דו טרעפסט אויף דער בינע... 120 אַרטיסטקעס — דאָס שענסטע וואָס ניו־יאָרק פאַרמאָגט!

צווישן די נומערן פון „סינע", איז אויך געווען אַ... פילם. אַ נאַרישער פילם פון „קאָובאָי", מיט „פּיף־פּאַף" און די אַמעריקאַנער האָבן געלעקט די פינגער. דערפאַר איז אויך געווען אַ... צירק, מיט 2 בערן, וואָס האָבן געטאַנצט אַ טאַנגאָ, מיט גיין אויפן שטריק און נאָך אַזעלכע זאַכן — פאַר גרויסע — וואָס דאָס אויג פאַרכאַפּט.

פאַר די דריי פלעצער האָט מוני באַצאָלט 9 דאָלאַר. אַרויסגייענדיק פון „סינע" — דאַרף מען עפּעס איבערכאַפּן, האָט געקאָסט זעקס דאָלאַר, און פאַר אָוועקשטעלן דעם אויטאָ אין אַ „פּאַרקינג"־פּלאַץ, דאָס הייסט, אַן אָרט ווו מען קאָן אַוועקשטעלן אַן אויטאָ אויף עטלעכע שעה — האָט אויך געקאָסט... דריי דאָלאַר. איצט מאַך אַ חשבון — אויף אונדזער געלט — וויפל האָט אָפּגעקאָסט דריי מענטשן אין „סינע", אין איינעם אַ פּשוטן מיטוואָך ביינאַכט?

מעגלעך, זייער מעגלעך, אַז דאָס איז דער מאָטיוו פאַרוואָס מען גייט נישט אין יידישן טעאַטער! אַ „גיי" אין טעאַטער דאַרף אָפּקאָסטן אַ פאַמיליע 20 דאָלאַר — איז איצט שווער אַרויסצונעמען! כאָטש אַזאַ מענטש ווי מוני פאַרדינט מער, און לעבט רייכער ווי דער בעסטער אַרבעטער, דאָך, ווייס איך נישט, צי ער וואָלט זיך פאַרגעניגן אַלע מאָנאַט אויסצוגעבן 20 דאָלאַר פאַר יידיש טעאַטער.

נו, פאַרוואָס־זשע זענען די ענגלישע טעאַטערס פול? איז, ערשטנס: — פאַראַן אַ גרעסערער עולם — און לאָגישערווייזע — מערער מענטשן וואָס קאָנען מאַכן הוצאות! און צווייטנס: — דער איינטריט אין ענגלישן טעאַטער קאָסט ביליקער! חוץ דעם, גיט מען נישט אין יידישן טעאַטער קיין פּיעסעס וואָס זאָלן צוציִען דעם עולם. אין איין טעאַטער, שפּילט מען „אַ יידישע מאַמע" מיט הערמאַן יאַבלאָקאָוו און אין אַ צווייטן שפּילט מען „זאָל זיין מיט מזל", מיט דזשייקאָבסאָן און אירווינג גראָסמאַן, און איך דאַרף דיר נישט זאָגן, אַז איך וואָלט אין אַרגענטינע נישט פאַרלוירן קיין נאַכט, זיי צו גיין זען!

זעסטו, ווער עס האָט דערפאָלג איז אונדזער דוד ליכט, וואָס פירט אויף אין דער קונסט בינע דער „קעניג און דער שוסטער". איך בין געווען דריי מאָל אין טעאַטער און אַלע דריי מאָל האָב איך געטראָפן אין טעאַטער אַ גרויסן עולם! הייסט עס, אַז אַ גוטע פּיעסע גייט מען — אין אַמעריקע — אויך זען!...

וואָס עס טומלט זיך דאָ שטאַרק איז מיט מאָריס שוואַרץ. ער האָט אָנגעהויבן

שפּילן אויף ענגליש שלום עליכמס „שווער צו זיין אַ ייד". דער אַקטיאָרן פּאַר־איין האָט פּראָטעסטירט פאַר זיין פאַרבייטן די יידישע בינע אויף דער ענגלישער, און בכלל פאַר פאַרגוויישן דעם יידישן טעאַטער, און האָט אויף אים אַרויפגעלייגט אַ חרם, אַז מען זאָל מיט אים נישט שפּילן קיין יידיש טעאַטער! חברים שרייבער, הן אין די רעדאַקציעס און הן אין קאַפע, רעדן וועגן דעם און האַלטן, אַז דער אַקטיאָרן־פאַראיין איז באַגאַנגען אַן איבערגעאײַלטן שריט. מען האָט געדאַרפט זיין מילדער צו אים! עפּעס פּאַרט מאָריס שוואַרץ.

דער באַוווסטער טאַלאַנטפולער שרייבער ה. ערענרייך, — וועלכער איז דער „פאָרווערטס" טעאַטער־קריטיקער, זאָגט וועגן מאָריס שוואַרצס ענין פּאָלגנדיקס:

די יידישע אַקטיאָרן־יוניאָן האָט פאָרגעלייגט, אַז מאָריס שוואַרץ זאָל „צו־ריקקומען צום יידישן טעאַטער און צוריק אויפלעבן די יידישע בינע", דערביי וועט די יוניאָן מיט אַלע כוחות אים העלפן. מען האָט אַפילו אים געגעבן אָנצו־הערעניש וועגן אַ גרויסן פאָנד, וואָס וואָלט געשאַפן געוואָרן פאַר אַן אויפגעלעבטן און באַנייטן קונסט טעאַטער.

מאָריס שוואַרץ האָט נישט געזאָגט „ניין". ער האָט אָבער אויך זיך אַנט־זאָגט צו זאָגן „יאָ".

האָט מען גענומען חושד זיין, אַז „עפּעס איז נישט גלאַט". דאַכט זיך, אָט ערשט האָט שוואַרץ דערקלערט, אַז ער איז גרייט צו פאַרקאַטשען די פּאָלעס און „שטעלן זיך צו דער אַרבעט", צונויפרופן אַ קאָנפערענץ. און פּלוצלינג — ער רעדט אַנדערע דיבורים. זיינע טענות זענען:

ערשטנס, אַז ס'פעלט יוגנט; צווייטנס, אַז די בינע־אַרבעטער מאַכן די מעגלעכקייטן אין יידישן טעאַטער אַלץ שווערער און אוממעגלעכער. און, דריטנס, אַז מיט פּיעסן איז אויך נישט אַזוי פויגלדיק.

שוואַרץ לייקנט נישט, אַז מען פאַרהאַנדלט מיט אים, אַז דער נעשאָנאַל טעאַטער, וועלכער איז געבליבן אָן אַ פּיעסע, זוכט מיט אַלע כוחות אים אַריינצו־ברענגען צו זיך. ער האָט בלויז פאַרזיכערט, אַז דערוויל איז „נאָך נישט אָפּגעמאַכט". ער זאָגט, אָבער, נישט, אַז ער וועט נישט אָפּמאַכן...

דערוויל זענען די געמיטער אין דער יידישער אַקטיאָרן־יוניאָן צעשטורעמט. נייטען גאָלדבערג ווייזט אָן, אַז שוואַרץ האָט טאַקע אַ סך צוגעטראָגן צום כבוד פון יידישן טעאַטער; „ער האָט אָבער אויך אַ סך גענאָסן פון אים, און איז אין אים דערהויבן געוואָרן". ער קאָן נאָך אַ סך געווינען ביי דער יידישער בינע.

נו! דעם סוף — ווייסטו שוין. מאָריס שוואַרץ איז אַוועק שפּילן אויף ענגליש און נעבעך געהאַט אַ גרויסן דורכפאַל! איך בין געווען ביי איין פאָרשטעלונג, אין באַגלייטונג פון אַ חבר אַ שרייבער, עס איז געווען אַ ליידיק טעאַטער! און כאָטש

אין טעאַטער איז געווען „סטים" (קאָלעפּאַקסיאָן) איז נעבעך אין טעאַטער געווען אַזוי קאַלט, אַז מען האָט געקאָנט פאַרפרוירן ווערן.

מאָריס שוואַרץ האָט געהאָפט, אַז די יידישע „יוגנט" וואָס פאַרשטייט בלויז ענגליש, וועט קומען אין טעאַטער אַריין, און געקומען זענען אַלטע יידן פון דער געגנט. יידן, וועלכע זענען שוין 40־50 יאָר אין לאַנד און קוויקן זיך מיט „ענג־ליש", וואָס זיי פאַרשטייען קוים.

זיכער איז, גאָלדע, אַז ווען דו וועסט באַקומען און לייענען מיין בריוו, וועט שוין ווערן „שלום" צווישן דעם אַקטיאָרן־פאַראיין און מאָריס שוואַרצן, אָבער, דערווייל — טומלט זיך אין יידישן וועלטל אַרום מאָריס שוואַרצס אַריבערגיין — אויף דער עלטער — אויף ענגליש!

רעדנדיק מיט היגע טעאַטער־קריטיקער און אַקטיאָרן, וועלכע קאָנען נישט אַרגענטינע פערזענלעך, האָבן זיי זייער אַ געהויבענע מיינונג וועגן אונדזער טעאַ־טער־עולם בכלל און יידישן אַקטיאָרן־פאַראיין בפרט. אַ ביסל לייענען זיי די טעאַטער־נייעסן פון דאָנען, אַ ביסל נעמען זיי אָפּ גרוסן און זיי האָבן מיר אויס־גערעכנט אַ צעטל פון יידישע אַקטיאָרן אין אַרגענטינע, וועלכע — לויט זייערע רייד — פאַרשאַפן כבוד דעם יידישן טעאַטער.

מיט גאָר אַ סך יראת־הכבוד, רעדן זיי וועגן זייער ראובן גוסקין ע"ה — און אים צו לענגערע יאָר און להבדיל בן החיים והמתים — וועגן אונדזער נחמיה צוקער.

זיי האַלטן, אַז ווען זיי זאָלן האָבן צוקערן דאָ, אין אַמעריקע, — וואָלט געווען מערער יידיש טעאַטער אין אַמעריקע!...

זיי האָבן זייער אַ געהויבענע מיינונג אַלס אַקטיאָרן פון:

די שטראַמערס, יוסף מאַורער, נתן קלינגער, מרים לערער, (זיי האַלטן, אַז שפּרהלע לערער איז שוין „זייערע"), וועגן אסתר ראַפּעל און זלמן הירשפעלד, וועגן ש. ראָזענטאַל, דוד קאַפּלאַן, בלומענטאַל און פּ. טאַכמאַן. זיי דערמאָנען מיט אַ סך לויב־ווערטער די „אַמאַליקע" בן־ציון און שושנה בערדיטשעווסקי און שמואל איריס און מען פרעגט אויף זיי! מען רעדט מיט באַגייסטערונג וועגן די אַקטיאָרן־עמפּרעסאַרן נאַרעפּקין, פעלדבוים און פעלץ, וועלכע ריזיקירן און פאַרזעצן זיך אָפּט און... האַלטן אויס יידיש טעאַטער. דאָס זעלבע רעדן זיי וועגן אונדזער ווילוש גאָלדשטיין און גאָר ספּעציעל וועגן מאַקס פערעלמאַן און גאַלינאַ.

מען פרעגט אויך וועגן די יונגע קרעפטן וואָס האָבן געשפּילט אין דער „קונסט בינע" וואָס איז אַזוי טראַגיש „אומגעקומען"! זיי האָבן געהאַט גרוסן וועגן די יוגנט־שוישפּילער.

**
*

אין אַלגעמיין האָב איך באַמערקט, אַז פאַראַן יידן אין אַרגענטינע, וואָס זענען אין אַמעריקע נישט ווייניקער פּאָפּולער ווי אין אַרגענטינע!

די קאָנסט זיך פאַרשטעלן, אַז אין אַמעריקע זאָל מען מיך פרעגן אויף... מאַרקאָס רעזניק און זיין לאָזונג: „אַז מען לעבט — דערלעבט מען!"

אין אַ פּאָר ערטער האָט מען מיר געזאָגט:

ווי זאָגט אייער אַרגענטינער ייד, מאַרקאָס רעזניק, — „אַז מען לעבט — דערלעבט מען!"

איך גלויב, אַז די געסט, וואָס קומען פון אַמעריקע אַהער, אָדער די שוישפּי־לער, ברענגען עס אַהין נעמען און טעטיקייט פון אַרגענטינער יידן.

מען האָט מיך, למשל, געפרעגט אין איין פּלאַץ, צי דער ייד, וואָס הייסט מאַקסימאָ קופּערשמידט און וואָס פאַרמאָגט... זעכציק מיליאָן דאָלאַר, טוט עפּעס פאַר יידישקייט?...

גיי, דערצייל זיי, וואָס עס הייסט ביי אונדז זעכציק מיליאָן דאָלאַר! איך האָב דעם פּריינט קופּערשמידטן נישט געוואָלט „פאַרשעמען" און האָב נישט אָפּגע־לייקנט זיינע „זעכציק מיליאָן דאָלאַר", אפילו נישט זיינע „זעכציק מיליאָן פּעזאָס".

אַ „סטאַר" וואָס איז געווען אין אַרגענטינע, האָט זיי דערציילט פון אַרגענטינער „מיליאָנערן" וואָס האַלטן אויס יידיש טעאַטער!... ער האָט זיי דערציילט, אַז די „מיליאָנערן" באָריס קנאָבעל, סאַול ראָזענבערג, משה קליינמאַן, דוד הירש, חיים בעטשער, פראַנציסקאָ סאַפּאַטשניק, אברהם פּעלנער, יואל טאַנדעטער און מאַ־ריאַנאָ פעלדשטיין, האָבן געקויפט באַנאָס אין טעאַטער פאַרן סעזאָן און באַצאָלט טויזנט דאָלאַר (געמיינט מן־הסתם טויזנט פּעזאָס) פאַר יעדער „באַנאָ". נו! דאָרט, אין אַמעריקע, האָבן זיי טאַקע גרויסע מיליאָנערן, אָבער, אַז זיי זאָלן באַצאָלן פאַר אַ „באַנאָ" אין יידישן טעאַטער טויזנט דאָלאַר — האָט זיך נישט געטראָפן!...

כ'האָב נישט אָפּגעלייקנט, אַז אָט די יידן קויפן „באַנאָס" פאַר טויזנטער! זיכער — אַז זיי קויפן טאַקע! און ביי זיי איז געבליבן אַז, דערפאַר בליט ביי אונדז אַזוי דאָס יידישע טעאַטער, אַז מיר האָבן אַזעלכע יידן!

אין אַלגעמיין, גאָלדע, איז די וועלט... זייער קליין! מען קאָן זיך איינס דאָס אַנדערע — כאָטש מען האָט זיך קיינמאָל אין פּנים נישט אָנגעקוקט! ווען איך האָב דערזען ל. שפּיזמאַן, אָדער, ה. בעז, האָב איך זיי געענטפערט אויפן שלום עליכם, גלייך ווי מיר וואָלטן זיך שוין קאָנען פון יאָרן. צי, למשל, ווען איך האָב זיך געטראָפן מיט ש. ניגערן, דר" מוקדוני, אָדער יעקב לעשטשינסקין. דאָס זעלבע איז פאַרקערט. זיי קאָנען „פּערפעקט" אונדזער שול־וועזן. זיי ווייסן נישט צי מיר

האָבן... עלעקטרי אומעטום, זיי פרעגן צי מיר האָבן גאַז (זיי זאָגן געז), זיי פרעגן צי אין לאַנד קאָן מען פליען מיט אַן אַעראָפּלאַן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער — דאָס, ווייסן זיי נישט צי מיר האָבן! אָבער, אַז מיר האָבן אַ שיינע שלום עליכם־שול, און אַז דער בויער און דאָס האַרץ פון דער שלום עליכם־שול איז דער באַ־וווסטער פּעדאַגאָג חיים פינקעלשטיין, — דאָס ווייסן זיי! זיי פרעגן, צי מיר האָבן „באָסן?" (אויטאָבוסן), אָבער, אַז מיר האָבן אַ שיינע ביאַליק־שול, אַ נעץ פון תל־אָביב־שולן — דאָס ווייסן זיי!

איין חבר האָט מיך געפרעגט פון וואָס נעמט זיך דער נאָמען פון אייערס אַ תלמוד־תורה „אחיעזר החדשה?" האָב איך אים געענטפערט מיט אַ פראַגע:

פאַרוואָס הייסט ביי אייך אין אַמעריקע, אַ רייכע יידישע אינסטיטוציע... — „נדחי ישראל?"

פוןביידע פראַגעס, זענען מיר ביידע נישט קלוגער געוואָרן! אָבער — זיי ווייסן! זיי לייענען! איך וועל זיך פאַר דיר, גאָלדע, אַ רים טון:

די פאַר הונדערט נומערן פון „אַרגענטינער מאַגאַזין" ווערן דאָרט געשמאַק געלייענט! זיי אינטערעסירט דאָס יידישע סאָציאַל־לעבן אין אַמעריקע! ביי זיי, איז דאָס אַ נייעס! און — דורכן „אַרגענטינער מאַגאַזין", פונקט ווי דורך די טעג־לעכע צייטונגען וואָס קומען אַן אַהין, ווערן זיי געוווויר וועגן אונדזער לעבן!

אָט, למשל, האָבן זיי מיר אַנגעזאָגט די בשורה, אַז פרוי גיטל סטאָליאַר, קומט קיין אַמעריקע! און די טעמע גיטל סטאָליאַר איז פאַר אַ סך קולטור־עסקנים גע־ווען אינטערעסאַנט! ביי זיי איז אַ נייעס, אַז אַ פרוי זאָל אַנפירן אַזאַ ריזיקע יידישע צייטונג! זיי ווייסן, אַז אין שכנות מיט זיי, אין מעקסיקע, פירט אויך אַ פרוי אָן מיט אַ יידישע צייטונג, פרוי סאָניע ראָזענבערג — די אַלמנה פון משה ראָזענ־בערג. אָבער יענע צייטונג איז נישט צו פאַרגלייכן מיט דער אַרגענטינער „אידישע צייטונג". ווען גיטל סטאָליאַר וועט קומען אַהער, וועלן אַ סך שרייבער גלאָט האָבן אינטערעס צו קאָנען אַזאַ אשת חיל! ביי זיי — אין אַמעריקע, וואָלט אַזעלכעס נישט געקאָנט געשען!...

און פונקט ווי זיי קענען די יידישע וועלט — אַזוי קענען זיי נישט... די גוייִשע וועלט פון אַרגענטינע. בכלל, וואָלט איך דיר דערציילט, אַז אין אַמעריקע קען מען ווייניק אַרגענטינע.

דו ווייסט דאָך, איך האָב פאַרבינדונגען אין די היגע מלוכהשע קרייזן — ספּעציעל אין שטאַט־דעפּאַרטאַמענט. די פרוי וואָס אַטענדירט מיך און רעדט מיט מיר שפּאַניש, האָט מיך אויך געפרעגט צי ביי אונדז זענען דאָ... טראַמווייען? צי מיר האָבן הייס וואַסער? צי מיר האָבן עפּנטלעכע בעדער? און צי עס איז אמת, אַזביים מיטיק, עסן מיר אויף 10 פונט פלייש? (4 קילאָ). לויט אירע רייד, איז

אויסגעקומען, אַז ווען די אַרגענטינער באַלעבאָסטע דאַרף פלייש אויף מיטיק, גייט זי אַרויס אין שטאַל, ווו עס זענען דאָ עטלעכע בהמות, און שניידט אָפּ פון אַ בהמה אַ שטיק און גייט עס בראָטן...

עס האָט מיך געקאָסט אַרבעט, ביז איך האָב איר דערקלערט וואָס עס הייסט ביי אונדז „אַסאָדאָ קאָן קועראָ". זי האָט אַנדערש געדענקט!...

גראָדע האָט מען מיר היינט אָפּגעגעבן אַ גרוס, אַז ביי אונדז, אין אַרגענ־טינע, גייט מען איינפירן אַ... גט! נו! נו! זאָלסטו גאָרנישט פרעגן! פון אַלע זייטן האָט מען מיך באַגריסט.

אַז אין אַמעריקע איז פאַראַן דער סיסטעם גטן זיך — ווייסטו דאָך! אָבער, דאָרט האָט יעדער „סטעיט", אָדער פּראָווינץ אַן אייגענע געזעצגעבונג וועגן „גט". פאַראַן „סטעיטס" ווו מען קאָן קריגן אַ גט, פונקט ווי קויפן אַ פּעקל סיגאַרעטן! און פאַראַן „סטעיטס" ווי עס קומט אָן מיט גרינגע ווערעם ביז מען גט זיך!

אין ניו־יאָרק, למשל, איז דער גט פאַרבונדן מיט גאָר, גאָר אַ מיאוסע פּראָ־צעדור! מען קאָן זיך דאָ נישט גטן, סיידן דער מאַן כאַפּט — מיט עדות — די פרוי מיט אַ צווייטן אָדער פאַרקערט...

נו! אַז עס גייט זיך גטן אַ פּאָר־פּאָלק, וואָס האָבן טאַקע ליבע געליבטע און זיי קאָנען פּאַקן איינס דאָס צווייטע — איז פאַר זיי קיין פּראָבלעם נישט און קיין בזיון נישט!

ווי־זשע, אָבער, איז דער דין, ווען אַן אָנשטענדיק פּאָר־פּאָלק באַשטימט זיך צו גטן? זיי קאָנען נישט לעבן צוזאַמען — נישט פאַר אונדז געדאַכט — דאַן איז דאָס גטן זיך אַ צווייענדיקע אָפּקומעניש! ערשטנס — דאַרפן זיי צעברעכן זייער היים! אייניקע האָבן אויך קינדער און זיי דאַרפן דערליידיקן דעם ענין מיט זייערע קינדער.

די צווייטע צרה — די מאָראַלישע — איז נאָך ערגער! זיי דאַרפן ביי זיך באַשטימען ווער דאַרף בלייבן געשטעמפּלט אַלס... אויסוואורף! ער — צי זי? עס בלייבט דאָך אַ פלעק אויפן גאַנצן לעבן און פאַר די קינדער אויך, אַז דער גט איז געקומען ווייל... מען האָט דער מאַמען „געכאַפּט" „ען פראַגאַנטי" — ביי דער האַנט – עס מוז זיין ממש אין בעט — מיט אַ געליבטן. אייב נישט, גיט מען נישט קיין גט! דאָס זעלבע איז פאַרקערט.

נו! דאַרף מען גיין דינגען אַ „געליבטן" — פאַראַן אַזעלכע פּראָפעסיאָנעלע געליבטע פון ביידע געשלעכטער. מען גרייט אויך צו די נויטיקע „עדות" — אויך געדונגענע, — און מען קריגט אַרויס אַ גט, אויפן חשבון פון אַזאַ גרויסן קרבן.

האָט מען, גראָדע, אין ניו־יאָרקער „סטעיט" געפּרוווט בייטן דעם געזעץ. זענען דאָ אין ניו־יאָרק זייער אַ סך קאַטאָליקן, וועלכע דערלאָזן נישט, אַז מען

זאָל אָט דעם געזעץ בייטן, און זיי סטראַשען די ייִדישע דעפּוטאַטן, דאָס אויב זיי וועלן שטיצן דעם רעפאָרם פון גט־געזעץ, וועלן די קאַטאָליקן שטיצן דעם זונטיק־געזעץ, דאָס הייסט, אַז זונטיק טאָר מען נישט האַלטן אָפן דאָס געשעפט — אויב מען אַרבעט נישט שבת...

עפּעס אַזאַ געזעץ איז יאָ דאָ און נישטאָ. פאַראַן טויזנטער ייִדן, וואָס האַלטן שבת פאַרמאַכט און זונטיק אָפן, און פאַראַן אויך טויזנטער ייִדן וואָס האַלטן אָפן שבת און זונטיק פאַרמאַכן זיי. און ווידער זענען פאַראַן טויזנטער ייִדן — בעטיס אַ שוועסטערקינד צווישן זיי — וואָס האַלטן אָפן, אי שבת, אי זונטיק!...

אַלזאָ, צוליב דעם ייִדישן שבת — קאָנען זיך די ניו־יאָרקער גוים (און ייִדן) נישט גטן זיך ווי מענטשן און מוזן אָנקומען צו נישט „אָנשטענדיקע" מיטלען.

נו! איז ווען מען האָט מיר דערציילט, אַז מען גייט איינפירן ביי אונדז דאָס גטן זיך, האָב איך געטראַכט:

— איידער אַ גט ווי אין ניו־יאָרקער „סטעיט" — איז שוין בעסער ווי עס איז געווען ביז איצט!...

זיי האָבן אַ סך מעלות די אַמעריקאַנער. די ניו־יאָרקער! אָבער, זיי ווילן נישט הערן קיין קריטיק אויף זייער לאַנד! ווען איך האָב זיי געזאָגט, אַז זייער גט־סיסטעם געפעלט מיר נישט — האָב איך זיך קיין פריינטשאַפט נישט פאַרשאַפט.

וואָס איך האָב יאָ באַמערקט איז: — די געבוירענע אַמעריקאַנער „באָיעס" זענען נישט אַזוי איפערזיכטיק אויף אַמעריקע, ווי די „גרינע" וואָס זענען מיט צענדליקער יאָרן צוריק געקומען אַהער אַלס אָרעמע און געפּלאָגטע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד, פּוילן, גאַליציע און אונגאַרן. עס איז מיר נישט איינמאָל אויסגעקומען צו רעדן מיט אַ הי־געבוירענעם בחור וועגן „זיין" אַמעריקע און ער האָט אויפגענומען זייער רויק און אַפילו מיט צושטימונג, מיינע קריטישע באַמערקונגען!

אַנדערש איז אָבער, ווען דו רעדסט מיט זייערע טאַטע־מאַמע — די געוועזענע „גרינע". פאַר זיי — טאָרסטו וועגן זייער אַמעריקע, קיין שלעכט וואָרט נישט דערמאָנען !...

XXXI

טייערע גאָלדע:

איך בין שוין ווידער אין ניו־יאָרק, שפּאַציר שוין ווידער איבער אַט דער ריזיקער שטאָט, און שטיי שוין ווידער שעהנווייז אין די „סאָבוויס״, ביז איך קריג אַ שטיקעלע פּלאַץ זיך אַוועקצוזעצן...

אַך, עס טוט מיר באַנג וואָס דו ביסט נישט געפאָרן מיט מיר אין באַן פון פילאַדעלפיע ביז נואַרק און פון נואַרק ביז ניו־יאָרק.

האָב אינזינען, גאָלדע, זאָלסט נאָר נישט פאַרבייטן די יוצרות: נואַרק — איז איין זאַך און ניו־יאָרק — אַ צווייטע זאַך! דאָס ערשטע איז אַ „שטעטעלע״ פון אַ פּאָר הונדערט טויזנט איינוווינער, באַלד נאָך ניו־יאָרק — און דאָס שטעטל הייסט: נואַרק.

אין אַט דעם שטעטל איז זיך געווען כדאַי אָפּצושטעלן! פאַראַן דאָרט אַ פולסירנד אידיש לעבן. אויך אַ רעליגיעז לעבן, מיט אייגענע רבנים, חזנים, שמשים און אַנדערע כלי־קודש. אויך דער אַרבעטער־רינג האָט דאָרט אַ פיינעם „ברענטש״ אויף דער „האַו עוועניו״. און פאַרן „פאַראייניקטן אַפּיל״ (קאַמפּיין), געבן נואַרקער ייִדן מערער ווי... גאַנץ אַרגענטינע.

די נואַרקער ייִדן זענען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער איינציקער מיטל צו העלפן מדינת ישראל צו באַקעמפן די אַראַבישע שונאים; צו העלפן די נויטליידנדיקע איבערגעבליבענע ייִדן אין אייראָפּע; צו העלפן די לאָקאַלע וויכטיקע אינסטיטוציעס — איז צו שאַפן וואָס מער געלט פאַר דעם פאַראייניקטן ייִדישן קאַמפּיין, כדי צו קענען העלפן די אויבנדערמאָנטע אַקטיוויטעטן אָנצוגיין מיט זייער גוטער, נויטיקער אַרבעט.

אויך לאַנדסמאַנשאַפטן זענען דאָרט פאַראַן איבערגענוג.

אין די פּאָר שעה וואָס איך בין געווען אין נואַרק, האָב איך אויסגעפייעט צו זיין אין דער „פראָסקוראָווער סאָסייעטע״, וועמענס פּרעזידענט איז אַ ייִד... הלל פרידמאַן, און וויצע־פּרעזידענט י. גאָטפריד.

ווען זיי האָבן געוואָלט וויסן ביי מיר, ווי אַזוי עס גייט אָן דער אַרגענטינער פּראָסקוראָווער פאַראיין מיט זיין הילפס־טעטיקייט פאַר די געבליבענע ייִדן פון פּראָסקוראָוו, וואָס געפינען זיך אין ישראל, האָב איך זיך געשעמט זיי צו דערציילן, אַז דער פּראָסקוראָווער פאַראיין ביי אונדז האָט זיך אויפגעלייזט, ווייל... עס איז נישט געווען צו צאָלן... 5 דאָלאַר אַ מאָנאַט דירה־געלט. איך האָב זיי נאָר צוגעזאָגט איבערגעבן אַ גרוס צו פּראָסקוראָווער לאַנדסלייט.

און, פּונקט ווי נואַרק גיט זיך אָפּ מיט קולטור ענינים און הילפס טעטיקייט,

אַזוי איז מען דאָרט טעטיק אויפן רעליגיעזן געביט. הרב זעמעל מעלדעט, אַז ער איז אַ מוהל... „כדת וכדין". די שול „תורת חיים" גרייט זיך צו אַ חנוכת הבית פון אַ אייגענער געבײדע פאַר זייער „דזשואיש־סענטער", מיסטער קאָהן מעלדעט אין אַלע בלעטער אַז... די בעסטע קנישעס קריגט מען נאָר ביי אים, און מר. פיליפּ אָפּטער און זון מעלדן, אַז... אויב באַגראָבן ווערען, זאָל מען קומען צו זיי, ווייל זיי האָבן דעם בעסטן „פיונעראַל־טשאַפּעל" און זייער „מת" וואָס זיי באַגראָבן — גייט גלייך אין גן־עדן אַריין!

מיט איין וואָרט: איך בין אויף אַ מינוט, געווען אין אַ שטעטעלע לעבן ניו־יאָרק, וואָס הייסט נוואַרק און איז פול מיט יידיש לעבן.

ריידנדיק וועגן די אַמעריקאַנער באַנען!

ניין! נישט ביי אונדז, נישט אין גאַנץ אייראָפּע, זעט מען אַזאַ באַקוועמלעכקייט ביים פאָרן מיטן באַן ווי דאָ, אין אַמעריקע. דאָס איינציקע וואָס מיר געפעלט נישט איז: — וואָס דער באַן גייט דאָ אַרויס און קומט אָן אין אַ טונעל, אַזוי, אַז מען קאָן נישט באַגלייטן און מען קאָן נישט באַגעגענען דעם פּאַסאַזשיר! ביי אונדז — זענען מיר אַנדערש געוווינט! ביי אונדז, שאָקלט מען מיטן ווייסן טיכעלע ביז דער באַן איז שוין עט, עט, ווייט!... דאָ — לאָזט מען דעם באַגלייטער נישט צו צו דער פּלאַטפאָרם.

דערפאַר אָבער, אַז דו קויפסט אַ בילעט — קאָנסטו אויך באַלד זיך מאַכן אַ... לעבנס־פאַרזיכערונג! פאַר 50 סענט וואָס איך צאָל דאָ איין — באַקום איך פון דער קאָמפּאַניע 10 טויזנט דאָלאַר — אויב מיט דער באַן האָט עפּעס געטראָפן און מיט מיר — האָט אַ סך געטראָפן. איז פאַר 50 סענט, ווייס מיין גוט האַרץ, אַז איך האָב דיך איגזינען און איך לאָז דיר איבער... נאָך 10 טויזנט דאָלאַר!...

דער וואַגאָן, אינעווייניק, איז בלויז ערשטע קלאַס מיט אינדיווידועלע, געבעטע, בענקלעך. אַז דו ווילסט כאַפּן אַ דרימל אין באַן, גיסטו אַ קוועטש אַ קנעפּל, צעלייגט זיך דאָס בענקל און די קאָנסט ליגן אָנגעלענט ווי ביי זיך אין דער היים. אויב דו ווילסט גאָר — קאָנסטו פאַר עטלעכע סענט אויך קריגן — ביים „גוואַרדאַ" (קאָנדוקטאָר) אַ קישעלע אויף אָנצושפּאַרן דעם קאָפּ.

ווען איך האָב אין ניו־יאָרק דערציילט די „נסים" פון אַמעריקאַנער באַנען, האָט מען מיר דערציילט, אַז די קאָמפּאַניעס פון די באַנען — אַלע באַנען אין אַמעריקע געהערן צו פּריוואַטע קאָמפּאַניעס — גרייטן זיך נאָך מערע אויסצו־בעסערן די באַנען! אַזוי ווי זיי פילן אַ שטאַרקע קאָמפּעטענץ מיט די אַעראָפּלאַנען, ווילן זיי מאַכן די באַנען אַזוי באַקוועם, אַז עס זאָל זיך נישט גלוסטן פליען! מען וועט איינפירן לייכטערע באַנען ווי די איצטיקע, וועלכע וועלן לויפן שנעלער — כאָטש זיי לויפן אַזוי אויך גענוג שנעל. דער עיקר — מיט באַקוועמלעכקייטן!

אויב דו ווילסט עפּעס איבערכאַפּן — האָסטו צוויי ברירות: קאָנסט אַריינגיין אין אַ „באַר" און דאָרטן וועט מען דיר שוין דערלאַנגען אַ „פּושקעלע" ביר מיט אַ סענדוויטש אָדער אַ גלאָז „קאַפּע קאַווע". ווילסטו עפּעס מערער, קאָנסטו אַריינגיין אין „עס־וואַגאָן" און פאַר אַ דאָלאַר מיט 85 סענט, קריגסטו אַ פאַלנעם מיטיק (לאָנטש).

טאָמער, אָבער, ביסטו פויל צו גיין — ברענגט מען דיר אַריין אין וואַגאָן אַריין עטלעכע סענדוויטשן מיט געטראַנקען. די אַריינברענגער ווי בכלל די באַדינער זענען אַלע... שוואַרצע. דער עיקר אָבער, דו וואַרסט נישט לאַנג! אַ קוועטש — און ער איז שוין דאָ לעבן דיר!...

ווען דער באַן גייט קאָנסטו רויק שלאָפן! נישט דו הערסט ווי די רעדער קלאַפּן, נישט דו קאָנסט עפענען אַ פענסטער, נישט עס איז דיר ווינטער קאַלט און נישט עס איז זומער הייס. דער וואַגאָן האָט „„קאָנדעסיאָנירטע לופט" (איירע אַקאָנדיסיאָנאַדאָ) זומער און ווינטער.

דער עיקר אָבער, מען וועט בייטן די דינערשאַפט פון די באַנען! אַנשטאָט, וואָס ביז איצט איז בלויז שוואַרצע אין שוואַרצע, וועט מען איצט אָנשטעלן... שיינע מיידלעך וואָס זאָלן באַדינען די פּאַסאַזשירן. די מיידלעך וועלן אויך דאַרפן האָבן אַ שיינעם שמייכל אויף די ליפּן!... — פונקט ווי עס טוען עס די לופט־קאָמפּאַניעס. חוץ דעם, איז אַ סברא, אַז מען וועט שניידן די פּרייזן פון די בילעטן אויף האַלב! עס קאָסט זייער טייער אַ פאָר טון אין אַמעריקע! שטעל זיך פאָר, אַז פון ניו־יאָרק ביז פילאַדעלפיע, אַ שטרעקע פון ווייניקער ווי 2 שעה רייזע, קאָסט — אויף אונדזער געלט — 120 פּעזעס. אַזוי ווי מיט די „באָסעס", (אויטאָס) און אַפילו אַעראָפּלאַנען קאָסט ביליקער, און אַזוי ווי די אַמעריקאַנער און אויך טוריסטן, פאָרן זייער אַ סך אין אַמעריקע, — האָט מען גענומען נוצן די אויטאָבוסן, וועלכע זענען אויך באַקוועם, גייען אויך שנעל און קאָסטן זייער אַ סך ביליקער, און די באַנען האָבן אָנגעהויבן גיין ליידיקלעך...

ווען די באַן־קאָמפּאַניעס האָבן דערפילט דעם לאָך אין די קעשענעס, האָבן זיי באַשלאָסן, אַז זיי וועלן קאָנקורירן מיט די אויטאָמאָבילן, אויטאָבוסן און אַעראָפּלאַנען איבער די פּאַסאַזשירן און טוריסטן, וועלכע מאַכן רייזעס איבער אַמעריקע.

אָט לייען איך אין אַ צייטונג פאָלגענדע מעלדונג:

„די אַעראָפּלאַנען האָבן דעם פאָרצוג וואָס זיי ברענגען צופירן פּאַסאַזשירן אין ווייניקער צייט ווי עס דויערט צוצוקומען מיט די באַנען. רייזעס אין אויטאָבוסן און פּריוואַטע אויטאָמאָבילן קאָסטן פיל ביליקער ווי אייזנבאַן־רייזעס. האָבן די אייזנבאַנען אין אַמעריקע באַשלאָסן, אַז ווען זיי וועלן פאַרשנעלערן די באַנען־רייזעס, און שניידן פּרייזן און אויך איינפירן מער באַקוועמלעכקייטן אויף די

באַנען, וועט דער עולם צוריק אַ נעם טאָן זיך צום פאָרן אויף די באַנען אַנשטאָט צו באַנוצן אַנדערע פאַרקער־מיטלען. און וואָס מער פּאַסאַזשירן אַלץ גרעסערע פאַרדינסטן פאַר די אייזנבאַנען. עס קאָסט פונקט אַזויפיל צו באַטרייבן אַ באַן וואָס פירט 100 פּאַסאַזשירן ווי די באַן וואָס פירט 500 פּאַסאַזשירן. די אויסגאַבע איז די זעלבע, אָבער ווען די באַנען פירן ווייניקער פּאַסאַזשירן ווי זיי קענען, ליידן די אייזנבאַנען פאַרלוסטן.

די אייזנבאַן־מאַגנאַטן, שרעקן זיך אויך, היפּשלעך, אַז די שאַרפע קאָנקורענץ פון די אויטאָבוסן און פּריוואַטע אויטאָמאָבילן מיט די אייזנבאַנען וועט נאָך שאַרפער ווערן אין דער צוקונפט צוליב פּרעזידענט אייזנהאַוערס פּראָגראַם צו בויען נייע מאָדערנע וועגן איבערן לאַנד. וואָס מער וועגן מען וועט בויען אַלץ מער און מער מענטשן וועלן באַנוצן די אויטאָמאָבילן זייערע צו פאָרן איבער זיי, און דאָס וועט אָפּציִען נאָך מער פּאַסאַזשירן פון די באַנען; וועלן זיי זיין נאָך ליידיקער און ליידן נאָך גרעסערע פאַרלוסטן..."

און אַמעריקאַנער קאָמפּאַניעס האָבן פיינט צו... ליידן פאַרלוסטן! זיי מוזן צאָל "דיווידענדן" די אַקציאָנערן. אויב נישט, הויבן אָן פאַלן די "סטאָקס" אויף דער בירזשע און מען קאָן גיין געבראָכן...

אויך די אַעראָפּלאַן־קאָמפּאַניעס זיצן נישט מיט פאַרלייגטע הענט. זיי האָבן אויך איינגעפירט נייע זאַכן כדי צוצוציִען פּאַסאַזשירן! זיי האָבן איינגעפירט... "פאַמיליע־רייזעס". אויב אַ גאַנצע פאַמיליע — אַ מאַן, די פרוי און נישט ווייניקער ווי צוויי קינדער — פליִען פון איין אָרט צו אַ צווייטן, האָסט אַ סך ביליקער די רייזע. דאָס איז געמאַכט געוואָרן, כדי פאַמיליעס אין אַמעריקע, וואָס וווינען ווייט איינער פון צווייטן — זאָלן זיך קאָנען קומען "וויזיטירן..." עס איז אָפט לייכטער, צו פליִען טויזנט מייל מיטן אַעראָפּלאַן כדי צו זען זיך מיט אַ קינד ווי צו פאָרן צו אַ צווייט קינד פון ברוקלין ביז לאָנג־איילאַנד, אין ניו־יאָרק זעלבסט!... האָבן די אַעראָפּלאַנען אָנגעהויבן זוכן קליענטן און זייי "אָפּציִען" פון די באַנען. האָט מען איינגעפירט "קאַלטער אַעראָפּלאַנען", וואָס האָבן ווייניקער באַקוועמלעכקייטן און מען טראָגט נישט צו קיין... קאַווע צום בענקל, דערפאַר. קאָסטן זיי אַ סך ביליקער!

שטעל זיך פאָר: אַ רייזע קיין מיאַמי־ביטש מיטן באַן — ווּהין איך קלייב זיך צו פאָרן — קאָסט 40 דאָלאַר און מען פאָרט 25 שעה. מען דאַרף אויך צורעכנען אַ 5 דאָלאַר עסן אין באַן, איז שוין 45 דאָלאַר.

די זעלבע רייזע מיטן אַעראָפּלאַן — אַנונסירט מען מיט גרויסע פּלאַקאַטן אין אַלע ווינקלען פון שטאָט — קאָסט בלויז 35 דאָלאַר און מען פליט פינף שעה! גראָדע איך, וועל פאָרן קיין מיאַמי מיטן באַן. ווייל איך וויל זיך באַקענען מיט

דער לאַנדשאַפט פון אַמעריקע און וויל זיך אָפּשטעלן אין באַלטימאָר, און וואַ־שינגטאָן, דורך וואַנען די באַן גייט דורך!...

אינטערעסאַנט איז אויך: כאָטש ביידע קאָמפּאַניעס — די פון די באַנען און די פון די אַעראָפּלאַנען — פירן צווישן זיך אַזאַ ביטערע קאָנקורענץ, דאָך, רירט קיינער נישט אָן — דירעקט — דעם צווייטנס טעטיקייט! למשל: די באַן־קאָמפּאַ־ניעס „קלאַפּן" נישט דערויף וואָס מיט אַ באַן איז זיכערער צו פאָרן! אָט איז צוריק מיט אַ פּאָר טעג אַראָפּגעפאַלן אַן אַעראָפּלאַן און 15 פּאַסאַזשירן האָבן פאַרלוירן דאָס לעבן! דאָך האָבן די באַן־קאָמפּאַניעס נישט אויסגענוצט אָט דעם פאַל צו מאַכן אַ גרעסערע פּראָפּאַגאַנדע פאַר די באַנען... און דאָס זעלבע טוען נישט די אַעראָפּלאַנען ווען עס טרעפט עפּעס מיט די באַנען! און טרעפן־טרעפט גראַדע!...

אָט דאָס איז אַמעריקע!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב אָן מאַכן אַ חשבון, אַז די טעג לויפן און אָט, אָט־אָ, דאַרף איך שוין פאָרן אַהיים — כאָפּ איך אַריין וויפיל עס לאָזט זיך!...

כ'האָב נעכטן באַזוכט אַן אינטערעסאַנטן אַנשטאַלט אין ניו־יאָרק. אַ יידישן לערער־סעמינאַר!

פּונקט ווי ביי אונדז, אַזוי אויך אין אַמעריקע פילט זיך אַ דוחק אין יידישע און העברעישע לערער! די אַלטע ווערן שוין אָפּגעפאָרן צוביסלעך, און פון ליטע און פוילן קומען נישט צו קיין נייע לערער. מוז מען מאַכן אייגענע פּראָדוקציע, אייגענע לערער!

איינער אַזאַ לערער־סעמינאַר, געפינט זיך אין ניו־יאָרק אויף דער 70־טער גאַס, איסט, נומער 154. די געביידע פאַרמאָגט פינף שטאָק און איז שוין אַלט קרוב צו פערציק יאָר. דאָס איז דער גרעסטער לערער־סעמינאַר וואָס ניו־יאָרק פאַרמאָגט, און ער האָט שוין אַרויסגעגעבן הונדערטער און הונדערטער לערער, וואָס פאַרנעמען וויכטיקע שטעלעס אין אַמעריקע, אין זיד־ און צענטראַל־אַמעריקע און אַפילו אין... ישראל! די לערער באַקומען דאָרט אַ וועלטלעכע דערציונג און זיי באַדינען שולעס וועלכע האָבן אַ וועלטלעכן פּראָגראַם. די דאָזיקע לערער טויגן נישט פאַר... די ישיבות פון וויליאַמסבורג און אַפילו נישט פאַר געוויסע תלמוד תורות ווו מען לערנט בלויז דאַוונען, חומש און...

— בר מצווה ווערן!

די גרעסטע ימים־טובים וואָס מען פּראַוועט דאָ פאַר יינגלעך, איז זייער בר־מצווה יום־טוב. איך בין אַ פּאָר מאָל געווען אין די שולן, אין די טעמפּלען,

ווו דער בר־מצווה בחור ווערט אויפגערופן צו דער תורה. די שיל — דער טעמפל נעמט אַריין 1.800 מענטשן און אין אַ פשוטן שבת — איז ער געווען כמעט פול! אָבער, וועגן די דאָזיקע ימים־טובים, וועל איך דיר נאָך באַזונדער שרייבן. איצט. האַלט איך ביים יידישן לערער־סעמינאַר פון דער 70־סטער גאַס איסט, ביי ווע־מענס אַריינגאַנג עס הענגט דאָס טאַבליצקעלע — דער נומער פון דער שטוב — 154.

אין דעם דאָזיקן סעמינאַר לערנען, ניט בלויז קאַנדידאַטן אויף יידישע לערער· נאָר גלאַט יונגעליייט, וואָס ווילן באַקומען אַ העכערע יידישע בילדונג. עס קומען אַפילו... עלטערע מענטשן, וואָס האָבן אין דער יוגנט קיין צייט נישט געהאַט צו לערנען, איצט, האָבן זיי פרנסה און עטלעכע פרייע שעהן אין טאָג און... שטיקלעך אידעאַליסטן זענען זיי אויך, קומען זיי אין לערער סעמינאַר זיך לערנען. מען זאָל נישט באַדאַרפן — קומט צונויף אַ דיפלאָם פון אַזאַ אַנשטאַלט ביי אַ שלעכטער צייט, איז לייכט צו קריגן אַ שטעלע פון אַ לערער.

איך האָב זיך פאַראינטערעסירט צו וויסן, וויפיל פאַרדינט אַזאַ סטודענט וואָס האָט געענדיקט דעם סעמינאַר! איך בין געוווּיר געוואָרן, אַז גאָר קיין גרויסע גליקן — האָבן זיי נישט!... קוים... 4 הונדערט דאָלאַר אַ מאָנאַט (אָראָפּגע־מענדיק שטייערן און כוביל־אַציע, בלייבט אים קוים 300 דאָלאַר...). ווען ער זאָל זיין אַ ענגלישער לערער ביי דער רעגירונג — וואָלט ער... נאָך וויינקער פאַרדינט!...

דערפאַר פאַרדינען די לערער פון די... „צוקונפטיקע לערער" — די פּראָ־פעסאָרן פון סעמינאַר — גאַנץ פיין! מיר דאַכט, אַז דער דירעקטאָר מיטן וויצע־דירעקטאָר מיט בלויז 2 לערער פון דאָזיקן לערער־סעמינאַר פאַרדינען דאָ מערער. וויפיל אונדזער חבר יוסף מענדעלסאָן — דער דירעקטאָר פון אונדזער סעמינאַר מיטן גאַנצן לערער־שטאַב, פון אַלע פּראָפעסאָרן וואָס אונדזער לערער־סעמינאַר פאַרמאָגט, מיטן טעכנישן פּערסאָנאַל אַריינגערעכנט!... איך ווייס נישט, צו דאָ. אין אַמעריקע, צאָלט מען אַ סך, אָדער ביי אונדז אין אַרגענטינע, אין טשילע. אין אורוגוויי, אין בראַזיל, צאָלט מען... ווייניק. דער פאַקט איז, אַז אַ גוטער יידישער לערער נעמט דאָ גרויסע געהאַלטן.

איך ווער אויך אינפאָרמירט, אַז אַ סך סטודענטן זענען די ניי־אַריבערגע־קומענע פון יענער זייט ים, אָפּגעראַטעוועטע ,אונדזער שארית־הפליטה. זיי קומען אין סעמינאַר נישט בלויז צוליב מאַטעריעלע אורזאַכן. זיי ווערן וואַרשיינלעך געבראַכט אין דער לערן־אינסטיטוציע פון אַ טיפן אינערלעכן דראַנג צו גע־פינען גייסטיקע רעהאַביליטאַציע. אין סעמינאַר ווערן אָט די פריש־געקומענע אויפגענומען מיט באַזונדערער וואַרעמקייט און אויפמערקזאַמקייט. און אַ סך פון

זיי געפינען צוריק אַ וועג און אַן אָנשפּאַר אין לעבן, אַ בכבודיקע עקזיסטענץ אַלס לערער און דעם כח צוריק זיך איינצוגלידערן אין יידישן כלל נאָך דער גרויסער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע אונדזערער.

זינט דער לערער־סעמינאַר און די העכערע לערן־קורסן פון אַרבעטער־רינג האָבן מיט פינף יאָר צוריק זיך פּאַראייניקט, איז דער גייסטיקער ווי אויך דער עקאָנאָמישער ניוואָ פון דער אינסטיטוציע געוואָרן אַ סך פעסטער און חשיבות־דיקער. מ׳קען אָבער לײדער נישט זאָגן, אַז דער סעמינאַר נאָך די אַלע דערגרייכונגען זיינע פאַר די לעצטע זיבן און דרייסיק יאָר פאַרנעמט יענע פּאָזיציע, צו וועלכער ער איז באַרעכטיקט. ער דאַרף נאָך אַלץ זיך זאָרגן וועגן דעקן דעם יערלעכן בודזשעט; ער דאַרף נאָך אַלץ זיין אויסגערעכנט און געהיט מיט יעדן נויטיקן קורס וואָס ער וויל איינפירן. מ׳דאַרף נאָך אַלץ זוכן סטיפּענדיעס פאַר פעיקע סטודענטן, וועלכע ווילן לערנען און האָבן נישט די נויטיקע מיטלען.

אַמעריקאַנער יידן האָבן נאָך נישט אויסגעלערנט זיך צו לעבן מיט אַ טאַלק. זיי גיבן אָפּט פאַר צוועקן און זאַכן בלויז דערפאַר ווייל זייערע פאַרשטייער וואָס קומען נעמען דאָס געלט ווייסן די „קונסט״ פון שאַפן דעם נויטיקן טומל און אַזוי פאַרטומלען דעם נדבן, אַז זיי זאָלן אפילו נישט אַריינקוקן אין דעם עצם פון דער זאַך, פאַר וועלכער זיי פאָדערן די שטיצע.

דער יידישער לערער־סעמינאַר איז דירעקט און ממשותדיק פאַרבונדן מיטן יידישן קיום אין אַמעריקע. ער זוכט הויך צו האַלטן דעם פאַקעל פון יידישער טראַדיציע, יידיש אַרט אויסלעבן זיך אין מיטן פון דער גרויסער גלייכגילטיקייט און עם־הארצות וואָס זוכן זיי איינצושלינגען. אַזאַ אינסטיטוציע ווי דער לערער־סעמינאַר איז אַ ווירקזאַמער מיטל אין קאַמף קעגן אַסימילאַציע.

וויפיל יידן, אָבער, אין ניו־יאָרק, — מען רעדט שוין נישט פון גאַנצן לאַנד, — זענען מיטגלידער אין דעם סעמינאַר? וויפיל אַמעריקאַנער יידן שיקן צו דעם סעמינאַר זייער יערלעכעביישטייערונג, וואָס דאָס איז דאָך אַ באַשטייערונג פאַר יידיש לעבן, פאַר יידישע קולטור, פאַר יידישן המשך?

ווי דו זעסט, גיבן אַמעריקאַנער יידן אויף אַלעס און אַלעמען מיט דער ברייטער האַנט און פאַר יידישער דערציִונג, קוים קוים מיט... איין פינגער.

אָט, למשל, דאָס וואָס ה. ע. דערציילט וועגן פינאַנציעלן מצב פון דעם לערער־סעמינאַר, דערציילט אויך ה׳ דוד אידעלסבערג וועגן די ישיבות! ער זאָגט פשוט און פּראָסט, אַז:

דער קיום פון די ישיבות איז אין געפאַר! פאַר אַלעס — צוליב דעם מאַנגל אין... לערער! אויך אויף אָט דעם געביט איז דאָ אַ שאַרפער קריזיס אין לערער — אין פּאַסיקע לערער! די צוקונפט פון די ישיבות איז נישט באַוואָרנט, אַזוי

לאַנג ווי עס האַלט אָן, און עס ווערט אַלץ גרעסער, דער מאַנגל אין פּאַסיקע לערער פאַר דעם מין חינוך. אַזעלכע קוואַלן האָבן אַ טבע זיך אויסצושעפּן און אויסגעטריקנט צו ווערן אויב זייער נאַטירלעכער, באַשטענדיקער צופלוס ווערט פאַרנאַכלעסיקט.

אַלזאָ, די צרה איז אומעטום די זעלבע. אָט בין איך געווען אין אַ מיידלשער שולע, וועלכע טראָגט דעם נאָמען „שטערן־שולע" און געפינט זיך אויף לעקסינג־טאָן עוו. און 53סטע גאַס, אין בעסטן צענטער פון ניו־יאָרק. די שולע איז אַ מין „ישיבה" פאַר מיידלעך, וועמענס צוועק איז, אַז יידישע מיידלעך זאָלן באַקומען אוניווערזיטעט־בילדונג און אין דער זעלבער צייט — יידישע דערציִונג און ביל־דונג. די שילערינס פון אָט דעם „קאַלעדזש" קומען פון אַלע עקן פון אַמעריקע און אויך פון... ניו־יאָרק.

פאַר די אויסער ניו־יאָרקער מיידלעך איז דער „שטערן־אוניווערזיטעט" נישט בלויז אַ שולע, נאָר אויך אַ וואַרעמע יידישע היים. די לייטונג האָט פאַר זיי געדונגען אַ דאָרמיטאָרי אויף דער וועסט־סאַיד ווי זיי געפינען זיך אונטער מוטערלעכער אויפזיכט. שבת און יום־טוב עסן זיי ביי אַ געמיינזאַמען טיש צו־זאַמען מיט אַ חשובן רב און זיין רביצין אַלס זייערע ניו־יאָרקער „גאַסט־געבער" און זיי באַקענען זיך מיטן אַלטן שבת־טיש פון וועלכן זיי האָבן אין בעסטן פאַל בלויז געהערט אין זייערע ווייטע היימען.

דו הערסט, גאָלדע, ווען איך בלייב איבער אין ניו־יאָרק אויף אַ... יאָר צייט, וואָלט איך באַזוכט אַלע דריי הונדערט תלמוד־תורהס וואָס ניו־יאָרק פאַרמאָגט! פאַרשטייט זיך, אַז ביינאַכט וואָלט איך געגאַנגען באַזוכן די פאַרשידענע קלובן, וועלכע איך קאָן שוין און וועגן וועלכע איך וועל דיר נאָך שרייבן.

איך בין אויך געווען אַ בעלן צו שפּאַנען איבער „איסט-סאַיד" און באַזוכן עטלעכע שולן וואָס די אַמאָליקע אימיגראַנטן האָבן אויפגעבויט מיט פופציק יאָר צוריק און איצט — פוסטעווען פון זיי זייער אַ סך!...

אַמאָל, איז די שול געווען דער קנופּ, דער צענטער אַרום וועלכן די נייע געקומענע אימיגראַנטן האָבן זיך געקלעפּט! פּונקט ווי מען האָט געשאַפן אַ „לאַנדסמאַנשאַפט" אַזוי האָט מען באַלד גענומען בויען אַ שול, אַ מקום־קדוש, צו דאַוונען. ווען מען האָט געדאַרפט גיין דאַוונען אין אַ „פרעמדער" שול, צו אַ צווייטער לאַנדסמאַנשאַפט, האָט מען זיך געפילט פרעמד און עלנט. און ווי דערציילט דער זייער טאַלאַנטירטער „פאָרווערטס"־מיטאַרבעטער י. שמולעוויטש, אַליין נאָך אויך אַ „גרינער" אין לאַנד, וועלכער האָט אויך באַזוכט אַ סך פון אָט די אַלטע שולן:

אַמאָל, אַמאָל, אַז ס'פלעגט קומען אַ שבת אָדער אַ יום־טוב זענען די דאָזיקע

שולן און בתי־מדרשים אויף דער איסט־סאַיד געווען געפּאַקט מיט לאַנדסלייט און זייערע קינדער. מען פלעגט דאַווגען מיט די זעלבע ניגונים און נוסח ווי אין בית־מדרש אין דעם היים־שטעטל אין ליטע, פּוילן אָדער רומעניע.

פאַר די פרומע אימיגראַנטן איז די שול אָדער דער בית־מדרש געווען דאָס איינציקע אָרט ווו זיי פלעגן קומען אַלע טעג פון דער וואָך. אויב מען האָט זיבן אין דער פרי געדאַרפט זיין אין פאַבריק, איז מען שוין 5 פאַרטאָג געווען אין דער שול. אויך ביינאַכט, נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט, איז מען געקומען אין שול אַריין דאַווגען.

די נישט־פרומע אימיגראַנטן, דאַקעגן, וואָס זענען שוין געווען פאַרבונדן מיט די יוניאָנס און פאַרשידענע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, האָבן אויפגעבויט די שולן, כדי אויפצוהאַלטן יידישקייט, כאָטש איין מאָל אין דער וואָך, אין די שבתים און אויך אין יום־טובים. דער עיקר פלעגן די דאָזיקע וועלטלעכע אי־מיגראַנטן אָפּהיטן, אַז זייערע קינדער זאָלן, דורך דער שול אָדער בית־מדרש, דערציִען ווערן אין יידישן גייסט; אַז זיי זאָלן דאָ, אין דער נייער היים, נישט אָפּגעפרעמדט ווערן פון יידישקייט.

וואָס איז געוואָרן מיט די אַלע שולן און בתי־מדרשים, וואָס די אַמאָליקע אימיגראַנטן אויף דער איסט־סאַיד האָבן אויסגעבויט? ווי זעען זיי אויס? ווער זענען די מתפּללים וואָס קומען אַהינצו?

אַ סך פון די שולן אויף דער איסט־סאַיד אין וועלכע די אַמאָליקע אימי־גראַנטן האָבן אַריינגעלייגט צענדליקער טויזנטער דאָלאַר, פוסטעווען איצט. אַנ־דערע ווערן געעפנט בלויז אין די שבתים און יום־טובים; פאַראַן שולן, איבער וועלכע עס הענגען אויפשריפטן, אַז מען דאַוונט דאָרט אַ גאַנצן טאָג, אין דער פרי און אין אָוונט, אָבער אויף די טירן פון די דאָזיקע שולן הענגען גרויסע שלעסער; זיי ווערן אַפילו נישט געעפנט אין די שבתים. פאַראַן שולן אין וועלכע עס קומען בלויז געציילטע יידן, עקשנים, וועלכע ווילן נישט איבערלאָזן די הייליקע ערטער אויף הפקר. פאַראַן שולן וואָס טראָגן איצט נעמען פון חברות, וואָס עקזיסטירן שוין מער נישט. פאַראַן שולן, ווו אין גאַס שטייט דער שמש אַ פאַרצווייפלטער, רופנדיק יידן צו אַ מנין.

אויף דעם ראָג דיוויזשאַן און מאָנטגאָמערי סטריט, שטייט אַן אַלטע שול, וואָס עס האָבן מיט צענדליקער יאָרן צוריק אויפגעבויט די לאַנדסלייט פון לע־בעדאווע־ראַדזילאָווע. איבער דער שול הענגט אַ שילדל מיט אַן אויפשריפט, אַז מען דאַוונט דאָרט יעדן טאָג, אין דער פרי שחרית און אין אָוונט מנחה און מעריב. די שול איז אַ הויכע, מיט פיר מגן־דודס אויפן שפּיץ דאַך, מיט גרויסע פענצטער פון וועלכע עס פלעגט זיך אַמאָל טראָגן חזנישע ניגונים. אויף דער שול הענגט

ווייטער דאָס שילדל, אַז מען דאַוונט דאָרט יעדן טאָג, אָבער אויף דער טיר פון דער שול הענגט אַ גרויסער שלאָס. די שול איז אָפן אין די שבתים און יום־טובים. אין מיטן דער וואָך קומען זיך צונויף בלויז געציילטע מתפללים.

אין זעלבן הויז, וווּ עס געפינט זיך די דאָזיקע שול, זענען יעדן אָוונט באַלויכטן אַנדערע 10 פענצטער, פון וועלכע עס שיינט אַרויס אַ סך ליכט, און עס הערט זיך פון דאָרט אַ געזאַנג פון רעליגיעזע קריסטלעכע תפילות. דאָס האָבן ניי־אַריבערגעקומענע פּאָרטאָריקאַנער געעפנט דאָרט זייערע אַ קירכע. די שויבן פון די צען פענצטער זענען באַמאָלן מיט פאַרביקע אויפשריפטן. אַז עס קומט דער אָוונט, מעג רעגענען און שנייען, קומט זיך דאָרט צונויף אַ מאַסע פּאָרטאָריקאַנער, מענער און פרויען, וואָס ברענגען מיט זיך מיט זייערע קליינע קינדער. מען ריכט אָפּ תפילות, מען זינגט און מען טאַנצט, די גאַס ווערט פאַר־הילכט מיט קולות פון די נייע איינוווינער אויף דער אַלטער יִדישער איסט־סאַיד. אָבער די זעקס גרויסע פענצטער פון דער שול זענען פינצטער און קוקן טרויעריקע אין דער נאַכט אַריין.

אויף אַטאָרני גאַס, נישט ווייט פון דער בריק, שטייט אַ פּרעכטיקע שול, וואָס עס האָבן מיט 50 יאָר צוריק, אין יאָר 1905, געבויט די לאַנדסלייט פון אסטראָה. מען דערציילט, אַז אויסבויען די דאָזיקע שול האָט געקאָסט ביי 80 טויזנט דאָלאַר. אָבער די מערסטע אָסטראָהער לאַנדסלייט האָבן זיך שוין אַרויס־געצויגן פון דער איסט־סאַיד, אַנדערע זענען אויסגעשטאָרבן, טאָ ווער זאָל אויספילן די גרויסע שול?

יעדן טאָג קומט דעם שמש אָן מיט שוועריקייטן צונויפצושטעלן אַ מנין. שבת קומען אין שול אַריין קוים צוויי־דריי מנינים. קיין אייגענעם חזן האָט נישט די שול, נישט פאַראַן דערויף קיין מעגלעכקייטן. דערפאַר האָט די שול אַן איי־גענעם רב, אַ יונגעמאַן, וואָס טאַקע אַ דאַנק אים ווערט אין אַ גרויסער מאָס די שול אויפגעהאַלטן. דער רב לערנט אַ גאַנצע וואָך מיט קינדער, וואָס קומען אין שול אַריין, און ער באַקומט דערפאַר, דוכט זיך, צוויי דאָלאַר אַ טאָג. און אַז די שול איז אָפן, כאַפּן זיך אויך אַריין אַ פּאָר ייִדן צו דאַוונען מנחה און מעריב. אַ גאַנץ יאָר וואַרט מען אויף ראש־השנה און יום־כיפור. דעמאָלט קומען יאָ אַ פּך יִדן אין שול אַריין.

אויף דער נאָרפאָלק־גאַס שטייט אַ קליין שולעכל, וואָס עס האָבן מיט צענדליקער יאָרן צוריק אויסגעבויט לאַנדסלייט פון פּולטוסק, פּוילן. די מערסטע פון די דאָזיקע לאַנדסלייט זענען שוין אויסגעשטאָרבן, אָדער אַרויסגעצויגן פון דעם געגנט. אָבער דאָס שולעכל איז אָפן יעדן אָוונט און עס קומען אַהינצו צוויי

מנינים ייִדן. דאָס זענען צופּעליקע פֿאַרבייגייער אויף דער רווישיקער נאָרפֿאָלק־גאַס, וואָס כאַפּן זיך אַריין אָפּדאַוונען אַ מנחה־מעריב אָדער זאָגן קדיש.

פֿאַר די לעצטע פּאָר יאָר איז די דאָזיקע שול געווען געשלאָסן, ווייל עס איז פּשוט נישט געווען ווער עס זאָל אויפֿשליסן די טיר און אָנצינדן די ליכט. די שול איז ווידער געעפֿנט געוואָרן פֿאַר דעם לעצטן ראש־השנה, צו די ערשטע סליחות. די שול איז געווען געשלאָסן פֿיר יאָר, ווייל דער שמש איז געווען קראַנק. ער האָט דורכגעמאַכט אַ שווערע אויגן־אָפּעראַציע. ער אַליין איז נישט קיין פּאָלטוסקער, ער שטאַמט פֿון באָטאָשאַן, רומעניע, און וווינט שוין אויף דער איסט־סאַיד 57 יאָר. מיט יאָרן צוריק איז ער געווען אַ אַ פֿאַבריקאַנט פֿון רעגנ־שירעמס; שפּעטער האָט ער אַליין גענומען אויף זיך די אויפֿגאַבע אָפּצוהיטן און אויפֿצוהאַלטן דאָס דאָזיקע אַלטע שולעכל. ער באַקומט נישט באַצאָלט פֿאַר זיין אַרבעט. ווער זאָל אים צאָלן, אַז די מתפּללים זענען אַלטע, אָרעמע ייִדן אָדער צופּעליקע פֿאַרבייגייער? נוצט ער אויס זיינע פֿאַרבינדונגען פֿון אַמאָל, מען קאָן אים גוט אויף דער איסט־סאַיד, און ער באַזאָרגט די שול מיט אַלעם נויטיקן, מיט דער הילף פֿון זיינע פֿאַרמעגלעכע באַקאַנטע.

אין דעם קליינעם שולעכל פֿון די פּאָלטוסקער האַלט זיך אויך אויף אַ חברה פֿון מעזריטשער לאַנדסלייט, וואָס איז אַן אָפּטיילונג פֿון די גאָר אַלטע מעזריטשער לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק. כמעט אַלע לאַנדסלייט פֿון דער דאָזיקער אַלטער חברה לעבן שוין נישט. געבליבן פֿון זיי זענען בלויז צוויי דריי זקנים. האָבן זיי די דריי ספרי־תורהס פֿון דער חברה אַוועקגעשטעלט אין דעם פּול־טוסקער שולעכל.

נישט ווייט פֿון פּולטוסקער שולעכל שטייט אַ שולעכל פֿון די טשעכאַנאָ־ווער לאַנדסלייט. אויך דאָס דאָזיקע שולעכל איז אַ לענגערע צייט געווען פֿאַר־מאַכט; נישט פֿאַראַן קיין מתפּללים. ווען די שול איז מיט עטלעכע וואָכן צוריק ווידער געעפֿנט געוואָרן אין אַ פּריוואַטן צונאָיף, זענען געקומען עטלעכע אַלטע ייִדן, אָבער קיין מנין איז נישט געווען. דער שמש איז געשטאַנען אַ פֿאַרצווייפֿל־טער? וואָס טוט מען? איז אים צו הילף געקומען דער שמש פֿון דער פּולטוסקער שול. אַזוי ווי ער האָט געהאַט 12 מתפּללים — האָט ער דעם טשעכאַנאָווער טשלעכל אויסגעבאָרגט צוויי ייִדן צום מנין.

פֿאַרשטייט זיך, אַז צו קיין גאָר גרויסער טראַגעדיע קומט עס נאָך נישט! פֿאַראַן גענוג שולן, און דווקא גרויסע שולן, וואָס אינמיטן דער וואָך זענען זיי געפּאַקט מיט מענטשן. איך רעד נישט פֿון די זעכציק שולן אין וויליאַמסבורג, נאָר פֿון די שולן אין מיטן גרויסן ניו־יאָרק.

אָט, למשל, איז פֿאַראַן אַ „רומענישע שול" וואָס איז שוין אַלט עטלעכע

און זיבעציק יאָר. זי איז אויפגעבויט געוואָרן פון יידישע אימיגראַנטן פון רו־מעניע אין די אָנהויב יאָרן פון 1880 און וואָלסט זי געמעגט אָנקוקן היינט — איז זי כמעט ניי, ווייל די לאַנדסלייט היטן זי אָפּ. אין אָט דער שול טרעפסטו צו מנחה־מעריב אַ פּאָר הונדערט יידן וואָס קומען, — פון די געשעפטן און שעפּער — קדיש־זאָגן אָדער סתם לערנען אַ פרק משניות!

די דאָזיקע שול איז פון די ווייניקע אין אַמעריקע וואָס איז אי „מאָדערנע" אי... די פּרויען זיצן באַזונדער פון די מענער. דער שמש אָדער גבאי מיט וועמען איך האָב גערעדט, באַרימט זיך, אַז די שול האָט אַ האַלבע מאה ספרי־תורהס און צו כל־נדרי ווערן זיי אַלע אויסגעקויפט פון די „מעמבערס", וואָס ווילן שטיין מיט זיי, ווען דער חזן זאָגט „כל נדרי".

ביי דער שול איז פאַראַן אַ גרויסע תלמוד־תורה, און די ערשטע קאָנדיציע וואָס מען גיט אַ פאָטער ווען ער וויל שיקן אַהין זיין קינד איז — ער מוז עס שיקן אַלע שבת צום דאַווענען. האָב איך טאַקע דאָרט געטראָפן אין אַ שבת אפשר הונדערט דערוואַקסענע תלמידים פון דער שול זייערער וואָס הייסט: „שערי שמים". די רומענישע שול און שולע געפינט זיך אויף 97 ריווינגטאָן־סטריט. און דאָס אינטערעסאַנטע דערפון:

פּונקט אַנטקעגן, טאַקע אויף נומער 60 פון ריווינגטאָן־סטריט, געפינט זיך אַ צווייטע גרויסע און שיינע שול פון די וואַרשעווער יידן. די דאָזיקע שול איז שוין אויך אַלט ביי די זיבעציק יאָר און זי הייסט טאַקע: „די ערשטע וואַרשעווער שול פון ניו־יאָרק". די וואַרשעווער שול איז אויך זייער שיין געבויט און מאַכט אַ גוטן איינדרוק, הן אין דרויסן, הן אינעווייניק. זי האָט ווייניקער זיך־פּלעצער ווי די רומענישע, אָבער דערפאַר איז זי, כמעט, שטענדיק — אין וואָכן און שבת — איבערפולט מיט מתפללים. פאַרשטייט זיך, אַז די מתפללים זענען נישט אַלע קיין וואַרשעווער; אפילו נישט אַלע קיין פּוילישע. איינער פון די גבאים האָט מיר אויסגעזאָגט בסוד... אָבער, דער פּרעזידענט און די גרעסטע טייל פון דער פאַרוואַלטונג זענען וואַרשעווער און פּראַגער יידן. דער חזן פון דער וואַרשעווער שול איז דער באַרימטער און אונדז־באַקאַנטער חזן א. וויגאָדאַ. דער רב פון דער שול איז אַ יונגער פּליט און הייסט הרב נתן שיינבערג. אגב, זייער אַ סימפּאַטישער מענטש און תלמיד־חכם. ער באַמיט זיך אַריינציִען אין שול אַריין די יוגנט, פּראָוועט פאַר זיי די יידישע ימים־טובים און — לויט ווי מען זאָגט מיר — געלונגט אים זיין מי.

אויף מעדיסאָן און מאָנגאָמערי־גאַס שטייט די דריטע שול — די ווילנער שול, וועלכע איז שוין אויך אַלט אַ יאָר אַכציק. די דאָזיקע שול איז אויך אַ פּראַכטפולע. די גרינדער און בויער פון איר, האָבן נישט געזשאַלעוועט קיין

אַרבעט און אַ סך דאָלאַרס און אויפגעבויט אַ שול אויף וועלכער מען מעג זאָגן, אַז עס איז אַ... מקום־קדוש! מיט דער דאָזיקער שול — דערציילט מען מיר — האָט געזאָלט געשען אַ טראַגעדיע. מען בויט איבער די מעדיסאָן־גאַס, און מען וואַרפט אַראָפּ אַלע אַלטע הייזער — איז אויך געקומען די רייע פאַר אָט דער שול און מען האָט זי געזאָלט אַראָפּוואַרפן! האָבן ייִדן, ליטוואַקעס, גענומען קערן וועלטן! מען האָט זיך געווענדט צום שטאָט־אינטענדענט, צו ראָבערט וואַגנער, עס האָט אינטערוועניִרט דער וועד־הרבנים און מען האָט דערווייל אָפּגעשריִען די גזירה.

איך בין געווען צוויי מאָל צו מנחה־מעריב אין אָט דער שול, און דעם אמת־



דער „פראָנט"־אויסזען פון דער „ווילנער שול" אויף דער איסט־סאַיד, ניו־יאָרק.

געזאָגט — איך האָב זיך געפילט ווי אין דער היים, ווי אין דער בראַסלאַווער קלויז אָדער אין דער „פיווקאָרצנער" שול אויף דער „פייגעריוקע". דער רב פון דער שול איז אַ גאון התורה און הייסט: אליהו־משה שיסגאַל. אַ דאַנק זיין איינפלוס און מי קומען אַלע טאָג אין שיל אַריין אַ פּאָר הונדערט ייִדן און ער לערנט פאַר זיי אַ בלאַט גמרא.

און אַז איך דערצייל דיר שוין אַז עס זענען פֿאַראַן ייִדן וואָס רייסן זיך אָפּ אין אַ פּשוטן מאַנטיק פּאַרנאַכט פֿון זייערע באַשעפטיקונגען און... קאַפּווייטיק און „הו־האַ"־לעבן און גייען הערן אַ רב זאָגן אַ בלאַט גמרא, וועל איך דיר שוין דערציילן ווי אַזוי איך בין בייגעווען אין אַ שול — אַ קאָנגרעגיישן, — טאַקע דאָרט ווו מוני דאַוונט די ימים־נוראים — אין פלעטבוש, ביי אַ בלאַט גמרא ווו דער דאָרטיקער ראַבאַי, הרב ד"ר אברהם.גושטיין איז דער גייסטיקער פירער פֿון אָט דעם דזשויש סענטער פֿון קינגס־האַיוועי.

הלמאי זאָל איך דיר זאָגן, גאָלדע, איך האָב שטאַרק הנאה געהאַט פֿון די פּאָר שעה וואָס איך, — מיט אַ דריי מנינים ייִדן מיט מיר, — האָבן דאָרט פֿאַרבראַכט. עס איז געווען אַ היימישער אַמביענט, אַ היימישע שפּראַך און איך האָב זיך דערמאָנט אין מיין גמרא־מלמד עליע שיכמאַן ע"ה וואָס האָט אויך אַזוי געלערנט מיט אונדז. מיר דוכט, אַז בלויז צוליב אָט די פּאָר שעה ביי הרב גושטיין האָט זיך געלוינט מיין זיין אין ברוקלין.

אָבער, גאָלדע, זאָלסט נישט האָבן קיין יסורים און זאָלסט נישט מיינען, אַז דער פּאָר וואָס אָט די אַלטע שולן אויף דער „איסט־סאַיד" פּוסטעווען — דער־פּאָר גייען שוין די ייִדן נישט אין שול אַריין! ווי איך האָב דיר שוין געשריבן, האַלט מען דאָ, אַז די ייִדן אין אַמעריקע ווערן גאָר פרומער: דער חילוק איז נאָר, וואָס אַנשטאָט דער אַלטער שול האָט מען אויסגעבויט נייע, שיינע, טעמפּלען, מיט אַ גוטן חזן, מיט אַן אָרגל, מיט אַ כאָר פֿון ייִנגלעך און מיידלעך, מיט באַ־קוועמע שטולן און אַפילו די עלטערע ייִדן, פֿון עלטערן דור, האָבן איבערגע־לאָזט אָט די שילעכלעך און גייען בעסער הנאה האָבן פֿון אַ ליכטיקער שול מיט אַ גוטן חזן!...

אָט, למשל, דערציילט מען ,אַז דער סאַטמאַרער רבי האָט אויסגעפֿונען, אַז אין אַמעריקע איז פֿאַראַן אַ געוויסער „קעגנשטאַנד" וואָס לאָזט די ייִדן נישט זיין געהעריק פרום, און ווען די ייִדן אין אַמעריקע האָבן שוין, משטיינס געזאָגט, אַ ביסל צייט, איז, אַנשטאָט צו גיין צו מנחה־מעריב אין שול אַריין — גייט מען גאָר צו אָט דעם „יצר־הרע" וואָס הייסט... „טעלעוויזיאָן". און עס האַלט דערביי, אַז די רבנים, בראש מיטן סאַטמאַרער רבין, וועלן אַרויסגעבן אַן איסור אויף „טעלעוויישן"... איבערהויפּט נאָך, אַז — לויטן סאַטמאַרער רב — טעלעוויישן אַן און פֿאַר זיך — פּירט צו זינד און יצר־הרע! אָט זעסטו אַ וויכטיק בילד, און פּלוצים, רחמנא־ליצלן, גיט זיך אַ וויז אַ נאַקעטע נקבה, וואָס טאַנצט אויף די הענט.... זיכער! „טעלעוויישן" טאָרן קיין פרומע ייִדן נישט זען!

צי זיי וועלן פֿאָלגן דעם סאַטמאַרער רבין — ווער ווייסט?

— —

איצט, גאָלדע, אַ פּאָר ווערטער וועגן יידישע ביכער אין אַמעריקע, און, אייגנטלעך: ווי אַזוי פאַרקויפט מען דאָ אַ יידיש בוך?

ווייזט אויס, אַז די שרייבער — די בעסטע צווישן זיי — קומט אָן שווער צו פאַרקויפן און צו פאַרשפּרייטן זייערע ביכער. די קולטור־מענטשן — ספּעציעל דער „ציקאָ", אין וועמענס שפּיץ עס שטייט אונדזער אַלטער באַקאַנטער איסר גאָלדבערג, אַט דער וואָס האָט דאָ פאַרשפּרייט די יידישע ענציקלאָפּעדיע, — אַלזאָ דער „ציקאָ" און קולטור־קאָנגרעס רופן אַ קאָנפערענץ וועגן דעם. די לאָזונג איז:

יעדער ייד זאָל קויפן פאַר 12 דאָלאַר ביכער אַ יאָר און יעדער קולטור־טוער זאָל ווערבירן צווישן זיינע באַקאַנטע 10 יידן אַ יאָר וואָס זאָלן קויפן יידישע ביכער. ספּעציעל, זאָל מען פּראָפּאַגאַנדירן פאַרן מינהג, אַז ווען מען דאַרף געבן אַ בר־מצוה־מתנה, אָדער אַ געבורטסטאָג־מתנה, זאָל מען געבן — אַ יידישן בוך!...

מיט איסר גאָלדבערג איז מיר אויסגעקומען אַ סך מאָל צו רעדן. הלמאי זאָל איך דיר זאָגן, ווען איך בין געוואויר געוואָרן אַז דער „ציקאָ" פון רייכן אַמעריקע האָט אַרויסגעגעבן פאַר די צען יאָר פון זיין עקזיסטענץ בלויז 70 ביכער און אונדזער מאַרק טורקאָוו און אברהם מיטעלבערג האָבן אַרויסגעגעבן העכער 100 ביכער, און אַז אַרגענטינער יידן זענען בעסערע קונים אויף ביכער ווי די רייכע אַמעריקאַנער — איז מיר צוגעקומען אַ שטיק געזונט!...

האָב איך זיך געפּרוווט אויפדערנאַכט באַרימען פאַר מונין און בעטין, אַז מיר, אין אַרגענטינע, גיבן אַרויס מער ביכער ווי „זיי" אין אַמעריקע — איז מען געוואָרן... אומצופרידן מיט מיר! איך טאָר אויף אַמעריקע קיין שלעכט וואָרט נישט אויסרעדן! אַמעריקע, איז טייער און הייליק! אַפילו דאָס אַמעריקע פון... — מעקאַרטין!

פון אַט דעם סענאַטאָר האַלט מען זייער ווייניק אין אַמעריקע, אָבער — בלויז זיי מעגן אים זידלען! איך טאָר קיין וואָרט נישט זאָגן! ס'איז זייער ענין!

אַט האָט איין יידישער שרייבער געשריבן און אים אָנגערופן...

— אַנאָרמאַל און אומאָראַליש...

אין וועלכן לאַנד אויף דער וועלט קאָן מען אַזוי שרייבן וועגן אַ סענאַטאָר? בלויז אין אַמעריקע! אַמעריקע פאַרטראָגט אַזעלכע אויסדרוקן!

דו ביסט גרויס, אַמעריקע!...

XXXII

טייערע גאָלדע,

ווי איך האָב דיר געשריבן אין אַ פּאָריקן בריוו, האָב איך דיך באַשטימט „מיטנעמען" איצט אויף אַ שפּאַציר איבער ניו־יאָרקער פּלעצער, וועלכע מען דער־ציילט בלויז וועגן זיי, אָדער מען זעט זיי אין קינאָ...

אין עטלעכע פון זיי בין איך געווען אין דער באַגלייטונג פון אַ חבר, אַ שריי־בער, אַ האַרציקער מענטש, וואָס קאָן אַלע ווינקעלעך פון ניו־יאָרק און איז גרייט דיך צו „אָריענטירן". דאָס איינציקע וואָס איך האָב געדאַרפט טון איז — צאָלן זיינע הוצאות! ער איז ניט קיין אויסנוצער און האָט זיך ניט אָנגעבעטן מיר צו ווייזן ניו־יאָרקער „זייטיק" לעבן, כדי ער זאָל אויך הנאה האָבן! איך האָב באַ־מערקט, אַז עס האָט אים געקרענקט ווען איך האָב געצאָלט! אָבער — זיינע פאַר־דינסטן, אַלס שרייבער, גיבן אים ניט צו קאָנען מאַכן איבעריקע אויסגאַבן. נו, האָב איך מיט פאַרגעניגן געצאָלט, אַפילו „קאַר־פעיר" (טראַמוויי־געלט).

איידער איך פאָר „מיט דיר" אַרויס איבער בראָדוויי, וועל איך דיך באַקאַנען מיט אַ הויז — אַ קולטור־צענטער, אין וועלכן עס געפינען זיך די וויכטיקסטע ייִדישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס, וואָס מיר פאַרמאָגן, אַריינגערעכנט דעם „קולטור־קאָנגרעס", „ציקאָ", ייִדישער אַרבעטער־קאָמיטעט", ייִדישע ענציקלאָפּעדיע" און נאָך אַ פּאָר קולטור־אינסטיטוציעס. דאָס דאָזיקע הויז ווערט אָנגערופן:

„אַטראַן־הויז."

געווען איינער אַ ייִד וואָס האָט געגומען אַ הויז וואָס שטייט אין בעסטן צענ־טער פון ניו־יאָרק, אַ האַלבע „קוואַדרע" פון בראָדוויי, אַ הויז פון פינף שטאָק, וואָס, ווי ביליק עס זאָל ניט קאָסטן, איז דאָס ווערט דריי הונדערט טויזנט דאָלאַר (וויפל איז דאָס אויף אונדזער געלט?) און האָט עס אָוועקגעשענקט פאַר ייִדישער קולטור־אַרבעט און פאַר ייִדישער קולטור־אינסטיטוציעס. צום הויז האָט ער נאָך צוגעלייגט עטלעכע טויזנט דאָלאַר אויף אויסצושטאַטן עס...

אַז דו קומסט אַריין אין אַט דעם „אַטראַן־הויז" — מעג זיין ווי קאַלט עס איז אינדרויסן — איז דאָרטן וואַרעם! עס ווערט וואַרעם פונעם פיינעם ברוך־הבאָ וואָס דו באַקומסט. דאָרט פרעגט מען דיך ניט אויף דיין פאַרטעיִשן פּאַספּאָרט! עס זיצן דאָרט ביי איין טיש ל. שפּיזמאַן, דער פּועלי ציוניסט און יעקב פּאַט, דער בונ־דיסט. עס זיצט דאָרט ב. טאַבאַטשינסקי און חיים בעז אַא"וו. ווי נאָר איך בין געקומען אַהין, האָט מען מיך אַרומגעפירט איבער די פינף שטאָק, און כּמעט פונקט דעמאָלט האָט מען צורעכט געמאַכט דעם עלעוויִיטער (אַסענסאָר), האָב איך,

פונדעסטוועגן, ניט געפילט דאָס גיין צופוס אויף די טרעפּ. לסוף בין איך אײַנגע־לאַדן געוואָרן אין „קעלער", ווו עס פונקציאָנירט אַ רעסטאָראַן פון כל־טוב און פון די בעסטע מאכלים, און — בזיל־זול! פאַר אַ דאָלער מיט פופציק עסטו אָפּ אַ זאַטן, געשמאַקן מיטיק, וואָס ערגעץ אַנדערש דאַרף ער קאָסטן מינימום דריי דאָלאַר. יאָ! איך בין נישט זיכער צי דאָרט איז... „סטריקלי כשר", אָבער אַז דאָרט קריגסטו ניט קיין חזיר־פלייש אָדער „העם" (כאַמאָן) מעגסטו זיין זיכער...

וואָס איך האָב באַמערקט: איך האָב דאָרט געגעסן עטלעכע מאָל און געזען, אַז דער דאָרטיקער היימישער עולם עסט דאָרט בכלל אַ „שוואַכן מיטיק": אַ געדיכטע זופּ און... אַ גלאָז „קאָפּע־קאַווע", אָדער טיי מיט מילך מיט אַ צובייסעכטס.

יעקב פּאַט
באַרימטער שרייבער,
קולטור־טוער און
אַרבעטער־טוער

ב. טאַבאַטשינסקי
אָנגעזעענער
קולטור־טוער

דאָס איז דער געוויינלעכער מיטיק (זיי רופן עס „לאָונטש") פון די דאָרטיקע מענטשן. דאָס פלייש און אַנדערע מאכלים — איז פאַר זייטיקע באַזוכער, ווי איך בין...

ביי פאַטן אויפן טיש האָב איך געטראָפן עטלעכע יידישע צייטונגען פון בוענאָס־איירעס, ספּעציעל „די פרעסע". איך האָב זיך מיט מיין ליטעראַטור ממש מחיה געווען!...

יעקב פאַט האָט מיך זייער פריינדלעך אויפגענומען און זיך נאָכגעפרעגט אויף אַרגענטינער פריינט.

און איידער „מיר" לאָזן זיך אַוועק אויף בראָדוויי, צו באַזוכן אַ פּאָר „קלובן", וועלן „מיר" אַריינגיין, אויף דער פינפטער עוועניו אין די טויזנטער, אין אַ איינ־

טערעסאַנטן געשעפט. קיין סחורה זעסטו דאָרט נישט, אָבער אין אָט־דעם געשעפט קריגסטו וואָס דו ווילסט: — אַ שטוב, אַן אויטאָ, אַ טעלעווישען, אַ ביסיקלעט, אַ עלעקטרישע פריר־מאַשין (העלאַדעראַ עלעקטריקאַ — „רעפרידזשערעיטאָר" — אויף ענגליש). דו קריגסט שיפסקאַרטן אויף אַ שפּאַציר קיין אייראָפּע אָדער זיד־אַמעריקע און אויך בילעטן און האָטעל קיין פלאָרידאַ אָדער אַן אַנדער פּלאַץ וווהין דו ווילסט פאָרן אויף וואַקאַציעס. אַלעס קריגסטו דאָרט, אָבער מיט איין באַדינג:

— אַן געלט!

דאָרט גיט מען אַלעס אויף באָרג! בלויז אויף אויסצוצאָלן! אַלעס, אַלעס. פון דער שטוב, ביז אַ מאַנאַפּאַטין, פאַר דיין קינד!

ס'הייסט, אַן געלט? אויב דו האָסט עפּעס אויף איינצוצאָלן — איז, מילא, וועט מען מוזן נעמען! טאָמער האָסטו גאָרנישט וואָס איינצוצאָלן, איז... בעסער! דאָס איינציקע בלויז, וואָס עס קאָסט „אַביסעלע" טייערער, ווי ווען דו זאָלסט גיין קויפן מיט „קעש" — מיט מזומן.

בכלל קויפט מען אין אַמעריקע זייער אַ סך זאַכן אויף אויסצוצאָלן. ניטאָ קיינער וואָס איז ניט שולדיק קיין געלט! דער גרעסטער בעל־חוב איז... די רעגי־רונג זעלבסט, וואָס איז שולדיק דעם פאָלק, אין ווערט־פּאַפּירן — בלויז פּראָצענט צאָלט זי... זיבן ביליאָן דאָלאַר אַ יאָר.

אַלזאָ, דו קומסט אַריין און זאָגסט אַז דו ווילסט זיך אויסבויען אַ שטוב. דו האָסט אַ פּלאַץ (אַן דעם, גייט עס ניט). ווייזטו אַן דעם פּלאַן פון דער שטוב וואָס דו ווילסט, ווייזט אַן אויף וויפל יאָר דו ווילסט זי אויסצאָלן — קאָנסט אויסצאָלן ביז דרייסיק יאָר — און אָט־די קאָמפּאַניע, ווו איך געפין זיך איצט צו־גאַסט — בויט דיר אויס די שטוב.

ווילסט אַן אויטאָ? — דאַרפסטו אַנווייזן ווו דו אַרבעטסט און וויפל דו פאַר־דינסט און מאַרגן — אַמשפּעטסטנס איבערמאָרגן — פאָרסטו מיט דעם אויטאָ וואָס דו ווילסט, און דו וועסט אים אויסצאָלן אין... 5 יאָר צייט.

אַזוי ווי אין צוויי יאָר אַרום וועסטו אים וועלן בייטן אויף אַ נייעם מאָדעל — און פאַרקויפן טאָרסטו אים נישט, ווייל ער האָט אַ „פּרענדאַ" — קומסטו נאָכ־אַמאָל צו דער קאָמפּאַניע, שאַצט זי אָפּ וויפל דיין „אַלטער" אויטאָ איז ווערט, מען פאַררעכנט דיר אים פאַר געלט און מען גיט דיר אַ נייעם אויטאָ, און ווידער אויף 5 יאָר, און אַזוי גייט עס ווייטער.

זעסטו, אַ „טעלעוויזאָר" איז שוין לייכטער. ווי נאָר דו מעלדעסט דאָרט, אָדער ערגעץ אַנדערש, אַז דו ווילסט האָבן אַ „טעלעווישען-סעט" אין שטוב, איז — אויב דו מעלדעסט אינדערפרי — וועסטו דריי אַזייגער בייטאָג זען, — ווי זאָגן

„זיי": וואַטשען — דעם טעלעווישען ביי זיך אין צימער. שפּעטער וועט מען קומען און מען וועט אַרעגלירן די קאָנדיציעס פון צאָלן, וועלכע הייבן זיך אָן מיט...

— 1 דאָלאַר אַ וואָך.

דאָס זעלבע, מער ווייניקער, איז מיט אַ „העלאַדעראַ", אַ וואַש־מאַשין אָדער אַנדערע שטוב־זאַכן. פאַר 5 דאָלאַר אַ מאָנאַט קריגסטו בײדע זאַכן צוזאַמען!..

כמעט אין אַלע צייטונגען — ספּעציעל אין די ענגלישע, דערשיינען אַנאָנסן אויף גאַנצע זייטן, וואָס מעלדן דיר וואָס דו קריגסט היינטיקע וואָך אין דעם און דעם געשעפט, אויף אויסצאָלן, און די קאָנדיציעס זענען אַזוי אָנצינעדיק, אַז ווען אַפילו דו דאַרפסט ניט — גייסטו אויך אַוועק און קויפסט!..

אָט ווייזט מען מיר — טאַקע אין אָט דעם אָפיס, וווהין מען האָט מיך אַריינגעפירט צוליב קוריאָז — פאָלגנדע פאַרשלאָגן:

„אַ רייזע קיין איראָפּע, פאַר 2 מענטשן (מאַן און פרוי; אויב אַ גרעסערע פאַמיליע — קאָסט אַ סך ביליקער), מיט באַזוכן איטאַליע, שפּאַניע, פראַנקרייך, די שווייץ, דייטשלאַנד, טערקיי און... אויב מען וויל — אויך ישראל. לופט־פּאַסאַזשן, האָטעל און אַלעס פאַרטיקעס פאַר צוויי מענטשן — אין וועג וועט מען זיין 10 וואָכן —

— 20 דאָלאַר אַ וואָך!

וויפל יאָר דאַרף מען צאָלן? זייער אַ סך! טאָמער דערלעבט מען ניט? — איז פאַר דער קאָמפּאַניע נאָך בעסער, ווייל די „אינשורענס־קאָמפּאַני" — די סעגוראָ, באַצאָלט דעם חוב. טאַקע די זעלבע קאָמפּאַניע מאַכט אים אַזאַ סעגוראָ...

אָך, יאָ! אין דער צייט פון דער רייזע, און אַ חודש נאָך דעם אומקערן זיך אַהיים — צאָלט מען ניט!..

דאָס זעלבע איז, ווען מען וויל פאָרן קיין מיאַמי־ביטש אויף „וואַקאַציעס". פאַר צוויי מענטש דאַרף מען צאָלן 5 דאָלאַר אַ וואָך און מען קריגט אַ האָטעל, עראָפּלאַן אָדער באַן, און דאָס אַרומפאָרן אין מיאַמי! ביז מען ענדיקט צאָלן אָט־די רייזע — קאָן מען גראָ ווערן!

ווער עס נוצט אָט־דעם קרעדיט? זענען די פאַרלעך וואָס פאָרן אויף זייער „האָניק־מאָנאַט". הונדערטער און טויזנטער פאַרלעך נוצן אָט דעם קרעדיט. קיינער נישט פון די, וואָס פאָרן אויף אויסצוצאָלן, גיבן זיך נישט אָפּ קיין חשבון וויפיל אָט דער „קרעדיט" קאָסט זיי און וויפיל זיי צאָלן פּראָצענט...

ביים אַרויסגיין פון געשעפט, ווער איך געוווירע:

דער פּרעזידענט פון אָט דער קאָמפּאַניע הייסט אירווינג סמיט; דער הויפּט־מענעדזשער — אַרטור בראַון.

— וויפל קליענטן האָט די קאָמפּאַניע?

— עלף טויזנט אַכט הונדערט פופציק. אַזוי ווייזט דער רעגיסטער!

— וויפל האָבן שוין אויסגעצאָלט זייער קרעדיט?

— קנאַפּע פיר טויזנט, פון וועלכע דריי טויזנט דריי הונדערט פיר און זעכ־ציק האָבן ווידער באַנייט דעם קרעדיט...

— וויפל איז דער „אַבאַראָט" פון דער קאָמפּאַניע פאַרן פאַרגאַנגענעם יאָר?

— 18 מיליאָן מיט דריי הונדערט טויזנט דאָלאַר...

ווי געפעלט דיר אַזאַ געשעפט און אַזאַ קאָמפּאַניע?

בלויז אין אַמעריקע טרעפסטו אַזאַ קלייט!

ווי איך האָב דיר שוין געשריבן, זענען פאַראַן אין ניו־יאָרק „קלובן" פון „הערן און געדענקען". די דאָזיקע „קלובן" עפענען זיך אויף, געוויינלעך, דריי אַזייגער נאָכמיטיק און זענען אָפן ביז שפּעט נאָך אַ האַלבער נאַכט, אייניקע — ביז פאַרטאָג.

וועל איך „דיך" איצט אַריינפירן אין —

„קלוב פון די מיליאָנערן..."

בעסער וואָלט ער געדאַרפט הייסן:

„קלוב פון עקס־מיליאָנערן..."

— וואָס פאַר אַ קלוב איז דאָס?

אָט וועסטו באַלד הערן און פאַרשטיין אַמעריקאַנער גרויסקייט און איינפאַל: דאָס איז אַ קלוב פאַר אַזעלכע מענטשן, וואָס זענען געווען רייך, האָבן גע־האַט מיליאָנען, און זיי פאַרלוירן און געבליבן ביי גאָרניט!

האָבן גענומען אַנדערע מיליאָנערן, וועלכע האָבן נאָך זייער געלט ניט פאַר־לוירן, און פּונקט פאַרקערט — זיי פאַרגרעסערן זייער קאַפּיטאַל, ווייל געלט גייט צו געלט און אַ מיליאָן גייט צו אַ מיליאָן; האָבן גענומען מיליאָנערן און האָבן געשאַפן אָט דעם „קלוב" פאַר זייערע עקס „קאַלעגן־מיליאָנערן". אַהין קומען זיך צונויף אָט די „עקס", און דאָ פאַרברענגען זיי, דאָ דערציילן זיי, ווי אַזוי זיי האָבן געמאַכט זייערע מיליאָנען און ווי אַזוי זיי האָבן זיי געפּטרט! דאָ, אין אָט דעם „קלוב", פעלט זיי גאָרנישט: די בעסטע מאכלים, די שענסטע קליידער, און זיי קריגן וועכנטלעך טאַשן־געלט, אַלס הלוואה — ביז זיי וועלן ווידער ווערן מיל־יאָנערן! דאָס, וואָס אייניקע נעמען אַרויס טאַשן־געלט אין איין וואָך, וואָלט אונדז ביידע געסטייעט אויף צו לעבן אַ יאָר צייט...

דער קלוב, אינעווייניק, פאַרנעמט צוויי שטאָק, און יעדער שטאָק האָט 9 צימערן. פאַראַן אַ גרויסער סאַלאָן פאַר אַ באַל. איינמאָל אין יאָר —ערב ניי־יאָר— מאַכט מען דאָ אַ באַל און דער איינקונפט גייט פאַר דער קאַסע פון קלוב. אין יאָר

1953 איז דער ריינער איינקונפט פון באַל געווען... 4 מיליאָן דאָלאַר. מיט אָט דעם פאַנד העלפט מען אַ סך עקס־מיליאָנערן זיך צו שטעלן אויף די פיס.

— ווי אַזוי נעמט מען דאָ אַריין אַלס „מיטגליד״ די עקס־מיליאָנערן?

יעדער איינער וואָס וויל אַהער אָנקומען, מוז דערווייזן, אַז זיין פאַרמעגן — ווען ער האָט עס פאַרלוירן — איז געווען ניט ווייניקער ווי אַ מיליאָן דאָלאַר! אויב מען האָט געהאַט ווייניקער — נעמט מען אים ניט אַריין!..

בכלל, לאָזט מען דאָ ניט אַריין קיין זייטיקע מענטשן, אַחוץ די מיטגלידער פון קלוב און זייערס אַן איינגעלאַדענעם גאַסט. ווער עס האָט דאָ פּריווילעגיעס, זענען די זשורנאַליסטן, וועלכע קענען עס דערווייזן. קיין פאָטאָגראַפן דערלויבט מען ניט!...

מיין באַגלייטער האָט זיך געגריסט מיט איניקע. ער, מיין חבר, קומט אָפּט אַהער. ער טרינקט אַ גוטע „וויסקי״, עסט רוסישן קאַוויאַר, רויכערט אַ ציגאַר פון 5 דאָלער, און... שפּילט אין שאַך מיט אַן עקס־מיליאָנטשיק...

פאַראַן דאָ עטלעכע ידן עקס מיליאָנערן! איינער איז געוואָרן אַן „עקס״ און איז געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, ווייל ער האָט אָנגעקויפט אַקציעס פון אַ נייער געזעלשאַפט, וועלכע האָט געפּלאַצט נאָך איידער זי האָט אָנגעהויבן אַר־בעטן!.. אַ צווייטער איז געפאַלן אַ קרבן פון שותפים־שווינדלער! זיי האָבן גע־האַט אַ גרויס געשעפט פון „קאַרס״ (אויטאָמאָבילן) און ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף די שותפים. ער פלעגט מערער צייט איבערליגן אין פלאָרידאַ, אין מיאַמי־ביטש, ווי אין זיין געשעפט. ביז אין אַ שיינעם טאָג האָבן אים זיינע שותפים גע־מאָלדן, אַז... זיי זענען „געבליבן אויף דער גאַס״ און אַז זיי בלייבן שולדיק די פאַבריקן הונדערטער טויזנטער דאָלאַר. און... — ער האָט ניט געהאַט מיט וואָס אַהיימצופאָרן צו דער פאַמיליע. מען האָט ביי אים צוגענומען זיין הויז, זיין זו־מער־וווינונג אין לאָנג־איילאַנד און אַפילו זיין קאַר! און נאָך אַ זאַך האָט איינער פון זיינע שותפים ביי אים צוגענומען — זיין פרוי! ער האָט מיט איר חתונה גע־האַט מיט 22 יאָר צוריק. זיי האָבן קיין קינדער ניט געהאַט! פריִער, ווען ער איז געווען רייך, אַ מיליאָנער, האָט ער געהאַט פלימעניקעס און פלימעניצעס, וועלכע פלעגן ביי אים איבערליגן טעג און נעכט. היינט — זעט ער קיינעם ניט פון זיי! ווען ניט אָט דער „קלוב״, וואָלט ער שוין לאַנג געמאַכט אַ סוף צו זיין לעבן! אָבער, ער האָפט נאָך צוריק צו ווערן דאָס, וואָס ער איז געווען!.. אַ מיליאָנערן אויפן חשבון פון דעם וואָס ער וועט ווערן אַ מיליאָנער — צאָלט מען אים אויס טויזנט דאָלאַר אַ מאָנאַט!

פאַרן אַוועקגיין, ווייזט מען מיר אָן אויף איין „עקס־מיליאָנער״ וואָס זיצט אַליין אין אַ ווינקעלע, פאַרברענגט ניט מיט קיינעם, נאָר האַלט אין איין טרינקען

וויסקי. כאָטש ער טרינקט שוין אַ לענגערע צייט, דאָך איז ער ניט שיכור! אָט הייבט ער זיך אויף, גייט צו צום „מאָסטראַדאָר" (טיש מיט געטראַנקען), מען גיסט אים אָן אַ פריש ביסל וויסקי, ער זעצט זיך צוריק אַליין אַוועק און טרינקט שטיל...

מען דערציילט מיר זיין געשיכטע:

ער איז געווען אַ מיליאָנער, אַ גרויסער מיליאָנער. געהאַט אייגענע מינעס, אַקציעס אין אייזנבאַן־קאָמפּאַניעס און איז געווען פּרעזידענט פון דירעקטאָריום פון אַ שטאָל־גיסעריי.

האָט ער זיך פאַרטשעפּעט מיט אַ „נקבה". אמת — זי איז געווען אַ שיינ־הייט! אַזעלכע, זעט מען ניט קיין סך. האָט די פרוי אים אָנגעהויבן אויסנאָגן! ער האָט זי אויסגעהאַלטן אויף אַ קעניגלעכן אופן, ניט נאָר איר גרויסע פאַמיליע, נאָר אויך... אַ האַלב טויז געליבטע אירע! ווייזט אויס, אַז ער איז געוויר געוואָרן דערפון און איר אָנגעהויבן מאַכן סקאַנדאַלן, איז זי אינגאַנצן אַוועק פון אים. פאַר צרות, האָט ער זיך גענומען צום טרינקען און צום שפּילן אין קאָרטן. דאָס האָבן דערשמעקט פּראָפעסיאָנעלע קאָרטן־שפּילער, און ווען ער האָט זיי איינמאָל גע־געבן זיינעם אַ טשעק אויף 10 טויזנט דאָלאַר, איז שוין דער טשעק געקומען צוריק. ער האָט שוין קיין צען טויזנט דאָלאַר אויך ניט געהאַט! האָט ער... זיך אַריינגעשאָסן אַ קויל אין האַרצן, אָבער — מען האָט אים אָפּגעראַטעוועט!

איצט איז ער „אויף קעסט" אין „קלוב". ער קומט ווען דער קלוב עפנט זיך, הייבט אָן טרינקען און גייט אַוועק ווען דער קלוב שליסט זיך. ער טרינקט אויס אַ פלאַש „וויסקי" און ער ווערט ניט שיכור!.. אָבער קיין „לייט" פון אים ווערט שוין ניט זיין! דאָקטוירים פון „קלוב" — די בעסטע וואָס אַמעריקע האָט — גיבן אים ניט קיין יאָר לעבן!

איך ווער אויך געוויר: אַ סך עקס־מיליאָנערן האָבן זיך צוריקגעשטעלט אויף די פיס אַ דאַנק אָט דעם „קלוב". אַ סברא, אַז די מיליאָנערן וואָס האַלטן אויס דעם קלוב, מאַכן דורך אים גוטע געשעפטן. זיי קלייבן־אויס צווישן די עקס־מיליאָנערן די פעיקסטע, — דערהויפּט אַזעלכע, וואָס האָבן „אידעען" — און נעמען זיי אַריין צו זיך אין די געשעפטן און ביידע האָבן הנאה.

דאָס האָבן אָן „אידעאַ" (אידעע) אין אַמעריקע, איז אַן־און־פאַר־זיך אַ „ביזנעס". פאַראַן אָפיסעס, וואָס קויפן אָפּ אָט די „אידעעס". עס קומט אַהין איי־נער און זאָגט, אַז ער האָט אַ „אידעע". גלייכט מען זיך אויס מיט דער פּרייז און ער לייגט פאָר זיין „אידעע" וועגן דעם אָדער יענעם אַרטיקל. 90 פּראָצענט פון אָט די „אידעען" גיבן דערפאָלג. דאָס זענען די נייע אַנטדעקונגען אין דער אינ־דוסטריע אָדער מיסחר. די בעסטע פּרייזן צאָלן זיך פאַר „אידעען" אין

— „פּראָפּאַגאַנדע" און „פּובליסיטי".

ביי אונדז אין דער אַלטער היים פלעגט מען דערציילן, אַז אַן אַמעריקאַנער גייט עפענען אַ געשעפט, לייגט ער אַריין 90 פּראָצענט אין פּראָפּאַגאַנדע און צען פּראָצענט אין סחורה.

עס איז ניט איבערגעטריבן! עס איז בלויז שלעכט אינפאָרמירט! אַז אַן אַמעריקאַנער גייט עפענען אַ בוטשער־סטאָר (קאַרניסעריאַ), אָדער אַ דעליקאַ־טעסן־געשעפט, אָדער אַ געשעפט פון העמדער מיט שיך — לייגט ער טאַקע אַריין אַלע הונדערט פּראָצענט אין געשעפט. אָבער, ווען אַן אַמעריקאַנער גייט פאַבריצירן אַ נייע זאַך, אַ פאַרשטעקל צו אַ פלאַש, אָדער אַ שרויפנציער, אָדער אַ מאַשינקעלע צו שניידן ברויט — ווען ער האָט 10 טויזנט דאָלאַר — טוט ער אַריין ניין טויזנט דאָלאַר אין פּראָפּאַגאַנדע פאַר זיין פאַבריקאַציע און טויזנט — אויף רוי־מאַטעריאַל.

קומט צוגיין איינער מיט אַן „אידעע" צו אָט דעם פאַבריקאַנט, און ווייזט אים אָן ווי אַזוי מען קען אויסבעסערן זיין שרויפנציער אָדער מאַשינקעלע, נעמט דערפאַר דער „אידעען־טרעגער" אַ היבשע סומע דאָלאַרן!..

אַזוי איז אַמעריקע!

***

מיר גייען אַריין אין אַן אינטערעסאַנטן יידישן „קלוב."

אין אַ „קלוב פון יידישע פּרעזידענטן".

פאַראַן אין ניו־יאָרק אַזאַ פּלאַץ, אַזאַ „קלוב", ווו עס קומען זיך צונויף די פּרעזידענט פון די וויכטיקסטע יידישע אָרגאַניזאַציעס און זיי האַלטן אָפּ באַראַ־טונגען וועגן יידישע ענינים.

אין דאָזיקן „קלוב" טרעפט מען זייער אָפט דעם דר. נחום גאָלדמאַן — אויב ער איז אין אַמעריקע, — דו טרעפסט דאָ ליפּסקין און דו טרעפסט דאָ אַדאָלף העלד — פּרעזידענט פון יידישן קאָמיטעט. אויך טרעפסטו דאָ פיליפ קלוטשניק, פּרעזידענט פון בני ברית, וועלכע האָט אַ גרויסן איינפלוס אין אַמעריקע, און דזשוליאַן פריימאַן — פּרעזידענט פון צדקה־פעדעראַציע, פּרעזידענט פון ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציעס, און נאָך און נאָך פּרעזידענטן.

דער עקזעקוטיוו — דאָס הייסט דער „צימעס" פון אָט דעם „קלוב" — זע־נען זעכצן וויכטיקע פּרעזידענטן, מיט ד"ר גאָלדמאַן בראָש. אַהין קומט מען זיך צונויף, גאָר ספּעציעל, ווען עס איז דאָ עפּעס וויכטיקעס צו באַהאַנדלען וועגן אַ יידישער אָדער אַמעריקאַנער פראַגע. גרייט זיך ערגעץ אַ צרהלע אויף דער יידי־שער מדינה — שטייט דער „קלוב פון די פּרעזידענט" אויף דער וואַך.

פאַרשטייט זיך, אַז דער חילוק פון אַט דעם קלוב, מיט די אַנדערע קלובן איז, וואָס דאָ... רעדט מען אַ סך, דאָ דיסקוטירט מען אַ סך; און אין אַנדערע קלובן עסט מען, אָדער מען טרינקט אַ סך, אָדער מען טאַנצט אַ סך!

און איצט וועלן מיר אַריינגיין אין אַנדערע אינטערעסאַנטע „קלובן". פאַראַן דאָ אַזעלכע פּלעצער, וואָס בלויז אַמעריקע קען זיך עס פאַרגינען צו האָבן.

„מירן" אַריינגיין אין אַ „קלוב" וואָס איז אַ שטיק אוניווערסיטעט פאַר... געענדיקטע דאָקטוירים און אַפּילו פּראָפעסאָרן. אין אַט דעם „קלוב" קומען זיך צונויף די בעסטע דאָקטוירים וואָס ספּעציאַליזירן זיך אין „דיאַבעטיס", ווי בכלל אין „נוטריישאָן" (נוטריסיאָן) און נעמען אַ „לעקציע" ביי די קראַנקע!

דו געדענקסט דאָך, גאָלדע, ביי אונדז, אין דער אַלטער היים, פלעגט מען זאָגן:

פרעג ניט דעם רופא, — פרעג דעם חולה!

אָבער עס איז געווען בלויז געזאָגט! אַז מען איז טאַקע געוואָרן קראַנק, און כאָטש דער חולה האָט געוווסט, אַז ער איז קראַנק, ווייל ער האָט זיך נעכטן איי־בערגעגעסן מיט ראָבע פּאַסאָליעס אָדער דאָס זויערע קרויט האָט אים פאַרשאַדט; דאָך, האָט ער געשיקט רופן הערשל רופא אָדער טאַקע דעם ד"ר פּיגורסקי, וועלכע האָבן פאַרשריבן אַ רעצעפּט, אָדער פּשוט און פּראָסט — געהייסן מאַכן אַ „קאַנע" מיט וואַרעמען בוימל.

אין אַמעריקע — איז מען גאָר מקיים דעם פּסוק פון — פרעגן דעם חולה!

און ווער, מיינסטו, פרעגט דעם חולה?

נישט קיין אַנדערער, ווי דער דאָקטער אַליין!

די בעסטע דאָקטוירים קומען זיך צונויף ווו עס זענען פאַראַן קראַנקע און... מען לערנט זיך ביי זיי ווי אַזוי צו היילן!

אויף דער 42סטער גאַס און די 7טע עוועניו, אין אַ געביידע פון 18 שטאָק, — איז אויף איינעם פון זיי פאַראַן אַ „קלוב".

דער „קלוב" הייסט: „האָום (היים) פון דיאַבעטיקער".

אין דער דאָזיקער היים, קומען זיך צונויף אַלע צוקער־לײדנדיקע — אָנהייבנדיק פון די כמו־קראַנקע — וואָס פאַרמאָגן קוים, קוים אַ גראַם צוקער אין בלוט, און ענדיקנדיק מיט יענע וואָס זענען צוקער־פאַבריקאַנטן „אַל פּאַר מאַזשאָר" — אין הורט — (אין „אַל־סייל") און פאַרמאָגן העכער 2 און העכער 3 גראַם צוקער.

די „האָם" איז אַ מין קלוב — כאָטש עס טראָגט דעם בפירושדיקן נאָמען „היים". ער איז אָפן אַ גאַנצן טאָג און ביז שפּעט אין דער נאַכט. פאַראַן דאָרט

אַן ערשטקלאַסיקער רעסטאָראַן, ווו די צוקער־קראַנקע מעגן עסן אַלעס וואָס זיי זעען מיט די אויגן, ווייל אַלעס איז געקאָכט און געבאַקן אַן „גלוקאָסאַ״ (צוקער). און אײדער מען גיט אייך דאָס עסן, דאַרפט איר ווייזן אייער לעצטן אַנאַליז צו וועלכן גראַד צוקער־קראַנקע איר געהערט! דאָס הייסט: אַ „פאַבריקאַנט״ פון דריי גראַם צוקער, קאָן נישט קריגן קיין עסן וואָס איז צוגעגרייט פאַר אַן „אָרעם פאַבריקאַנטל״ פון 1.40 אָדער 1.60 גראַם.

אויב איר זענט אַ נאַשער און אַ... שווינדלער״ און איר בעט אייערס אַ חבר אַז ער זאָל אַרויסנעמען עסן אויף זיין „קאַרד״ — פאַר אייך אויך... איז, ווען מען כאַפּט אייך עסנדיק דאָס וואָס איר טאָרט ניט — באַקומען איר און אייער חבר אַ גרויסע שטראָף און אַן עפּנטלעכן פאַרוווּרף.

— אַן עפנטלעכן?

— יאָ, אַן עפנטלעכן! זיי האָבן אַן אייגענע צייטונג, געדרוקט אין קאָלירן און אילוסטראַציעס און דאָרט, אין יענער צייטונג, קאָן דער „שווינדלער״ כאַפּן זיין גאָב.

דאָס וויכטיקסטע פון קלוב איז:

צוויי מאָל אין מאָנאַט קומען זיך צונויף די קראַנקע, און 10 פון זיי, מענער אָדער פרויען, גייען אַרויף אויף דער טריבונע און דערציילן וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט, וואָס זיי האָבן באַמערקט אין זייער „צוקער־פאַבריק״ פאַר די לעצטע 30 טעג.

איינער דערציילט: ער האָט לעצטנס זיך געפילט זייער גוט! ער האָט נישט געפילט קיין שום פאַרדאַכט, און האָט נישט געהאַט קיין איינעם פון די דריי סמנים (אַ סך הונגער, אַ סך דורשט, און אַ סך משתין־זיין). ער איז געווען זיכער אַז זיין „פאַבריקאַציע״ איז געפאַלן ביז צו אַ מינימום, ביז נאָרמאַל.

גייט ער — לויטן רעגלאַמענט, פונקט צום מאָנאַט — זיך מאַכן אַן אַנאַליז, ווייזט דער אַנאַליז אַז ער האָט צוויי גראַם מיט זעקס און פופציק אין בלוט (2.56).

ער האָט געפּרוווט מאַכן אַ צווייטן באַליז, ביי אַ צווייטן כעמיקער, און דער רעזולטאַט איז געווען כמעט דער זעלבער!

נאָכן איבערגעבן אָט די אינפאָרמאַציע, גייט דער קראַנקער, שטיל און רויק, אַראָפּ פון דער בינע און זיין פּלאַץ פאַרנעמט אַ פרוי.

זי דערציילט:

ביז צוריק מיט דריי מאָנאַטן האָט זי שטענדיק געהאַט העכער 2 גראַם. לעצטנס, האָבן די אַנאַליזן אָנגעהויבן ווייזן, אַז זי... פאַרלירט צוקער! היינט — דער דריטער אַנאַליז, ווייזט, אַז זי האָט ווייניקער פון 1 גראַם. איר „דיעטע״ האָלט זי אָן אומגעענדערט פאַרן לעצטן יאָר. די איינציקע נייעס ביי איר איז:

איר איינציקע חתונה־געהאַטע טאָכטער, וועלכע האָט 17 יאָר נישט געהאַט קיין קינדער, האָט געבוירן אַ בחורל, וועלכער פאַרשאַפט איר, דער באָבען, דער קראַנקער, אַ סך פאַרגעניגן. ספּעציעל ווען זי שפּילט זיך מיטן קינד...

און אַזוי גייט אַרויף אַ צווייטע, אַ דריטע, אַ פערטע, אַ פינפטע, ביז צען קראַנקע, וועלכע דערציילן יעדער איינער „עפּעס נייעס" וועגן גאַנג פון זייער צוקער־פאַבריקאַציע.

און דאָס קוריאָזסטע:

הינטן, אויף געבעטע שטולן, זיצן עטלעכע עלטערע מענטשן — אַ פּאָר צווישן זיי — גאָר, גאָר גרויע; ייזיזצן און הערן זיך צו יעדעס וואָרט וואָס דער צווישן זיי — גאָר, גאָר גרויע; זיי זיצן און הערן זיך צו יעדעס וואָרט וואָס דער זיי אָנגעטון אויפן קאָפּ מיניאַטור־טעלעפאָנען (ווי די דעלעגאַטן פון דער „און") און בעת דער קראַנקער רעדט מאַכן זיי פאַרצייכענונגען.

עס מאַכן אויך פאַרצייכענונגען צוויי יונגע טאַקיגראַפיסטקעס, וועלכע גיבן באַלד איבער זייערע פאַרצייכענונגען אין דער „קאַבינע" פון „טאַפּרייטערס" (שרייב־מאַשינקעס) און ווען דער אָוונט ענדיקט זיך, האָט יעדער איינער פון די דאָקטוירים אַ פולשטענדיקע קאָפּיע פון אַלץ וואָס יעדע קראַנקער האָט דער־ציילט וועגן גאַנג פון זיין שלאַפקייט. לויט אַט די אַלע דערציילונגען, שאַפן זיך די דאָקטוירים — די בעסטע און גרעסטע ספּעציאַליסטן פון דיאַבעטיס זענען זיי — אַ באַגריף ווי אַזוי צו היילן דעם קראַנקן.

אין עטלעכע טעג אַרום קומט אַ דאָקטער אָדער צוויי און גיבן אַ רעפּעראַט פאַר די קראַנקע, אויף דער באַזע פון דעם וואָס זיי האָבן געהערט דעם און דעם אָוונט ביי יענע און יענע קראַנקע. ביי ספּעציעלע פאַלן ווערן די קראַנקע אַרויס־גערופן צו די דאָקטוירים אין זייערע שפּיטעלער און מען נעמט זיי אויף אָבסער־וואַציע, אָדער מען גיט זיי אַ ספּעציעלע קוראַציע.

אַט האָבן זיי אויסגעפונען, אַז די פרוי, די באָבע, האָט פאַרלוירן „צוקער" צוליב... דעם פאַרגעניגן וואָס זי האָט זיך שפּילנדיק מיט די אייניקלעך. פונקט ווי מען באַקומט צוקער פון מאַכן זיך „שלעכט בלוט", אַזוי פאַרלירט מען צוקער ווען אַפילו מען עסט וואָס מען טאָר נישט (פאַרשטייט זיך, בלויז אַ געוויסער מאָס) אָבער, מען האָט פאַרגעניגן.

דאָס וואָס די קראַנקע דערציילן וועגן זיך דינט פאַר די פּראָפעסאָרן פאַרן בעסטן מאַטעריאַל, טאַקע צו היילן די קראַנקע...

— ווער האַלט אויס אַט דעם קלוב?

— ווער זענען די מיטגלידער פון „קלוב"?

יעדער איינער וואָס ברענגט אין דער אַדמיניסטראַציע פון „קלוב" זיין ערשטן

אַנאַליז, אַז ער האָט אין בלוט מער ווי אַ גראַם צוקער — ווערט אָנגענומען אַלס מיטגליד אין קלוב! מען פרעגט נישט זיין רעליגיע, זיין מאַטעריעלע פּאָזיציע און זיין פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט!

צאָלן — דאַרף ער גאָרנישט! דער קלוב באַקומט אַזוי פיל „דאָניישענס" (ביישטייערונגען) פון רייכע „צוקער־פאַבריקאַנטן" און חתם מעצענאַטן, אַז ער קאָן זיך פאַרגינען אויסגעבן מיליאָנען דאָלאַרן אויף זיינע עקספּערימענטן און אויף עסנוואַרג און נאָך האָבן אָפּגעשפּאָרטע מיליאָנען אין קאַסע.

אָט פאַרנעמט דער קלוב אַ גאַנצן שטאָק אין אַזאַ רייכן צענטער פון ניו־יאָרק, צאָלט טויזנטער דאָלאַרן דירה־געלט, האָט אַ גרויסן שטאַב באַאַמטע און די דאָקטוירים נעמען אויך גרויסע סומעס געלט האָנאָראַר, און

פאַרן עסן, ווי בכלל פאַר אַלע באַקוועמלעכקייטן פון „קלוב" — נעמט מען נישט קיין שום אָפּצאָל!

זיי האָבן אויך קיין מורא נישט אַז אַ געזונטער זאָל נישט וועלן אויסנוצן דעם קלוב און אַריינכאַפּן אַן אומזיסטן מיטיק אָדער אַ וועטשערע! קיין געזונטער מענטש קאָן יענע מאכלים נישט עסן און חוץ דעם — מוז מען האָבן ביי זיך דעם לעצטן אַנאַליז...

דערפאַר מעג יעדער קראַנקער ברענגען ווען ער וויל, זיינעם אַ גאַסט, הן צום עסן הן צו די אַקטן! ווען דער געזונטער גאַסט גייט אַרויס פון דאָרט — לויפט ער דאָס ערשטע זיך מאַכן אַן אַנאַליז און אויב ער האָט נישט קיין צוקער — וועט ער זיך היטן!...

**
*

און איצט, גאָלדע, וועל איך דיר „פאָרשטעלן" אַ צווייטן אינטערעסאַנטן „קלוב", אַן אַנשטאַלט, וואָס בלויז אין אַמעריקע קאָן אַזעלכער עקזיסטירן.

— דער „קלוב "הייסט: „קלאָוב פאַר אָרעמע און אומבאַמיטעלטע". אָדער: „קלאָוב פון מענער וואָס מוזן אָנקומען צו דער הומאַניטאַרער הילף פון גוטע מענטשן".

אין דער אמתן — איז דאָס אַ „קלוב", אַ פאַראיין, אַ „סאָסייטע" פון גאַסן־בעטלער! פון פשוטע גאַסן־בעטלער!

מיין נישט, אַז אין אַמעריקע זענען אַלע מיליאָנערן, אָדער אַז אין אַמעריקע זענען נישטאָ קיין גאַסן־בעטלער. דווקא אויף דער פינפטער אַוועניו, דווקא נאָענט צו וואָלסטריט, דווקא אויף דער 42סטער גאַס, און דווקא אויף בראָדוויי, זעסטו מערער בעטלער ווי אין אַן אָרעם געסל אויף דער איסט־סייד, אָדער אין בראָנקס.

און, ווי אויף דער גאָרער וועלט פירט זיך: פאַראַן בעטלער וואָס בעטן על פי נויט, און פאַראַן פּראָפעסיאָנעלע בעטלער.

אין דעם קלוב ווו איך בין געווען, געפינען זיך בעטלער... גבירים. בעטלער וואָס „פאָרן צו דער אַרבעט" מיט אַן אייגענעם אויטאָ! ער וווינט ערגעץ ווייט, און זיין „פּאָסטן", זיין שטיי־פּלאַץ, זיין „געשעפט" איז גאָר אויף דער 34סטער סטריט אָדער אויף „יוניאָן סקווער". קומט ער צו מיט זיין אויטאָ, שטעלט אים אַוועק אויף אַ פּלאַץ, ווו ער צאָלט מאָנאַטלעך 20 דאָלאַר פאַרן „טאָג־גאַראַזש", און נאָך דער „אַרבעט", נעמט ער זיין קאַר און פאָרט זיך רויק אַהיים.

„מיין" קלוב, ווו איך בין געווען צו גאַסט, געפינט זיך אויף „איסט ניו־יאָרק". זיי, די בעטלער, האָבן דאָרט, אַ חוץ דעם „קלוב" — אַ סאָסייטע און אַפילו אַ גמילת חסד קאַסע. היינט איז אַ מיטינג — אַ גענעראַל־פאַרזאַמלונג פון דער „סאָסייטע", און איך בין איינגעלאַדן פון אַ קאָלעגע, אַ חשובן שרייבער, צו גיין מיט אים צו אָט דער פאַרזאַמלונג. ער גייט נישט אַהין אַלס שרייבער פון זיין צייטונג, נאָר אַלס דער... בוכהאַלטער פון זייער פאַראיין. ער איז זייער בוכהאַלטער! ער פירט זייער „קאָנטאַדוריאַ" און איז זייער „אָרגאַנייזער" (אָרגאַ־ניזאַטאָר, אָנפירער).

דער דאָזיקער קאָלעגע, לעבט, חלילה, נישט פון נדבות! אָבער, אַזוי ווי פון זיין צייטונגס־אַרבעט סטייעט אים נישט צו לעבן און ער מוז — פּונקט ווי אַנדערע שרייבער — אָנהאַלטן אַ צווייטן „דזשאָב" — זעט ער נישט איין, פאַרוואָס ער טאָר נישט זיין דער בוכהאַלטער פון פאַראיין פון — „גאַסן־בעטלער", וואָס האָט אַזאַ פיינעם נאָמען ווי:

„סאָסייטע פאַר הילף פאַר אָרעמע און אומבאַמיטלטע". אָדער:

„פאַראיין פון מענער וואָס מוזן אָנקומען צו מענטשלעכער שטיצע".

יעדער איינער פון די בייוועזנדע איז אַ פּשוטער גאַסן־בעטלער! אָדער ער גייט איבער די הייזער, אָדער ער פאָרט אַרום אין די „סאָבווייס" (סובטעראַנעאָס) און מאַכט די אויגן אַזוי פאַרזשמורעט אַז איר וואָלט געשווירן אַז ער איז אַ בלינדער!...

אָט יענער מענטש, איז אונדזער „טעזשורער" (טעסאָרעראָ) — ווייזט מיר אָן דער קאָלעגע אויף איינעם מיט אַ טשופּרינע האָר, וואָס האָט שוין נישט געזען קיין שער אויף זיך אַ יאָר צייט! ער האָט געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פון אונדזער אַמאָליקן באַקאַנטן „טשאַנטשאָ רוסאָ" (רוסישער חזיר — אַזאַ בעטלער געווען אין בוענאָס איירעס, וואָס האָט פאַרמאָגט שווערע טויזנטער אין די בענק). אַז מען באַגעגנט אין אַ פינצטער געסל, גלוסט זיך אויסשרייען... שמע ישראל!

טאַקע, דער דאָזיקער קאַסיר, האָט עס געהייסן היינט צונויפרופן דעם

„מיטינג״ (די גענעראַל־פאַרזאַמלונג) פון די „מעמבערס״ (מיטגלידער פון פאַר־איין). ער האָט אַן ערנסטע אָנקלאַגע קעגן אַ צווייטן מיטגליד פון דער „סאָסייטע״, וועלכער האָט אים „משיג־גבול״ געווען.

שוין יאָרן און יאָרן — אַזוי דערציילט דער באַוואָקסענער „טעזשורער״, ווי ער שטייט ביים „סאָבוויי״ פון דער 34סטער סטריט ביים אַראָפּגאַנג צו דעם „פּענסילווענײַ־סטיישען״. ער האָט שוין דאָרט אַ „קונדשאַפט״ וואָס קאָן אים שוין זייט יאָרן, און וואָס פלעגט אים — נאָך אין יענע צייטן — אַריינוואַרפן אין היטל אַריין גאַנצע „דאַימס״ (צענער־סענטן). היינט — גיבן זיי אים „קוואָדערס״ אויך!

אויף יענעם פּלאַץ האָט ער „קליענטן״ וואָס ער געדענקט זיי פאַר שול־קינדער וואָס פלעגן אים אַריינוואַרפן אַ ניקל אין דעם הוט; היינט, זענען זיי שוין דאָקטוירים און לאָיערס (אַדוואָקאַטן)!

אַלזאָ! ער שטייט שוין אויפן זעלבן פּלאַץ עטלעכע צענדליק יאָרן!

איצט, איז געקומען אַ צווייטער בעטלער, אויך אַ „מעמבער״ פון אונדזער סאָסייטע, וועמען מיר האָבן אויסגעבאָרגט 600 דאָלאַר אויף אַ דירה ווען ער האָט זיך איבערגעצויגן אַהער פון נואַרק, ווייל דאָרט האָט ער נישט געקאָנט מאַכן אַ לעבן — און אָט דער „מעמבער״, האָט זיך אויך אַוועקגעשטעלט אָט דאָ, ביים סטיישען, און ווען די מענטשן קומען־אָן — מוז מען פריער דורכגיין דורך זיין „פּאָסטן״, דורך זיין פּלאַץ, און אַז מען וואַרפט אים אַריין עפּעס אין היטל אַריין — גיט מען שוין קיין צווייטן אָרעמאַן — כאָטש דער צווייטער איז אַן אַלטער „קאַסטאָמער״ (קליענט), אַן אַלטער באַקאַנטער און אַפילו אַ „פרענד״ (פריינט).

אַלזאָ, ער פאָדערט, דער טעזשורער, אַז מען זאָל זיין קאָנקורענט „אַראָפּ־נעמען פון דער אַרבעט״ פון אָט דעם „ראָג״ — וועלכער איז זיין „חזקה״ פאַר די לעצטע 30 יאָר!

אַזוי ווי די דיסקוסיע איז געפירט געוואָרן אויף ענגליש — האָב איך שלעכט פאַרשטאַנען אַלעס וואָס מען האָט דאָרט גערעדט. ווייזט אויס, אַז דער „גרינער״, דער נואַרקער בעטלער האָט געהאַט זייער וויכטיקע „פּראָטעזשירער״ (קוניעס) דער פּרעזידענט פון סאָסייטע, זייער אַ חשובער... בעטלער מיט אַ רייכער קליענ־טעלע אויף... וואָל־סטריט, האָט זיך שטאַרק אָנגענומען פאַרן „גרינעם״! מען האָט געטומלט אַלע צוזאַמען, מען האָט געשריגן און געפּאָכערט מיט די הענט און עס האָט געהאַלטן עטלעכע מאָל ביי... פּעטש! די, וועלכע זענען ביימאָג געווען

בלינד און קרומע, טויבע און שטומע, פּאַראַליזירטע און הינקענדיקע — דאָ, זענען זיי אַלע געוועזן שטאַרק ווי אייזן און ממש גבורים!

— דער סוף?... — נישט וויכטיק! דער „טעזשורער" האָט אויסגעפירט. דעם „גרינעם" נואַרקער בעטלער איז צוגעטיילט געוואָרן אַ ראַג (עסקינע) אין בעסטן צענטער פון ניו־יאָרק, אויף „עסטייט־סטריט", נישט ווייט פון וואָל־סטריט. צופעליק האָט זיך דאָס פּלאַץ „באַפרייט", דעם „מעמבער" וואָס האָט דאָרט „געאַרבעט" איז נישט לאַנג צוריק געשטאָרבן און נישט איבערגעלאָזט קיין יורשים־בעלנים אויף אָט דעם ראַג.

מען האָט געענדיקט מיט... אַ גוטן שנאַפּס! — איך בין אויך געווען צווישן די טרינקער!

***

און, איצט גאָלדע, וועל איך דיך „אַריינפירן" אין נאָך אַן אינטערעסאַנטנעם „קלוב". אָפיציעל, הייסט דער „קלוב" — „די זיסע היים פאַר באַטריבטע און פאַרביטערטע". אין דער אמתן איז דאָס אַ קלוב פאַר „געגטע מענער און פרויען".

אַז אין אַמעריקע זענען פאַראַן אַלערליי „קלובן"— ווייסט דאָך יעדער איינער! אַז אין אַמעריקע איז פאַראַן אַ „קלוב פון עלטערע מיידלעך", אַ „קלוב פון אַלטע בחורים", אַ „קלוב פון אַלמנות" און גלאַט אַ „קלוב" — דאָס איז קיין נייעס נישט! אָבער —

אָט, דער קלוב פון געגטע מענער און פרויען, איז פאַר מיר געווען אַ געשיכטע פון טויזנט און איין נאַכט

דערפאַר, אַז מיין פריינדין ב. — אַ געגטע פון איר מאַן זייט אַ פּאָר יאָר, האָט מיך איינגעלאַדן זי צו באַגלייטן אין „קלוב פון געגטע מענער און פרויען" — האָב איך די איינלאַדונג אָנגענומען מיט פאַרגעניגן!

דער דאָזיקער „קלוב" געפינט זיך אין דעם רייכן געגנט פון דער פינפטער עוועניו און 40סטע סטריט. ער פאַרנעמט אַן „אַפּאַרטאַמענט" פון אַ צענדליק צימערן און „סאַלאָס", איז מאַיעסטעטיש שיין אויסגעמעבלירט, פאַרמאָגט אַן אייגענעם בופעט און אַ „זאַל פאַר טעע".

אין דעם דאָזיקן „זאַל פאַר טע" טרעפן זיך — אויף גאָר אַן אָנשטענדיקן אופן — געגטע פּאַרלעך! דאָ שליסט מען באַקאַנטשאַפטן! דאָ... רעדט מען זיך אַראָפּ פון האַרץ און דאָ... ווערן געשלאָסן שידוכים!

אַהער קומען בלויז אַריין רעקאָמענדירטע מענער און פרויען! דער „קלוב" נעמט נישט אַריין אַלס מיטגלידער אַבי וועמען! איידער דער מיטגליד ווערט דאָ אָנגענומען, ווערט אויסגעפאָרשט זיין פאַרגאַנגענהייט! מען דאַרף וויסן:

1) ווער וועמען האָט געגעט? ער — זיין פרוי, אָדער זיין פרוי — אים, און דאָס זעלבע איז, אויב אַ פרוי גיט אָן אַן „אַפּליקיישען" פאַר אַ „מעמבער" אין קלוב.

2) מען דאַרף וויסן פאַרוואָס האָט אים זיין פרוי באַוויליקט אָדער געפּאָדערט אַ גט?

אויב דערפאַר, ווייל ער, אָדער זי, זענען זיך נישט געווען „געטריי" און מען האָט אים געכאַפּט מיט דער סעקרעטאַרשע, אָדער זי — מיט זיין בוכהאַלטער — איז דאָס נישט קיין בזיון און ער, אָדער זי — ווערן באַטראַכט אַלס... חשובע מיטגלידער פון קלוב.

3) אויב אָבער, ער איז געגט געוואָרן, ווייל ער איז געווען אַ שווינדלער, אַ „האָלד־אַפּניק", אָדער סתם אַ גנב, אָדער גענגסטער, און

4) אויב זי ווערט באַשולדיקט אין פּראָסטיטוציע, אָדער אין גניבה — דאַן קאָנען זיי נישט ווערן קיין מיטגלידער פון אָט דעם חשבון קלוב!

דער ציל, די אויפגאַבע פון „קלוב" איז:

אָדער: — געבן אַ מעגלעכקייט דעם געגטן, אָדער דער גרושה, אַז זיי זאָלן פאַרגעסן זייער פאַרביטערונג, זייערע איבערלעבונגען — און דער עיקר, זייער עלנטקייט, און זאָלן דאָ, אין „קלוב", קאָנען גוט פאַרברענגען, זיך באַקענען מיט נייע פריינט און נישט טראַכטן פון ווידער חתונה האָבן!

אָדער: — געבן אַ מעגלעכקייט דעם געגטן אָדער דער גרושה, ווידער צו געפינען אַ מאַן, וועלכער זאָל שוין זיין דער אמתער זיווג און מען זאָל ווידער אָנהייבן פירן אַ פאַמיליען־לעבן.

און דאָ גייען 2 פרישע קוריאָזיטעטן:

1) ווי נאָר דער „מענעדזשער" (כערענטע, פאַרוואַלטער) פון „קלוב" באַמערקט אַז אַ פּאָרל טרעפן זיך אָפט ביים זעלבן טיי־טישל און מען „גייט שוין אַרויס צוזאַמען" — אַזוי ווערט תיכף צוגעגרייט אַ דאָפּלטע „פּיטשע" פון ביידע געגטע.

אין עטלעכע טעג אַרום רופט מען אַריין אין סעקרעטאַריאַט, אין אָפיס פון מענעדזשער, פריער אים — דעם געגטן — און דערנאָך זי — דער גרושה, און... מען גיט זיי אַ פולשטענדיקע, גוט צוגעגרייטע „אָפּהאַנדלונג", אָדער באַריכט, וועגן זיין, אָדער איר לעבן פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר!

זיי, דאָרט אין קלוב, האָבן גענויע דאַטן פון אַלע זייערע מיטגלידער — ביז היינט צו טאָג! זייערע פעיקע דעטעקטיוון גרייטן זאָרגלאָז צו, אַלע ידיעות וועגן זייערע מיטגלידער, און ווען עס האַלט שוין ביי אַן ערנסטער זאַך צווישן אַ פּאָרל — גיט מען יעדן איינעם דעם צווייטנס ביאָגראַפיע און...

נישט איין שידוך איז צעשטערט געוואָרן צוליב אָט דעם „מעמאָראַנדום“ וואָס איינער פון די פּאָרלעך האָט באַצייטנס באַקומען!

ער איז געוויר געוואָרן, אַז זי איז אַ שלאַק אַ מרשעת! דער ערשטער מאַן האָט זיך גענומען דאָס לעבן, דער צווייטער איז פון איר אַנטלאָפן און דער דריטער האָט זי אָפּגעגט, דריי חדשים נאָך דער חתונה...

זי, ווידער, ווערט געוויר, אַז ער איז אַ קאַרגער, זשאַלעוועט אַ פּעני אין שטוב אַריין. דערפאַר אָבער, לעבט זיין סעקרעטאַרשע אַ גוטן טאָג ביי אים, און אויב זי וועט פאַר אים חתונה האָבן — וועט זי זיין... די זעקסטע! אַגב, דאָס ערשטע ווייב האָט אַריינגעטון סם אין זייער עסן! זי איז, נעבעך, געשטאָרבן און אים האָט מען אָפּגעראַטעוועט!

אָבער, אַזוי אַ קוק טון אויף אים, וואָלט איר געזאָגט, אַז דאָס איז אַ מלאך! אָבער, זיין „פּיטשע“, זיין „רעקאָרד“ מסרט אים, און ווען ער האָלט שוין נאָענט צו פּאַקן אַ פרישן קרבן — אַנטלויפט זי פון אים, כמעט ווי אונטער דער חופּה...

2) אויב עס ווערט אַ שידוך, ווייל בײדע געגעטע זענען ראוי זיך משדך צו זיין, איז: ווי נאָר זיי האָבן חתונה, ווערן זיי תיכף... אויסגעשלאָסן פון קלוב און טאָרן דאָרט אַפילו די שוועל נישט איבערטרעטן! שטרענג פאַרבאָטן דער אַריינגאַנג פאַר זיי...

זענען טאַקע דאָ מענער און פרויען וואָס עס געפעלט זיי בעסער דאָס לעבן אין „קלוב“ און זיי היטן זיך נישט אַריינצופאַלן אין אַ נעץ, ווידער חתונה האָבן און...

— אויסגעשלאָסן ווערן פון קלוב!

***

און, כדי דיר צו ווייזן וואָס אַמעריקע איז, און וואָס מען קאָן זיך דאָ „פאַרגינען“ — וועל איך דיך „מיטנעמען“ אין דעם „קלוב“ ווו איך בין געווען מיטן חבר ג. דער דאָזיקער קלוב הייסט אָפיציעל „היים פון עלטערנלאָזע קינדער“. רופן — רופט מען דעם קלוב:

— „די היים פון אונטערגעוואָרפענע קינדער“, אָדער, — „די היים פון קינדער אָן אַ נאָמען“.

אין דעם דאָזיקן קלוב קומען זיך צונויף יונגע יינגלעך מיט מיידלעך, צווישן 17 און 22 יאָר, דאָס זענען אַלע קינדער, וועמען די עלטערן האָבן אונטערגעוואָרפן ביי די טירן פון וווילטעטיקע אינסטיטוציעס, ביי די טויערן פון פּאָליציי־סטיישענס, ביי די טירן פון שפּיטעלער, און אַפילו אין... טעאַטער אָדער קינאָ. אָט די קינדער — „אומגעזעצלעך“־געבוירענע, פון „אומגעזעצלעכע“ אָדער

„אומגליקלעכער ליבע" זענען אויפגענומען געוואָרן פון גוטע מענטשן אָדער פון אָפיציעלע אינסטיטוציעס, און מען האָט זיי געגעבן זייער אַ גוטע דערציִונג! עס איז אַפילו אַ פאַקט, אַז קיין איין בויאַן, „האָלד־אַפּניק" אָדער סתם מערדער, זענען פון אָט די קינדער נישט אַרויסגעקומען! די יונגע בויאַנעס, וועלכע פאַלן אָן אַלטע און קראַנקע, קינדער און שוואַנגערדיקע פרויען, אָט די אַלע באַסיאַקעס, האָבן פיינע עלטערן, און אין דער היים האָבן זיי באַקומען אַ באַלעבאַטישע „דערציִונג"!

קומען זיך צונויף אָט די אַלע קינדער וואָס ווייסן נישט ווער זייערע עלטערן זענען געווען, קומען זיך צונויף אָט די קינדער, וואָס האָבן נישט קיין „לעגיטימען נאָמען", און זיי פאַרברענגען דאָ, נישט בלויז אין טאַנצן און אַמוזירן זיך, — נאָר אויך אין הערן לעקציעס און אין געבן אַליין לעקציעס זייערע חברים.

אָט, טאַקע, בין איך בייגעווען איינע אַזאַ לעקציע. אין „לעקטשור־זאַל" שטייען אויסגעשטעלט העכער 200 בענקלעך. אַלע — פּאָזיטיוו אַלע — זענען פאַרנומען פון די „מעמבערס" פון קלוב. פאַר אונדז ביידע, האָט מען צוגעשטעלט בענקלעך לעבן דער ערשטער רייע! אויף דער בינע איז געשטאַנען אַ יונגער יאָט פון אַ יאָר 18 און געהאַלטן אַ רעדע אויף דער טעמע:

„די זינד פון די עלטערן און די שטראָף פון די קינדער".

ווערליק מען האָט אים אַלעמאָל אַפּלאָדירט — האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עס געפעלט זיין רעדע און זיין אויספיר! פון דער בינע, האָט מען אים ממש אַראָפּגעטראָגן אויף די הענט. צענדליקער מיידלשע ליפּן האָבן אים געקושט. אָבער איין יונג מיידעלע — אפשר פון אַ יאָר 16 — איז געשטאַנען אין דער זייט און נישט צוגעגאַנגען צו אים גלייך מיט די איבעריקע חברטעס! דערפאַר, איז ער צוגעגאַנגען צו איר, זי אַרומגענומען און לאַנג געקושט.

איך ווער דערנאָך געוויר:

ערשטנס — דאָס איז זיין כלה! און, כאָטש זי האָט געזען ווי די מיידלעך קושן אים אַזוי, האָט עס זי נישט געאַרט! אַזוי איז איינגעפירט אין אַמעריקע! קושן זיך — איז אַ וואָכעדיק מאכל! קושן זיך — הייסט נישט אַז מען האָט זיך ליב! גאָרנישט! מען קושט זיך!...

און נאָך אַ זאַך האָט מיר מיין באַגלייטער דערציילט: אָט דאָס וואָס ער האָט היינט גערעדט, איז דאָס געווען די געשיכטע פון לעבן פון זיין כלהס מוטער, וועלכע האָט — ביים אונטערוואַרפן זי אין אַ שפּיטאָל — איבערגעלאָזט אַ בריוו וועגן איר אומגליקלעכער ליבע! אַ ליבע פון אַן אָרעם מיידל, וואָס אַרבעט אין אַ „אָפיס", מיטן באַלעבאָס, וואָס האָט אַ פרוי מיט קינדער! עס איז נישט געווען

קיין „פאַרפירטע ליבע“. זי האָט געוווּסט אַז ער איז אַ באַווייבטער און אַ טאַטע, אָבער, זי האָט אים שטאַרק ליב געהאַט! האָט זי באַשלאָסן:

געניסן אַ ביסעלע פון זיין ליבע, און ווען דאָס טעכטערל איז געבוירן געוואָרן און זי האָט עס איבערגעלאָזט אין שפּיטאָל — האָט זי זיך אַריינגעוואָרפן אין איסט־ריווער!... איבערלאָזנדיק אַ בריוו, אָבער, נישט אָנגעגעבן דעם נאָמען פון פּאָטער.

איר פּאָטער האָט פון די בילדער אין די צייטונגען, דערקענט זיין געליבטע, איז געוווּיר געוואָרן פון איר איידעלער באַנעמונג נישט צו קאָמפּראָמעטירן זיין נאָמען — האָט ער צוגעשיקט אין שפּיטאָל ווו זי — דאָס טעכטערל — איז אויפגענומען געוואָרן, אַ שיינעם טשעק פאַרן אַנשטאַלט און פאַרן קינד — ווען עס וועט גרויס ווערן. געהייסן רופן דאָס מיידעלע ליליאַנאַ, און געמעלדעט אַז ער... גייט אַוועק צו זיין געליבטער! ער נעמט זיך דאָס לעבן!...

מען האָט אים אויך געפונען, אָבער, פאַר קיין פאַל האָט מען נישט געקאָנט — ביז היינט צו טאָג — פעסטשטעלן זיין נאָמען! פאַרן אַריינוואַרפן זיך אין וואַסער, האָט ער — מיט אַ מעסער — אַזוי צעקאַראַדאַשעט די פינגער פון זיינע הענט און פיס, אַז עס איז אוממעגלעך געווען פעסטצושטעלן ווער דער געפונענער דערטרונקענער איז. דער טשעק איז געווען אַ באַנק־כירע אויף אַ פרעמדן נאָמען.

און אַזוי איז געבליבן אַ סוד פאַר ליליאַנען, ווער אירע עלטערן — און איר פאַמיליע בכלל — זענען געווען!

דער „רעפערענט“ דער „פרענד־באָי“ — דער חתן פון אָט דער אומגליק־לעכער טאָכטער, האָט, אין זיין „קלוב“ דיסקוטירט די האַנדלונג פון ליליאַנאַס עלטערן און זיי שטאַרק געלויבט!...

און איצט, אַהיים גייענדיק פון די „קלובן“ וועל איך דיך „דורכפירן“, דורך אַן אינטערעסאַנטן געגנט וואָס ניו־יאָרק פאַרמאָגט! דער געגנט הייסט:

— „טשאַינאַ־טאַון“.

דאָס איז אַ געגנט, ווו עס וווינען אַ סך כינעזער, יאַפּאָנעזער, און גאָר ספּע־ציעל — פּאָרטאָ־ריקאַנער.

מיט אָט דער לעצטער „אומה“ האָט זיך אַמעריקע אָנגעפרעגט „מפטיר“. מיט פּאָרטאָ ריקאַ, איז טאַקע יאָ, ווי די געשיכטע מיטן „בער“. אַמעריקע וואָלט שוין געוואָלט פּטור ווערן פון פּאָרטאָ ריקאַ — האַלט פּאָרטאָ ריקאָ די אַמערי־קאַנער ביים האַלדז און לאָזט זיך נישט אָפּטשעפּען פון זיך.

אַמעריקע האָט געוואָלט צוציען צו זיך אָט דאָס לענדעלע און עס מאַכן פאַרן 49סטן שטאַט פון אַמעריקע. זענען, אָבער, די פּאָרטאָ ריקאַנער „ווילדע“ מענטשן, זיי ווילן נישט די גליקן פון הייסן אַמעריקאַנער און ווילן בעסער בלייבן זעלבסט־

שטענדיק. דערוויל האָט זיך קיין אַמעריקע — ספּעציעל קיין ניו־יאָרק, אַריינ־באַקומען טויזנטער, צענער טויזנטער פּאָרטאָ־ריקאַנער, וואָס זענען נישט פון די בעסטע איינוווינער פון לאַנד און האָבן אַפילו אָנגעמאַכט אַ „פּאָגראָם" אין אַמעריקאַנער קאָנגרעס, שיסנדיק פון דער גאַלעריע אויף די קאָנגרעס־לייט.

אַלזאָ, אין אָט דעם „טשאַינאַ טאַון" פיר איך דיך איצט אַריין.

דורכגיין אָט די גאַסן ביינאַכט — וואָלט איך געוויס מורא געהאַט. אַפילו די פּאָליציי־לייט, וואָס געוויינלעך, טראָגן זיי בלויז „קלאָבס" — טראָגן דאָ רעוואָל־ווערן און ווען זיי גייען — זענען זיי שטענדיק נישט קיין איינציקע נאָר אין צווייען!...

די דאָזיקע פּאָרטאָ ריקאַנער, האָבן אָבער אַ גרויסע מעלה! זיי מערן זיך און פּרוכפּערן זיך אויסערגעוויינלעך! יעדער פאַמיליע פאַרמאָגט פון 8 ביז 10 און אַמאָל מערער קינדער. ד"ה, אין 20 יאָר אַרום, וועט אַמעריקע האָבן נייע, פרישע, קרעפטיקע סאָלדאַטן וואָס האָבן נישט קיין מורא פאַר קיין קויל, פאַר קיין שפּיז, און שלאָגן זיך ווי לייבן!...

די דאָזיקע אַלע פּאָרטאָריקאַנער, האָבן זיך באַזעצט אין סאַמע האַרץ פון אידישן ניו־יאָרק — אין מאַנהאַטען, און אַ סך אידישע איינוווינער — אין די טויזנטער — האָבן זיך געמוזט פון דאָרט אַרויסציען. עס איז נישט קיין פּלאַן צו לאָזן די קליינע קינדער זיך „לערנען דערציִונג" ביי אָט דער אומה, וועלכע איז געוווינט צו אַן אַנדער שפּראַך און אַנדערע באַנעמונגען... די שענסטע געגנטן פון בראָדוויי־וועסט, פון צענטראַל־פּאַרק און ריווערסייד־דרייוו זענען באַזעצט געוואָרן די פּאָרטאָריקאַנער.

און אָט, דאָ אין דער זייט, געפינט זיך דער „כינעזישער קוואַרטאַל". דאָ איז שוין ריינער, ווייל די כינעזער וווינען שוין דאָ לענגערע יאָרן און זענען שוין "אַמעריקאַניזירט" און... ציוויליזירט. דאָך, וואָלט איך דאָ אַליין מורא געהאַט דורכגיין ביינאַכט!

אָט אַזוי איז אַמעריקע...

XXXIII

טייערע גאָלדע:

איך בין שוין ווידער געפאָרן איבער אַמעריקע. איך האָב געדאַרפט דרינגנד זיין אין וואַשינגטאָן. איך האָב געדאַרפט צוגרייטן מיין „אָפּיציעלן" וויזיט אין דער הויפּט־שטאָט פון דער וועלט. אָבער, אַזוי ווי איך האָב עס געמאַכט אין איילעניש און נישט געמעלדעט דער סימפּאַטישער פריילין אין סטייט־דעפּאַרטאַ־מענט פון ניו־יאָרק, אַז איך קלויב זיך צו פאָרן קיין וואַשינגטאָן — האָט מיין רייזע נישט געהאַט קיין דערפאָלג. קיינער האָט מיך נישט אָפּגעוואַרט, איך האָב אַ ביסעלע געבלאָנדזשעט און איך האָב זיך אומגעקערט צוריק.

און איצט, הער וואָס מיט אַ „גרינעם" קאָן זיך טרעפן אין אַמעריקע. אַזוי ווי פון וואַשינגטאָן קיין ניו־יאָרק, פאָרט מען דורך פילאַדעלפיע באַשטים איך אָפּשטאַטן אַ וויזיט מיין פריינט פּרוסקי און אָפּשטייגן צום דריטן מאָל אין אַט דער שיינער שטאָט. אַראָפּגייענדיק פון באַן, באַשליס איך רעדן אַ „היים" קיין ניו־יאָרק, אַז איך וועל בלייבן אין פילאַדעלפיע. איך רעד צו מונין — קיינער ענטפערט מיר נישט. איך רעד צו אַלטערן — קיינער ענטפערט נישט. באַשליס איך, נעמען דעם נעקסטן באַן, וועלכער גייט אַלע שעה, און פאָרן אַ „היים".

דער באַן איז אָנגעקומען און — אין איילעניש, קוק איך זיך נישט אום וווהין דער באַן גייט און זעץ זיך אין אים אַריין. אין אַ פּאָר מינוט אַרום — מיין באַן שלענגלט זיך שוין איבער די געדרייטע גאַסן פון פילאַדעלפיער פאָרשטעט־לעך. איך באַטראַכט די שיינע שטאָט און לייען די טאַבליצעס פון די גרויסע פאַבריקן און איך טראַכט שוין פון געבן אַ קוועטש דאָס קנעפל און בעטן אַ „סענדוויטש".

קומט אָן דער קאָנדוקטאָר וואָס בעט די בילעטן, נעמט מיין בילעט און זאָגט מיר עפּעס. איך פאַרשטיי נישט וואָס ער רעדט צו מיר. אויף זיין פּנים ליגט אויסגעצויגן אַן ערנסטקייט, גלייך ווי ער זאָל האָבן געפּאַקט אַ רוסישן שפּיאָן. ווערליק ער רעדט צו מיר, פאַרשטיי איך, אַז איך בין נישט אין אָרדע־נונג. ער מאַכט מיט די הענט, איך ענטפער אים מיט די הענט און צו קיין טאָלק — קומט עס נישט. מיין גליק איז, עס האָט זיך צוגעשאַרט אַן אַמעריקאַנער באַי מיט... אַ פּאָר פּאות ביז אין די קניעס און ער איז געוואָרן אונדזער „דאָלמעטשער".

וואָס איז געשען? אַין קלייניקייט. איך האָב אַ טעות געהאַט ביים נעמען דעם באַן. אַנשטאָט צו נעמען דעם באַן וואָס איז געשטאַנען אויף דער צווייטער פּלאַטפאָרמע, וואָס גייט קיין ניו־יאָרק, האָב איך „געכאַפּט" דעם באַן וואָס גייט

קיין וואַשינגטאָן. די נעקסטע סטאַנציע איז באַלטימאָר און ביז באַלטימאָר — שטעלט ער זיך נישט.

דער קאָנדוקטאָר הייבט שוין אָן שמייכלען. עס איז פאַרשווונדן זיין ערנסט־קייט. גאָר ספּעציעל, האָט אים אַמוזירט מיין זשורנאַליסטן־קאַרנעטל אויף ענגליש וואָס איז פאַר אים אַ נייס. איך ריכט זיך אַז איך וועל דאַרפן באַצאָלן פאַר דער רייזע ביז באַלטימאָר און צוריק. איך ריכט זיך אויך צו באַצאָלן אַ „מולטע" (שטראָף) פאַר פאָרן אָן אַ בילעט.

דער קאָנדוקטאָר גיט מיר אָפּ צוריק דעם בילעט. ער מאָנט מיך גאָרנישט און האָט אָנגעשריבן אויף אים, אַז איך דאַרף פאָרן פריי פון באַלטימאָר ביז פילאַדעלפיע.

אָט אַזוי איז אַמעריקע. אַ מענטש האָט אַ טעות — דאַרף מען אים העלפן.

איך נוץ שוין אויס די געלעגנהייט און בלייב אַ ביסל אין באַלטימאָר.

**
*

אַז אין באַלטימאָר ווינען, קיין עין־הרע, אַ היפּשע צאָל ייִדן — האָב איך פון שטענדיג אָן געוווּסט. נאָר אַז באַלטימאָר איז איינע פון די ייִדישסטע שטעט אין אַמעריקע — בין איך ערשט געוווירע געוואָרן אין ניו־יאָרק, ווען איך האָב געלייענט די אָפּטיילונגען פון באַלטימאָר, וואָס ווערן געדרוקט איןביידע גרויסע ייִדישע צייטונגען. שפּעטער, האָב איך, אין געשפּרעכן מיט חברים שרייבער, באַקומען גאָר אַן אַנדער בילד וועגן באַלטימאָר. אַ סברא, — אַזוי האָט מען מיר דערציילט, — אַז באַלטימאָר איז ייִדישלעכער פון ניו־יאָרק. אין באַלטימאָר פּול־סירט נאָך דאָס ייִדישע און דאָס טראַדיציאָנעלע ייִדישע לעבן. אַנדערע, האָבן מיך נאָך מערער אינפאָרמירט. זיי האַלטן, אַז באַלטימאָר איז די ייִדישסטע שטאָט פון גאַנץ אַמעריקע. מען האָט מיר אַפילו דערציילט, אַז די בעסטע ישיבה־בחורים, די בעסטע ייִדישע שילער פון די אוניווערזיטעטן קומען פון באַלטימאָרער ייִדי־שע הייזער.

אָט ווער איך געוווירע אַ קוריאָז. דער רעדאַקטאָר פון דער אָפּטיילונג פון „מאָרגנזשורנאַל" — אין באַלטימאָר איז אָן אינטעליגענטנער רבאי, אַ מענטש מיט אַ סך ייִדישער און וועלטלעכער בילדונג. ער הייסט הרב שמואל פליסקין. למען האמת. די אָפּטיילונג פון באַלטימאָר ווערט זייער געשמאַק געלייענט פון אַלע לייענער פון דער אויבנדערמאָנטער צייטונג אויסער באַלטימאָר אויך.

איך האָב גענומען אַ טאַקסי און זיך באַדינגען מיט אים אויף דער שעה, מיר האָבן זיך זייער גוט צונויפגערעדט ווייל... ער האָט גערעדט ייִדיש גלייך מיט מיר. איך האָב מיט אים אָפּגעמאַכט, אַז ער דאַרף ביי מיר נעמען געלט

בלויז פאַר דער צייט וואָס מיר וועלן פאָרן. פאַר דער צייט פון „שטיין" — בין איך פריי פון צאָלן. דאָס הייסט, — עס ווערט מיר אַראָפּגערעכנט די צייט פון דער אַלגעמיינער רעכענונג. און, אָט אַזוי, האָב איך אין משך פון דריי שעה מיט פערציק מינוט פאָרן און פון אַ שעה מיט פופצן מינוט שטיין, אויסגעקוקט דאָס וויכטיקסטע פון באַלטימאָרער יידישקייט.

דאָס ערשטע פירט ער מיר צו אָנקוקן די קאָנגרעגיישן „בית תפילה", וואָס לויט ער דערציילט מיר, איז דער דאָזיקער מקום קדוש איינער פון די עלטסטע אין באַלטימאָר. איך פאַרשפּאָר אים צו פרעגן. ער דערציילט מיר, אַז דאָ, קומען

ראַבאַי יעקב פערלמוטטער

ראַבאַי שמואל פליסקין

גייסטיקע פירער פון באַלטימאָרער יידנטום

אַלע טאָג עטלעכע מנינים יידן, אַלטע און יונגע און, נישט בלויז מען דאַוונט, נאָר מען הערט דעם רבאַיס דרשה און תורה.

שפּאַצירנדיק איבער באַלטימאָר, פאָרן מיר צו צום „סיני־האָספּיטאַל". בכלל, האָב איך באַמערקט, אַז אין אַמעריקע האָבן אַלע יידישע שפּיטעלער אַ נאָמען. די גרעסטע טייל יידישע שפּיטעלער, טראָגן דעם נאָמען „סיני". דער גרעסטער יידישער שפּיטאָל אין אַמעריקע — אין ניו־יאָרק, טראָגט דעם נאָמען: „מאָונט סיני" (באַרג סיני).

דער באַלטימאָרער סיני־שפּיטאָל, געפינט זיך אין אַ שטילער, רויקער געגנט אויף מאָנומענט און רוטלאַנד גאַס, און פאַרנעמט אַ ריזיקן פּלאַץ אין דער ברייט און אין דער הויך. איך בין געווען אינעווייניק בלויז 15 מינוט, אָבער, עס וועט מיר אייביק בלייבן אין זכרון.

מיין שאָפער פירט מיך אָנקוקן די רבנים-שול פון באַלטימאָר. זי איז אַ



דער מאונט־סיני שפּיטאָל אין באַלטימאָר

שטיק ישיבה, אַ שטיק אוניווערזיטעט און אַ פּלאַץ פון תורה און חכמה. פון דאָרט קומען אַרויס הונדערטער רבנים־רבי׳ס, וועמענס אויפגאַבע איז, דערציִען דעם יינגן ייִדישן דור אין ייִדישן גייסט בכלל און צוגרייטן גייסטיקע פירער פאַרן אַמעריקאַנער ייִדנטום בפרט.

הן דער אויסזען אינדרויסן פון אָט דער רבנים־שול, הן אינעווייניק, איז אַזוי ריין און ציכטיק, אַז... עס גליסט זיך, ממש, מאַכן אַ ברכה דערויף.

און, אָט זענען מיר צוגעפאָרן צו אַ צווייטן אַלטן מקום קדוש. „שערי־תפילה־קאָנגרעגיישען", הייסט ער. די דאָזיקע שיל מאַכט זייער אַן אינטערעסאַנטנעם אויסזען. מיט אַ קופּאָל, מיט אויסגעהאַקטע לוחות אויף די פאַדערשטע ווענט אינדרויסן, אינטערעסאַנט איז געווען אַ קוריאָז. ווען מיר זענען געשטאַנען אינדרויסן און באַקוקט די געביידע, איז צופעליק, דורכגעגאַנגען אַ קריסט, און ער האָט מיט יראת הכבוד, אַראָפּגענומען זיין הוט פאַרבייגייענדיק. דאָס הייסט: — דרך־ארץ פון אַ גלויביקן פאַר אַ געבעט־הויז, מעג זיין פון אַ פרעמדער רעליגיע...

מיר פאַרקערעווען און פאַרן אָנקוקן דעם זשאָנס־האָפּקינס אוניווערזיטעט, איי־
נער פון די באַרימטסטע אין אַמעריקע.עס וואַרפט זיך שטאַרק אין די אויגן, וואָס
די גרעסטע טייל אוניווערזיטעטן געפינען זיך אין שטילע, רויקע גאַסן, מיט אַ
גאָרטן פון פאָרנט, מיט אַ פּלאַץ פאַר עטלעכע הונדערט... אויטאָס פון די סטו־



בית־יעקב קאָנגרעגאַציע — באַלטימאָר



דער ישיבה־אוניוועריסיטעט אין באַלטימאָר

דענטן און סטודענטקעס. זעלטן, אַז אַ סטודענט זאָל נישט האָבן קיין קאַר מיט
וועלכער ער דאַרף קומען אין אוניווערזיטעט...

מיך שאַפער ווייסט אַז איך וויל אַלץ „אַריינכאַפּן" אין אַ קורצער צייט,
לאָזט ער מיך לאַנג נישט „באַלאַמוטשען" אין איין פּלאַץ און מיר פאָרן אָנקוקן
דעם „שיידענמאַן־שפּיטאָל", וואָס איז אויך אַ זעלטענהייט אין באַלטימאָר און
אַפילו אין אַמעריקע. מען מאַכט דאָרט די וויכטיקסטע עקספּערימענטן און עס

אַרבעטן דאָרט די גרעסטע פּראָפעסאָרן פון אַמעריקע. דער שפּיטאָל ווי דער שפּיטאָל, נאָר דאָס פּלאַץ ווו דער שפּיטאָל געפינט זיך, איז אַ הערלעכס. אַרומגע־רינגלט אי מיט זון און אי מיט שאָטן, אי מיט פרייער לופט, וואָס פון דער לופט אַליין קאָן מען געזונט ווערן...

מיר פאָרן אָנקוקן די „ישיבה און הויך־שול־אוניווערזיטעט" פון באַלטימאָר. דאָס איז אַזאַ אינסטיטוציע ווו די תּלמידים קריגן דעם טיטל אַלס רבי און אַלס

רבי ד"ר יוסף סאַפּראַ

גייסטיקע
פירער
פון
באַלטימאָר

רבי הערדי
ס. לעווין

דאָקטאָר. הונדערטער און טויזנטער תּלמידים האָט שוין אָט די ישיבה אַרויסגע־געבן. הונדערטער און הונדערטער רבי׳ס איבער אַמעריקע האָבע די בעסטע פּאָסטנס, אַ דאַנק זייער בילדונג, וואָס זיי האָבן געקראָגן אין אָט דער ישיבה.

פון דאַנעט פאָרן מיר אָנקוקן אַ יידיש־העברעיִשע שולע אויפן נאָמען פון אַ יידן „איסאַק דאַווידזאָן". דאָס איז שוין, אַזוי צו זאָגן, אַ „מאָדערנע" יידישע שולע. מען טרעפט שוין דאָ פרויען אַלס לערערקעס און אַלס אָפּהיטערינס פון די קינדער.

אַ צווייטע שולע און קאָנגרעגיישן וואָס איז ווערט געווען אָנצוקוקן, איז געווען אונדזער באַזוך אין דער „בית יעקב־קאָנגרעגיישן". אַ מקום פון תּורה און יידישער דערציִונג, אַ פּלאַץ ווו אַמעריקאַנער „באָיעס", וועלכע רעדן כמעט בלויז ענגליש, דאָך, ווען זיי ענדיקן אָט די שולע, זענען זיי גאַנצע יידן און גאַנצע... מענטשן. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן — און אפשר נאָך מערער, וועגן דער בית יעקב־שולע פאַר מיידלעך.

עס גייט נישט אין דעם, וואָס מען לערנט אַמעריקאַנער יידישע מיידלעך, די דינים פון „נעמען חלה" אָדער, ליכט־בענטשן. עס איז זיכער אַ נייטיקע און וויכטיקע, און טאַקע הייליקע זאַך צו לערנען יידישע מיידלעך יידישקייט בכלל און יידישע טראַדיציעס — בפרט.

איידער איך פאַרענדיק מיין שפּאַציר איבער באַלטימאָר, פאָר איך נאָך אָנקוקן אַ צווייטע, אַלטע און אינטערעסאַנטע קאָנגרעגיישן, „בני ישראל" הייסט

גייסטיקע יידישע פירער פון באַלטימאָר

ד"ר סאַמועל ראָזענבלאַט



ד"ר מ. ר. שוחט

זי. כ'לעבן, ס'איז כדאַי צו זיין אין אַמעריקע, זיך אַראָפּכאַפּן קיין באַלטימאָר, און אָנקוקן אָט די דאָזיקע ריזיקע יידישע אינסטיטוציעס וועמענס הויפּט־ציל איז — פאַרשטאַרקן דעם בונד פון דער יידישער יוגנט מיט זיין פאָלק, מיט זיין אָפּשטאַם און... פאַרזעצן דעם המשך!

באַלטימאָרער יידישע אַנשטאַלטן, דערפילן זייער אַרבעט בשלמות.

אָט פאָרן מיר דורך אַ גראַנדיעזע יידישע אינסטיטוציע וואָס הייסט: —„הר סיני־צענטער". זייער טעמפּל איז אַלט 113 יאָר.

אַ צווייטן אַנשטאַלט פאָרן מיר דורך, וואָס טראָגט דעם סימפּאַטישן נאָמען „אוהב שלום"־קאָנגרעגיישן. און ער האָט ערשט נישט־לאַנג געפייערט זיין הונ־דערט־יאָריקן יובל.

מיין שאָפער וויייזט מיר אָן אויף די אַנשטאַלטן און קאָנגרעגיישענס:

א. ד. גלושאַקאָוו

אינטעלעקטואַל און זשורנאַליסט, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ וויכטיקן לעקסיקאָן וועגן באַלטימאָרער יידן.

אַ גרופּע תּלמידים פון דער שולע אויפן נאָמען פון איסאַק דאַווידזאָן

„חיזוק אמונה“, „בני אברהם“, „בית המדרש הגדול“, „שערי תפילה קאָנג־רעגיישן“, „תפארת ישראל“ און,אָט איז אַ בית־יעקב־שול פאַר „קראַנקענשוועס־טער“. באַלטימאָר האָט וויניקער ייִדן ווי בועניאָס איירעס, דאָך, לערנען זיך אין אָט דער שולע העכער צוויי הונדערט ייִדישע מיידלעך. אויף אונדזער „אָזע“ געזאָגט געוואָרן.

אַ שאָד, וואָס איך האָב קיין צייט נישט זיך פּערזענלעך צו באַקענען מיט די וויכטיקסטע פירער פון באַלטימאָרער ייִדן. אפשר וועל איך עס קענען טאָן ביי

פירער פון באַלטימאָרער ייִדנטום

ד"ר אברהם שוסטערמאַן

ראַבאַי ד"ר נתן דרייזין

אַ צווייטער געלעגנהייט. ספּעציעל, וואָלט איך געוואָלט קענען דעם מיסטער א. ד. גלושאקאָוו, אַן אינטעלעקטואַל און זשורנאַליסט, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אַ ווערטפולן בוך (ליידער, בלויז אין ענגליש) וועגן דעם ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון באַלטימאָר. דאָס איז אַ מין לעקסיקאָן פון אַלעס וואָס עס איז פאַראַן פון ייִדישקייט אין באַלטימאָר.

לויט אונדזער אָפּמאַך, איז דעם שאָפער געקומען העכער דרייסיק דאָלאַר (העכער טויזנט אַרגענטינער פּעזעס). גלויב מיר, גאָלדע, אַז עס האָט זיך מיר געלוינט צו באַצאָלן אַ טויזנטער פאַר דעם וואָס איך האָב היינט געזען. האָב איך, אָבער, מזל. האָב איך, ווייזט אויס, באַקומען חן אין די אויגן פון מיין שאָפער. ער האָט מיר געהאָלפן מיט מיין אַפּאַראַט אַראָפּנעמען עטלעכע בילדער (אַ טייל בילדער וועל איך נוצן פון גלושאַקאָווס בוך) און, אָנשטאָט די פאָר און

דרייסיק דאָלאַר, האָט ער ביי מיר גענומען בלויז 15 דאָלאַר און מיך נאָך צוגע־פירט צו דער סטאַנציע און מיך, פּשוט, אַריינגעזעצט אין באַן.

רבי אורי מיללער



יעקב י. עדעלמאַן

גייסטיקע פירער פון באַלטימאָרער יידנטום.

עס האָט זיך מיר פון באַלטימאָר נישט געגלוסט אָװעקפאָרן. מיר דוכט זיך, אַז אין באַלטימאָר אַליין איז פאַראַן מער יידיש לעבן און מער יידישקייט װי אין גאַנץ אַרגענטינע און אין גאַנץ זיד־אַמעריקע. בלויז אויפן פרייען באָדן פון אַמעריקע האָט געקאָנט אַרויסשפּראָצן אַזאַ יידישער ישוב װי אין באַלטימאָר! אָט, אַזוי איז אַמעריקע!

XXXIV

טייערע גאָלדע.

איך בין איינגעלאַדנט אויף דריי טעג צו פאָרן קיין טשיקאַגאָ און — טאַקע מיט „דיר". וועל איך איצט מאַכן אַ שפּאַציר איבער אָט דער שטאָט.

אַז טשיקאַגאָ איז אַ שיינע, גרויסע — טאַקע איינע פון די גרעסטע שטעט — פון אַמעריקע, ווייסט יעדער איינער!

אַז טשיקאַגאָ איז באַרימט אויף דער וועלט מיט אירע גרויסע פאַבריקן, מיט אירע שטאָל־גיסערייען — ווייסט אויך יעדער איינער.

וואָס איך האָב אויך געוווּסט, איז, אַז טשיקאַגאָ האָט אַ נאָמען פאַר דער שטאָט פון די גרוואַגסטע... באַנדיטן און „האָלד־אַפּניקעס". געווען צייטן — צוריק מיט... 50 יאָר, ווען איך בין אַ קליין קינד געווען איז זיך צוגעהערט צום טאַטנס פּלענער וועגן פאָרן קיין אַמעריקע, געדענק איך, אַז פון טשיקאַגאָ האָט ער ווינציק וואָס געהאַלטן. לויט זיינע מעשיות וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אין שול ביי שלוש־סעודות, און ער פלעג זיי אונדז דערנאָך איבערדערציילן, איז אויסגעקומען, אַז אין טשיקאַגאָ כאַפּט מען מענטשן אויף דער גאַס, מען בינדט זיי און מען נעמט ביי זיי צו דאָס בייטעלע און זיי דאַרפן נאָך דאַנקען גאָט וואָס מען טוט זיי אַ טובה און... מען לאָזט זיי לעבן!

נו, ביי אונדז, אין אַרגענטינע, האָבן מיר זיך דען ווייניק אָנגעהערט פון טשיקאַגאָ מיט דער אונטערוועלט וואָס דרייט זיך אַרום אין טשיקאַגאָ? ווען עס טרעפט עפּעס אָן „אַסאַלטאָ" („האָלד־אַפּ") זאָגן מיר דען נישט, אַז עס איז געמאַכט אויפן טשיקאַגער שטייגער!

אַז עס איז באַשערט אַ שטאָט „באַרימט" צו ווערן איז דאָך נישט שייך!

איצט, ווען דער פריינט ה. פ. לאַדט מיך איין „אויף זיינע הוצאות", אויף אַ „ראַיד" קיין טשיקאַגאָ אויף דריי טעג — ווי אַזוי קאָן מען זיך אָפּזאָגן פון אַזאַ פאַרגעניגן?!...

דאָך, האָב איך צוויי מאָל געטראַכט איידער איך האָב אים צוגעזאָגט אַז איך וועל פאָרן מיט אים! די געשעענישן אין ניו־יאָרק פון די יונגע בויאַנעס האָבן אויף מיר געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז איך בין שוין געווען אין מורא פאַר אַזאַ „באַרימטער" „האָלד־אַפּ" שטאָט ווי טשיקאַגאָ.

און נאָך אַ זאַך האָט מיך אָפּגעהאַלטן פון פאָרן קיין טשיקאַגאָ.

אויב אין ניו־יאָרק האָב איך פאַרזוכט דעם טעם פון פרעסט — וואָס אונדזער גראַדוסניק צייגט מיר, אַז היינט איז 15 הינטערן נול און נעכטן אין געווען 18

הינטערן נול, איז אין טשיקאַגאָ טרעפט מען אין אַ פּשוטן מיטוואָך... 31 הינטערן נול! נו, אַזאַ „גבר‟, אויסהאַלטן אַזאַ פראָסט — נעם איך זיך נישט אונטער.

פון דער צווייטער זייט, גלוסט זיך פאָרט אָנקוקן אָט די פּרעכטיקע שטאָט. איך ווייס אַז אין טשיקאַגאָ איז דאָ וואָס צו זען.



טשיקאַגער קונסט־אינסטיטוט וואָס שמ׳ט אויף דער וועלט

אָט דערציילט מען מיר ווי אַזוי אין טשיקאַגאָ בויעט מען הייזער פון 20 שטאָק. מען הייבט אָן בויען דעם ערשטן פון חודש און ביז צו די זעכציק טעג — איז דער בנין פאַרטיק צום אַריינציִען זיך.

אויף צו קאָנען טשיקאַגאָ — מוז מען אַהין פליִען, און אַז מען קומט קיין טשיקאַגאָ דאַרף מען דאָרט זיין, נישט קיין דריי טעג — נאָר דריי וואָכן, דריי חדשים, קאָן מען אפשר עפּעס זען.

עס ווייזט מיר דער פריינט ה. פּ. די פאַבריק פון קאָנסערוון־פלייש, ווו ער איז דאָרט אַ שטיקל „מחותן‟ און טאַקע צוליב אָט דער פאַבריק דאַרף ער אַהין פליִען.

הונדערטער און הונדערטער בהמות שטייען אין „רייע‟ און וואַרטן אויף דער „גוטער‟ מינוט, אַז עס זאָל אָנקומען זייער „טורנע‟.

ווי נאָר די בהמה קומט צו צו די מעכאַנישע טרעפּ גיט עס זי אַ שלעפּ אַרויף און אין איין רגע — כאַפּט זי אַן עלעקטרישן שאָק וואָס פאַרטומלט זי. אין יענעם אויגנבליק, גיט דער שוחט אַ פאָר איבער מיטן חלף איבער איר האַלדז.

פון דעם שניט איבערן האַלדז, שלעפּט עס שוין די בהמה, אויטאָמאַטיש, פון מאַשין צו מאַשין. אין 36 מינוט אַרום, קומען מיר אַרויס פון „שלאַכט־הויז" מיט



אין „אָפּרו־פּלאַץ" פאַר די בהמות איידער מען שחט זיי

אַ פּושקעלע אָפּגעקאָכטע קאָנסערוון פון אָט דער בהמה. דאָס פּושקעלע איז שוין הערמעטיש פאַרמאַכט, האָט שוין דאָס בלעטעלע אויף זיך ווען מען האָט עס אָנגעפולט און אין דריי טעג אַרום, ווערט עס אָפּגעשיקט צום „סטאָר", — צום קרעמער צום פאַרקויפן!

אַזעלכע קאָנסערוון־פּושקעס, ווערן אין אָט דער פאַבריק געמאַכט קרוב צו אַ מיליאָן אַ טאָג. מען עסט אָט די קאָנסערוון אין גאַנץ אַמעריקע, אין זיד־אַמעריקע, אין אייראָפּע און אַפילו אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

— וויפל מענטשן אַרבעטן אין אָט דער פאַבריק?

אַרום 4 טויזנט. אָבער, נישט אַלע אַרבעטן בלויז ביים מאַכן די קאָנסערוון־

פושקעס. די פאַבריק אַרבעט אויך אויף פאַרשידענע פּראָדוקטן פון די איבעריקע טיילן פון דער בהמה. עס ווערט גאָרנישט פאַרלוירן. אָנהייבנדיק פון די הערנער ביז די קאָפּיטעס פון די פיס, ווערט אַלץ אויסגעאַרבעט און פאַרברויכט.

— צו וועמען געהער אָט די ריזיקע פאַבריק?

— ס׳הייסט צו וועמען? פאַראַן אַקציאָנערן וואָס האָבן „שער׳ס" (אַקציעס)



דער פּרעכטיקער סטאַדיום פון טשיקאַגאָ

און פאַראַן אַ דירעקטאָריום פון די אַקציאָנערן און פאַראַן אַ פּרעזידענט און אַ וויים־פּרעזידענט און אַ טשערמאַן (סעקרעטאַר) אאַ״וו. „צופעליק" איז, אי דער פּרעזידענט, אי דער וויים־פּרעזידענט, אי דער טשערמאַן... ייִדן, היימיש ייִדן, וואָס זענען גוט באַקאַנט אין אַמעריקע מיט זייער פילאַנטראָפּישער טעטיקייט און מיט זייערע גרויסע באַשטייערונגען פאַרן „אַפּיעל" (פאַראייניקטן קאַמפּיין) און פון דער צדקה פעדעראַציע.

עס איז דאָ וואָס אָנצוקוקן אין טשיקאַגאָ. אַ שאָד וואָס איך קאָן דאָרט קיין דריי טעג נישט זיין. און אין זעקס שעה — איז נישטאָ וואָס צו זען אין טשיקאַגאָ.

פאַראַן אין טשיקאַגאָ אַ פּראַכטפולער „דערציִונגס־בנין" אויף דער 72 איסט און 11טע גאַס. דער דאָזיקער בנין, איז אַ מין וועד החינוך ווי מיר האָבן, און דאָרט קאָנצענטרירט זיך דאָס קולטורעלע און דערציִעריש ייִדישע לעבן פון טשיקאַגאָ.

פֿאַראַן דאָרט אויך אַ „קאָלעדזש־טעאַטער" — אַ שול־טעאַטער און אַ גראַנדיעזער סאַלאָן פֿאַר רעפּעראַטן.

עס איז אינטערעסאַנט דאָס ייִדישע לעבן אין טשיקאַגאָ. מען איז נישט מקנא ניו־יאָרק מיט אירע ייִדישע גאַסן און ייִדישע געגנטן. מען קריגט עס אין טשיקאַגאָ אויך. אָט גרייט מען אַ באַנקעט פֿון אַ תורה־אַנשטאַלט, האָט מען פֿאַרטיילט 1200 איינטריט־קאַרטן, און מעגסט זיין זיכער אַז 95 פּראָצענט פֿון זיי וועלן קומען און אויפֿן באַנקעט וועט געשאַפֿן ווערן פֿאַרן אַנשטאַלט אַ פּאָר הונדערט טויזנט דאָלאַר. די מענטשן וואָס זענען געלאַדנט צום באַנקעט ווייסן אַז דאָרט וועט מען מאָנען געלט, און דאָך, קומען זיי. אין אַמעריקע ווייסט מען אַז מען דאַרף געבן...

פֿאַראַן צוויי אָרגאַניזאַציעס וואָס זענען איבערהויפּט שטאַרק טעטיק אין טשי־קאַגאָ. דאָס איז די „הדסה" און די „הסתדרות". אַרום דער ערשטער זענען פֿאַרבונדן 90 פּראָצענט פֿון די טשיקאַגער ייִדישע פֿרויען. די „הדסה" איז דאָרט אַזוי פּאָפּו־לער, אַז עס איז אַ בזיון פֿאַר אַ פֿרוי אויב זי איז נישט אַנגעשלאָסן אין דער „הדסה".

אין עטלעכע חדשים אַרום וועט פֿאָרקומען דער יערלעכער צוזאַמענפֿאָר פֿון דער „הדסה". ריכט מען זיך אויף... פֿיר טויזנט דעלעגאַטקעס. דער צוזאַמענפֿאָר קומט פֿאָר טאַקע אין טשיקאַגאָ, אין מאָריסאָן־האָטעל.

שטעלסט זיך פֿאָר אַזאַ צוזאַמענפֿאָר מיט אַזאַ האָטעל וווּ אַלע דעלעגאַטקעס, — אַ חוץ די איינגעלאַדענע געסט — זאָלן האָבן פּלאַץ וווּ צו זיצן, וווּ צו רעדן און וווּ צו עסן לאַנטש און „סאַפּער".

בלויז אין אַמעריקע קריגסטו אַזאַ האָטעל!

אין אַלגעמיין, זענען פֿאַראַן אין טשיקאַגאָ אינסטיטוציעס מיט ייִדישן פֿאָלקס־געשמאַק און פֿאָלקס־שטייגער. ווי אין אַלע שטעט, זענען פֿאַראַן רייכע קאָנגרעגיי־שענס מיט ראַבאַיס, מיט „פּריי]טיקס צו נאַכטס סירוויס" — דאָס הייסט: פֿרייטיק אויף דער נאַכט, עסט מען אָפּ וועטשערע אין דער היים, און מען נעמט דעם „קאַר" און מען פֿאָרט אין טעמפּל הערן די רעדע פֿון ראַבאַי, און... דאַוונען עטלעכע פּסוקים פֿון קבלת־שבתדיקן דאַוונען.

טשיקאַגאָ האָט פֿון דעם אַלעם גלייך מיט אַנדערע פּלעצער, און אַלס צוגאָב — אַ גרויסע נעץ פֿון שולן וואָס געהערן צום אַרבעטער־רינג אָדער צו תלמוד־תורהס. פֿאַראַן אַפֿילו אַן אייגענער „וועד החינוך" פֿון תלמוד־תורהס, מיט אַ גרוי־סער פֿרויען־קאָמיסיע — זיי רופֿן עס דאָ „פֿרויען־דיוויזיע", וואָס איז טעטיק ביי די תלמוד־תורהס און געבן אַכטונג אַז די קינדערלעך זאָל גאָרנישט פֿעלן.

און — עס זענען פֿאַראַן קינדערלעך וואָס עס פֿעלט זיי!... פֿאַראַן קינדערלעך וואָס דאַרפֿן וואַרעמע מלבושים און די עלטערן קענען זיי נישט קויפֿן אַלעס וואָס

זיי דאַרפֿן. פֿאַראַן קינדערלעך וועמענס עלטערן קאָנען נישט צאָלן קיין שכר־לימוד! פֿאַרגעס נישט, גאָלדע, אַז אין אַמעריקע איז נישט „אומזיסט!״ פֿאַר אַלעס דאַרף מען צאָלן און פֿאַר שכר־לימוד — אוודאי! און אַז אַ טאַטע דאַרף שיקן צוויי אָדער דריי קינדער אין „סקול״ און אין „האַי־סקול״ איז אַ פּראָבלעם!

די הויפּט־פּאָסט אין טשיקאַגאָ, וואָס אַטענדירט אַ מיליאָן בריוו אַ טאָג.

שאַפֿן זיך אַזעלכע „פּרויען־דיוויזיעס״ וואָס זאָרגן שוין אַז די קינדער זאָל גאָרנישט פֿעלן. די דאָזיקע פֿרויען גייען נישט אַרום אַ גאַנץ יאָר מיט דער „טאָרבע״ נאָר איין מאָל אין יאָר מאַכט מען אַן אונטערנעמונג און מען שפּאָרט אָפּ אַזוי פֿיל, אַז עס זאָס סטייען אויפֿן גאַנצן יאָר.

צי איז פֿאַראַן אַ סך יידישע אָרעמקייט אין טשיקאַגאָ,

אָרעמקייט — אין פֿולן זין פֿון וואָרט — איז דאָ זייער ווייניק. יידישע אָרעמעלייט וואָס זאָלן בעטן נדבות אין גאַס, — איז נישט צו טרעפֿן! די צדקה־פֿעדעראַציע, ווי בכלל די פֿילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס זאָרגן שוין, אַז קיין איין ייד זאָל נישט אויסשטרעקן די האַנט אין גאַס. אָבער, עס איז פֿאַראַן אַן אַנדער סאָרט אָרעמקייט. עס ווערט אָנגערופֿן: ׳עס סטייעט נישט״.

מען פאַרלעבט מערער ווי מען פאַרדינט! אַזוי איז אין ניו־יאָרק, אַזוי איז אין פילאַדעלפיע און אַזוי איז אין גאַנץ אַמעריקע! אין אַזאַ גרויסער שטאָט ווי טשיקאַגאָ, מיט אַזאַ גרויסער אַרבעטער־באַפעלקערונג, זעט זיך אָן אָט דער סיסטעם פון „פאַרלעבן מער ווי פאַרדינען", אין אַ גרויסער מאָס.

בכלל פאַרלעבט דער אַמעריקאַנער מענטש מערער ווי ער פאַרדינט. אַמאָל, מיט פופציק אָדער פערציק יאָר צוריק, האָט דער עמיגראַנט געוווסט, אַז ער דאַרף שפּאָרן אַ סענט צו אַ סענט, אַ פּעני צו אַ פּעני, עס טראָגן אין באַנק אַריין און אָנקלייבן אַזוי פיל, אַז עס זאָל אים סטייען „אַריין אין ביזנעס" אָדער מאַכן אַ שאָפּ אויפן אייגענעם חשבון אָדער בכלל אויף אַ שוואַרצן טאָג.

היינט, אין די צייטן ווען פאַר אַ דאָלאַר אַ וואָך נעמט מען אַ טעלעוויזאָר, פאַר אַ צווייטן דאָלאַר קריגט מען אַן „אייז־קאַסטן" (העלאַדעראַ) און פאַר נאָך אַ דאָלאַר אָדער צוויי אַ וואָך קריגט ער אַ „קאַר" (אַן אויטאָ), פאַרגעסט ער וויפל אָט די „דאָלאַרס" נעמען זיך צונויף און ער פאַרבאָדט זיך אין חובות. ווען עס קומט צום צאָלן שכר־לימוד — סטייעט שוין נישט!...

פאַראַן אַנדערע וואָס מאַכן אַ חשבון, אַז מ'דאַרף לעבן, כל־זמן מען קען לעבן! שפּעטער — וועט שוין... די רעגירונג זאָרגן פאַר אים! זאָל ער נאָר אַלט ווערן 65 יאָר, וועט ער באַקומען „כובילאַסיאָן" ((סאָשעל סעקיורימי).

דערווייל, — פאַרדינט ער 80 דאָלאַר אַ וואָך (ריין געלט, נאָכן אַראָפּרעכענען די שטייערן) און מיט די 80 דאָלאַר דאַרף ער לעבן אַ גאַנצע וואָך און דאַרף צאָלן, און נישט ווייניקער ווי אין צען הייזער אָדער צו צען קאָבראַדאָרן!

איז ווידער דאָס זעלבע: אַז עס קומט צום שכר־לימוד קוקט מען זיך אַרום אַז עס סטייעט נישט!

זענען טאַקע פאַראַן עלטערן וואָס פירן צו דאָס קינד אין דער תלמוד־תורה מיט אַן אייגענעם קאַר, נאָר צו צאָלן 5 דאָלאַר אַ חודש, — איז נישטאָ און... מ'מעג זיי גלייבן!

**
*

זאָג מיר וואָס דו ווילסט, גאָלדע, טשיקאַגאָ איז אַ שיינע, פּראַכטפולע יידישע און נישט־יידישע שטאָט. זי איז שוין לאַנג אַרויס פון די „ביזנעס" פון „האָלד־אָפּ'ערס" און ניו־יאָרק האָט ביי איר צוגענומען אָט דעם „טיטול".

אַ שאָד, וואָס אויף צו זיין אין טשיקאַגאָ דריי טעג אינמיטן פעברואַר, — ווען דער פראָסט דערגרייכט צו 31 הינטער זעראָ, — דאַרף מען זיין אַנדערש צוגעגרייט, אַלנפאַלס דאַרף מען זיין גרייט צו פּאַקן אַזאַ פּאַרקילעכטס, אַז מ'זאָל עס האָבן צו געדענקען.

מיט עטלעכע שעה זיין אין טשיקאַגאָ — אינמיטן ווינטער — איז פּאַר אַזעלכע מענטשן ווי איך, אויך גענוג. מ׳דאַרף בעסער פאָרן קיין קליוולאַנד! דאָרט איז „וואַרעמער״. דאָרט דערגרייכט דער פראָסט נישט מער ווי... 15 הינטערן זעראָ.

ביי אַמעריקאַנער מענטשן שפּילט דער פראָסט קיין ראָל נישט! ערגער האָט ער פיינט די היצן; אָבער, ווי קאַלט אָדער ווי הייס עס זאָל נישט זיין, קלאָגט ער זיך נישט אויף זיין אַמעריקע!

XXXV

טייערע גאָלדע!

די דאָזיקע בריוו שרייב איך דיר פון קלעוולאַנד. זיין אין אַמעריקע און זיך נישט אַראָפּכאַפּן קיין קלעוולאַנד וואָלט געווען די גרעסטע עוולה און טאַקע נאַרישקייט פון מיין זייט. קלעוולאַנד, איז אויך פון די געציילטע „יידישע" שטעט וואָס האָבן זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון פון מיין קינדהייט אָן. אַ חוץ אַנ־דערע זאַכן האָבן איך מיט קלעוולאַנד אַ שטיקל 'חשבון':

קיין קלעוולאַנד, איז צוריק מיט... 54 יאָר אַוועק מיין מלמד יאָסל שעפּ־טאָפּאָליעץ (ער האָט געהאַט זעקס פינגער אויף איין האַנט) וועלכער האָט מיר, מיט זיין גראָבן פינגער איינמאָל געגעבן אַ שטורכע אין אַ זייט, פיל איך נאָך דעם וויטיק ביז היינט צו טאָג...

ווען איך זאָל כאָטש וויסן ווי זיין קבר איז, וואָלט איך געגאַנגען אים זאָגן, אַז איך בין אים מוחל און ער זאָל אויך מוחל זיין מיין טאַטן, וואָס צוליב אָט דעם שטורך אין דער זייט, פון וועלכן איך בין געבליבן ליגן קראַנק אַ פּאָר וואָכן, — האָט ער געמוזט עוקר זיין פון טעפּליק. ער איז אַוועק קיין אַמעריקע, קיין קלעוולאַנד. אין אַ פּאָר יאָר אַרום איז פון אים אָנגעקומען אַ „פּיקטשור", אַז ער איז אָללרייט, „מאַכט אַ לעבן", שפּאָרט אַ דאָלאַר און שיקט שיפסקאַרטן דעם ווייב און קינדער.

פון דאַן אָן, איז מיר קלעוועלאַנד אַריין טיף אין האַרצן. אין מיין קינדיש האַרץ האָט זיך צעפלאַקערט אַ שנאה צו קלעוועלאַנד, וואָס דערלויבט אַזאַ „רוצח" (אַזוי איז געבליבן זיין נאָמען אין טעפּליק, אַזוי האָט אים גערופן משה רופא, וועלכער האָט מיך געהיילט פון זיין שטורך) צו שיקן „פּיקטשורס", צו „מאַכן אַ לעבן" און צו שיקן שיפסקאַרטן...

אָבער, איך האָב נאָך אַ סך מאָטיוון צו ווען באַזוכן קלעוועלאַנד. ערשטנס: האָב איך דאָרט אַן אייגן שוועסטערקינד, רחל טשערנאָוועצקי, וואָס וווינט דאָרט, מיט איר מאַן הערמאַן אַפּטייקאַר, אַ פּאָר און דרייסיק יאָר. זי איז פון מיינע אימיגראַציע־יאָרן, נאָר זי מיט איר מאַן זענען געפאָרן קיין אַמעריקע און איך האָב פּאַרדרייט דעם דישעל קיין אַרגענטינע. צווייטנס, האָב איך דאָרט אַ פריינט גרשון שבח (אין אַמעריקע הייסט ער דזשאָרדזש שופער) טאַקע אונ־דזער יעקב שבחס אַ ברודער און שוועגערן, וועלכע זענען געווען צו־גאַסט אין אַרגענטינע און מיר האָבן זיך מיט זיי וואַרעם און האַרציק באַפריינדעט.

דריטנס — און דאָס איז דער עיקר — אין קלעוועלאַנד געפינט זיך די

באַרימטע טעלזער ישיבה. די דאָזיקע ישיבה איז באַרימט געוואָרן, נישט בלויז צוליב די גאונים וואָס לערנען דאָרט, צוליב די תלמידים — ישיבה־בחורים — וואָס געפונען דאָרט זייער גייסטיקע היים, נאָר צוליב דעם קאַמף וואָס אָט די ישיבה, מיט איר ראש־ישיבה, רבי אליהו־מאיר בלאָך ע״ה האָבן געפירט מיט... די רוסישע קאָמוניסטן, ווען די לעצטע זענען אַריין קיין ליטע און האָבן פאַרנו־מען די באַרימטע יידישע שטאָט טעלז.

די אַלטע טעלזער ישיבה אין קלעוו־לאַנד. — איצט האָט מען זי „געמופט" אין אַ נייער געגנט

די טעלזער ישיבה וועלכע איז שוין אַלט 80 יאָר האָט געהאַט אַ שם אויף דער גאָרער וועלט. נאָך גרעסער איז געוואָרן איר נאָמען, ווען די ישיבה האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם באַפעל פון די יידישע קאָמוניסטן אויפצולייזן די ישיבה און אויפהערן לערנען. ווען די ישיבה־בחורים האָבן נישט געפאָלגט, האָט מען אויפן צווייטן טאָג פאַרנומען די ישיבה און געמאַכט פון איר אַ קאַזאַרמע, פשוט אַ קאָניושנע פון פערד.

דער באַקאַנטער רב א. ב. שורין, מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס", וועל־כער זיצט טאָקע מיטן גאון הדור ה׳ חיים ליבערמאַן אין איין צימער אין דער רעדאַקציע און דורכן אַרטיקלען וואָס ווערן געלייענט פון צענדליקער טויזנטער יידן, דערציילט ווי אַזוי עס איז פאַרגעקומען די „אָקופּאַציע" פון דעם ישיבה־בנין אין טעלז. ער איז דאַן געווען אַ ישיבה־בחור.

צו דער באַשטימטער צייט, דאָנערשטיק פאַרנאַכט, 25 טעג אין חודש תמוז, זענען די קאָמוניסטן געקומען איבערצונעמען די געביידע פון דער ישיבה. דורכן טאָג האָט מען אָנגעפאַנגען אַרויסטראָגן די ספרים פון דער ישיבה און דער בנין

איז גיך געוואָרן ליידיק. געבליבן איז צום לעצטן דער ארון־קודש מיט די ספרי־תורהס. דער קאָמוניסטישער סאָטראַפּ האָט גענומען איילן און יאָגן, אַז מען זאָל וואָס גיכער אַרויסנעמען די לעצטע ספר־תורה. דער ערשט־פֿאַרשטאַר־בענער ראש־הישיבה, דער באַרימטער גאון רבי אליהו־מאיר בלאָך ע״ה, איז דע־מאָלט צוגעגאַנגען צום ארון־קודש אַרויסצונעמען די לעצטע ספר־תורה. די גאַנצע ישיבה האָט ביטער געוויינט און דער ראש־ישיבה האָט אויפגעהויבן זיינע הענט צו הימל און מיט אַ תפילה־געוויין געזאָגט:

רבונו של עולם! צוויי מאָל איז אויף מיין גורל אויסגעפאַלן אַרויסצונעמען די ספרי תורה פון ארון־קודש פון דער טעלזער ישיבה: איינמאָל, אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה; און דאָס צווייטע מאָל, אין דער צייט פון דער גרויסער טעלזער שרפה. בעט איך ביי דיר, גאָט: אַזוי ווי איך האָב זוכה געווען די לעצטע צוויי מאָל צוריק אַריינצושטעלן די ספר־תורה אין ארון־קודש פון דער ישיבה, אַזוי זאָל איך נאָך ווידער זוכה זיין צוריק אַריינצושטעלן די ספר־תורה אין דער ישיבה צום דריטן מאָל.

אין טעלז האָט שוין הרב אליהו מאיר בלאָך נישט זוכה געווען צו דערפילן זיין הייס־באַגערטן ווונטש, אָבער דערפאַר האָט ער זוכה געווען איינצושטעלן די תורה אין ארון־קודש פון טעלזער ישיבה אין קליוולאַנד.

די קאָמוניסטן האָבן טאַקע צוגענומען דעם בנין. אָבער די ישיבה האָט זיך נישט אויפגעלייזט. די בחורים האָבן זיך אויסגעשפרייט איבער די בתי־מדרשים פון שטאָט און דאָרט פאַרגעזעצט זייער לערנען תורה. די טאָג־טעגלעכע גזירות פון די קאָמוניסטן האָבן דאָך נישט צעבראָכן דעם מוט פון די תלמידים. אַפילו נאָכדעם ווי די קאָמוניסטן האָבן אויך געשלאָסן די קיך פון דער ישיבה און די בחורים האָבן געהונגערט, האָט פונדעסטוועגן דאָס קול פון תורה געקלונגען נאָך שטאַרקער ווי פריער. די קאָמוניסטן האָבן זיך געקליגט וואָס צו טאָן מיט די פאַרעקשנטע בני־תורה, ביז עס איז געקומען פסח־צייט, ווען די ישיבה־בחורים פאָרן אַהיים אויף יום־טוב. דאַן האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ נייע גזירה, אַז די בעלי־בתים פון טעלז טאָרן מער נישט פאַרדינגען זייערע צימערן פאַר סטאַנ־ציעס פאַר די ישיבה־בחורים, ווען זיי וועלן קומען נאָך פסח צוריק קיין טעלז. דער אויסרייד איז געווען, אַז עס איז ענג אין שטאָט צוליב דעם וואָס מ׳דאַרף האָבן די הייזער פאַר די רויטאַרמייער.

נאָך אַלע גזירות, וואָס עס האָבן געהאָגלט אויף דער טעלזער ישיבה, האָט די פירערשאַפט באַשלאָסן, אַז די ישיבה זאָל איינגעטיילט ווערן אין פינף טיילן און מ׳זאָל לערנען אין פינף באַזונדערע שטעט. איין טייל זאָל אַלץ בלייבן אין טעלז, און די אַנדערע פיר חלקים זאָלן לערנען אין די אַרומיקע שטעטלעך: אין

טרישיק, יעלאָק, פּאָפּילאַן און שידלעווע. די ישיבה און די נייע ערטער איז אָנ־געפירט געוואָרן פון די עטלעכע בחורים און די ראשי־ישיבה פלעגן פון צייט צו צייט קומען אַהין און זאָגן שיעורים.

אָט אַזוי האָט עקשנותדיק געקעמפט די טעלזער הנהלה פון דער ישיבה מיט די קאָמוניסטן. אונטער די שווערסטע באַדינגונגען איז דאָס לערנען פאָר־געזעצט געוואָרן אין געהיים, ווייל מען האָט זיך געדאַרפט היטן פון שפּיאָנען, וואָס האָבן געלויערט אויף טריט און שריט.

דאָס לערנען איז אַזוי פאָרגעזעצט געוואָרן מיט דער גרעסטער התמדה ביז



ישיבה־בחורים און תלמידים פון טעלזער ישיבה

די נאַציישע האָרדעס זענען באַפאַלן אין אַ זונטיק, 27 מאָג אין חודש סיוון, און 20 טעג אין חודש תמוז האָבן די נאַציס אומגעבראַכט די שטאָט טעלז מיט די ישיבה־בחורים און ראשי־הישיבה, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען. אויך זענען דורך דער צייט אומגעקומען אַלע ישיבה־בחורים אין די אַנדערע שטעט־לעך. בלויז געציילטע האָבן זיך געראַטעוועט. אַ טייל פון די געראַטעוועטע, וואָס געפינען זיך אין אַמעריקע, זענען איצט פאַרבונדן מיט דער טעלזער ישיבה אין קלעוועלאַנד, וועלכע איז דאָרט געגרינדעט געוואָרן מיט פערצן יאָר צוריק

דורך די צוויי טעלזער ראשי־הישיבה: הגאון רבי אליהו מאיר בלאָך, נ״ע און צו לאַנגע יאָרן, הגאון רבי חיים־מרדכי קאַטץ, שליט״א.

אין יאָר 1939, נאָך אונטער דער ממשלה פון די קאָמוניסטן, האָט די טעל־זער ישיבה באַשלאָסן, אַז די צוויי אויבן־דערמאָנטע ראשי־הישיבה זאָלן פאָרן קיין אַמעריקע. זיי האָבן דאָן, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט פאָראויסזען וואָס די צייט וועט ברענגען, אָבער געטריבן פון אַ באַהאַלטענעם כּוח, האָבן זיך די צוויי תורה־פירער געלאָזט אין וויַיטן וועג אַריין. זיי האָבן איבערגעלאָזן אין טעלז זייערע פאַמיליעס. הרב בלאָך האָט איבערגעלאָזן זיין פרוי און פינף קינ־דער און הרב קאַטץ — זיין פרוי און צען קינדער.

געפאָרן זענען די צוויי טעלזער ישיבה־פירער דורך סיביר און יאַפּאַן, און נאָך לאַנגע וואָכן פון וואָגלענישן, האָבן זיי זיך קוים דערשלאָגן קיין אַמעריקע, מיט איבער 14 יאָר צוריק.

באַלד, ביים אָנקומען קיין ניו־יאָרק, האָבן די צוויי ראשי־הישיבה באַ־שטימט אויפצושטעלן צוריק די טעלזער ישיבה אויף דער פרייער אַמעריקאַנער ערד, און אַזוי ווי די אַמעריקאַנער ייִדישע פּראָווינץ איז געווען הינטערשטעליק מיט אַזעלכע תורה־אַנשטאַלטן, האָט מען די טעלזער ישיבה אויפגעבויט אין קלעוועלאַנד. היינט איז אָט די ישיבה די וויכטיקסטע פון גאַנץ אַמעריקע. מיטן אויסנאַם פון דער ישיבה־אוניווערזיטעט אין ניו־יאָרק, איז די טעלזער ישיבה דער גרעסטער תורה־צענטער: די טעלזער ישיבה אין קלעוועלאַנד איז גיך געוואָרן אַ מאַגנעטישער פּונקט אין דער ישיבה־וועלט, וווהין עס ציִען זיך ווי־דער תלמידים פון אומעטום. אויב אַמאָל פלעגן אַלע פאָרן לערנען קיין ניו־יאָרק, פאָרט מען היינט פון ניו־יאָרק זיך לערנען אין טעלזער ישיבה אין קליוולאַנד. אָבער אויסער פון ניו־יאָרק, וואָס האָט צוגעשטעלט כמעט אַ העלפט תלמידים אין דער ישיבה, לערנען דאָרט אויך תלמידים פון נאָך פאַרשידענע לענדער און קאָנטינענטן. זיי קומען פון זעכצן לענדער: פון ארץ־ישראל, מאַראָקאָ, פראַנק־רייך, שווייץ, קאַנאַדע, בראַזיל, טשילע, מעקסיקע, קאָלאָמביע,, ענגלאַנד, אויס־טראַליע, דענעמאַרק, האָלאַנד, פערו, ווענעזועלאַ און דרום־אַפריקע.

צו אָט דער ישיבה האָט עס מיך געצויגן. ווען איך פלעג זיך טרעפן אין ניו־יאָרק מיט אַ ייִדן, אַ בן־תורה, איז דאָס ערשטע וואָס ער האָט מיר רעקאָ־מענדירט איז געווען:

פאַרלירט נישט די געלעגנהייט צו פאָרן קיין קלעוולאַנד און אָנקוקן די טעלזער ישיבה. מערער פון אַלע האָט מיר אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ אַריין די טעלזער ישיבה, דער האַרציקער ייִד און תלמיד־חכם ד״ר אהרן ראָזמאַרין (אַ שאָד וואָס ער איז אַ נטורי־קרתאניק!...).

און אַט פאָר איך קיין קלעוולאַנד. איך פאָר מיטן באַן. מ'דאַרף פאָרן ביי־נאַכט מיטן שנעלצוג. איך בין שוין צוגעוווינט צו פאָרן מיט די אַמעריקאַנער באַנען. דאַכט זיך, אַז קיין גרעסער פאַרגעניגן ווי צו פאָרן מיטן באַן אין אַמע־ריקע — איז גאָר נישטאָ! דערהויפּט נאָך, ווען דו דאַרפסט פאָרן מיט דער „פּענסילוואַניע־לאַין".

דו ווייסט דאָך, אין אַמעריקע זענען אַלע באַנען אין פּריוואַטע הענט. און יעדע באַן־קאָמפּאַניע באַמיט זיך אַז אירע באַנען און „סטיישען" זאָל זיין שענער

דער גייסטיקער מנהיג פון טעלזער ישיבה
דער ראש הישיבה, דער גאון התורה
הרב חיים קאַטץ

און באַקוועמער ווי אַנדערע. עס איז אַ געיעג אויף צופרידנצושטעלן דעם פּאַ־סאַזשיר. אַלנפאַלס, דאָס איינציקע מיט וואָס איך זיך האָב נישט געקאָנט באַ־רימען איז געווען מיט אונדזערע באַן־סטאַציעס און מיט אונדזערע „ערשט־קלאַסיקע" וואַגאָנען. אויף אָט דעם געביט זענען מיר הינטערשטעליק גאַנצע 50 יאָר.

אַלזאָ, פון אַלע באַנען, איז די „פּענסילוואַניע ליניע" בכלל און דער פּענ־סילוואַניע עסטאַסיאָן בפרט, — דער שענסטער אין אַמעריקע. אַ חוץ דעם, וואָס דער „פּענסילוואַניע־סטיישן" געפינט זיך אין סאַמע הארץ פון בעסטן צענטער פון ניו־יאָרק, איז ער גלאַט אַ מאָנומענטאַלער בנין, וואָס עס לוינט זיך צו פאָרן קיין ניו־יאָרק אים אַנצוקוקן.

פאָרנדיק צום „פּענסילוואַניע סטיישן" דערציילט מיר מוני, אַז ווען איך

וועל זיין דאָס צווייטע מאָל אין אַמעריקע, וועל איך שוין דעם פּראַכטפולן סטיישן נישט דערקענען. מ׳גייט אים איבערבויען און אויף זיין פּלאַץ אַוועקשטעלן איינע פון די גרעסטע געביידעס אויף דער וועלט.

ביז אַהער זענען דורך דעם פּענסילוואַניע־סטיישן דורכגעגאַנגען אַרום... 70 מיליאָן פּאַסאַזשירן אַ יאָר, וועלכע די 689 באַנען וואָס קומען אַריין טאָג־איין, טאָג־אויס אין דעם דאָזיקן וואָקזאַל, האָבן געפּירט. איצט, אַז מען וועט אים איבערבויען, וועלן קאָנען אַריינקומען אַהין העכער 15 הונדערט באַנען אַ טאָג...

אינטערעסאַנט איז: דער בוי־אונטערנעמער פון אָט דער ריזיקער געביידע איז אַ ייד און הייסט וויליאַם זעקענדאָרף און דער אַרכיטעקט וואָס מאַכט די פּלענער איז אַ צווייטער ייד, וואָס הייסט טשאַרלס לאַקמאַן און דער פּרעזידענט פון דעם קאָמפּאַניע וואָס גייט אויסבויען אָט דעם „פּאַלאַץ פון פּראָגרעס" איז אויך אַ נאַש־בראַט, וואָס הייסט בילי ראָוז.

אָט דאָס איז אַמעריקע! אָט דאָס איז דער ביישטראָג פון יידן פאַר אַמעריקע...

וואָס אין אָט־דעם נייעם וואָלקנקראַצער וועט זיך געפונען, — איז איבעריק דיר אויסצורעכענען. מ׳רעכנט, אַז העכער פופציק טויזנט אַנגעשטעלטע וועלן דאָרט האָבן זייערע שרייבטישלעך און שרייב־מאַשינקעס; מ׳רעכנט אויך, אַז אַרום 150 טויזנט מענטשן וועלן אַלע טאָג באַזוכן די אָפיסינעס פון אָט־דעם נייעם וואָלקנקראַצער וואָס מ׳גייט איצט אויפשטעלן; מ׳רעכנט אויך אויסצובויען אין דער ערד פון וואָלקנקראַצער אַ פּלאַץ פאַר 1000 אויטאָמאָבילן און אויפן דאַך — אַ פּלאַץ פאַר... העליקאָפּטערס, מיט וועלכע די גבירים וועלן קומען צו פליען צו זייערע אָפיסעס אין אָט דעם וואָלקנקראַצער.

אַלזאָ, דער זייגער האָט געוויזן עלף (ביינאַכט) און דער באַן האָט, אָן שום פייף, אָן שום וואָרענונג, אָן שום קלינגען פון גלאָק און פייפן פון קאָנדוקטאָר, זיך אַ ריס־געטון פון פּלאַץ און ער שניידט שוין דורך דעם ברייטן טייך וואָס טיילט אָפּ ניו־יאָרק פון ניו־דזשוירזי־שטאָט, פּונקט ווי ביי אונדז, ווען דער באַן שניידט דורך דעם „ריאַטשועלאָ"־טייך, קיין אַוועזשאַנעדאַ. פאַרשטייט זיך, מ׳דאַרף זאָגן „להבדיל" צווישן אונדזער טייכל מיט אונדזער בריק און די אַמעריקאַנער טייכן מיט זייערע אויבערשטע בריקן און אונטערשטע טונעלן. אַ שאָד, וואָס פאַרנדיק מיטן באַן אונטערן וואַסער, קאָן מען נישט אַרויסקוקן פון פענסטער...

***

אַרום 11 אינדערפרי קומט אָן אונדזער באַן קיין קלעוולאַנד. אין דרויסן איז אַ קעלט און אַ שטורעם, אַז מ׳קאָן דעם קאָפּ נישט אַרויסשטעקן. איך גיי אַראָפּ פון וואַגאָן, וואַרט צו טרעפן דעם מיסטער שבת־שופער, אָבער — איך

זע קיינעם נישט. איך בלייב איינער אַליין אויף דער פּלאַטפאָרם און — דאָס ערשטע מאָל אין אַמעריקע — געפין איך זיך עפּעס פאַרלוירן. זייענדיק זיכער, אַז מ׳וועט מיך קומען באַגעגענען צום באַן, האָב איך אַפילו נישט מיטגענומען מיט זיך דעם אַדרעס פון פריינט שבח, וועלכער האָט מיך טעלעפאָניש איינגע־לאַדן, צו זיין זיין גאַסט אין קלעוולאַנד.

וואָס — איך ווער גוואַלד. עס גייט צו צו מיר דער „באַגאַזשניק סטאַנציע״, דער שעף פון סטיישען, און מיר „שמועסן״ זיך ביידע דורך אין ענגליש... נישט ער האָט פאַרשטאַנען „מיין״ ענגליש, נישט איך האָב פאַרשטאַנען וואָס ער ענט־פערט מיר. דאָס איינציקע וואָס ער האָט פאַרשטאַנען: איך האָב אים אָנגעשריבן אויף אַ שטיקעלע פּאַפּיר וועמען איך דערוואַרט. ער נעמט מיך אָן אונטערן אָרעם, נעמט אין דער האַנט אַריין מיין קליינע וואַליזקע, — פאַר קיין פאַל לאָזט ער נישט, אַז איך זאָל זי טראָגן, — ווען ער פירט מיך אַריין אין זיין אָפיס. דאָס ערשטע איז ער מיך מכבד מיט אַ הייסע „קאָפע״ (קאַווע) און איך בין זיך ממש מחיה. דערנאָך נעמט ער די „טעלעפאָנישע גיע״ און הייבט אָן זוכן דעם נאָמען, וואָס איך האָב אים אָנגעגעבן. זוכנדיק, טרייסט ער מיך: מן־הסתם איז מען געפאָרן מיך באַגעגענען צום צווייטן סטיישען.

כמעט אַלע וויכטיקע שטעט אין אַמעריקע האָבן צוויי באַן־וואָקזאַלן. איינעם אין איין עק שטאָט, פון וואַנען דער באַן קומט אָן און דעם צווייטן סטיישען — אין דעם אַנדערן עק שטאָט. די באַן־מאַגנאַטן פאַרשטייען, אַז מ׳דאַרף פאַר־לייכטערן דעם פּאַסאַזשיר וואָס וווינט אין איין ווינקל פון שטאָט, ער זאָל נישט דאַרפן פאָרן אַ שעה צייט, מיט דער טראַפיק פון שטאָט, ביז מ׳קומט צום וואָק־זאַל. דעריבער גיט ער מיר צו פאַרשטיין, דער גוט־האַרציקער שעף פון דער סטאַ־ציע, אַז איך דאַרף נישט זיין באַזאָרגט וואָס מען איז נישטאָ מיך אָפּנעמען. מעגלעך, אַז זיי וווינען נענטער צו יענער סטאַציע און מען איז געפאָרן אַהין. דערווייל זוכט ער אין דער גיע, ער געפינט דעם נומער טעלעפאָן און ווען ער נעמט שוין קלינגען אַהין, — קומט אָן די פרוי שבח מיט איר טאָכטער מיך באַגעגענען. זיי האָבן געהאַט אַ טעות מיט דער שעה, ווען דער באַן קומט אָן פון ניו־יאָרק.

איך האָב דיר, גאָלדע, באַשריבן אָט די גאַנצע סצענע, כדי נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל דיר צו דערווייזן וואָס עס הייסט אַמעריקע און וואָס עס הייסט ווען די באַנען זענען פון פּריוואַט־קאָמפּאַניעס... וואָלט ער געווען אַ רעגירונגס־באַאַמטער, ווייס איך נישט צו ער וואָלט זיך אַזוי אָפּגעגעבן מיט אַ פרעמדן פּאַסאַזשיר וואָס איז געקומען און ווייסט נישט וווהין צו פאָרן...

און, אַזוי ווי ביי יעדער סטאַציע איז פאַראַן אַ „בוך פאַר קלאַגעס״ (ביי

אונדז איז ער אויך דאָ, נאָר קיינער נוצט אים נישט! ווער וועט זיך גייען פאַר־קריגן מיט נאַטשאַלסטוואָ?) האָב איך געבעטן דעם בוך און אין יידיש און אין שפּאַניש אַריינגעשריבן אַהין מיין דאַנק דעם שעף פאַר זיין אויפמערקזאַמקייט מיט פּאַסאַזשירן בכלל און פרעמדע פּאַסאַזשירן בפרט.

**
*

מיר פאָרן פון וואָקזאַל אַהיים, צום פּריינט שבת. אויפן וועג פאַרענטפערט די מיסעס שבח איר מאַן, פאַרוואָס ער איז נישט געקומען מיך באַגעגענען. ער איז איצט שטאַרק „ביזי". זיין בעל־הבית איז נישטאָ הי, האָט ער געמוזט בלייבן אין סטאָר!

וואָס הייסט „זיין בעל־הבית"? אויף וויפל איך ווייס, איז מיסטער שבח אַ פּאַרמעגלעכער מענטש, האָט עטלעכע הייזער און האָט אַ פיינעם רענט פון די הייזער. וואָס־זשע פאַר אַ „בעל־הבית" האָט ער?

יאָ! ער האָט אַ בעל־הבית! ער איז... אָנגעשטעלט אין אַ מעבל־געשעפט, ער טוט עס, נישט אַזוי צוליב די פּאָר הונדערט דאָלאַר אַ וואָך וואָס ער פאַר־דינט, ווי צוליב דעם, ער זאָל נישט אַרומגיין ליידיק, ער זאָל האָבן אַ באַשעפ־טיקונג: ער זאָל אַרבעטן! אָן אַרבעט — ווערט מען קראַנק אין אַמעריקע! אויב מ'האָט ערגעץ געזאָגט, אַז „אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס", — האָט מען עס גע־מיינט אויף אַמעריקע!

פאָרנדיק צום הויז, ווער איך שוין געוויר, אַז אַט דער „קאַר" מיט וועלכן מיר פאָרן, אַן 51ער „פּליימוט" איז טאַקע דער טאָכטערס זעלבסט. איר מאַן האָט אַ צווייטן קאַר. זי וויל אָבער נישט אָנקומען צום מאַן בעטן אַ טובה, אַז ער זאָל איר געבן זיין קאַר אויף אַ שפּאַציר, ווען פאַר 150 דאָלאַר (אויף אַרגענטינער געלט: ווייניקער ווי 5 טויזנט פּעזעס) קאָן זי האָבן אַן אייגענעם אויטאָ צו איר דיספּאָזיציע, ווען זי וויל...

אַזוי איז זי, און אַזוי זענען צענדליקער טויזנטער פרויען אין אַמעריקע ספּעציעל אין פּראָווינץ, ווו עס איז נישטאָ דער פּראָבלעם פון „פּאַרקינג", — אָוועקשטעלן דעם אויטאָ.

פאָרנדיק איבער די גאַסן, באַטראַכט איך די הייזער פון קלעוולאַנד. זיי מאַכן אויף מיר דעם איינדרוק פון... סאָלדאַטן וואָס שטייען אין אַ רייע, ווען דער גענעראַל דאַרף דורכגיין מאַכן אַ „סמאָטר". אַלע האָבן איין פּנים, ספּעציעל אין די רעזידענץ־געגנטן. די גרעסטע טייל הייזער זענען געבויט אַזוי: פון אינעווייניק — „מאַטעריאַל", ציגל און צעמענט; אויסערלעך — אַרומגענומען מיט ברעטער. טויזנטער הייזער פּאַראַן אַזעלכע. זעלטן איז צו זען הויך־שטאָקיקע געביידעס.

אַט פאָרן מיר דורכן „צענטער" און די העכסטע געביידע וואָס איך באַמערק — איז פון 8 שטאָק.

אויך מיסטער שבחס הויז איז פון צוויי גאָרן, און ווי אַלע הייזער פון זיין גאַס — אַרומגענומען די ווענט מיט ברעטער. ווען מיר גייען אַראָפּ פון אויטאָ, — איז שווער צוצוקומען צו דער טיר. עס האָט דאָ די גאַנצע נאַכט געשנייט.



אַ הויז אין קליוולאַנד

הונדערטער, טויזנטער הייזער אַזעלכע טרעפט מען אין מיט דער וואונדערבאַרער שטאָט. גאַנצע גאַסן מיט בלויז אַזעלכע הייזער

עס איז פרנסה, אין ביזנעס? מ'רופט אַרויס בלויז צו זאָגן „האַלאָ"! קינדער אפשר אַ מעטער די הויך האָט אָנגעשנייט. קוים מיט צרות שלעפּ איך אַרויס די פיס פון שניי און מיר קומען צו צו דער טיר.

ווי אין גאַנץ אַמעריקע: אין דרויסן טרישטשעט דער פראָסט, און ווען דו עפנסט אַ טיר פון אַ וווינונג אָדער פון אַ קלייט און אַפילו פון אַן אויטאָבוס און טאַקסי, צי פּריוואַט־אויטאָ, — גיט דיר אַ זעץ אַ וואַרעמקייט אין פּנים אַריין. אויך דאָ איז וואַרעם ווי אין אַן אויוון. פאַר איינעם ווי איך בין — אָנגעפּעלצט פון קאָפּ ביז צו די פיס — איז אַזאַ וואַרעמקייט אַן אומגליק! ממש אומדערטרעגלעך. צו דעם, דאַרף איך נאָך צורעכענען דאָס וואַרעמקייט פון קבלת־פּנים, וואָס איך האָב באַקומען ביי מיסטער שבח־שויפער אין שטוב. מר. שבח האָט מיך אַרויסגערופן טעלעפאָניש צו זאָגן מיר... האַלאָ! דאָס הייסט: שלום־עליכם. אין אַמעריקע איז שטאַרק איינגעפלאַנצט און איינגעבאַקן אין האַרצן אָנצוקלונגען צו אַ פריינט און אים זאָגן „האַלאָ"! מ'פרעגט נישט וואָס מ'טוט און ווי גייט

טוען עס מיט זייערע עלטערן און פאַרקערט. אַלע טאָג זאָגט מען זיך טעלע־פאָניש „האַלאָ". מ'זעט זיך, אָפּט, איין מאָל אין דריי וואָכן, אָבער „האַלאָ" — זאָגט מען זיך יעדן טאָג. דער „האַלאָ" קאָסט 12 סענט, אָבער מ'פאַרפעלט נישט צו רופן טעלעפאָניש די „מאַ" אָדער דעם 'פּאַ" אָדער דעם „גרענד־פּאַ" און „גרענד־פּאַ" (זיידע און באָבע) און זיי זאָגן „האַלאָ"!

באַלד נאָכן „לאָונטש" מאַך איך זיך אַ פּראָגראַם וווהין צו גיין.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דעם מיסטער שבח איז אוממעגלעך דערוויל מיך צו באַגלייטן. איך וועל האָבן אַלס באַגלייטערן די מיסעס שבח, וועלכע איז שוין אָנגעטאָן און זי זיצט שוין מיט מיר אין „קאַר" פון איר טאָכטער. דאָס ערשטע פאָרן מיר —

— צו דער טעלזער ישיבה.

**
*

דער אויסערליכער אויסזען פון דער טעלזער ישיבה איז נישט קיין מאָדערנער. דער פראָנט פון הויז מאַכט גיכער אַן איינדרוק פון אַ פאַבריק אָדער דעפּאָזיטע. ווען נישט די ווייסע יידישע אותיות וואָס שיינען אַראָפּ פון העט אויבן און זאָגן אָן, אַז דאָ געפינט זיך די טעלזער ישיבה, וואָלט קיינער נישט געגלייבט, אַז דאָ איז אַזאַ הייליק אָרט, אַזאַ וויכטיקער תורה־אַנשטאַלט.

באַלד ווער איך געוווירר פאַרוואָס מ'האַלט די ישיבה אַזוי פאַרלאָזט. אַ יונגערמאַן, מיט אַ יאַרמעלקע אויפן קאָפּ, נעמט אונדז אויף. ער האָט שוין גע־ווסט פון מיין קומען קיין קלעוולאַנד. ער האָט נאָר נישט געוווסט ווו איך שטיי איין.

באַלדביים אָנפאַנג דערציילט ער מיר, אַז די ישיבה „מופּט" פון דאַנען. זי ציט זיך אַרויס אין אַן אַנדער געגנט. די דאָזיקע געבײַדע — פאַרקויפט מען. מ'האָט שוין געקויפט אַן אַנדער פּלאַץ, אין אַן אָנשטענדיקן געגנט. דאָ, איז שוין אוממעגלעך צו וווינען. אין אָט דער געגנט ווו די ישיבה געפינט זיך איצט, האָבן זיך אַריינגעצויגן... שוואַרצע. און אַז שוואַרצע ציִען זיך אַריין, — האָבן די ווייסע — און די יידן צווישן זיי — זיך אַרויסגעצויגן פון דאַנען. איז שוין נישטאָ קיין זינען צו האַלטן די ישיבה אין אָט דעם געגנט, ווו עס וווינען נישט און עס קומען נישט קיין יידן.

פרוי שבח דערציילט מיר שוין לענגער דעם פּראָבלעם פון שוואַרצע אין קלעוולאַנד. עס איז געוווּנג, אַז אַ שוואַרצער זאָל זיך אַריינציִען אין אַ הויז — וועט דער גאַנצער קוואַרטאַל באַלד אָפּגעליידיקט ווערן. ווי אויף צו־להכעיס, זענען די שוואַרצע גוטע שכנים, גוטע צאָלערס. ביי זיי, איז דאָס דירה־געלט,

דאָס ערשטע און דאָס הייליקסטע. אָבער — פאַרדינגען אַ הויז אַ שוואַרצן, איז מען אויסגעשטעלט צו צרות פון די איבעריקע שכנים וועלכע וועלן זיך תיכף אַרויסציִען...

און, אַט מוז זיך אויך די טעלזער ישיבה, טאַקע צוליב אַט דעם טעם, אַרויסציִען. זי האָט שוין געקויפט אַ גראַנדיעזע פלאַץ פון 57 אַקער־לאַנד און

דער געהילף ראש־הישיבה לערנט אַ „שיעור" מיט עלטערע תלמידים

שטעלט זיך בויען אַ בנין וואָס וועט אָפּקאָסטן, נישט ווייניקער ווי אַנדערטהאַלבן מיליאָן דאָלאַר (וויפל איז דאָס אויף אונדזער געלט?) מ׳גייט אויסבויען אַ ישיבה־שטאָט מיט אַלע באַקוועמליכקייטן פאַר עטלעכע הונדערט ישיבה־בחורים.

איך שפּאַציר איבער די גרויסע זאַלן און חדרים פון דער ישיבה. איך האָב פונקט געטראָפן אַ צייט, ווען עס איז אַרומגעגאַנגען אַ גריפּע אין קלעוולאַנד און צענדליקער ישיבה־בחורים זענען געלעגן אין די בעטן. זיי ווערן באַדינט פון עטלעכע דאָקטוירים. וואָס איך האָב נישט באַמערקט איז... קראַנקן־שוועס־טער.

איך ווער איינגעלאַדן אין די קלאַסן. אַרום היימישע טישן — טאַקע ווי ביי נחום מלמד, זיצן ישיבה־בחורים און דיסקוטירן — מיטן גראָבן פינגער — אַ שווערע פלוגתא פון בבא־בתרא. איך גיי פון צימער צו צימער און אומעטום לערנט

מען די גמרא בבא־בתרא. מ׳דערקלערט מיר: היינטיקס יאָר לערנט מען אין דער טעלזער ישיבה בבא־בתרא, — ביז מ׳ענדיקט זי.

פאַראַן אויך גרויסע זאַלן ווו די ישיבה־בחורים זיצן אויף בענק מיט שטענדערס פאַר זיי. יעדער איינער זיצט ווי אים געפעלט. דער מלמד דער־קלערט אַ שיעור און דער ישיבה־בחור — טוט זיך זיינס! אין איין אַ ווינקל איז אַ ישיבה־בחור אַזוי פאַרטיפט אין אַ ספר, אַז ער באַמערקט אַפילו נישט, ווען איך גיי צו נאָענט צו אים און קוקן אַריין אין זיין ספר.

און, אַזוי שפּאַצירנדיק איבער דער ישיבה און אַראָפּנעמענדיק אַ פּאָר צענדליק פאָטאָס, קום איך צום „ספּאָרט־צימער״, ווו די ישיבה־בחורים איבן זיך איין אין דער ספּאָרט־תורה. צי איז אין טעלז אויך געווען אַ ספּאָרט־צימער פאַר די ישיבה־בחורים? — זיכער אַז ניין!

אַן איבעראַשונג איז פאַר מיר געווען ווען איך ווער געוווירר, אַז איך בין נישט דער ערשטער אַרגענטינער גאַסט וואָס באַזוכט די טעלזער ישיבה. זיי ווייזן מיר, אַז צוריק מיט עטלעכע חדשים איז דאָרט געווען דער פּאָפּולערער אַרגענ־טינער כלל־טוער, פרעזידענט פון דער ת״ת „אחיעזר החדשה״, ה׳ לעאָן אַרענסאָן, וואָס איז געקומען צו־גאַסט צו זיינע קרובים קיין קלעוולאַנד און אויך באַזוכט די ישיבה און אַפילו דאָרט איבערגעלאָזט זיין ביישטייערונג. ווייזט אויס, אַז פריינט לעאָן אַרענסאָן האָט זיי אַ סך דערציילט פון „זיינע״ ווילשע קרעספּער יידן, ווייל זיי האָבן ביי מיר געוואָלט וויסן, וואָס אַזוינס איז ווילשאַ קרעספּאָ? אין וועלכן טייל פון „סאַוט־אַמעריקע״ געפינט זיך ווילשאַ קרעספּאָ? און וואָס פאַראַ יידן זענען עס די ה״ה משה־אהרן שפּאַק, זלמן וויינער, ס. פינקעלשטיין און ס. לעוו, וואָס העלפן אויסבויען אַ „קליינע ישיבה״ (געמיינט די ת״ת אחיעזר החדשה), ווו עטלעכע הונדערט קינדערלעך לערנען גאָטס תורה.

כ׳האָב שוין פאַרשטאַנען, פריינט אַרענסאָן האָט זיך דאָרט באַרימט מיט זיינע מיטהעלפער און מיט זיין תלמוד־תורה. איך האָב אַלעס באַשטעטיקט, און איך האָב נאָר צוגעגעבן, אַז... די ת״ת אחיעזר — איז נישט די איינציקע ביי אונדז אין בוענאָס־איירעס.

דאָס גרעסטע פאַרגעניגן ביי מיר איז געווען ווען איך בין פון ראש־הישיבה, הרב הגאון ר׳ חיים קאַטץ, איינגעלאַדן געוואָרן בייצווזיין ווען ער לערנט אַ שיעור מיט אַ גרופּע פון עלטערע ישיבה־בחורים. איך האָב איבערגעלעבט מאָמענטן פון דערהייבונג, מאָמענטן פון געפונען זיך אין אַן אַנדער וועלט, אין אַ העכערער וועלט, ווו מ׳טראַכט נישט פון קיין אַטאָם־באָמבעס, פון מילחמות, פון רעש און מיסחר און בכלל פון פּראָבלעמען פון אונדזער זינדיק וועלטל. אין דער קנאַפּער שעה צייט, וואָס איז בין געזעסן אין „חדר״ פון ראש־הישיבה מיט זיינע תלמידים,

בין איך גלייך מיט זיי, געווען אויסגעטאָן פון אַלע דאגות און פּראָבלעמען פון לעבן.

איין „פּראָבלעם" איז געווען, — און דאָס האָבן דיסקוטירט די ישיבה־בחורים מיט זייער רבין — דעם ראש־הישיבה ר' חיים קאַטץ:

„אויב איינער שענקט אַוועק זיין פּלאַץ, זיין שטיק ערד, זיינעם אַ חבר, און דאָס שטיק פּלאַץ איז נייטיק פאַר דער שטאַט, — צי מעג די שטאַט עס צונעמען ביי אים"?...

אַרויסגייענדיק פון דער טעלזער ישיבה, האָב איך מקנא געווען די לערער און ישיבה־בחורים!... דערהויפּט די לעצטע! יונגע מענטשן, אָבער אַזוינע רויִקע, אַזוינע שטילע, אין אַט דער ווילדער צייט אין וועלכער מיר לעבן, איז דאָס אַ זעלטנהייט. איך שטעל זיך פאָר, אַז ווען איינער רעדט זיי טעלעפאָניש, אַז ער האָט זיי געבראַכט אַ בריוו פון זייערע עלטערן, — וואָלטן זיי צייט געהאַט, נעמען דעם „באָס" און פאָרן אָפּנעמען דעם גרוס. איך האָב זיך עס דערמאָנט, אַקעגן אַ גרוס, און טאַקע אַ בריוו, וואָס איך האָב געפירט מיט זיך פון טאַטע־מאַמע, פון איסידאָראַ און סולעמאַ קאַץ, צו זייער בת־יחידהקעלע און איידעם, מר' בערנאַרדאָ און לעאַ אַלטמאַן, קיין ניו־יאָרק. איז דער בריוו געלעגן ביי מיר אין קעשענע אַ חודש צייט, ווייל די קינדער האָבן קיין צייט נישט געהאַט, — ממש קיין צייט נישט געהאַט — פּטרן עטלעכע שעה און אָפּנעמען דעם וויכטיקן בריוו אין וועלכן עס איז געלעגן אַ וויכטיקער דאָקומענט.

דאָ? אַט האָסטו עטלעכע הונדערט בחורים, אַלע יונגע מענטשן און ווי זיי איילן זיך נישט! און זיי האָבן צייט אַפילו אויסצוהערן אַ גרוס פון אַ גאַסט פון וויטן אַרגענטינע. און — גיי, זיי זיי נישט מקנא!

— פון וואָס לעבט די ישיבה? פון וואָס און פון וועמען האַלט זי זיך אויס? מ'דאַרף אינזינען האָבן, אַז אַלע תלמידים — אָדער די גרעסטע טייל פון זיי — האָבן דאָ זייער וווינונג, זייער עסן און טרינקען און אַנדערע הוצאות.

דער ענטפער איז:

— אַמעריקאַנער יידן, זיד־אַפריקאַנער יידן, אויסטראַליער יידן, שטיצן די ישיבה מיט דער ברייטער האַנט. די טעלזער ישיבה האָט חסידים אויף דער גאַנ־צער וועלט — אין אַרגענטינע אַריינגערעכנט — און מ'שיקט איר אויף אירע הוצאות. אַ שאָד וואָס די אַרגענטינער יידן שטייען די לעצטע אויפן צעטל, כאָטש אין אַרגענטינע — אַזוי זאָגט מען מיר דאָ — זענען פאַראַן יידן, געוועזענע ישיבה־בחורים פון טעלז...

**
*

פון טעלזער ישיבה פאָרן מיר אָנקוקן דעם מאָנט־סיני שפּיטאָל פון קלעוו־לאַנד. נייך! איך גלייב נישט, אַז אין אַרגענטינע איז פאַראַן אַזאַ לוקאָ־סאַנאַטאָ־

ריע, ווי אָט דער יידישער אַלגעמיינער שפּיטאָל פון קלעווולאַנד זעט אויס. אַ פריילן, אַ דאָקטאָרשע איז באַאויפטראַגט פון דער דירעקציע אונדז צו באַגלייטן איבער אַלע זאַלן. אויף צו זיין אומעטום דאַרף מען דאָ נעכטיקן און טאָגן. איך באַנוג זיך מיט די וויכטיקסטע אָפּטיילונגען, ספּעציעל קוק איך אָן די מוטער־שאַפט־זאַל און די אָפּטיילונג פאַר שנעלער און ערשטער הילף.

די „מאַטערנידאַד" איז אַ איין גרויסער פּאַלאַץ, איינגעטיילט אין לוקאָסע

דער אויפנאַם־צימער פון מאונט סיני שפּיטאָל אין קלעווולאַנד

צימערן מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן וואָס אַ קימפּעטאָרן — די רייכסטע אין דער וועלט — קאָן זיך פאַרגינען. פרוי מאַרי שבח האָט מיר געמאַכט אַ וויץ: אין אַזאַ מוטערשאַפט־זאַל, קאָן זיך אַ באָבען אויך פאַרגלוסטן געלעגן ווערן.

נאָך בעסער איז איינגעאָרדנט די אָפּטיילונג פון „ערשטער הילף". ווי נאָר מ'ברענגט דעם קראַנקן אָדער אַקצידענטירטן אין שפּיטאָל אַריין, געדויערט נישט קיין מינוט און דער דאָקטער איז שוין נעבן אים. דאַרף מען אַ ספּעציאַליסט, האַנדלט זיך עס וועגן אַ צעבראָכענעם פוס, האַנט אָדער אַנדער טייל פון קערפּער, — ווערט דורכן מיקראָפאָן אַרויסגערופן דער דאָקטער־ספּעציאַליסט און ביז דריי מינוט — איז ער שוין ביים קראַנקן. „די וויכטיקסטע הילף איז די ערשטע הילף"

— דערקלערט אונדז די באַגלייטערין. מיט דער ערשטער הילף, אויב זי איז צוגעפּאַסט, קאָן מען פאַרמיידן אַ סך צרות דעם קראַנקן.

טאַקע, בלויז אין אַמעריקע קאָן מען זעען אַזאַ שפּיטאָל, אַזאַ באַהאַנדלונג און אַזאַ באַציִונג צום קראַנקן...

נאָכן „לאונטש״, פאָרן מיר אָנקוקן דעם וויכטיקסטן און גרעסטן „מושב זקנים״ פון קלעוולאַנד. עס נעמט אונדז אויף דער פאַרוואַלטער פונעם אַנשטאַלט, רבי משה גאָלדמאַן, — אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן און אַ גוטער קענער פון



די „מושב זקנים״ היים פון קלעוולאַנד

די זקנים, זקנות און זייערע פּסיכישע פאַרלאַנגען און אָנשויונגען. ער איז צו זיי אַ שטיק פאָטער און ברודער. הן רבי גאָלדמאַן, הן זיין פרוי זעען דאָרט באַשעפטיקט און זייער אַרבעט פילן זיי אויס, נישט פאָרן געהאַלט וואָס זיי באַקומען, נאָר פון זייער טיפער ליבע צו די זקנים און זקנות — דערהויפּט צו יענע הילפלאָזע און עלנטע וואָס האָבן קיינעם נישט אויף גאָטס וועלט.

דער קלעוולענדער מושב־זקנים פאַרמאָגט אויך אַ גרויסן זאַל ווו די זקנים קאָנען זעען טעלעוויזיאָן — אויב זיי ווילן נישט זיין אַליין אין צימער. און זייערע געלעכטערס אין זאַל, פון די וויצן וואָס זיי הערן און זעען אין טעלעוויזיאָן, — הערט מען איבער דער גאַנצער געביידע. מיר דאַכט זיך, אַז פון בלויז פאַרגעניגן, פון בלויז לאַכן און פאַרברענגען, קאָנען די זקנים דאָ לעבן לענגער ווי אין אונדזערע מקומות...

ס׳איז מיר באַשערט געווען איבערצולעבן אַ שטיקל סצענקע אין מושב־זקנים.

אַן איינִיקל, אַ בחור'ל פון אַ יאָר 20, איז זיך געקומען געזעגענען מיטן זיידע און באָבען — ביידע איינוווינער פון מושב־זקנים — ווייל ער איז עולה קיין ישראל. ער איז אַ „חרותניק" און זיין איינציקער פאַרלאַנג איז — מ'זאָל אים שיקן אויף די געפערלעכסטע ערטער ווו ער זאָל קאָנען נעמען נקמה פאַר זיין ברודערס בלוט, וואָס איז אומגעקומען אין דער פרייהייטס־מלחמה. זיינע על־טערן זענען שוין ביידע טויט. געשטאָרבן פון ווייטיק און בענקעניש נאָך זייער געראַטענעם זון וואָס די מצרים האָבן דערהרגעט. איצט פאָרט ער — דער איינ־ציקער וואָס איז זיי — די אַלטע זיידע־באָבע — געבליבן אויף דער וועלט — איצט פאָרט ער אַהין זוכן די געפערלעכסטע ערטער. ער פאָרט זוכן דעם טויט — קלאָגן זיי זיך פאַר מיר, ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען. זייערע טרערן האָבן מיך דערשיטערט. אַ גליק נאָך, וואָס זיי האָבן נישט געוויינט ווען דאָס בחור'ל איז געווען מיט זיי, ווען ער איז געלעגן אויף זייער האַלדז. זיי האָבן געשמייכלט צו אים, און אים געגעבן האָפענונג, אַז זיי וועלן נאָך קומען קיין ישראל, צו זיין חתונה. זיין לעצטער בליק אויף זיי און זייער לעצטער בליק אויף אים — איז געווען אַ פריילעכער, מיט אַ שמייכעלע. אָבער, ווי נאָר ער איז אַוועק, האָט זיך אָנגעהויבן אַ „קאָנצערט", וואָס איך וועל אים לאַנג געדענקען.

און אַז עס איז באַשערט איבערלעבונגען איז דאָך נישט שייך!

דאַרף זיך מיר פאַרגלוסטן בעטן דעם רעגיסטער פון די זקנים און זקנות. איך וויל וויסן, פון וואַנען קומען אַהער אָט די עטלעכע הונדערט איינוווינער פון דער „רעפּובליק", ווו איך געפין זיך איצט צו־גאַסט.

מען גיט מיר די ליסטע און איך באַמערק דעם קוריאָז: נישט פאַראַן איי־נער, אַפילו, וואָס איז געבוירן אין אַמעריקע. אַלע, פּאָזיטיוו אַלע, זענען פון אַלע עקן וועלט. אַפילו פון קאַלקוטאַ און באָמביי. פון ענגלאַנד און שאַנכיי. אַ גרויסע טייל — די גרעסטע טייל פון זיי — זענען פון רוסלאַנד, פון פּוילן און גאַליציע.

איך פאַראינטערעסיר זיך מיט דער ליסטע פון „רוסלאַנד" און געפין אויס זקנים פון פּעטערבורג, קיִעוו, וואָלאָטשיסק, פּראָסקוראָוו און... טעפּליק!

איך ווער אַזש פאַרציטערט: אַ זקן פון טעפּליק שפּאַרט אָן אין קלעוולאַנ־דער מושב־זקנים.

איך גיי אַוועק זוכן מיין לאַנדסמאַן. איך טרעף אים זיצן אין זאַל און „וואָטשן דעם טעלעווישאָן". איך לאָז זיך אים דערקענען. ער געדענקט מיין טאַטן, ער געדענקט מיין ברודער אברהמל. ער איז שוין אין אַמעריקע אַ פּאָר און פופציק יאָר. אין דער היים געווען אַ... וואַסערפירער, געהאַט אַן אייגענע „קליאַטשע מיט אַ טאַליעגע" און געהאַט פּרנסה. דאָ, אין אַמעריקע, האָט ער

ביי זיין „פאַך נישט געקאָנט אַרבעטן, האָט ער זיך די ערשטע יאָרן גע־מוטשעט אין אַ שאַפּ, גענייט קנעפּלעך צו הויזן. שפּעטער געוואָרן אַ פּרעסער און גאָר שפּעטער געאַרבעט פאַר זיך. האָט עטלעכע קינדער, גבירים אַפילו, האָט מען אים — אויף די עלטערע יאָרן — אַריינגעגעבן אַהער. דאָ האָט געוווינט



שבת אינדערפרי ביי דער קאָנגרעגאַציע פון קלעוולאַנד

זיינס אַ טאָכטער, וועלכע איז שוין געשטאָרבן. איצט איז ער עלנד ווי אַ שטיין און זיין איינציקער פריינד איז רבי גאָלדמאַן!

פאַרן אַוועקגיין וויל איך אים איבערלאָזן 5 דאָלאַר — וויל ער נישט נעמען! נישט עס פעלט אים געלט, נישט ער דאַרף געלט, כאָטש ער האָט אין דעפּאָזיט, אין דער אַדמיניסטראַציע עטלעכע הונדערט דאָלאַר. איך דערמאָן אים, אַז איך בין אים „שולדיק אַ חוב". נישט איינמאָל האָב איך — מיט נאָך עטלעכע חברה ווי איך — אַרויסגענומען דעם צאַפּן פון זיין פעסל און אים אָנגעמאַכט אַ שאָדן... ער פאַרזיכערט מיר, אַז ער איז מיר מוחל, און דער סוף איז — איך מוז נעמען ביי אים 10 דאָלאַר צו קויפן די קינדער אַ מתנה. ער האָט גענוג געלט און ער וויל שיקן וועלוול נוסקעס קינדער אַ מתנה...

איך בין טאַקע קיין קלעוולאַנד געקומען שפּאַצירן, אָבער, איך האָב מיין צייט דאָרט נישט פאַרלוירן אומזיסט. איך בין געגאַנגען „דאַווענען" אין דער

באַרימטער קאָנגרעגיישאָן פון ד״ר הלל סילווער און אין אַ צווייטער מאָדערנער קאָנגרעגיישאָן. מיר זענען שבת געפאָרן דאַוונען מיט „אונדזער״ אויטאָ. ביי דער שול איז נישט געווען קיין פּלאַץ ווו אַוועקצושטעלן דעם „קאַר״, — אַזוי פיל אויטאָס זענען געווען. די ראַבאַיס האָבן אָראָפּגענומען דעם פאַרבאָט פון פאָרן אין שול אַריין מיטן אויטאָ, איידער די שול זאָל זיין פּוסט, ווייל מען טאָר נישט פאָרן מיטן קאַטש — איז שוין בעסער, אַז די שול איז איבערפולט — דווקא אין אַ פּשוטן שבת — און זאָל מען קומען מיטן אויטאָ.

אויפדערנאַכט גייען מיר אַלע — אויך מיינע קרובים הערמאַן און רחל אַפּטייקער אין „קולטור־צענטער״. עס איז אַ פאַרלעזונג פון באַרימטן שריפט־שטעלער און בן־תורה אבא גאָרדין. ער רעדט וועגן רמב״ם. איך בין נישט זיכער, צו 5 פּראָצענט פון די בייוועזנדע האָבן פאַרשטאַנען וואָס ער רעדט. אין דער זייט ליגן עטלעכע ביכער זיינע, וועלכע אַ „חסיד״ זיינער פּרוּווט פאַרקויפן; מ׳קויפט זייער ווייניק. פון די צען ביכער וואָס איך האָב געטראָפן אויפן טיש, ליגן נאָך העכער העלפט. דער רעפערענט באַמערקט עס. ער האָט זיכער עגמת־נפש דערפון. צו וואָס־זשע דאַרף מען אַזוי מסחרן מיט אייגענע ביכער?...

מ׳לייגט מיר פאָר בלייבן אויף איבעראַכטאָג שבת, וועט מען מיר אַנגאַ־גאַזשירן אַ „לעקציע״. גיי, דערצייל זיי, אַז מיטוואָך דאַרף איך זיין אין וואַ־שינגטאָן און אַ סברא, אַז אייזענהאַוער „וואַרט אויף מיר״...

— ווי גייט אָן דאָס וועלטלעכע יידישע לעבן אין קלעוולאַנד?

— נישט אַזוי רעשיק ווי אין אַנדערע שטעט. פאַראַן אַ הסתדרות־גרופּע, אַ פּועלי־ציון־צענטער, אַ פעסטע און שטאַרקע אַלגעמיין־ציוניסטישע באַוועגונג, בראש פון וועלכער עס שטייט טאַקע הרב ד״ר סילווער. פאַראַן אַ פּאָר וועלט־לעכע שולן אונטער דער השפּעה פון אַרבעטער־רינג. אָבער, מיר דאַכט זיך, אַז דאָס רעליגיעזע און טראַדיציאָנעלע יידישקייט באַהערשט דאָ די יידישע גאַס.

אינטערעסאַנט איז: יידן דערציילן דאָ און באַרימען זיך אַפילו דערמיט, וואָס קיין אַנטיסעמיטיזם פילט זיך דאָ נישט. איך האָב עס אויסגעטייטשט אַזוי:

די קלעוולאַנדער קריסטן זענען אַזוי פאַרנומען מיט זייער האַס און פאַר־אַכטונג צו די שוואַרצע, — אַז זיי האָבן פּשוט קיין צייט נישט אויך פיינט האָבן יידן! עס סטייעט ביי זיי נישט אַזוי פיל גיפט פאַר צוויי פעלקער.

פון דער יידישער קלעוולאַנד בין איך אַוועקגעפאָרן באַגייסטערט. פון דעם אַמעריקאַנער קלעוולאַנד — נישט אַזוי. דאָ, האָב איך צום ערשטן מאָל באַנומען דעם פּראָבלעם „שוואַרצע״, וואָס אַמעריקע האָט און וועט ערשט האָבן! די „שוואַרצע״ מערן זיך אומגעהויער, דאַן, ווען די אַמעריקאַנער פאַרלעך רעדן וועגן „געבורט־קאָנטראָל״.

XXXVI

טייערע גאָלדע:

אַזוי ווי איך בין ווידער אויף אַ פּאָר טעג אַ „ניו־יאָרקער תושב“, וועל איך דיר ווידער שרייבן וועגן ניו־יאָרק, וועגן ניו־יאָרקער מענטשן און וועגן ניו־יאָרקער יידישע פּערזענלעכקייטן.

דאָס ערשטע וויל איך דיך באַקאַנען מיט די וויכטיקסטע פּערזענלעכקייט פון יידישן זשורנאַליזם, שרייבער, דערציילער, פּאָעטן און סתם אַזעלכע וועלכע באַלייכטן — מעגלעך אונדזער לעצטן דור — מיט זייער פּען און מיט זייערע געדאַנקען.

דו דאַרפסט אויך וויסן, טייערע גאָלדע, אַז אין אַמעריקע, פאַרנעמען די זשורנאַליסטן און שרייבער אָנגעזעענע פּאָזיציעס אין געזעלשאַפטלעכן, קולטור־רעלן, נאַציאָנאַלן און פילאַנטראָפּישן יידישן לעבן. שוין נישט רעדנדיק דערפון, אַז זיי — די שרייבער — פאַרנעמען זייער וויכטיקע פּאָזיציעס אין אַרבעטער־לעבן און אין דער סינדיקאַלער באַוועגונג.

איינע, אַזאַ פּערזענלעכקייט, איז אָן ספק, דער פּאָפּולערער שרייבער, זשור־נאַליסט און אַרבעטער־טוער,

הער הלל ראָגאָף.

ווען דו קוקסט אים אָן, וואָלסטו נישט געזאָגט, אַז דאָס איז דער גרעסטער רעדאַקטאָר פון דער גרעסטער יידישער צייטונג אין דער וועלט. דאָס פּשוטקייט ליגט אים אויסגעצויגן אויפן פּנים. דאָך, איז ער איינער פון די טאַלאַנטירטסטע שרייבער פון היינטיקן דור און ער האָט שוין אַרויסגעגעבן וויכטיקע ווערק וואָס האָבן באַרייכערט אונדזער יידישע ליטעראַטור.

הלל ראָגאָף פאַרנעמט דאָס פּלאַץ אין „פאָרווערטס“ פון הויפּט־רעדאַקטאָר. דער חילוק פון אים ביז — אים צו לענגערע יאָרן — דעם פאַריקן רעדאַקטאָר א. קאַהאַן, איז: — ער איז מיט די קאָלעגן פון „פאָרווערטס“ אַ סך... חברלעכער, פריינטלעכער און... מענטשלעכער. האָבן זיי אים טאַקע דערפאַר ליב. איך האָב קיין איין שלעכט וואָרט נישט געהערט רעדן וועגן אים. אין אַ רעדאַקציע — איז דאָס אַ זעלטנהייט!...

און, אַזוי ווי איך „שפּאַציר“ אַרום מיט דיר אין „פאָרווערטס“, וועל איך דיך באַקאָנען מיט ראָגאָפס געהילף, דער סוב־רעדאַקטאָר, איינער פון די אינ־טערעסאַנטסטע זשורנאַליסטישע פּערזענלעכקייט און וויסנשאַפטסלייט וואָס מיר פאַרמאָגן, איינער פון די הויפּט־זיילן פון „פאָרווערטס“:

דאָס איז דער ד״ר ל. פאַגעלמאַן.

אַ שטילער, רויִקער מענטש, אַ ייִד פון גאַנצן האַרצן. ער האָט דערהערט, אַז איך קום פון אַרגענטינע, האָט ער מיך אַ שטיק צייט פאַרהאַלטן, כדי געוואָר צו ווערן ביי מיר, וואָס טוען די אַרגענטינער ייִדן? צי לעבן זיי רויִק?...

דאָ, אין אַמעריקע, כאָטש דער אַנטיסעמיטיזם בושעוועט היפשלעך, איז אָבער נישטאָ קיין פּראָבלעם פון נישט לעבן רויִק!



הלל ראָגאָף

הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער גרעס־טער ייִדישער צייטונג אין דער וועלט — „פאָרווערטס״

ה׳ ראָגאָף איז אויך איינער פון די שעפער פון דער אַמעריקאַנע־ייִדישער אַרבעטער באַוועגונג

און, אָט וועל איך דיך „אַריינפירן״ אין אַן אינטערעסאַנטן צימער. בלויז אַמעריקע, בלויז אַמעריקאַנער ייִדן און בלויז דער „פאָרווערטס״ קאָן זיך דאָס פאַרגינען. דאָס איז אַ צימער וווּ מ׳שרייבט וועגן רעליגיע, וועגן טיף־רעליגיעזע ענינים, וועגן ישיבות און בכלל וועגן אַלעם וואָס געהער צום טראַדיציאָנעלן ייִדישקייט. אין דעם דאָזיקן צימער זיצט דער גרויסער גאון, דער גרויסער תלמיד חכם און דער גרויסער ייִדישער שרייבער און זשורנאַליסט:

— חיים ליבערמאַן.

עס איז אָן ספק — און זאָלן מיר מיינע קאָלעגן שרייבער פון „פאָרווערטס״

מוחל זיין וואָס איך וועל דיר זאָגן — אַז חיים ליבערמאַן איז דער פּאָפּולערסטער און אפשר אויך דער געלייענסטער יידישער שרייבער אין אַמעריקע. אַ פאַקט איז: — ער איז דער איינציקער וואָס האָט אַ „דאָפּלט־קאָלום" אין „פאָרווערטס" און ווען זיינס אַן אַרטיקל דערשיינט — איז די צירקולאַציע שטענדיק אַ גרע־סערע. עס לייענען אים פרומע און עס לייענען אים „פרייע". ער איז דאָס געווען



צושריפט צום בוך וואָס ח. ליבערמאַן האָט מיר געשאָנקען



ה׳ חיים ליבערמאַן

דער, וואָס האָט פאַרטריבן שלום אַשן פון אַמעריקע. ער האָט עס אַנטדעקט שלום אַשס נוצרישע נייגונגען און האָט געקלאַפּט טרעוואָגע, ביז שלום אַש האָט געמוזט אַ דריי־טון דעם דישעל צוריק צו... יידישקייט.

איך האָב זיך מיט אָט דעם ליבן מענטשן באַלד באַפריינדעט און ער האָט מיר אויך געשאָנקען זיינס אַ ביכל מיט אַ פּאַסיקן צושריפט, — דאָס טייערסטע ביז איצט וואָס איך האָב געקראָגן אַ מתנה אין אַמעריקע.

און, אָט איז אַריינגעקומען אין דער „פאָרווערטס"־רעדאַקציע, דער באַ־רימטער שרייבער, באַרימטער זשורנאַליסט און נאָך מערער באַרימטער ליטע־ראַטור־קריטיקער, דראַמאַטורג, מחבר פון „יאָשע קאַלב", „די ברידער אשכנזי", „פאַמיליע קאַרנאָווסקי", „חבר נחמן" א״אַנד. פּאָפּולער איז ער אונטער זיין פּסעוודאָנים:

— יצחק וואַרשאַווסקי.

דער אמת׳ער נאָמען פון וואַרשאַווסקין איז י. י. זינגער, אָבער, ער איז אויך באַרימט מיט זיין שרייבן אונטער די פסעוודאָנימען פון י. באַשעוויס, ד. סעגאַל א״אַנד. דאָס איז ער, דער באַרימטער מחבר פון „די פאַמיליע מושקאַט״, וועלכן דו האָסט געלייענט און הנאה געהאַט, כאָטש פאַר דיר איז געווען פרעמד דער



ה׳ משה עלבוים

ז. יעפרויקין

פוילישער אַמביענט אין וועלכן די דאָזיקע וויכטיקע ווערק זענען געשריבן געוואָרן.

אַזוי „שפּאַצירנדיק״ וועל איך דיך באַקענען מיט פיינעם און פעיקן זשורנאַליסט און שרייבער,

— משה עלבוים.

דער דאָזיקער שרייבער פאַרנעמט זייער אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער „פאָרווערטס״־רעדאַקציע און מ׳לייענט אים גערן. ער איז דער נייעס־רעדאַקטאָר און ער דערלאַנגט אַזוי דאָס נייעס, — אַז מ׳זאָל עס וועלן לייענען!

און, אָט אַזוי, אַרומדרייענדיק זיך אין דער „פאָרווערטס״־בולדינג, טרעפן מיר זיך אָן אויפן „בילדונגס־דירעקטאָר״ פון אַרבעטער־רינג — ז. יעפרויקין. דאָס איז גאָר אַן אינטערעסאַנטע פערזענלעכקייט. ער פירט אָן מיט דער דער־

צײַונג פון אַט דעם גרויסן אַרבעטער־אָרדן, און ער האָט אַ סך פּאַרדינסטן פאַר דעם, וואָס הונדערטער און טויזנטער ייִדישע יוגנטלעכע אין אַמעריקע קאָנען ייִדיש און זענען נאָענט צום ייִדנטום.

איינער פון די אינטערעסאַנטסטע פּערזענלעכקייטן פון „פאָרווערטס", ווי בכלל פון ייִדישן אַמעריקע, איז דער מענעדזשער —דער הויפּט־פאַרוואַלטער— פון „פאָרווערטס".

— הער אַלעקסאַנדער קאהן.

אַ כּמעט אין די מיטעלע זיבעציקער יאָרן, זעט ער אויס יונג און פריש.

ה' אַלעקסאַנדער קאַהן



רפאל אַבראַמאָוויטש

ער איז טאָג־טעגלעך אין דער „פאָרווערטס"־געביידע און אָטענדירט די „פאָר־ווערטס"־ביזנעס און אַנדערע צען ענינים. ער איז איינער פון די הויפּט־טוער פון דזשאָינט, איז איינער פון די הויפּט־זיילן פון אַמעריקאַנער סאָציאַליזם און אַר־בעטער־טוער און צו זיין שטים הערן זיך צו קאָנגרעס־לייט, סענאַטאָרן און אַפילו דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק שענקט אים אַ סך אויפמערקזאַמקייט. טאַקע, בלויז אויפן אַמעריקאַנער באָדן האָט זיך געקאָנט אַנטוויקלען אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי אַלעקסאַנדער קאהן. ער קומט קיין אַמעריקע פון סמאָלענסק און נישט־קוקנדיק

דערויף וואָס ער איז שוין פון רוסלאַנד אַ פּאָר און זעכציק יאָר — זאָגט מען, אַז ער רעדט נאָך אַ פּערפעקטן רוסיש.

אַלעקסאַנדער קאַהן רעכנט זיך פּאַר איינעם פון די גרינדער פון דער לי־בעראַלער פּאַרטיי אין אַמעריקע און ער האָט אויך גרויסע, גאָר גרויסע סימפּאַטיעס פאַר מדינת־ישראל ווען ער העלפט אַ סך...

שאול סאַפּיר
דער באַרימטער שרייבער

דוד איינהאָרן
דער בעל שביעים

אַן אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט אין דער שרייבער־משפּחה פון „פאָר־ווערטס" איז דער באַרימטער שרייבער פון היסטאָרישע ראָמאַנען, הער — שאול סאַפּיר.

אין משך פון אַ סך יאָרן איז ער געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער צווייטער ייִדישער אַמעריקאַנער צייטונג. ווען זי האָט זיך פאַראייניקט — איז ער איבער־געגאַנגען אין „פאָרווערטס", ווו ער פאַרנעמט אַ חשובן, זייער אַ חשובן פּלאַץ. די רעדאַקציע פון „פאָרווערטס" ווייסט, אַז מען לייענט שאול סאַפּיר זייער גערן אין גאַנץ אַמעריקע און אויסער די גרענעצן פון אַמעריקע. ביי אונדז, אין אַרגענ־טינע, האָט ער אַ סך לייענער און חסידים.

אַ צימער נעבן אַ צימער, פאַרנעמען די צוויי גרויסע שרייבער — ממש די צוויי זיילן פון דער „פאָרווערטס"־רעדאַקציע. דער ערשטער איז — דער באַליבטער שרייבער און זשורנאַליסט, מחבר פון עטלעכע ביכער און טאַקע איינער פון די וויכטיקסטע מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס". ער הייסט:

— מ. אָשעראָוויטש.

איך בין נישט זיכער צו די יידישע זשורנאַליסטיק האָט נאָך אַזאַ פעיקן שרייבער וואָס זאָל זיך אָריענטירן און קאָנען שרייבן אויף אַלע טעמעס ווי עס



די „פאָרווערטס"־געביידע, וועלכע מען זעט אַרויס אויף אַ ווייטער שטרעקע ביי טאָג און ביי נאַכט. די געביידע איז דער שטאָלץ פון יידישן איסט־סייד

י. שמולעוויטש

טוט עס מ. אָשעראָוויטש. חוץ דעם, איז ער אַ פערפעקטער איבערזעצער פון רוסיש און העברעיש — צוויי שפּראַכן, וועלכע ער באַזיצט פולשטענדיק.

אין שכנות מיט אים, זיצט אונדזער באַקאַנטער און זייער באַליבטער שרייבער,

— ברוך שעפנער.

דער דאָזיקער באַרימטער שרייבער איז אין אַרגענטינע זייער און זייער פּאָפּולער. ער איז שוין דאָ געווען צוריק מיט אַ צוואַנציק יאָר און ווען ער קומט נאָך אַ מאָל, וואָלטן טויזנטער פריינט זיינע אים געגאַנגען הערן און סתם רעדן מיט אים. אַז מען רעדט מיט אים — פילט מען זיך אַזוי היימיש און היימלעך, אַז מען פאַרגעסט, אַז מען איז אין דער פרעמד...

אין דער „פאָרווערטס"־רעדאַקציע, פאַרנעמט ער אַן אָנגעזעענעם, גאָר, גאָר אַן אָנגעזעענעם פּאָסטן.

אַן אינטערעסאַנטע פערזענלעכקייט אין דער „פאָרווערטס"־רעדאַקציע איז זייער טעאַטער־קריטיקער,

— חיים ערענרייך.

אוודאי האָט ער מיט יאָרן צוריק — ווען טעאַטער האָט געבליט אין אַמע־ריקע געהאַט מערער אַרבעט. צו זיין וואָרט און צו זיינע רעצענזיעס האָט מען זיך צוגעהערט. בכלל, בין איך געוווּיר געוואָרן אַ נייעס: אין אַמעריקע... הערט מען זיך צו צום רעצענזענט און לויט דער רעצענזיע — האָט אַ פּיעסע דאָס מזל צו גיין וואָכן און חדשים, אָדער... אָפּדאַנקען אויפן דריטן טאָג וואָס מען האָט זי געשטעלט. פונקט דער היפוך וואָס ביי אונדז אין די זיד־אַמעריקאַנער לענדער. ביי אונדז, ווען די רעצענזיע איז שלעכט, איז איינס פון די ביידע: אָדער מען גייט זען צו דער רעצענזענט איז געווען גערעכט — און נישט שטענדיק איז מען מיט אים מסכים, אָדער... מען לייענט גאָר אינגאַנצן נישט די רעצענזיע און מען גייט סתם אין טעאַטער אַריין...

דאָ, איז מאָריס שוואַרצס אויפפירונגען אויף ענגליש שלום־עליכמס פּיעסן, — נישט געפעלן געוואָרן די ענגלישע רעצענזענטן און... שוואַרץ איז געוואָרן אויס ענגלישער אַקטיאָר.

צוויי אינטערעסאַנטע שרייבער פון דער „פאָרווערטס"־רעדאַקציע, זענען דווקא צוויי... „גרינע". ביידע האָבן איבערגעלעבט די צווייטע וועלט־מלחמה אין סטאַלינס גהינום און ביידע זענען אַרויס מיט גאַנצע ביינער פון סאָוועטישן גן־עדן. איינער הייסט:

— שמעון יוסף גאָלדשטיין.

אַ חוץ אָט דעם אמתן נאָמען, האָט ער נאָך אַ האַלב טוץ פּסעוודאָנימען. ער הייסט יאָסל דער גרינער" און „דער לוסטיקער פּעסימיסט". אָבער דעם שענסטן פּסעוודאָנים האָט ער ווען ער שרייבט פרויעשע ענינים. ער שרייבט „פון אַ פרוי צו פרויען" און שרייבט זיך אונטער: „גאָלדע מילער". ווען דו לייענסט אָט די „גאָלדע מילער", וואָלסטו געשוווירן אַז דאָס שרייבט אַן אינטעליגענטע פרוי און בלויז אַ פרוי...

דער צווייטער זייער פעיקער שרייבער איז אויך אַ „גרינער". ער הייסט:

— י. שמולעוויטש.

ער איז וויניקער יאָרן אין לאַנד, און מיר דוכט זיך, אַז ער קאָן שוין בעסער ניו־יאָרק און דאָס יידישע ניו־יאָרק, ווי אַנדערע שרייבער וואָס האָבן שוין אַמע־ריקאַנער קינדער און אייניקלעך.

ביידע שרייבער האָבן שוין זייער אַ סך לייענער אין אַמעריקע! און דאָס איז דאָך דער עיקר ביי אַ שרייבער און ביי אַ צייטונג!...

און, — אחרון אחרון חביב.

ווי אַזוי באַקענט מען דיך נישט מיט איינעם פון די חשובסטע מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס", מיטן באַרימטן שרייבער

— דוד איינהאָרן,

אָדער מיטן זייער פּאָפּולערן שרייבער־פּליט

— משה דלוזשנאָווסקי.

מיטן לעצטן טרעף איך זיך זייער אָפט. ער האָט אַ האָפענונג צו מאַכן אַ באַזוך אין אַרגענטינע.

און איצט, גאָלדע, וועל איך איבעררייסן אונדזער שפּאַציר איבער דער „פאָר־ווערטס"־געביידע און מיר וועלן אַוועקשפּאַנען איבער ניו־יאָרק.

מיר דאַכט זיך, אַז ווען איך בין אין ניו־יאָרק אַ יאָר צייט, צען יאָר צייט, וואָלט איך אַלע טאָג געפונען עפּעס נייעס צו שרייבן וועגן אָט דער ריזיקער שטאָט מיט אירע ריזיקע געגענטן, מיט אירע ריזיקע „ביזנעס־געשעפטן" און ביזנעס־מענטשן.

אַזוי ווי איך האָב שוין געזען אַ שטיק אַמעריקע, — קאָן איך דיר שוין ענטפערן אויף דיינעם אַ בריוו, אין וועלכן דו פרעגסט מיך צי ניו־יאָרק געפעלט מיר?

דעם אמתן אמת וועל איך דיר זאָגן: די פּראָווינץ געפעלט מיר בעסער! ווען איך דאַרף זיך אַרויסציִען קיין אַמעריקע, וואָלט איך אויסגעקליבן אַלע שטעט פון אַמעריקע, — אַ חוץ ניו־יאָרק. דאָ לעבט מען נישט! דאָ — האָרעוועט מען שווער און מען איז שטענדיק אַזוי פאַרנומען און פאַרמוטשעט, אַז מ'האָט קיין צייט נישט צו... לעבן. די איינציקע מענטשן וואָס לעבן רויִק אין ניו־יאָרק — זענען די זקנים פון די „האומס" און פון די מושב־זקנימס.

איך בין נעכטן ווי־ער געווען אין ביאַליסטאָקער מושב־זקנים אויף 228 איסט בראָדוויי. איך האָב פאַרבראַכט מיט עטלעכע זקנים העכער אַ שעה צייט, און עס איז מיר, און זיי, צוגעקומען אַ שטיק געזונט פון אָט דער חיי־שעה מיט קלוגע ייִדן, מיט ייִדן, וועלכע זענען שוין פערציק און פופציק יאָר פון ביאַליסטאָק, אָבער עס שמעקט נאָך פון זיי דער ריח פון אָט דער געוועזענער ייִדישער שטאָט.

דער ביאַליסטאָקער מושב־זקנים איז — דאַכט זיך מיר — דער איינציקער פון דעם מין, ווו מ'לייענט נאָך געשמאַק אַ ייִדיש בוך און ייִדישע צייטונגען. אין זייער זאַל טרעפט מען ייִדישע צייטונגען פון דער גאַרער וועלט — פון אַרגענטינע אַריינגערעכנט. איך האָב אײן זקן געטראָפן לייענען דעם קינדער־זשורנאַל „אַר־גענטינער ביימעלעך", וואָס אונדזער ז. מאַזור גיט אַרויס אין אַרגענטינע. איינער

פון די געסט האָט דאָרט אַהין געבראַכט דעם זשורנאַל. אַז עס קומען באַזוכער אין ביאַליסטאָקער מושב־זקנים, בעטן די אַלטע מען זאָל זיי ברענגען צייטונגען און זשורנאַלן פון דער גאָרער וועלט. איך האָב ביי דעם בוכהענדלער שייקעוויטש געפונען אַ פּאָר נומערן „דער שפּיגל" און „פאָלקס־געזונט", האָב איך זיי צוגע־נומען און געבראַכט אַ מתנה די זקנים, — האָבן זיי נישט געוווּסט ווי אַזוי מיר צו דאַנקען. זיי האָבן געשיקט דורך מיר אַ גרוס צו די ביאַליסטאָקער לאַנדסלייט פון אַרגענטינע. זיי קאָנען די וויכטיקסטע אַרגענטינער ביאַליסטאָקער ווי: זרח פּאַניע־וואָן, כאָסע קוליש, הירש טריוואַקס, גרעגאָריאַ וואלשאנסקי, די ברידער ליסמאַן א"אַנד. גאָר ספּעציעל זענען זיי שטאָלץ אויף זייער לאַנדסמאַן ד"ר חיים שאַשקעס. נאָך יעדער צען ווערטער — דערמאָנען זיי זיין נאָמען.

— —

דו הערסט, גאָלדע, די אַמעריקאַנער מענטשן דאַרף מען פאַרשטיין! זייער אַרט דענקען, זייער פּסיכאָלאָגיע איז גאָר אַן אַנדערע פון אונדזערער.

אָט, למשל, האָט זיך דאָ געטומלט מיט אַן ענין „ד"ר שעפּאַרד". וואָלסטו גע־מעגט זען, ווי גאַנץ אַמעריקע, גרויס און קליין, איז געווען פאַקאָכט אין זיין משפּט. און אַפילו מיך, דעם „גרינעם", האָט מען געפרעגט אַ מיינונג:

— צי איז ד"ר שעפּאַרד שולדיק אין זיין פרויס טויט?

די מעשה מיט ד"ר שעפּאַרד (ער הייסט סאַמועל און איז, גליקלעכערווייזע, נישט קיין ייִד) איז זייער אַ שווידערלעכע.

די מעשה האָט זיך געטראָפן אין קלעוולאַנד.

אין אַ פאַרטאָג, האָט דער דאָזיקער דאָקטער געמאַכט אַ דענונסיע אין דער פּאָליציי, אַז אַ רויבער איז אַריין צו אים אין הויז און האָט דערמאָרדעט זיין שוואַנגערדיקע פרוי, און ווען ער האָט זיך געוואָלט אָננעמען פאַר איר, האָט אים דער רויבער דערלאַנגט איבערן קאָפּ און ער איז געפאַלן אַ פאַרחלשטער.

דער דאָזיקער ד"ר שעפּאַרד קומט אַרויס פון אַן אָנגעזעענער משפּחה און די אויטאָריטעטן האָבן אָנגענומען פאַר גוט געלט זיינע דערקלערונגען, מ'האָט באַ־גראָבן די דערמאָרדעטע און דער ענין וואָלט פאַרווישט געוואָרן.

איז אָבער אַמעריקע אַ דעמאָקראַטיש לאַנד, מיט אַ פרייער פּרעסע, מיט זשור־נאַליסטן וואָס האָבן זיך ליב צו גריבלען אין מאָרד־געשעענישן און מאַכן פאַר זייער צייטונג אַ גאַנצע סענסאַציע, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן גריבלען אין ד"ר שעפּאַרדס פאַרגאַנגענהייט, האָבן אָנגעהויבן אויסצוגעפינען, אַז דער דאָזיקער פּו־ריטאַנער דאָקטער האָט געהאַט אַ סך געליבטע און האָט זיך גאָר מיט זיין ווייב געוואָלט גטן. מ'האָט אָנגעהויבן אויפוויזן, אַז ביי דער דערמאָרדעטער האָט מען געפונען העכער דריי צענדליגג וווּנדן אויפן קערפּער. ס'הייסט: דער מערדער האָט

געהאַט צייט און האָט געהאַלטן אין איין שלאָגן און שטעכן די אָרעמע פרוי מערעלין — די פרוי פון ד״ר שעפּאַרד. מ׳האָט דעם „שיינעם״ דאָקטער אַרעסטירט, געמשפּט און פאַרמשפּט אויף אייביקער טורמע. דאָס באַראַטן זיך פון דער „פּאַלקס־זשורי״ — ווי עס פירט זיך אין אַמעריקע — האָט געדויערט פינף טעג; אין אָט די פינף טעג האָט דער אַמעריקאַנער מענטש אין גאַרנישט געטראַכט און וועגן גאַרנישט גערעדט, נאָר וועגן

—ד״ר סעמיועל שעפּאַרד.

דאָס לאַנד איז געווען איינגעטיילט אין 2 טיילן. איין טייל — 95 פּראָצענט מענטשן, זענען זיכער, אַז ד״ר שעפּאַרד האָט דערהרגעט זיין שוואַנגערדיקע פרוי. ער האָט עס געטון אין אַ מאָמענט פון אַ קריג, פון אויפרעגונג, דערפאַר האָט ער זי אַזוי בעסטיאַליש געשלאָגן און אָנגעמאַכט 25 וווּנדן אויפן קערפּער.

אַ קליינע „מינדערהייט״ האָט געצווייפלט אין דער שולדיקייט פון דעם מאַן, כאָטש אַלע זיינע „אַנטעצעדענטן״ האָבן דערוויזן, אַז ער איז אַ „דאָן־זשואַן״ און האָט געהאַט געליבטע, וועלכע האָבן זיך מודה געווען, אַז זיי האָבן געלעבט מיטן „פיינעם״ דאָקטער.

דער משפּט, אין אַלגעמיין, האָט געדויערט 10 וואָכן צייט. האָט מען אָוועקגעזעצט אַ „זשורי״ (פאָלקס־ריכטער) פון 5 פרויען און 7 מענער און זיי האָבן געדאַרפט אויסהערן אַלע באַווייזן „פאַר״ און „קעגן״. אין משך פון די 10 וואָכן באַקומען די „זשורי״־לייט זייער געהאַלט — אויב זיי זענען אָנגעשטעלטע — און דער געריכט זאָרגט, אַז עס זאָל זיי גאַרנישט פעלן. ביז מ׳גיט זיי איבער די קעיס״ — דעם משפּט — זענען זיי פריי צו גיין אַהיים, אַטענדירן זייער הויז, אָפּקאָכן סאַפּער פאַרן מאַן, און אַטענדירן די פּערזענלעכע געשעפטן. זיי טאָרן, אָבער, פאַר דער צייט פון „טרעיל״ (משפּט) מיט קיינעם נישט רעדן וועגן די געריכט־פאַרהאַנדלונגען. מען רעקאָמענדירט זיי, נישט צו לייענען אין די צייטונגען די באַריכטן פון געריכט, כדי זיי זאָלן נישט באַאיינפלוסט ווערן פון דער עפנטלעכער מיינונג. געוויינלעך, פאָלגן זיי אויס אַלע אינסטרוקציעס פון ריכטער און עס טרעפט זייער זעלטן אַז אַ „זשורי״־מאַן זאָל עובר זיין אויף זיין פליכט.

ווען די געריכט־פאַרהאַנדלונגען ווערן פאַרענדיקט און די אַדוואָקאַטן און פּראָקוראָר האַלטן זייערע לעצטע רעדעס, גיט מען דאָס לעצטע וואָרט דעם באַשולדיקטן. ד״ר שעפּאַרד האָט אין זיין לעצט וואָרט געטענהט, אַז ער איז אומשולדיק. דאָך האָט מען אים נישט געגלייבט. די 12 „זשורי״־שופטים האָבן זיך נאָר געשפּאַרט צי מ׳זאָל אים שיקן אויפן עלעקטרישן שטול אָדער אייביקע טיורמע. נאָך 5 טעג דינגענישן האָט מען זיך געאייניקט אויפן לעצטן. דער דין איז, אַז דער

אורטייל מוז אַרויסקומען אַ געאייניקטער און איינשטימיקער, אויב נישט — צע־לאָזט מען דאָס גאַנצע חדר און מ׳׳הייבט אָן פון אָנהייב.

— אַזוי איז אַמעריקע! אַ מענטשלעך לעבן איז דאָרט זייער טייער. דעם גרעסטן פאַרברעכער גיט מען הונדערט געלעגנהייטן זיך צו פאַרטיידיקן. אויב עס איז נאָר דאָ אַ קליין ביסעלע צווייפל אין זיין אַבסאָלוטער שולד — וועט מען גיכער באַפרייען אַ פאַרברעכער, איידער צו פאַראורטיילן אַן אומשולדיקן. גייען טאַקע אַרום אַ סך פאַרברעכער אויף דער פריי...

אויב מ׳האָט דעם ד״ר שעפּאַרד ניט געשיקט אויף יענער וועלט, איז עס געווען, ווייל מ׳האָט געדענקט, אַז ער האָט דערמאָרדעט זיין אומגליקלעכע פרוי אין אַ מאָמענט פון אויפרעגונג.

זעסטו, גאָלדע, אַנדערש האָט שוין אַמעריקע רעאַגירט קעגן אַ צווייטן זשוליק, וואָס האָט טאַקע קיינעם נישט דערהרגעט, אָבער ער האָט אָפּגעטון אַזעלכע שטיק־לעך אַרבעט, וואָס האָט קיין וואָמען נישט, חוץ דעם, האָט ער מיט זיין האַנדלונג גלאַט באַשמוצט דעם נאָמען פון אַמעריקאַנער מענטשן.

דער דאָזיקער זשוליק הייסט אָדער מ׳רופט אים: מ. ק. דזשעלקע. ער איז אַ קינד פון מיליאָנערסקע עלטערן און עס וואַרט אויף אים אַ ירושה פון אַ סך מיליאָנען דאָלאַר. ווייזט אויס, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף דער ירושה, האָט ער דערווייל גענומען זוכן אַ לייכטע פרנסה און האָט זיך גענומען צום מיסחר, וואָס איז ביי אונדז באַקאַנט מיטן נאָמען: „רופיאַניזם״.

ער, דער דאָזיקער צוקונפטיקער מיליאָנער, האָט זיך אַרומגערינגלט מיט עטלעכע „כלות״, — די שענסטע מיידלעך פון ניו־יאָרק — און ער פלעגט זיי שיקן „אַרבעטן״ צו די רייכסטע מענטשן פון זיין קרייז. אַלס מיליאָנערסקע יורש, האָט ער געהאַט אַ קרייז פון מיליאָנערסקע פּוסט־און־פּאַסניקעס און צו זיי האָט ער „רעקאָמענדירט״ זיינע כלות, וועלכע פלעגן קריגן פאַר יעדער וויזיט הונדערטער דאָלאַר.

וואָלסטו געמעגט זען, גאָלדע, ווי די אַמעריקאַנער זענען באַשעפטיקט מיט אָט־דעם בחור און מיטן פּראָצעס וואָס גייט אויף אים. וואָלט דאָס געווען ערגעץ אַנדערש, וואָלטן זיינע מיליאָנען אים אַרויסגעשלעפּט פון אַלע צרות. די צייטונגען וואָלטן באַקומען באַצאָלט און זיי וואָלטן זיין נאָמען נישט דערהערן...

אין אַמעריקע — גייט עס נישט! עס האָט נאָך נישט געטראָפן, אַז אַ ריכטער זאָל נעמען כאַבאַר (וועגן דער פּאָליציי — האָט מען נישט אַזאַ מיינונג...) און זאָל באַפרייען אַ פאַרברעכער. מ. ק. דזשעלקע האָט טאַקע אָנגעשטעלט די בעסטע אַדוואָקאַטן, אָבער — דעם ערשטן פּראָצעס האָט ער פאַרשפּילט און וועט זיכער פאַרשפּילן דעם צווייטן אויך און ער וועט דאַרפן גיין אין חד־גדיא אַריין.

אינטערעסאַנט איז: ביי דעם שעפּאַרד־פּראָצעס, איז דער הויפּט־עדות געווען זיינס אַ געליבטע, וואָס האָט מיט אים געלעבט, און אַ דאַנק איר עדות זאָגן, האָט מען אים געמשפּט. דאָ, ביים דזשעלקע־פּראָצעס, איז אויך דאָ אַ געליבטע (גראָדע אַ יידיש מיידל: סאַנדראַ וויסאָצקי), וואָס טרעט אויף קעגן אים און זי לייגט אים אויף די קוילן. זי דערציילט, אַז אין דריי חדשים האָט זי — מיט איר קערפּער — פאַרדינט קרוב צו 15 טויזנט דאָלאַר (וויפל איז דאָס אויף אונדזער געלט?) און דער מיליאָנערסקער אויסוואָרף האָט עס ביי איר צוגענומען...

פאַראַן אַ האַלב טוץ אַזעלכע מיידלעך וועלכע טרעטן אויף אַלס עדות קעגן מ. ק. דזשעלקע און ווייזן אָן אַז ער איז געווען זייער „רופיאַן" און אָט דער נפש טענהט, אַז זיי מאַכן אויף אים אַ „בילבול".

די אַמעריקאַנער שעמען זיך נישט, וואָס זיי האָבן אַזעלכע דזשעלקעס. אין אַזאַ ריזיק לאַנד מוז זיין פון אַלעם. זיי פאַרשטייען בלויז נישט, צו וואָס האָט דזשעלקע געדאַרפט האָבן די עטלעכע הונדערט אָדער טויזנט דאָלאַר אַ מאָנאַט? — ער איז געווען אַ מיליאָנער און קיין געלט האָט אים קיינמאָל נישט געפעלט.

דער פּאָפּולערער און באַליבטער שרייבער און זשורנאַליסט ברוך שעפנער, אגב, — ער איז איינער פון מיינע הויפּט־אָריענטירער און וועגווייזער אין אַמע־ריקע, מיט וועמען איך טרעף זיך, אויב איך בין אין ניו־יאָרק, אַלע טאָג — האָט פאָלגנדע מיינונג וועגן אָט־דעם דזשעלקע:

פאַר מיר, איז דער דזשעלקע־פּראָצעס אינטערעסאַנט צוליב איין פּונקט, וועלכן ער האָט איצט באַזונדערס קלאָר אַרויסגעבראַכט — אַז נויט און ז[illegible]־קייט שפּילן אַ סך אַ קלענערע ראָל אין דעם, וואָס מענטשן גייען אַראָפּ פון „גלייכן וועג", ווי מיר האָבן שטענדיק געמיינט.

יאָרנלאַנג פלעגן סאָציאַלע רעפאָרמער זען אין דער נויט די סיבה פון אַלע מענטשלעכע שטרויכלונגען און אויסגליטשונגען, שוין אָפּגערעדט פון פאַרברעכנס. ווייזט זיך אַרויס, ספּעציעל אין אַמעריקע, און אין ענלעכע זאַטע לענדער, אַז דער דאָזיקער קוק איז געווען אַ צו־שמאָלער. נויט איז טאַקע נאָך אַלץ דער הויפּט־קוואַל פון מענטשלעכע צרות און פון מענטשלעכער אומגערעכטיקייט. אָבער זאַטקייט איז נאָך נישט קיין גאַראַנטיע פאַר מענטשלעכער גוטסקייט און טוגענט. מען קען גאַנץ פיין אַראָפּ פון „גלייכן וועג", ווען מען איז נישט הונגעריק און מען קאָן גאַנץ שטאַרק זיך אויסגליטשן, אַפילו ווען מ'טראָגט גאַנצע שיך.

אַמבעסטן איז דאָס, דאַכט זיך, לעצטנס באַוויזן געוואָרן אויף די צווי סענ־סאַציאָנעלע פּראָצעסן וואָס זענען אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט פאָרגעקומען אין ניו־יאָרק — אויפן פּראָצעס פון די דריי ברוקלינער יידישע יינגלעך (וועגן

זיי, האָבן איך דיר שוין געשריבן אין אַ פריערדיקן בריוו) און אויפן דזשעלקע־פּראָצעס.

ווער געדענקט עס נישט די רירנדע באַשרייבונגען וועגן די היימען פון וועלכע עס קומען אַרויס אויסגעגליטשטע קינדער? — היימען אָן ברויט, אָן זון, אָן ליבשאַפט, אָן אַ רעכט געלעגער; היימען פול מיט קינדער, מיט קריגערייען, מיט שטיפמוטערישע קללות, מיט שווינדזוכט.

אָבער אַז איר האָט אַריינגעקוקט אין די היימען פון די ברוקלינער אויסגעגליטשטע ייִנגלעך האָט איר דערזען, אַז אין קיין איינציקן פּונקט שטימען זיי נישט מיט די „פאַרשריפטן" ווי היימען פון פאַרברעכערישע קינדער דאַרפן אויסזען: ברויט איז דאָרט געווען און אויך זון איז געווען און ליבשאַפט איז געווען און באַקוועמע געלעגערס זענען געווען און דאַקעגן זענען נישט געווען קיין קריגערייען, נישט קיין שטיפמאַמע, נישט קיין סך קינדער און אוודאי נישט קיין שווינדזוכט.

און דאָך איז דאָרט געווען פאַרדאָרבנקייט, ווילדקייט, פאַרברעכן.

צען מאָל און הונדערט מאָל מער פאַרדאָרבנקייט ווי אין היימען ווו עס איז אַפילו נישט געווען קיין געלעגער פאַר יעדן קינד, ווו אין איין בעט זענען געלעגן צונויפגעקנוילט עטלעכע קינדער, נישט זעלטן נאָך צוזאַמען מיט דערוואַקסענע — „הענטלעך און פיסלעך געפלאָכטן צוזאַמען".

פון יעדן אַזאַ בעט האָבן דאָך געדאַרפט אַרויס, לויט די „פאַרשריפטן", עטלעכע מערדער.

אָבער זיי זענען נישט אַרויס. עס זענען גאָר אַרויס פון אַזעלכע „קאָלעקטיווע געלעגערס", קינדער וואָס האָבן פול געמאַכט די ישיבות, די אוניווערזיטעטן, די פּאָליטישע פּאַרטייען, די פרייהייטס־אַרמייען פון אַלע מינים, די נאַציאָנאַלע און די אינטערנאַציאָנאַלע.

אָבער נאָך מער באַווייזט ווי מ׳קען זיך אויסגליטשן אויך ווען דער מאָגן איז נישט ליידיק, האָט באַוויזן דער דזשעלקע־פּראָצעס.

ווייל וועגן די ברוקלינער ייִנגלעך קען מען זאָגן, אַז זייער דעמאָראַליזאַציע איז געקומען פון איבער־זאַטקייט, פון צופיל ווילטאָג. דאָס איז דאָך אייגנטלעך דער צווייטער מין מאָגן־קראַנקייט, פון וועלכן עס ליידט די וועלט. די אומגליקלעכע מערהייט באַקומט קראַנקע מאָגנס פון צו ווייניק עסן און די גליקלעכע מינדערהייט דרייט זיך אויך אַרום מיט קראַנקע מאָגנס, אָבער פון צופיל עסן.

און בייביידן איז עס נישט בלויז קיין פיזישע קראַנקייט, נאָר אויך אַ מאָראַלישע. הונגער פירט צו פאַרברעכנס און אויך איבערזאַטקייט פירט צו פאַרברעכנס. צוליבן פאַרשטאָפּטן מאָגן ווערט אויך פאַרשטאָפּט דאָס האַרץ.

דזשעלקע אַליין געהערט טאַקע צו דער זעלבער קאַטעגאָריע, וואָס די ברוק־לינער ייִנגלעך — צו די איבערגעפּרעסענע, צו די צעבאַלעוועטע און צעפּיעש־טשעטע. דעריבער טאַקע איז אויך דזשעלקעס פּאַרברעכן לייכט אויסצוטייטשן, לויטן אַלגטן שטייגער.

דערפאַר אָבער האָבן דזשעלקעס „מיידלעך" נישט געליטן קיין איינע פון די צוויי דערמאָנטע מאָגן־קראַנקייטן — נישט זיי זענען געווען הונגעריק און נישט זיי זענען געווען איבערגעזעטיקט.

דאָס זענען דורכשניטלעכע מיידלעך, וואָס קיין איין איינע פון די אַלע סאָציאַלע איבלען האָט זיי נישט אַראָפּגעשטופּט פון גלייכן וועג, — נישט קיין נויט, נישט אַרבעטסלאָזיקייט, נישט קיין דאַכלאָזיקייט און אויך נישט קיין שטיף־מאַמע. דאָס האָבן זיי זיך אַליין אַראָפּגעשטופּט.

מיט דער האָפענונג, פאַרשטייט זיך, אַז אויף „יענעם" וועג וועט זייער לעבן ווערן לייכטער, פריילעכער; אַז זיי וועלן וויניקער דאַרפן געבן און מער קענען נעמען; אַז זיי וועלן אַזוי אַרום קומען אין דער „העכערער" געזעלשאַפט.

אָבער דער פאַקט, וואָס זייערע האָפענונגען זענען נישט מקוים געוואָרן און וואָס עס איז געקומען די ביטערע אַנטוישונג, האָט די דאָזיקע מיידלעך נאָך נישט געמאַכט פאַר „קרבנות פון דער סאָציאַלער אָרדענונג" אָדער פאַר אימיצן אַנדערש קרבנות. זיי זענען אַפילו נישט געווען דזשעלקעס קרבנות, הגם דאָס דאָזיקע מיליאָנערסקע זונדל האָט ביי זיי גענומען פּראָצענטער. זיי זענען געווען זייערע אייגענע קרבנות.

אָט אַזוי באַהאַנדלט דעם „דזשעלקע"־ענין אַ ייִדישער שרייבער. אין זעלבן טאָן רעדן אויך די אַמעריקאַנער צייטונגען. מען איז נישט נערוועיִש און נישט היסטעריש. זעסטו, ווען דזשעלקע ווערט באַפרייט — וואָלט מען זיכער גערעדט אין אַן אַנדער טאָן און מיט אַן אַנדער שפּראַך...

אַזוי איז אַמעריקע.

**
*

רעדנדיק וועגן שלעכטע פרויען, וועל איך דיר דערציילן וועגן די אַמעריקאַנער פרויען בכלל.

„איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די פרוי אין אַמעריקע איז גאָר עפּעס אַנדערש ווי די פרויען אין אונדזערע מקומות! די פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פון דער פרוי אין אַמעריקע — איז נישט צו באַשרייבן. פון דער געבוירענער אַמעריקאַנער פרוי — מיט וועמען איך טרעף זיך און מיט וועמען איך קאָן זיך צונויפרעדן — פון איר, רעדט איך נישט. איך מיין, בכלל, די פרוי — די

יידישע פרוי בפרט — וואָס איך טרעף דאָ, — איז עפּעס אַנדערש ווי אונדזער פרוי אין די זיד־אַמעריקאַנער לענדער. אונדזערע פרויען לעבן אַ פּוסט לעבן, אַ לעבן פון ראָסקאָש און פּטרן צייט אויף נאַרישקייטן, אין דער צייט, ווען די אַמע־ריקאַנער פרוי האָט אַ העכערן ציל אין לעבן".

שרעק זיך נישט, גאָלדע, דאָס זענען נישט מיינע ווערטער, נאָר די רייד פון אַן אַרגענטינער יידישן מענטשן, וואָס האָט אָפּגעלעבט אַ סך יאָרן אין בוענאָס־איירעס, געווען אַ גאַנצער קהלס מענטשן און איצט וווינט ער אין ניו־יאָרק און מאַכט אַ שיין לעבן.

דאָס האָב איך געהאַט פון אים אַזאַ ענטפער ווען איך האָב אים אויסגע־דריקט מיין פאַרוואונדערונג, וואָס אין אַמעריקע איז די פרוי שטענדיק פאַר־נומען ביי אַרבעט און האָט נישט קיין צייט זיך ארומצוקוקן אויף דער דערציִונג פון אירע קינדער.

געטראָפן האָב איך זיך מיט אָט דעם יידן, צופעליק, אין איינעם פון די באַרימטסטע ראַטנערס רעסטאָראַנען. אָבער פאַר אַלעם וויל איך דיך באַקענען מיטן גרעסטן און טאַקע פיינסטן יידישן רעסטאָראַן אין אַמעריקע און אויף דער גאַנצער וועלט. אַזאַ רעסטאָראַן זעט מען בלויז אין די פילמס. איך בין דאָס ערשטע מאָל דאָרט געווען מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק מיט מונין און בעטין. פון דעמאָלט אָן, ווען איך בין אין דער געגנט פון ראַטנערס רעסטאָראַן, כאַפּ איך זיך אַהין אַריין, כדי... זיך צו דערמאָנען אין טעפליק. דאָרט קריגט מען אַלעס, וואָס מ'האָט געגעסן אין טעפליק. דער איינציקער חילוק איז, וואָס אין ראַט־נערס רעסטאָראַן טרעפסטו שטענדיק מערער מענטשן ביים „לאָנטש" ווי אין גאַנץ טעפליק, מיט טערניוקע מיט קובליטש האָבן געהאַט, אַלע צוזאַמען, איינ־וווינער.

צו אַלע מעלות וואָס ראַטנערס רעסטאָראַן פאַרמאָגט, איז די גרעסטע מעלה דאָרט, וואָס דו דאַרפסט נישט שטיין מיטן טעצל אין דער האַנט און זיך אַליין סערווירן. דאָ, אז דו קומסט, זעצסטו זיך אַוועק ביי אַ טישל, גייט צו צו דיר אַ קעלנער, רעדט צו דיר אין אַ געשמאַקן יידיש און נעמט דיין „אָרדער".

און נאָך אַ זאַך איז מיר דאָ געפעלן. ווען דער קעלנער גייט צו צו דיר, דאַרפסטו ביי אים באַשטעלן דעם גאַנצן מיטיק וואָס דו ווילסט עסן און ער ברענגט דיר אַלעס מיט אַמאָל. דו דאַרפסט נישט וואַרטן פון איין טעלער צום צווייטן ביז דער „מאַסאָ" קומט צו צו דיר.

און איינמאָל, ווען איך בין געווען פאַרטיפט אין די וואַרניטשקעס מיט קאַשע און אויפן טיש האָט געוואַרט אַ קאַלטער באָרשט מיט סמעטענע און אַ צימעס פון מערן, האָט מען מיר אַריינגעשטופּט אַ שלום־עליכם אין דער האַנט

אַריין. איך דערזע פאַר זיך אַ היימישן אַרגענטינער ייִדן, וואָס איז געקומען אַהער צוריק מיט אַ יאָר פינף, ווייל ער איז... אַנטלאָפן פון זיין ווייב, אַ שלאַק, אַ מרשעת, וואָס איז אים דערגאַנגען די יאָרן. אַ חוץ זי — האָט ער אין אַרגענטינע קיינעם נישט איבערגעלאָזט. קיין קינדער איז נישט געווען און אירע עלטערן און אירע ברידערלעך זענען נישט בעסער פון איר. בענקט ער טאַקע נישט קיין אַרגענטינע, נאָר אַז ער דערזעט אַן אַרגענטינער ייִדן, גיט אים אַ ציפּ ביי דער נשמה. מיט מיר — האָט ער זיך גאָר דערפרייט!

ער האָט מיך שוין נישט אָפּגעלאָזט און איך האָב, נאָכן עסן, געמוזט מאַכן אַ שפּאַציר מיט אים איבער ניו־יאָרק. און אַזוי, רעדנדיק און שמועסנדיק, זענען מיר אַרויף אויף דער טעמע פון אַמעריקאַנער פרויען, פון וועלכע ער איז באַגייסטערט. בכלל איז ער אַנטציקט, וואָס די פרוי אין אַמעריקע אַרבעט. הן ווען דער מאַן פאַרדינט גענוג, הן ווען דער מאַן נייטיקט זיך אין איר הילף, און הן ווען זי האָט קיין מאַן נישט! דאָ, איזדי פרוי נישט קיין לאַסט אויף אירע עלטערן. דאָ, אַז אַ מיידל באַשטימט, נישט חתונה האָבן, ליגט זי נישט אויפן הויקער פון אירע טאַטע־מאַמע, נאָר גייט אַרבעטן און צאָלט אירע עלטערן פאַר די קעסט.

אַזוי ווי אין אַמעריקע גייט אַלעס מיט סטאַטיסטיק און חשבון, האָט ער מיר געבראַכט אַ ציַיטונגס־באַריכט וועגן אָט־דעם ענין, ווי עס ווערט אָנגעוויזן, אַז אין אַמעריקע זענען איצט דאָ קרוב צו אַכט מיליאָן פאַמיליעס וווּ די פרוי איז די ברויט־געבערין און איינציקע פאַרזאָרגערין. לויט אָט דעם צענז, זענען אין אַמעריקע פאַראַן 47 מיליאָן פאַמיליעס. הייסט עס, אַז אַ זעקסטל חלק פון אָט־די פאַמיליעס האַלטן זיך אויס אויף דער פרויס פאַרדינסטן.

מיין אַרגענטינער פריינד באַצייכנט עס אַלס העכסטע דעמאָקראַטיע!

— פאַרוואָס דאַרפן אַזוי פיל פרויען אַרבעטן?

דערויף גיט אַן ענטפער די באַוווּסטע שרייבערין ל. גערטנער. דער ענטפער איז, אַז אַמעריקע האָט איצט אַ גרויסע צאָל גרושות, וועלכע דאַרפן אַרבעטן צו דערנערן זייערע קינדער. עס זענען אויך דאָ יונגע אלמנות מיט קינדער, וואָס דאַרפן אַליין פאַרזאָרגן זייערע קינדער און אפשר נאָך אַן אַלטן טאַטן אָדער אַלטער מאַמען אין הויז.

עס ווערט געמאַכט אַ חשבון, אַז אין אַמעריקע גייען איצט צו דער אַרבעט מער ווי 19 מיליאָן פרויען, און באַלד ⅔ פון די אַרבעטס־פרויען זענען פאַרהייראַטע, אָדער זיי זענען געווען פאַרהייראַט.

ביי וואָס אַרבעטן אַמעריקאַנער פרויען?

אין אַ ספּעציעלער בראָשור פון אַרבעטס־דעפּאַרטאַמענט ווערט אָנגעגעבן,

אַז מען קאָן געפינען פרויען איצט אין 446 באַשעפטיקונגען, פון פּראָפעסיעס און אַרבעטערינס ביז די פּראָסטע מלאכות. עס זענען אַפילו דאָ פרויען וואָס אַרבעטן ביי קוילן־איוווּנס און פרויען וואָס האַלטן שטעלעס אַלס „דאַרקיפּערס״, צו עפענען טירן אין דעפּאַרטאַמענט־הייזער, און מ׳געפינט אויך פרויען וואָס טוען שווערע אַרבעטן אויף קאַנאַל־שיפן און אויף „באָרדזשעס״ פּראַכט־פליטן.

פרויען האָבן גענומען גיין צו דער אַרבעט אין די מיליאָנען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. 12 מיליאָן פרויען אין אַמעריקע זענען געווען באַשעפטיקט אין יאָר 1940. מיט 10 יאָר שפּעטער, אין 1950, האָט אַמעריקע שוין געהאַט 16 מיט אַ האַלבן מיליאָן פרויען אויף פאַרשידענע אַרבעטן. דאָס מיינט, אַז די פרויען בילדן איצט 30 פּראָצענט פון דער אַרבעטס־קראַפט פון אַמעריקע.

אין די צען יאָר פון 1940 ביז 1950 איז גרעסער געוואָרן מיט צוויי מיליאָן די מחנה פון סעקרעטאַרינס, סטענאָגראַפיסטקעס און אָפּיס־אַרבעטערינס (קלוירקס) און אַ מיליאָן מער פרויען האָבן געקראָגן אַרבעט אין קליידער־פאַבריקן און טינטאַרעריעס, ווו דריי מיליאָן פרויען האָבן געהאַט באַשעפטיקונג אין 1950.

און אַז מען שמועסט פרויען־אַרבעטאָרינס איז דאָך נישט שייך. אָט דערוויזט די סטאַטיסטיק, אַז אין דער זעלבער צייט וואָס ביי אייניקע באַשעפטיקונגען זענען צוגעקומען פרויען־אַרבעטאָרינס, זענען ביי אַנדערע פּראָפעסיעס געוואָרן ווייניקער דער פּראָצענט פון פרויען־אַרבעטאָרינס, למשל:

אין 1940 זענען אַ מיליאָן מיט אַ האַלבן פרויען געווען באַשעפטיקט ביי הויז־אַרבעט אָדער זיי האָבן געמאַכט פּרנסה פון וואַשן וועש, און אין 1950 זענען געווען נישט מער ווי אַ האַלבער מיליאָן פרויען ביי הויז־אַרבעט.

40 טויזנט ווייניקער פרויען, אין 1950, האָבן זיך פאַרנומען מיט רייניקן אָדער קליינע האָטעלן און פענסיאָנען, אָבער צענדליקער טויזנטער פרויען האָבן געקראָגן אַרבעט צו פירן רעסטאָראַנען, טרינק־פּלעצער אָדער שטעלעס צו פירן הויז־ווירטשאַפט אין האָטעלן, אָדער אין שפּייז־קראָמען.

אין די אויטאָמאָביל־פאַבריקן אַרבעטן איצט אַן ערך 50 טויזנט פרויען, און זייערע שכירות באַטרעפן 80 פּראָצענט פון די געלט וואָס די פאַבריקן צאָלן אויס אַלס שכירות צו די אַרבעטער. די פרויען אין די אויטאָמאָביל־פאַבריקן זענען מערסטנס באַשעפטיקט אויף גרינגערע אַרבעטן, ווי צו סאָרטירן די טיילן פון מאָטאָרן, אָבער אַ היבשע צאָל אַרבעטן אויך אויף די מאַשינעס. דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן פרויען אין אַנדערע פאַבריקן. אין די עלעקטריציטעט־פאַבריקן זענען איצט באַשעפטיקט אַן ערך אַ האַלבער מיליאָן פרויען, וואָס דאָס איז כמעט 40 פּראָצענט פון די אַרבעטער אין די עלעקטריק־פאַבריקן.

עס אַרבעטן איצט אין אָפיסינעס צוויי מאָל אַזוי פיל פרויען ווי אין 1940, און אַ גרויסע צאָל פון זיי זענען שוין נישט קיין יונגע. נאָר מיטליאַריקע פרויען און יונגערע פאַרהייראַטע, מוטערס פון קינדער, וועלכע האָבן באַשלאָסן צו נעמען אַרבעט, ווייל עס איז געוואָרן אַ מאַנגל אויף אָפיס־אַרבעטערינס, צוליב דעם וואָס די מערסטע מיידלעך הייראַטן איצט יונג, און פיל אַנדערע באַשליסן צו גיין אין אוניווערסיטעט.

אין די סטאַטיסטיקעס וועגן פרויען וואָס אַרבעטן, ווערט אויך אָנגעגעבן, אַז אין די נאָדל־אינדוסטריעס זענען די פרויען דריי־פערטל פון די באַשעפטיקטע און אַ גרויסער פון זיי זענען פאַרהייראַטע.

צוליב וואָס גייען אַרבעטן אַזוי פיל פאַרהייראַטע פרויען?

די עטלעכע אויספאָרשונגען וואָס זענען געמאַכט געוואָרן וועגן דעם אין די לעצטע צען יאָר האָבן אַלע אַרויסגעבראַכט דעם פאַקט, אַז די מערסטע פרויען וואָס געהערן צו דער אַרבעט טוען דאָס אויס נויט, ווייל זיי דאַרפן מאַכן אַ לעבן. אַ סך עלטערע פררויען גייען צו דער אַרבעט, נאָכדעם ווי זיי האָבן שוין אויס־געגעבן זייערע קינדער, און אַפילו אַ גרויסע צאָל פון די עלטערע פרויען אויף שטעלעס דערקלערן, אַז זיי האָבן גענומען די אַרבעט ווייל זיי דאַרפן דאָס געלט. אַ סך עלטערע פרויען גייען צו דער אַרבעט, נאָכדעם ווי זיי האָבן שוין אויס־זאָרגן אַזוי פיל וואָס ער וועט בלייבן אָן אַרבעט אויף דער עלטער, און אַנדערע דערציילן, אַז זיי גייען אַרבעטן כדי צו שיקן זייערע אייניקלעך אין אוניווער־זיטעט, אָדער צו העלפן אַ טאָכטער וואָס איז אַן אַלמנה מיט קליינע קינדער.

דאָס אַלעס באַווייזט מיר מיין אַרגענטינער־אַמעריקאַנטשיק, ווען ער וויל זיך באַרימען מיט „זיינע" אַמעריקאַנער פרויען, וואָס פטרן נישט אַוועק די צייט אין שפּילן „פּאָקער" אָדער „רומי" און וואָס לויפן נישט אַרום פון איין חברטע צו דער צווייטער, — נאָר גייען אַרבעטן צו קאָנען העלפן אין שטוב.

אַ סברא, אַז אַ דאַנק דעם וואָס אַזוי פיל פרויען האָבן זיך אַ וואָרף־געטון צו דער אַרבעט, איז טאַקע געוואָרן אַ פּראָבלעם פאַר אַן עלטערן מענטשן צו קריגן אַ פּאָסטן.

ווייזט אויס, אַז מיר האָבן געזינדיקט, ווען מיר זענען געווען אין ישראל און מיר האָבן קריטיקירט, הלמאי דאָרט קאָן אַ מענטש פון עטלעכע און פערציק יאָר נישט קריגן קיין אַרבעט. דאָ, אין אַמעריקע, אין דער רייכער און מעכטיקער אַמעריקע, איז די לאַגע נישט בעסער. ווען אַ מיטליאַריקער מענטש דאַרף קריגן אַ „דזשאַב", קומט אים אָן מיט גרינעם ווערים. דאָס איינציקע גליק פאַר אים איז, וואָס ער פאַרשרייבט זיך אין רעגיסטער פון „אַרבעטסלאָזע" און קריגט אַ שטיצע פון דער רעגירונג, וואָס איז גענוג.. נישט צו שטאַרבן פאַר הונגער, אָבער —

וויניק אויף צו לעבן. די רעגירונג האָט צונויפגערופן בעל־הבתים פון אינדוס־טריעס און וויל זיי איבערצייגן, אַז מענטשן עלטער פון 45 יאָר זענען נאָך ווייט פון נוצלאָז; אַז זיי האָבן נאָך פאַר זיך אַ סך יאָרן פון פּראָדוקטיוויטעט, און אַז עס איז גאָרנישט קיין געזונטע זאַך אי פאַרן לאַנד, אי פאַר די קרבנות פון דעם אַנטאַגאָניזם, זיך צו באַציִען צו די מיטליאָריקע און עלטערע מענטשן מיט דער דיסקרימינאַציע וואָס הערשט קעגן זיי.

דער גרעסטער „אומגליק" פון אַמעריקע איז גאָר, וואָס אַ דאַנק די מעדי־צינישע דערפינדונגען לעבן דאָ מענטשן לענגער און זייער אַרבעטס־קראַפט איז אויך פאַרלענגערט געוואָרן. עס איז דערוויזן געוואָרן אַזאַ סאָרט סטאַטיסטיק.

אין 1900, ס׳הייסט, מיט 55 יאָר צוריק, האָבן מענער דערגרייכט אַ דורכשניט עלטער פון 46 יאָר; פרויען — 48 יאָר.

היינט איז דער דורכשניט פאַר מענער — 66 יאָר און פאַר פרויען 72 יאָר.

דער דאָזיקער פאַרלענגערטער לעבנס־שפּאַן האָט שוין געבראַכט פאָלגנדע רעזולטאַטן:

אין 1900 איז אין אַמעריקע געווען עטוואָס מער ווי 13 מיליאָן מענטשן, וואָס זענען געווען עלטער פון 45 יאָר.

מיט 50 יאָר שפּעטער, ס׳הייסט: אין 1950, האָבן זיך אין לאַנד געפונען מער ווי 42 מיליאָן מענטשן עלטער פון 45 יאָר. אין צוואַנציק יאָר אַרום, ס׳הייסט: אין 1975, דערוואַרטעט מען, אַז דער ציפער זאָל שטייגן ביז 64 מיליאָן מענטשן, על־טערע פון 45 יאָר.

זעקס־און־פערציק מיליאָן, מער ווי אַ פערטל פון דער באַפעלקערונג, הייסט עס, וועט אין צוויי צענדליק יאָר אַרום זיין אין אַן עלטער וואָס די מאָדערנע אינדוסטריעלע וועלט האַלט כסדר אין אַרויסשטופן פון אירע קרייזן.

און די אַמעריקאַנער זענען אַזעלכע וואָס האָבן ליב צו לעבן מיט חשבון! זיי רעכענען אויס וואָס שפּעטער וועט זיין און זאָרגן זיך שוין באַצייטנס, ווי אַזוי אויסצומייַדן צרות אָדער אַ קאַטאַסטראָפע. ספּעציעל טוען עס די רעגירונגס־מענטשן אין וואַשינגטאָן. זיי, דאָרט, זענען שוין באַזאָרגט, וואָס אַזוי פיל מיטל־יאָריקע מענטשן דרייען זיך שוין אַרום ליידיק און וואָס עס שטייט ערשט פאַר צו האָבן אַזוי פיל ליידיקגייערס.

נו, איז דאָ אַן עצה: אָנשטאָט צו אַרבעטן 48 שעה אין וואָך, אָנשטאָט צו האַלטן שבת אָפּן דאָס געשעפט ביז 10 אַזייגער ביינאַכט: אָדער האַלטן פאַר־מאַכט שבת — צוליב פרומקייט — און האַלטן אָפּן זונטיק אַ גאַנצן טאָג — זאָל מען גאָר אײַנגאַנצן אַרבעטן בלויז פינף טעג אין דער וואָך, — וואָלט שוין געסטייעט פאַר אַלע. וועסטו אַזאַ „קרבן" ביים אַמעריקאַנער נישט קריגן. זיי

פאַרשטייען גאַרנישט וואָס עס הייסט „סאַבאַדאָ אינגלעס“ („ענגלישער שבת“), וואָס איז ביי אונדז אַ געזעץ: פאַרמאַכן שבת, איינס בייטאָג די געשעפטן און פאַבריקן און עשרט עפענען מאָנטיק אינדערפרי. ווי קאָן מען נעמען אַזאַ גוטן „ביזנעס־טאָג“, ווי שבת, און פאַרמאַכן די „סטאָר“?

אויף דער איסט־סייד — אין דער יידישער געגנט פון ניו־יאָרק — פירט זיך אַ גאַנצע מילחמה צווישן יידישע קרעמער און די מוניציפּאַלע ריכטער. לויטן געזעץ, איז דער אָפיציעלער רו־טאָג, זונטיק. אַזוי ווי עס זענען, אָבער, פאַראַן יידן וואָס זענען געגנג פרום צו האַלטן שבת פאַרמאַכט די קלייט, און זיי עפענען זונטיק — קומט צו גיין די מוניציפּאַלע פּאָליציי און מאַכט זיי „מולטעס“ (שטראָפן) און מען שלעפּט זיי אין געריכט.

איז עפּעס אַ שטיקל מיש־מאַש צווישן די אַמעריקאַנער מוניציפּאַלע ריכ־טער, וועגן אָט דעם ענין. אייניקע, אָנערקענען, אַז די קרעמער זענען גערעכט. אַזוי ווי די הוצאות זענען גרויס, קאָנען זיי זיך נישט דערלויבן צו האַלטן פאַרמאַכט 2 טעג אין וואָך, און — לויטן געזעץ — קאָן מען נישט צווינגען אַ פרומען מענטשן צו האַנדלען קעגן זיין געוויסן און רעליגיע. אַלזאָ, הייסט עס, אַז מען מעג האַלטן אָפן זונטיק.

קומט אַ צווייטער ריכטער און טענהט פונקט פאַרקערט: געזעץ איז געזעץ. זונטיק דאַרף זיין פאַרמאַכט! און ער באַשטראָפט די אָרעמע קרעמער, וועלכע באַצאָלן די שטראָף און דעם נעקסטן זונטיק... האַלטן זיי ווידער אָפן!

וואָס איך פאַרשטיי נישט, איז די האַנדלונג פון די ריכטער! אין אַמעריקע זאָל זיין אַזאַ כאַאָס אויף אָט דעם געביט, — איז כמעט אַן אומגליק. איין ריכ־טער פּסקנט אַז מען מעג זונטיק האַלטן אָפן, און אַ צווייטער ריכטער — טאַקע פון דעם זעלבן געריכט, נאָר פון אַן אַנדער טורנע — פּסקנט, אַז ניין! ביידע ריכטער זענען... יידן!

אָט האָב איך טאַקע געלייענט, אַז:

ריכטער טשאַרלס סאָלאָמאָן (מעגסט זיין זיכער, אַז עס איז אַ ייד) האָט באַשטראָפט שומרי־שבת. אַנדערע ריכטער האָבן סוספּענדירט די שטראָף פאַר האַלטן אָפן זונטיק די קלייט.

די שומרי־שבת האָבן אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע. זי הייסט: „שומרי שבת אסס'ן“, וועלכע פאַרטיידיקט די שומרי־שבת־„פאַרברעכער“ און אָפט געלינגט זיי צו געווינען דעם משפט.

דעם אמתן אמת, וויל איך דיר דערציילן, אַז הונדערטער קרעמער אויף דער איסט־סייד, נוצן אויס אָט דעם מיש־מאַש און האַלטן אָפן די קלייטן אי

שבת אי זונטיק. ביזנעס איז ביזנעס. מען פאַלט פון די פיס און מען לאָזט נישט אָפּרוען די „ביזנעס".

אַזוי, אַז פון האַלטן אָפּן די ביזנעס בלויז 5 טעג אין וואָך, איז דערווייל נישטאָ וואָס צו רעדן. איז טאַקע די פּראָבלעם פון די מיטליאָריקע נישט קיין לייכטער ענין און ווער ווייסט צו וואָס ער וועט אין עטלעכע יאָר אַרום דער־פירן. מיין גליק איז, וואָס איך וועל, אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, „אַנטלויפן" פון דאַנען, און וועל נישט דאַרפן ליידן אַ טייל פון די צרות, וואָס רוקן זיך אָן אויף די אַמעריקאַנער דערמיט, וואָס זיי הייבן אָן לענגער צו לעבן און וואָס צו 50 יאָר איז ער נאָך גענוג קרעפטיק צו אַרבעטן. איך דענק, אַז די איינציקע האָפענונג איז: מ׳וועט דאַרפן פאַרבאָטן די פרויען צו אַרבעטן!...

זעסטי, גאָלדע, ווען איך האָב דאָ אַ דעה און ווען אין אַמעריקע זאָל מען קאָנען „פאַרבאָטן" (דאָ עקזיסטירט נישט אַזאַ טערמין) וואָלט איך פאַרבאָטן די פרויען צו... רויכערן אַזוי פיל. איך וואָלט אויך איינגעפירט אַ „קוואָטע" אויף „אויטאָ־טרייבערינס". אַלנפאַלס, וואָלט איך פאַרבאָטן די פרויען וואָס טרייבן אַן אויטאָ — אַז זיי זאָלן טראָגן שיך מיט הויכע „קאַבלוקעס". איך וואָלט אויך פאַרבאָטן שוואַנגערדיקע פרויען צו זיצן ביים רעדל פון אויטאָ און „פליען" אויף הונדערט קילאָמעטער אַ שעה.

מיר דאַכט זיך, אַז ווען מען פאַרבאָט אין אַמעריקע אַז פרויען זאָלן רוי־כערן מער ווי דריי סיגאַרעטלעך אַ טאָג און זאָלן נישט טאָרן „מאַנעכירן" קיין אויטאָ, — וואָלט דעם זעלבן טאָג אויסגעבראָכן אַ פרויערישע רעוואָלוציע אין אַמעריקע.

אַזוי איז אַמעריקע.

***

איידער איך פאַרענדיק מיט דיר מיין „שפּאַציר" איבער די ניו־יאָרקער גאַסן, וועל איך דיך אַריינפירן אין אַ געגנט, וואָס בלויז אַמעריקע קאָן זיך פאַרגינען האָבן ביי זיך, אין דער אייגענער שטאָט און אין דער אייגענער מדינה, — אַ מקום, אַ פּלאַץ, ווו עס ווינען פשוטע מענטשן, די גרעסטע טייל — ייִדן, דאָך קאָן נישט יעדער איינער וואָס ער וויל, אַריינקומען אין דעם אָפּגעשלאָ־סענעם און פאַרצוימטן פּלאַץ, וואָס הייסט:

„סי געיט".

— וואָס וויל זאָגן דאָס וואָרט „סי געיט"?

די אמתע אַמעריקאַנער ייִדן ווייסן אויך ניט ריכטיק די באַדייטונג. אָבער, לויט ווי אייניקע האָבן מיר אויסגעטייטשט, איז דאָס וואָרט „געיט" באַטייט אַ

טויער, און אַזוי ווי דער געגנט איז אַרומגערינגלט מיט אַ טויער — מיט אַ סך טויערן! און ביי יעדן טויער שטייט אַ פּאָליציי־מאַן און לאָזט דיך נישט אַריין — איז ווייזט אויס, דערפאַר הייסט עס „סי געיט".

ווי קום איך אַהין?

דאָס האָב איך צו פאַרדאַנקען מיין חשובֿן פריינט יעקב יאַקובאָוויטש, דער פּרעזידענט פון בוענאָס־איירעסער „הכנסת אורחים", וועלכער האָט מיר מיט־געגעבן 20 דאָלאַר, אַז איך זאָל זיי אָפּגעבן זיינס אַ פריינטל וואָס וווינט אין אָט דער „מאָדערנער געטאָ", וואָס ווערט געהיט פון אַמעריקאַנער פּאָליציי.

איך פאָר אַהין מיט מונין און בעטין. דאָרט, ביים טויער, שטעלן זיי זיך אָפּ און דער פּאָליציימאַן פרעגט ביי זיי אַ דער־ליבעניש אַריינצופאָרן. די דער־ליבעניש דאַרף קומען פון יענעם מענטשן צו וועמען מיר פאָרן. מיט אַנדערע ווערטער: מען דאַרף האָבן אַ „טרעבאַוואַניע", אַ „זשאַמאַדאַ", פון דעם איינ־וווינער פון דעם פאַרשלאָסענעם געגנט, און בלויז אַזוי, קאָן מען האָבן די זכיה צו באַטרעטן די הייליקע ערד פון „סי געיט".

נו. ווי שטענדיק, קומט מיר צו־הילף מיין ענגליש קאַרנעטל פון זשורנאַל, און פאָר אַ צייטונגס־מאַן, האָט מען אין אַמעריקע דרך־ארץ און מען עפנט אים שענערע און וויכטיקערע טויערן ווי אָט די פון „סי געיט".

וואָס פאַר אַ געשיכטע מיטן טויער און מיט פּאָליציי וואָס היט דעם טויער און ווער זענען עס די איינוווינער פון אָט דעם פאַרשלאָסענעם געגנט?

איז די מעשה אַזאַ געשיכטע:

דאָ, אין אָט דעם געגנט, האָבן אַמאָל געוווינט בלויז מיליאָנערן! אַ גרופּע פון די אויבערשטע פון שטייסל, מיטן באַרימטן מולטי־מיליאָנער דופּאָנט האָבן אויסגעפונען אַ פּלאַץ אין ברוקלין, נאָענט פון קאָני־איילאַנד. זיי האָבן אויס־געבויט די שענסטע פּאַלאַצן פאַר זיך און פאַר זייערע פאַמיליעס און האָבן דאָס פּלאַץ אַרומגענומען מיט טויערן און עס געמאַכט ווי אַ מין פּריוואַט־רעזידענץ. און אַז עס איז „פּריוואַט" האָבן זיי אַ רעכט אַוועקצושטעלן פּאָליציי, וועלכע זיי האָבן אַליין אויסגעהאַלטן און האָבן קיינעם נישט אַריינגעלאָזט אַהין. גאָר ספּע־ציעל — האָבן מען נישט געוואָלט האָבן פאַר קיין שכנים קיין... ייִדן! מעג ער אַפילו זיין אַ מיליאָנער. מען האָט נישט פאַרקויפט קיין ייִדן קיין פּלעצער צו בויען און נישט פאַרדינגען זיי קיין טשאַלעטס.

זענען דאָך אָבער ייִדן אַן איינגעעקשנט פאָלק! איז טאַקע דערפאַר האָבן זיך ייִדן אָנגעהויבן אַריינרוקן אַהין ביסלעכווייז, ביז...

די מיליאָנערן האָבן זיך אַרויסגעצויגן פון דאָרט און „סי געיט" איז איצט אַ ריין ייִדיש שטעטעלע מיט אַ סך שילן און קאָנגרעגאַציעס און סתם ייִדישע

אַנשטאַלטן. אָבער — די טויערן זענען געבליבן! אַז דו דאַרפסט צו רב מיסטער יאַנקל בן פּימפּאָלץ, שטעלט דיך אָפּ דער פּאָליציי־מאַן און לאָזט דיך נישט אַריינפאָרן, סיידן, ער האָט פריִער באַקומען אַ מעלדונג פון רב יאַנקלען, אַז צו אים דאַרפן קומען געסט.

צו כאַקובאָוויטשעס קרוב — האָב איך פריִער נישט געמעלדעט. און כאָטש איך בין געקומען אומגעריכט, — האָט מען באַלד געשטעלט „כיבוד" און מען איז געווען גרייט מיך צו פאַרהאַלטן אויף „סאַפּער" (וועטשערע). דער קרוב איז אַ... גבאי ביי אַ רבין, און... מאַכט אַ לעבן! די צוואַנציק דאָלאַר זענען אים גוט צונוץ געקומען.

מיר פאָרן אַרום מיטן אויטאָ איבערן שטעטל. עס איז אַ זונטיק־דיקער טאָג. אין דרויסן פילט זיך דער רו־טאָג. דאָ, אין „סי־געיט", אַרבעט מען נישט קיין צוויי טעג אין דער וואָך: נישט שבת און נישט זונטיק. שבת, — ווייל מען טאָר נישט, און זונטיק — ווייל מען רעספּעקטירט דעם... שכנס רעליגיע און געפילן. דערפאַר אַרבעטן אויך נישט שבת די קריסטלעכע שכנים, כאָטש זייער צאָל איז זייער קליין...

מיר פאָרן צו אָנקוקן די וויכטיקע שיל פון „סי געיט". זי הייסט „כנסת ישראל". ווערדליג אַ געגנט־שיל — איז זי זייער שיין. ס'איז שוין פאַרנאַכט און מענטשן, עלטערע און יונגערע, איילן זיך אין שיל אַריין. דער — האָט יאָרצייט און אַ צווייטער וויל גלאַט אַריינכאַפּן אַ מנחה־מעריב. דער פּראָסט איז גרויס. דער שני — נאָך גרעסער. מען טאַפּטשעט ממש מיט די פיס אין אַ טיפן שניי, אָבער דאָס איז נישט קיין אָפּהאַלט צו גיין דאַווענען...

איך טראַכט ביי זיך:

אויך ביי אונדז, אין בוענאָס איירעס, טרעפט, אַז ייִדן זאָלן גיין דאַווענען מינחה־מעריב. דער יונגסטער ייִד ביי אונדז וואָס גייט זוכן אַזאַ מצווה, האָט שוין לאַנג צעביטן דאָס... זעקסטע אָדער זיבעטע צענערל. דאָ, אין אָט דעם אַריס־טאָקראַטישן געגנט, לויפן יונגעלייט, פּשוט — יונגוואַרג, אַריינכאַפּן אַ דאַווענען.

אָבער, גאָלדע, עס קומט מיר מזל־טוב! דאָס ערשטע מאָל וואָס מיינע אַמע־ריקאַנער מענטשן זענען מסכים מיט מיר, אַז נישט אַלעס וואָס עס איז דאָ אין אַמעריקע איז... אָלרייט! מיר, איז נישט געפעלן געוואָרן דער טויער מיט דער פּאָליציי פון דער „סי געיט"ער געטאָ. איך האָב עס זיי באַלד געזאָגט, און — זיי זענען געווען איינשטימיק מיט מיר, אַז פאַר אַזאַ דעמאָקראַטישער ניו־יאָרק און אַמעריקע בכלל, — פּאַסט נישט אַזאַ פּראָצעדור ווי מען טרעפט ביים אַריינ־פאָרן אין אַן אַמעריקאַנער געגנט!

XXXVI

טייערע גאָלדע,

מיר דאַכט זיך, אַז ניו־יאָרק הייבט מיר שוין אָן צו געפעלן. אַ מערקווירדיקע שטאָט אין אַלע הינזיכטן. דערהויפט געפעלט מיר ניו־יאָרק, וואָס אַ סך זאַכן זענען דאָ ענלעך צו אונדזער אַלטער היים, — אָנהייבנדיק פון קריגן אַ גוטע „קאָבטשאַנקע", וועלכע מען פלעגט אויספּרוּוון צי זי איז פריש, קוקנדיק אויף דער זון צי זי איז דורכזיכטיק, און ענדיקנדיק מיטן... „טאָלטשאָק" אויף דער איסט־סייד, מיט די שטעלעכלעך אינדרויסן און מיטן רופן די קונים אין קלייט אַריין.

איך שפּאַציר אַרום אין אָט דער מאָדערנער פּריוויליקער „געטאָ" אויף דער איסט־סייד און איך בין זיך... מחיה. איך דערמאָן זיך, ווי אַזוי איך פלעג מיט 40 יאָר צוריק, אַלע טאָג, דורכשפּאַצירן דעם „טאָלטשאָק" פון מיין אַרבעט אויף מאַלאַיאַ אַרנאַוטסקאַ — צו מיין היים, אויף מיאַסאָיעדעווסקי אָדער האָס־פּיטאַלנע, און פלעג אויך טרעפן אָט די קליטלעך און שטעלעכלעך — ענלעך צווישן זיך, ווי צוויי טראָפּן וואַסער און אויך טרעפן דעם זעלבן רעש און טומל און דאָס „קויפן און פאַרקויפן" האָבן פאַרקלאַפּט דעם קאָפּ.

אָט שטייען ווייבער אָנגעפּעלצטע ווי אין סיביר. דער פראָסט איז היינט גרויס! זיי טראָגן הענטשקעס מיט די פינגער אינדרויסן, כדי צו קאָנען אַרבעטן, וועגן, מעסטן און ציילן די קוואָדערס און די פּעניס און טאַקע די דאָלערס. אינ־מיטן פאַרקויפן — גיט זי זיך מיט די פינגער אַ... קראַץ אין קאָפּ, ס'הייסט — אין דער שאַרפע אָדער שאַל וואָס זי טראָגט אויפן קאָפּ און זעצט פאָר איר מסחר. ס'פעלט נאָך, — טראַכט איך — אַז זי זאָל מיטן פאַרטעך זיך געבן אַ שנייץ די נאָז... איך דאַרף לאַנג נישט וואַרטן! אויך דאָס „דערלעבט" איך צו זען... אַ שאָד וואָס איך זע נישט דעם „פייערטאָפּ"! בלויז דאָס פעלט מיר צום רומל...

איך דריי זיך אַרום די העסעקס־גאַס, לודלאָו־גאַס, פּיטקין־סטריט און טאַקע דילענסיע־גאַס. אָט דאָ איז געבוירן געוואָרן דער יידישער ישוב אין אַמעריקע! דער „יידישער" — מיין איך, פון אונדזערע יידן, פון די רוסישע, פּוילישע, גאַליציאַנער, אונגאַרישע און רומענישע געגנטן. אַ סימן האָבן איך, אַז אָט דאָ איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פון גרויסן קיבוץ אין ניו־יאָרק, ווייל פון דאַנען זעט זיך מאַיעסטעטיש אַרויס די צען־שטאָקיקע געביידע פון „פאָרווערטס".

אויב דעמאָלט, צוריק מיט 50 יאָר, האָבן די בויען פון „פאָרווערטס" פאַר־שטאַנען אַט דאָ אויפצובויען דעם מאָנומענטאַלן בנין איז, ווייל דאָ, האָט זיך פאָרמירט דער יידישער ישוב אין ניו־יאָרק. דאָ, זענען אויך דאָ די גרעסטע טייל יידישע שולעס, שילן און סתם אַנשטאַלטן. דאָ דאַוונט מען נאָך, עד היום, די מענער באַזונדער און די פרויען — אין „עזרת נשים".

מעגלעך, אַז צוריק מיט פערציק אָדער פופציק יאָר, איז דאָ אויך געווען אַ „הקדש" און אַ צעבראָכענער דאַך פון אַ הכנסת אורחים און ביקור חולים. היינט זענען דאָ אַזעלכע אַנשטאַלטן נישטאָ. מערקווירדיק. איך האָב נאָך נישט אָנגעטראָפן, נישט אויף אַ בית־יתומים און נישט אויף אַ הכנסת אורחים. דאָ, אין אַמעריקע, נעמט מען נישט קיין קינד און מען פאַרשפּאַרט עס אין אַ „היים" מיט הונדערטער אַנדערע קינדער וואָס קומען פון פאַרשידענע הונדערט היימען, מיט פאַרשידענע כאַראַקטערן און געוווינהייטן! און דאָ, אין אַמעריקע, זענען נישטאָ אַזעלכע אָרעמעלייט, אַז מען זאָל זיי דאַרפן געבן אַ לעפל זופּ מיט אַ שטיקל פלייש. די צדקה־פעדעראַציע האַלט אויס און שטיצט 116 וווילטעטיקע אַנשטאַלטן, צווישן זיי — 12 שפּיטאָלן, מיט די באַרימטע שפּיטעלער „מאַונט סיני", „מיימאָנידעס" און „מאָנטעפיאָרע" שפּיטעלער אין דער שפּיץ. זי שטיצט זעקס קינדער־אינסטיטוציעס — וואָס האָבן נישט קיין שום ענלעכקייט מיט אונדזער בית־יתומים. גיכער זענען זיי אַזעלכע ווי אונדזער „קינדער־היים". זי האַלט אויס 12 מושב זקנימס און האומס. און די ניו־יאָרקער יידן געבן דער־פאַר דער צדקה־פעדעראַציע שווערע מיליאָנען אַ יאָר.

גאָר ספּעציעל געפעלן מיר די אַמעריקאַנער גבירים וואָס לאָזן איבער אַ טייל פון זייער ירושה פאַר צדקה־אַנשטאַלטן. אַנדערע מאַכן אַן „אינשורענס" (פאַרזיכערונג־פּאָליסע) און דאָס געלט — נאָך זייער טויט, — זאָל מען געבן די אינסטיטוציעס.

אמת, זיי האָבן נישט אויף זייער קאָפּ קיין חברה קדישא, וואָס וועט ביי די יורשים שינדן די הויט, ווי נאָר ער וועט פאַרמאַכן די אויגן. אין אַמעריקע — איז בכלל נישטאָ קיין חברה קדישא. אָט דערציילט מען מיר, אַז די היגע אגודת הרבנים, אָדער אַ צווייטע אָרגאַניזאַציע, וואָס הייסט „אגודת אחים חסד של אמת" גייען איצט גרינדן אַ חברה־קדישא, ווען מענס איופגאַבע וועט זיין „אַכטונג צו געבן, אַז די באַהאַנדלונג פון די יידישע מתים זאָל זיין אַ ריכטיקע און אין אַנקלאַנג מיטן דין!...

אָט קלינגען דאָ די בלעטער וועגן אַ גרויסן גביר, וואָס איז געשטאָרבן און האָט איבערגעלאָזט פאַר צדקה אַנדערטהאַלבן מיליאָן דאָלאַר (אַ פופציק מיליאָן אויף אונדזער געלט) דאָס, קאָן זיך בלויז טרעפן אין אַמעריקע. בלויז אין אַמע־

ריקע זענען דאָ ייִדן, וואָס קאָנען אַזוי האַנדלען מיט זייער געלט. דער דאָזיקער ייִד האָט ביים לעבן אויך געטון אַ סך צדקה. ער פלעגט גיין אין די שפּיטעלער פון קינדער — ספּעציעל אַהין, וווּ עס האָבן זיך געפונען קינדער קאַליקעס,



דער אינערלעכער אויסזען פון דער וואַרשעווער שול אין ניו־יאָרק. דער ראַבאַי האַלט זיין שבת־דרשה.

קריפּלס און פלעגט זיי איבערלאָזן אַ סך געלט. זיין נאָמען איז קיינמאָל נישט דערשינען אין די בלעטער, נישט אַלס נדבן, נישט קיין „דאַנק־אויס־דרוק" פון דער אינסטיטוציע.

פאַראַן אַ סך אַזעלכע ייִדן אין אַמעריקע... דאָס איז אַ טייל פון אַמעריקאַנער גרויסקייט!

***

איך שפּאַציר איבער די ניו־יאָרקער גאַסן. נאָר־וואָס האָט זיך געענדיקט דער „יאַריד", דער מיסחר מיט „קריסטמעס"־מתנות און, להבדיל, די מתנות לכבוד חנוכה — און די ביזנעס־לייט וואָס האַנדלען מיט „פרומקייט" גרייטן שוין צו זייערע סחורות פאַר... חמישה־עשר־בשבט און דער עיקר — אויף פּורים.

איבּ דו ווילסט אַ גוטן גראַגער, וואָס זאָל המנען פאַרלישען דעם קאָפּ — קאָן איך דיר אָנווייזן אַ געשעפט אויף דיוויזשאָן־סטריט, ווו דו קריגסט אַן אמתדיקן גראַגער און אַ מגילת־אסתר — אַ שפּאָגל־נייע.

און וואָס עפּעס פּורים? און צו פּסח, גרייט מען זיך דען נישט? מ׳גייט, מיט צייט, איינקויפן ניי געפעס און עטלעכע ספּעציעלע כוסות וואָס עס פעלט אויס אין שטוב, מ׳האָט שוין אײנזינגען וואָס עס וועט פעלן צום סדר און וויפל געסט, מ׳וועט היינטיקס יאָר האָבן צום סדר...

און, דאַרפסט נישט פאַרגעסן, גאָלדע, מיטן אויסנאָם, אפשר, פון ישראל, פּראַוועט מען אין ניו־יאָרק דעם סדר מיט אַלע פּיטשעווקעס.

נישט בלויז זאָרגט מען, אַז אין שטוב זאָל דער סדר זיין מיט אַלע פּי־טשעווקעס, — נאָר אַפילו אין די שפּיטעלער און אין די... טיורמעס פאַרזאָרגט מען, אַז עס זאָל זיין אַ סדר לויט אַלע דינים. וועגן דעם זאָרגן זיך די רבנים, בעסער געזאָגט, דער „פאַרבאַנד פון די רבנים״, דער „באָאַרד אָוו ראַבאַיס״, וועלכער זאָרגט שוין, אַז די יידישע אַרעסטאַנטן, צווישן זיי: גנבים, „האָלד־אַפּ־ניקעס״ און אַפילו מערדער — זאָלן, חלילה, נישט האָבן קיין פאַרשטערטן פּסח...

אַזוי איז אַמעריקע!...

אין שפּיטאָל „מאַונט סיני״ — דער גרעסטער און וויכטיקסטע יידישער הייל־אַנשטאַלט פון אַמעריקע, — ווערט דער סדר געפּראַוועט פאַר די דאָק־טוירים און קראַנקנשוועסטערס, וואָס מוזן די סדר־נאַכט זיין „דיזשורנע״ אויף זייערע פּאָסטנס. אַ ספּעציעלער טיש ווערט געגרייט פאַר די קראַנקע, וועלכע קאָנען אַראָפּגיין פון בעט. מען פּראַוועט אַפילו אַ סדר פאַר די נישט־יידישע באַאַמטע, כדי זיי צו באַקענען מיטן יידישן באַפרייונגס יום־טוב.

דאָס, טרעפסטו בלויז אין אַמעריקע!

פאַרשטייט זיך, אַז דער בעסטער און גרעסטער מחותן פון דעם פּסח־יום־טוב, איז די מאַנישעוויץ־פירמע, מיט אירע מצות און אייער־מצות וועלכע געפינען זיך אין יעדער יידיש הויז. ווען דו צערעדסט זיך מיט אַ יידן, ביי וועמען פּסח איז דער שענסטער יום־טוב און די בעסטע אַכט טעג פון זיין לעבן, ווען דו רעדסט מיט אים וועגן די פּסחדיקע מאכלים, קומט ער באַלד אַרויף אויף דער טעמע מצות און אייער, מצות פון דער מאַנישעוויץ־פירמע, ספּעציעל וועגן די „אייער־מצות״.

גייענדיק איינמאָל אין אַ זונטיק בייטאָג מיט מונין און בעטין איבער די יידישע געגנטן אַרום דער סעקאָנד־עוועניו, ווו אין די פענצטער זענען געשטאַ־נען אויסגעשטעלט גאַנצע קאַסטנס מאַנישעוויטשעס „אייער־מצות״, האָבן זיי מיר געגעבן אַט די „לעקציע״:

ווייסטו וואָס עס איז דער פּאָפּולערסטער צובייס אין דער וואָך פון פּסח? יעדער מאַן און פרוי, קינדער, קליינע און גרויסע, וויסן, אַז דאָס איז „מאַנישעוויץ אייער־מצה”. איך זאָג נאָכאַמאָל, מאַנישעוויץ אייער־מצה! ווייל דאָס איז אַ מצה וואָס איז בעסער ווי די בעסטע קעיק, פאַר אַ צובייס מיט אַל־ערליי געטראַנקען. דאָס איז אַ מצה צו סערווירן ווען געסט קומען און איר סערווירט אַ גלעזעלע וויין. דאָס איז אַ מצה צו סערווירן די קינדער ווען זיי ווילן עפּעס גוטס, אַ מין נאַרהאַפּטן נאַש אין דער וואָך פון פּסח.

מאַנישעוויץ אייער־מצה ווערט שטאַרק אָפּגעהיט, אַז פון דעם פּרעסן די עפּל סאַירער ביזן פּאַרקנעטן — זאָל נישט אַריין אַ טראָפּן וואַסער. עסט מען טאַקע אין די פרומסטע היימען קיין אַנדערע ווי מאַנישעוויץ אייער־מצה וואָס איז כשר למהדרין מן המהדרין. און ווייל זיי זענען אַזוי פוכקע, אַזוי באַטעמט און האָבן אַזאַ היימישע גוטסקייט, איז מאַנישעוויץ אייער־מצה היינט צו טאָג, דער פּאָ־פּולערסטער פּסח־קיכל אין גאַנץ אַמעריקע. ס׳איז נישט קיין צופאַל וואָס מאַ־נישעוויץ אייער־מצה זענען אַזוי גוט. אַחוץ די אַבסאָלוט־פרישע אייער־געלב־לעך און סאַידער איז די מאַנישעוויץ אייער־מצה אַזוי זעלטן פיין אויסגעבאַקן און דערנאָך דרייפאַך פאַרזיגלט. מאַנישעוויץ אייער־מצה האָט כשר פאַרדינט איר גרויסע פּאָפּולאַריטעט.

אַזעלכע „חסידים” פון אָט־דעם דאָזיקן פּסח־פּראָדוקט, זענען פאַראַן אין אַמעריקע עטלעכע... מיליאָן ייִדן!

אַזוי איז אַמעריקע!

זאָלסט אָבער נישט מיינען, גאָלדע, אַז בלויז פּסח איז ביי די אַמעריקאַנער ייִדן אַ יום־טוב! אָט דערציילט מען מיר, אַז די צייט פון די ימים־נוראים, איז דאָ דער בעסטער „ביזנעס־סעזאָן”, ספּעציעל מאַכן דאָ די בעסטע געשעפטן די חזנים און כאָר־דיריזשאָרן. און הלמאי זאָל איך דיר זאָגן: — איך האָב געהערט דאָ אַ פּאָר גרויסע חזנים, וואָס נעמען צו 20 טויזנט דאָלאַר פאַר בלויז די דריי טעג ראש־השנה און יום־כיפור, און איך בין נישט איבעראַשט געוואָרן! איך רעד שוין נישט פון אונדזערע געוועזענע חזנים מ. באַרבאַראָש און ל. חדקל, נאָר אויך אונדזערע חזנים אליהו באָרוכאָוויטש, בלעכאַראָוויטש, קלמן דאַשעווסקי, אברהם ראָזענמאַכער, לייבעלע שוואַרץ, אהרעלע גוטמאַן און קלמעלע ווייץ, לייגן די אַמעריקאַנער חזנים אַריין אין וועסטל־קעשענע.

און נישט נאָר בלויז חזנות איז עליות זענען אַ מיסחר אין אַמעריקע, — אַפילו סכך אויף סוכות פאַרקויפט מען דורך אַנאָנסן אין די צייטונגען און מען „דעלעווירט” (מ׳שיקט אָפּ) דעם סכך צום „קאַסטימער” אין הויז אַריין.

בכלל איז סוכות אַ גרויסער ביזנעס־יום־טוב. דער מסחר אויף אתרוגים

— ספּעציעל־געבראַכטע פון ישראל — דערגרייכט אין די שווערע הונדערטער טויזנטער דאָלאַר.

מען דערציילט מיר, אַז דו קאָנסט טרעפן אין גאַס גרויסע אילומינירטע עלעקטרישע קאַרטעלן און וויוועסקעס (שילדן) ווו מען מעלדעט מיט גרויסע ייִדישע אותיות, אַז:

„דאָ פאַרקויפט מען אתרוגים מובחרים שבמובחרים״.

דאָס הייסט: דאָ קריגט מען אתרוגים פערווי סאָרט: „שיינע, ריינע און טאַקע מיט אַלע מעלות״.

פאַראַן אין אַמעריקע גאַנצע „קאָמפּאַניעס״ מיט אַ גרויסן קאַפּיטאַל, וואָס האַנדלען בלויז מיט אתרוגים. די דאָזיקע קאָמפּאַניעס האָבן „סוקורסאַלן״ (אָפּ־טיילונגען) איבער דער גאַנצער שטאָט, טאַקע אין אַלע געגנטן פון ניו־יאָרק, ברוקלין, בראָנקס און איסט־ניו־יאָרק, ווו מען קאָן קריגן זייער סחורה.

דער באַרימטער שרייבער פון „טאָג־מאָרגנזשורנאַל״, ניסן גאָרדאָן, גיט אָן אינטערעסאַנטע אָפּשאַצונג וועגן אָט דעם מיסחר אין אַמעריקע. ער דערציילט קוריאָזע זאַכן, וועגן אָט דער מצווה, וואָס — איך שעם זיך מודה צו זיין — אין גאַנץ אַרגענטינע, היטן זי נישט אָפּ קיין 2 הונדערט ייִדן...

אין אַמעריקע איז אַנדערש.

ס׳וועט באמת נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז די פּאָר טעג צווישן יום־כיפּור און סוכות אָקופּירט דער אתרוג דעם גאַנצן דריי־עק, ווו עס שמעלצן זיך צוזאַמען איסט־בראָדוויי, עסעקס און קאַנאַל־סטריטס. נישטאָ דאָרט איצט קיין אַנדער סחורה אויסער דעם אתרוג און קיין אַנדערע סוחרים אויסער די פּאַר־האָרעטע און פאַרשמייעטע ייִדן מיט הדרת־פּנימער, וועלכע זענען געקומען פון ארץ־ישראל צו מזכה זיין אַמעריקאַנער ייִדן מיט אַ מצוה.

די גאַנץ־יאָריקע ספרים־געשעפטן האָבן איצט אַוועקגעלייגט אַלע מסחרים אין אַ זייט און דעם אויבנאָן פאַרנעמט דער אתרוג, פון וועמען מ׳קען — אויב ס׳זאָל אָפּגיטלען — פאַרדינען מער ווי פון די ספרים אַ גאַנץ יאָר.

נישט בלויז ספרים־געשעפטן זענען איצט פאַרנומען מיט די אתרוגים. אַלע, אַלע קראָמען אויף דער איסט־סייד האָבן אָפּגעליידיקט די שענסטע פּאַליצעס פאַר די געסט פון אויסלאַנד. דראָג־סטאָרס (אַפּטייקן), אַפילו אַ שוסטער־וואַר־שטאָט און אַ פּאַבריקל, ווו עס ווערן געשטאָפּט ציגאַרן — אומעטום זעט איר אין פענצטער אַ גרויסע שילד, וואָס פאַרזיכערט אייך, אַז „דאָ געפינען זיך די בעסטע אתרוגים״, און אַנדערע גיבן נאָך צו די ווערטער „בלתי מורכבים״, דאָס הייסט, אַז די אתרוגים זענען נישט קיין געמישטע מיט אַנדערע ציטרוס־פּרוכטן, נאָר ריינע אתרוגים.

די אתרוגים־סוחרים זענען בלויז איין צד פון דער קאַליפּרולער טראַדיציאָ־נעל־יידישער פּאַנאָראַמע. נישט ווייניקער אינטערעסאַנט איז אויך דער צווייטער צד, דער קונה, וואָס קומט פון נאָענט און פון ווייט אויסצוקלייבן זיך אַליין אַן אתרוג אויף סוכות. און אפשר איז ער, דער קונה, דער וויכטיקסטער עלעמענט אין גאַנצן אתרוגים־סעזאָן, ווייל אַלץ דרייט זיך דאָך אַרום אים, אַרום זיין באַגער איינצוהאַנדלען עפּעס אַן אתרוג אַ יופי, מיט וועלכן מען זאָל זיך קענען ווייזן פאַר לייטן.

אפשר, גאָלדע, קאָנסטו מיר אָנווייזן וויפל יידן אין אַרגענטינע, אין אורוגוויי, אין טשילע און פּאַראַגוויי און אין בראַזיל קומען עס אין די געשעפטן, כדי איינצוהאַנדלען פאַר זיך, פּריוואַט (נישט אַלס גבאי פון אַ שול) אַן אתרוג?!...

אין אַמעריקע איז אַנדערש!

די גרעסטע צאָל קונים זענען יידן יחידים, וואָס ווילן האָבן אַן אייגענעם אתרוג אויף יום־טוב און די דאָזיקע יידן זענען על פּי רוב נישט קיין נגידים, נאָר יידן, וואָס מאַכן אַ חשבון, אַז אויב דער אויבערשטער האָט זיי געהאָלפן אין אַמעריקע אויף אַזויפיל, וועט ער זיי אויך העלפן אויף אַן אייגענעם אתרוג.

די דאָזיקע יידן דינגען זיך נישט אין פּרייז, דער עיקר איז נאָר, אַז דער אתרוג זאָל אים געפעלן. אַזאַ „קאָסטאָמער" קען אַמאָל באַצאָלן פאַר אַן אתרוג אַ 25ער און נאָך פאָרן אַהיים בשמחה מיט דער מציאה, וואָס ער האָט זיך איינגעקויפט.

וויפל אתרוגים ברענגט מען פון ישראל?

לויט דער סטאַטיסטיק — צווישן דרייסיק און פינף און דרייסיק טויזנט אתרוגים. פאַר דער מדינה — איז דאָס אַ באַדייטנדער איינקונפט. פאַר יעדן אתרוג־עקספּאָרט, באַקומט די מדינה אַרום דריי דאָלאַר, און הונדערט טויזנט דאָלאַר איז אַ מטבע. דער גאַנצע מגבית אין בוענאָס־איירעס גיט נישט קיין סך מערער פון 100 טויזנט דאָלאַר...

אַ חוץ ישראל־אתרוגים, קומען אויך אַן אתרוגים פון איטאַליע (די באַרימטע יאַנאָווער אתרוגים וואָס עס נוצן די חב"ד־חסידים פון דעם אַלטן רבין שניאור־זלמן פון ליאַדי — דער מחבר פון שולחן־ערוך). עס קומען אויך אתרוגים פון גריכנלאַנד און פון מאַראָקאָ. און עס זענען פאַראַן קונים אויף אַלע אתרוגים און עס סטייעט נאָך נישט! שוין געווען פאַלן, ווען „קהל איז געבליבן אָן אַן אתרוג". צוריק מיט אַ פאַר יאָר איז אַזאַ „אומגליק" געשען, און בלויז אַ דאַנק דעם וואָס יחידים האָבן רחמנות געהאַט אויף קהל, האָבן זיי געבראַכט זייערע אתרוגים אין די שולן און האָבן מחיה געווען די מתפללים מיט אתרוג־בענטשן.

אַזוי איז אַמעריקע!... מיר, וועלכע קומען פון די הפקרותדיקע ייִד־אַמערי־

קאָנער לענדער, ווו עס איז אַפילו נישטאָ קיין איין יידישער כשרער רעסטאָראַן, מיר קאָנען נישט פאַרשטיין דעם צער פון אַן אַמעריקאָנער פרומען יידן וואָס בלייבט אויף סוכות אָן אַן אתרוג.

***

איך האָב היינט געהאַט אַ „פרייען" טאָג, אָן שום קאָמפּראָמיסן, האָב איך געשפּאַנט איבער די ניו־יאָרקער גאַסן און געקוקט אין די פענצטער. אַז מען קוקט אין שוי־פענצטער, זעט מען ערשט ווי באַקוועם דער אַמעריקאַנער לעבט. מען זעט די זאַכן וואָס עס זענען פאַראַן צו פאַרקויפן, זאַכן וואָס מאַכן באַקוועם און אפילו גליקלעך דעם מענטשנס לעבן. אַ שאָד, וואָס פאַר יעדן דאָלאַר האָב איך באַצאָלט דרייסיק פּעזעס! אַ שאָד, וואָס אָט די אַלע גוטע זאַכן קאָן איך נישט אַריינברענגען אין מיין לאַנד אַריין — אַפילו איך זאָל וועלן באַצאָלן שטייערן!

איך קוק אין אַ שוי־פענצטער פון „פאַסודע" (געשיר): טעפּ, גלעזער, טיש־טעכער, „סערוויזשעטקעס" און אַלעס וואָס מ'דאַרף האָבן צום טיש און אין דער קיך. דאָס „געפעס", — די גלעזער און די טישטעכער קוקן מיר אויס אַביסל קוריאָזע. איך גיי אַריין אין געשעפט עפּעס קויפן און איך ווער געוויר:

אַלעס וואָס איך זע — איז פון פּאַפּיר, פּשוט פּאַפּיר! דאָס אַלעס, אָט די טעלער און טישטעכער, אָט די גאָפּלען און לעפל זענען געמאַכט פון אַזאַ פּאַפּיר, וואָס קאָסט זייער ביליק און ווען מען נוצט זיי איין מאָל — וואַרפט מען זיי אַרויס. דאָס טישטעך, קאָן מען, אפשר, נוצן אַ פּאָר מאָל! אָבער צו וואָס? עס לוינט זיך אויך אַרויסוואַרפן...

איך דערמאָן זיך אין יענער יידענעס השגה, ווען זי האָט געדאַרפט, נאָכן עסן, איבערוואַשן אַ גאַנצע דיישקע מיט טעלער, לעפל, שיסלען, גאָפּלען און טעפּ דערצו, האָט זי זיך געוווּנטשן:

— ווען איך בין רויטשילד, וואָלט איך, נאָך יעדער עסן אַרויסגעוואָרפן די טעלער דורכן פענצטער און וואָלט, צו וועטשערע גענוצט אַנדערע! אַלץ — אַבי נישט צו וואַשן.

איצט דאַרף מען נישט זיין קיין רויטשילד. אָט דאָס גאַנצע געשיר וואָס איך זע — איז פּאַפּירנס. מ'דערקענט אַפילו נישט! מ'עסט אָפּ און מ'וואַרפט עס אַרויס — אָבער נישט דורכן פענצטער. דאָ, אין אַמעריקע, ווערט דאָס מיסט פאַרברענט; אין די ערגסטע טענעמענט־הייזער איז פאַראַן אַ „מיסט־ברענער".

איך קוק אויף די פּאַפּירענע טעלער און טראַכט ביי מיר:

ווער ווייסט, ווען די מענטשהייט איז געווען גליקלעכער? צי דעמאָלט, ווען אַ טעלער האָט געדויערט צענדליקער יאָרן און איז איבערגעגאַנגען בירושה פון

זיידן צום טאַטן און פון טאַטן צום זון! דעמאָלט, ווען מ׳האָט געהאַט לעפל און גאָפּלען וואָס זענען פאַרגעלט געוואָרן פון אַזוי פיל יאָרן און פון אַזוי פיל רייבן זיי מיט אַש (פון קיין „פּולאַיל״ האָט מען מען ביי אונדז נישט געוווּסט) צי היינט, ווען מ׳מאַכט זיך אַזאַ גרינג לעבן, — מ׳עסט אָפּ און מ׳וואַרפט אַרויס די טעלער מיט די לעפל אינדרויסן...

איך דערמאָן זיך — קוקנדיק אין שוי־פענצטער — ווי אַזוי איך האָב זיך אַמאָל אַרויפגעדראַפּעט אויף דער שאַפע און אַראָפּגעוואָרפן דעם „פּעלעמעסיק״ (אַזאַ גרויסער פּלאַטשיקער טעלער) וואָס איז אַלט געווען... 35 יאָר און וואָס דער טאַטע האָט אים געהאַט בירושה פון זיין זיידן. ווען דער טאַטע איז געוווירגעוואָרן האָט ער זיך... צעוויינט. ווען ער שעמט זיך נישט — זעצט ער זיך „שבעה״.

ס׳איז אַמאָל געווען אַן „עפּידעמיע״ פון גנבות ביי אונדז אין טעפּליק, האָט עס אונדזער שטוב אויך נישט אויסגעמיטן און מ׳האָט אַרויסגעגנבעט דער מאַמעס צוויי מעשענע לייכטער (אין די זעלבע האָט זי נאָר „געבענטשט״ אין אַ יום־טוב) נו, איז אַ שטיק צייט געווען ביי אונדז חורבן בית שלישי. די מאַמע האָט געהאַלטן אין איין וויינען! עפּעס אַ קלייניקייט! די לייכטער וואָס זי האָט געהאַט בירושה פון איר מאַמען און איר מאַמע האָט זיי באַקומען בירושה פון איר באָבען!...

היינט, — אַפילו דאָ אין אַמעריקע ווו מ׳נוצט לייכטער — איז דאָס אַזאַ וואָכעדיקער „מאכל״, גלייך ווי גאָרנישט...

איך קוק אויף אָט די אַלע פּאַפּירענע זאַכן, פּאַפּירן געשיר, פּאַפּירענע טיש־טוכער און טראַכט מיר:

אַ גרינג לעבן פאַר דער בעל־הביתטע. אַ גליקלעך לעבן! גליקלעכער אָבער, איז געווען מיין מאַמע — כאָטש זי האָט געהאַט 12 קינדער, און כאָטש זי האָט געדאַרפט רייבן די לעפל, די גאָפּלען, און די צוגעבערענטע טשאַוונענע טעפּ, און כאָטש זי האָט אַזוי געציטערט, אַז קיין טעלער זאָל נישט צעבראָכן ווערן, ווייל יעדער טעלער איז געווען אַ שטיק יחוס, אַ שטיק פאַמיליע־געשיכטע, און טאַקע אַ גאַנצער „אוצר״. צו קויפן אַ נייעם טעלער האָט זיך נחמן לאַדיזשענסקי געהייסן „אָפּגילטן״, כאָטש גיי באַצאָל אים זיבן גראָשן פאַר אַ טעלער!...

איך בין אַוועקגעגאַנגען פון שוי־פענצטער אַביסעלע אַן אַנטוישטער, וועדליג דאָס שיינקייט פון דער סחורה וואָס שטייט אָנגעשטעלט — איז דאָס שפּאָט־ביליק! אַלעס איז דאָ „פאַלש״! אָבער — עס איז פּאָרט גוט! פּאָרט נוצלעך! די בעל־הביתטע דאַרף נישט האָרעווען אין קיך אויף צו וואַשן די טעלער! אַמערי־

קאָנער אינזשעניערן, טעכניקער און סתם קעפּ, האָבן שױן געזאָרגט, אַז זי זאָל נישט האָרעװען אומזיסט!

פֿאַרן אַהײמפֿאָרן אין די בראָנקס, האָב איך אַרײַנגעשפּאַצירט אין אַ געבײדע, װאָס אױף אונדזער הײמישער שפּראַך װאָלט זי געהײסן:

דער „קלוב פֿון סטאַטיסטיקער".

אַהער, קומען זיך צונױף די מענטשן, די געלערנטע, װאָס זיצן טאָג און נאַכט און מאַכן חשבונות. האַלטן אַ בלײַפֿעדער אין דער האַנט און רעכענען און באַרע־כענען אַלעס. די גרעסטע טײל פֿון זײ — זענען אױף געהאַלט בײַ דער רעגירונג, װעלכע װיל לעבן מיט חשבון און אױסרעכענען גענױ װאָס דאָס לאַנד פֿאַרמאָגט. אַ צװײטע טײל, װערט אױסגעהאַלטן פֿון פּריװאַטע קאָמפּאַניעס, װאָס האָבן אַן אינטערעס — צוליב זײערע געשעפֿטן — צו האָבן אַ חשבון פֿון יעדער קלײניקײט און מינדערװיכטיק געשעעניש פֿון לעבן.

אױף די װענט פֿון גרױסן זאַל, הענגען טאַבעלעס און מאַפּעס און... באַריכטן. יעדער טאַבעלע — פֿון אַ געװיסן „פֿאַך" אָדער אינדוסטריע. אָט װײַזט אַן אײן טאַבעלע, אַז אין דער שטאָט ניו־יאָרק זענען פֿאַראַן פֿיר מיט אַ האַלבן מיליאָן אױטאָמאָבילן. װען די אַלע אױטאָמאָבילן צוזאַמען מיט דעם אַנדערהאַלבן מיליאָן װאָס קומען אַן קײן ניו־יאָרק טאָג־טעגלעך — פֿון גאַנץ אַמעריקע, װען אָט די אַלע אױטאָמאָבילן זאָלן אַ גאַנצן טאָג אַרומפֿאָרן אין די גאַסן — װאָלט מען די גאַס נישט געקאָנט דורכגײן. אַ גליק איז װאָס זײ שטײען אַ גאַנצע קײלעכדיקע װאָך בײַ... בײדע זײַטן פֿון דער גאַס (װוּ עס איז דערלױבט פּאַרקינג") און מען נוצט אַ טײל פֿון זײ — בלױז אין די זונטיק־טעג. דאָך, איז אין יאָר 1954 געװען אין ניו־יאָרק אַלײן העכער צװײ טױזנט אַקצידענטן פֿון אױטאָמאָבילן, — העכער האַלב מיט פֿאַטאַלע קאָנסעקװענצן...

אָט זעסטו אַ טאַבעלע, װאָס דערװײַזט דיר, אַז אין אַמעריקע זענען פֿאַראַן 120 מיליאָן מענטשן װאָס האָבן אַ „לעבנס־פֿאַרזיכערקײט פּאָליסע" (סעגוראָ דע װידאַ), דאָס הײסט, אַז פֿינף און זיבעציק פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג זענען „פֿאַרזיכערט". דאָס — געפֿעלט מיר גראַדע יאָ! דאָס הײסט: — טאַטע און מאַמע, קינדער און עלטערן, פֿאַרזיכערן זיך אײנס דאָס צװײטע קעגן אַן אומגליק! אין אָט דעם פֿאַל, זענען מיר, אין זיד־אַמעריקע, אָפּגעשטאַנען אױף גאַנצע הונדערט יאָר...

איך פֿלעג אַמאָל גלױבן, אַז דאָס װאָס איך פֿלעג לײענען אין די צײַטונגען אַז אין אַמעריקע פֿאַרזיכערט זיך אַ פֿידלער די פֿינגער און אַ טענצערן די פֿיס און אַ זינגער דעם האַלדז, אַז דאָס אַלעס איז אַ בלאָף. איצט זע איך, אַז עס איז דער רײנער אמת. נישטאָ קײן ערנסטער מענטשן אין אַמעריקע װאָס זאָל נישט האָבן

קיין פאַרזיכערונגס־פּאָליסע פאַר זיך, פאַר זיין פרוי און קינדער. פאַר זיין הויז און געשעפט...

די דאָזיקע טאַבעלע וואָס הענגט אויף דער וואַנט, דערוויזט די ריכטיקייט.

אָט הענגט אַ טאַבעלע וויפיל... משוגעים זענען פאַראַן אין ניו־יאָרק — קרוב צו הונדערט טויזנט. 90 פּראָצענט פון זיי געפינען זיך אין די הייל־אַנשטאַלטן. אין אַלגעמיין, ווערט אָנגעוויזן, זענען אין ניו־יאָרק פאַראַן פינף הונדערט שפּיטעלער און סאַנאַטאָריומס וואָס פאַרמאָגן העכער צוויי הונדערט צוואַנציק טויזנט בעטן און דורכן יאָר, ליגן אין זיי העכער צוויי מיליאָן קראַנקע. פערציק פּראָצענט פון אָט די קראַנקע זענען געקומען פון אויסער ניו־יאָרק, כאָטש זיי האָבן אין זייערע מקומות אויך גוטע שפּיטעלער.

וויפיל טעלעפאָנישע אַפּאַראַטן האָט ניו־יאָרק? גיב אַ קוק אויף דער טאַבעלע וואָס הענגט פאַר דיינע אויגן, וועסטו דערזען: — קרוב צו פיר מיליאָן נומערן (אַפּאַראַטן זענען פאַראַן דריי מאָל אַזוי פיל. פאַראַן נומערן וואָס האָבן עטלעכע אַפּאַראַטן. ספּעציעל די אָפיסינעס). אָט, דאָ, אין דער טאַבעלע, קאָנסטו אַפילו זען וויפיל מענטשן עס רעדן אין ניו־יאָרק, טאָג־טעגלעך, טעלעפאָניש. נישט ווייניקער ווי 25 מיליאָן טעלעפאָן־געשפּרעכן זענען פאַררעגיסטרירט פון די סטאַטיסטיקער. פאַראַן טעג וועלכע מען רעדט מערער. למשל אין „פאָטער־טאָג" (פאַדהער־דעי) אָדער „מוטער־טאָג" רעדט מען מערער, ווייל מען רופט אַרויס די עלטערן צו באַגריסן. אין יאָר 1953 האָט מען אין „מאַדהער־דעי" (מוטער־טאָג) געמאַכט בלויז אין ניו־יאָרק, איין־און־אַכציק (81) מיליאָן „זשאַמאַדעס" דורכן טעלעפאָן. פאַר יעדן טעלעפאָנישן רוף באַקומען די טעלעפאָן־קאָמפּאַניעס צווישן צען און צוועלף סענט. יענעם טאָג, האָבן זיי נישט דערלייגט.

אפשר ווילסטו וויסן וויפל שרפות עס זענען פאָרגעקומען אין פאָריקן יאָר?

— אָט האָסטו אַ טאַבעלע, וועלכע ווייזט דיר אָן:

בלויז אין ניו־יאָרק — העכער פופציק טויזנט. די פאַרזיכערונגס־געשעפטן האָבן אויסגעצאָלט אָט די שרפות 36 מיליאָן דאָלאַר און... האָבן אַלץ צום געשעפט נישט דערלייגט.

אין דער שעה ווען איך בין געווען אין אָט דעם „קלוב" אָדער „אָפיס, האָט מען אויפגעהאָנגען אַ נייע און זייער וויכטיקע סטאַטיסטיק. מען דערוויזט, אַז אין פאָריקן יאָר, האָבן זיך געטראָפן אין ניו־יאָרק אַכט טויזנט פינף הונדערט אַקצידענטן מיט מענטשן וואָס האָבן געגעסן... פיש אָדער אַנדערע מאכלים און עס איז זיי אַריין אַ ביינדל אין האַלדז. 42 פּראָצענט פון אָט די אַקצידענטירטע האָט מען אָפּגעראַטעוועט און אַרויסגענומען דאָס ביינדל. די איבעריקע האָבן געהאַט אַ שלעכטן סוף. צווישן די אַכט און פופציק פּראָצענט טויט־פאַלן, צוליב איינ־

שלינגען אַביינדל פון פיש אָדער עוף, זענען געווען 31 פּראָצענט יונגערע פון צען יאָר. פאַרוואָס האָט די אַמעריקאַנער מאַמע געגעבן איר קינד פיש אָדער עוף מיט ביינדלעך? ווייל זי האָט זיך געאײַלט צו לויפן כאַפּן דעם „טרעין״! זי איז געלאָפן צו דער אַרבעט, האָט זי איבערגעלאָזט דעם קינד דאָס עסן מיט די ביינדלעך...

שאַ. אפשר ווילסטו וויסן וויפיל ראַדיאָ־אַפּאַראַטן זענען פאַראַן אין ניו־יאָרק?
— אָט, האָסטו דעם חשבון. אַ טאַבעלע אויף דער וואַנט, וועט דיר אָן:

אין יאָר 1944, — דאָס הייסט מיט צען יאָר צוריק, זענען אין ניו־יאָרק געווען דריי מיט האַלבן מיליאָן אַפּאַראַטן. אין יעדן הויז איז געווען צוויי, דריי און מערער אַפּאַראַטן. אַזוי, אַז די קינדער האָבן זיך נישט געדאַרפט שלאָגן צווישן זיך ווער עס זאָל הערן וואָס ער וויל.

היינט, מיט צען יאָר שפּעטער, די ראַדיאָ־אינדוסטריע האָט זיך שטאַרק צע־בליט און פּערפעקציאָנירט, אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט קאָסט אַ שיבוש. דאָך איז דאָ... ווייניקע ראַפּאַראַטן ווי מיט צען יאָר צוריק! די סיבה דערפון?... דער טעלעווישן! דער טעלעוויזיאָן האָט אַרויסגעשטופּט די ראַדיאָ פון אַ סך הייזער. אַנשטאָט צו קומען אַהיים און אויפדרייען דעם ראַדיאָ — דרייט מען אויף דעם טעלעווישאָן! קויפט מען ווייניקער ראַדיאָ־אַפּאַראַטן!...

דאָס אַלעס, טרעפסטו דאָ, אין אָט דעם „סטאַטיסטיק־קלוב״. דאָס אַלעס האָבן עס אויסגעשטודירט אָט־די מענטשן, וועלכע קומען זיך צונויף אַהער אויף אַ פּאָר שעה אָפּרו.

דאָס טרעפסטו בלויז אין אַמעריקע און, גיי זאָג נישט, אַז

אַמעריקע, דו ביסט גרויס!

XXXVII

טייערע גאָלדע,

מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב דיר שוין וועגן אַלעס געשריבן וועגן אַמעריקע, אַחוץ וועגן דעם פּאָפּולערסטן „מאכל“, וואָס מען עסט דאָ — וועגן... יידישן ברויט.

ווען מען פרעגט מיך: וואָס איז דאָס בעסטע וואָס דו האָסט ביז היינט געגעסן אין אַמעריקע? וואָלט איך נישט אָנגעוויזן אויף דער היימישער קאַשע מיט די רעטשענע לאַטקעס, וואָס איך עס דאָ אַלע טאָג; איך וואָלט נישט אָנגעוויזן אויפן גוטן „אוליק“ און געשמאַקן מאַרינירטן הערינג וואָס האָט אַלע טעמים; איך וואָלט אַפילו נישט אָנגעוויזן אויפן „קאַוויאַר“ און „לאַקס“ וואָס מען קריגט דאָ אין יעדן קלייטל, — נאָר איך וואָלט געזאָגט:

— דאָס בעסטע, דאָס געשמאַקסטע וואָס יידן עסן דאָ — איז דאָס יידישע קאָרנע ברויט און די ערב־שבתדיקע ווייסע חלה וואָס פרומע, אַלטערס פרוי. וזל לעבן, באַקט דאָ.

אויב דו מיינסט, אפשר, אַז בלויז יידן עסן דאָ יידיש ברויט? — האָסטו אַ טעות. די אַמעריקאַנער קריסטן, ספּעציעל די איירישע — זענען די גרעסטע קויפערס און עסערס פון יידיש ברויט. זיי דאַרפן גאָרנישט גיין אין די יידישע געגנטן זוכן יידיש ברויט! אין וועלכער קלייט זיי וועלן אַריינקומען און זיך הייסן געבן „דזשו־ברעד“ וועט מען זיי דערלאַנגען יידיש ברויט.

דאָס ברויט איז טאַקע געשמאַק און האָט אַלע טעמים, אָבער, וואָלסט געמעגט זען ווי אַזוי עס גייט געפּאַקעוועט, ווי בכלל ווי אַזוי מען פאַרקויפט דיר אַ ברויט.

דאָ, אין אַמעריקע, איז נישט אַזוי ווי ביי אונדז, ווו מען פאַרקויפט דיר אַ ברויט — און אויב דו פאַרקוקסט זיך, רוקט מען דיר אַריין אַן אייערנעכטיקס און אַ האַרטס ווי אַ שטיין. דאָ, קומט דאָס ברויט געפּאַקעוועט אין סעלאָפאַן און עס קומט שוין אַזוי צעשניטן, אַז זאָלסט נישט דאַרפן האָרעווען מיט אַ שטומפּיק מעסער אויף אָפּצושנײַדן אַ שטיקל ברויט. בכלל איז דער „סעלאָפאַן“ פון אַזאַ ספּעציעלן שטאָף, וואָס האַלט דאָס ברויט פריש פאַר עטלעכע טעג. איך האָב די ערשטע צייט נישט געוואָלט גלייבן, האָב איך גענומען ביי מוגין אין „סטאָר“ אַ ברויט, עס אַוועקגעלייגט אין אַ ווינקעלע און אין 5 טעג אַרום האָב איך עס אַרויסגענומען פון דעם „סעלאָפאַן“ און עס געטראָפן פריש ווי נאָרוואָס פון אויוון אַרויס.

און ווי אַזוי איז דאָס אַמעריקאַנער ווייסע ברויט וואָס די אַמעריקאַנער באַקן און עסן? וואָס פאַר אַ טעם האָט עס?

איך האָב דאָס ברויט אויך געפּרוּווט! און אין צוויי ווערטער קאָן איך דיר זאָגן: קלאָטשע האָסטו שוין אַמאָל געקייעט? — אָט דאָס איז דאָס אַמעריקאַנער ווייסע ברויט וואָס זיי עסן.

— וואָס־זשע פאַרא ברויט עסט מען פאָרט אין אַמעריקע?

— איז איינס פון די ביידע: אָדער מען עסט „טאוסט"־ברויט (טאָסטאַדאָס), אין די גרעסטע רעסטאָראַנען סערווירט מען דיר „טאָסטאַדאָ"־ברויט, וואָס מען קאָן עס קוים עסן, אָדער מען עסט דאָס קאָרענע ברויט וואָס מ׳האָט געקויפט אין דער יידישער געגנט, אָדער ביים אייגענעם „גראָסערי־מאַן" (אַלמאַסענעראָ) וואָס ווייסט, אַז ער דאַרף האַלטן אַזאַ ברויט פאַר זיינע קונים.

איינער פון די באַרימטסטע יידישע שרייבער אין אַמעריקע יעקב רייך דערציילט ווי אַזוי די אַמעריקאַנער, — די אמתע יענקיס — עסן דאָס יידישע ברויט:

ס׳איז נישטאָ נאָך אַ לאַנד אין דער וועלט ווו עס וואַקסט אַזעלכע פיינע ווייץ און אַנדערע תבואות ווי דאָ אין אַמעריקע. נישט נאָר וואַקסט דאָ אַ סך תבואה, נאָר אויך די פאַרשידנסטע סאָרטן תבואה, ברויט אין דעם זין פון תבואה איז, אַלזאָ, דאָ איבערגענוג, אָבער ברויט צום עסן, ברויט וואָס מען זאָל קענען נעמען אין מויל, קען דער אַמעריקאַנער נישט באַקומען אין די געוויינ־לעכע סטאָרס און סופּערמאַרקעטס (מערקאַדאָס).

דאָס, וואָס מען רופט ברויט און מען פאַרקויפט פאַר ברויט איז גיכער אַ כעמישער פּראָדוקט ווי אַ נאַטירלעכע שפּייז. עס האָט אין זיך אַ געמיש פון אַלערליי שטאָפן, וואָס דאַרפן כלומרשט „באַרייכערן" דעם ברויט, און ווען מען עסט עס מיט אַנדערע שפּייזן וועט עס מסתמא נישט שאַטן צום געזונט, אָבער אויסקומען מיט ברויט אַליין אַזוי ווי די פעלקער פון דער גאַנצער וועלט קומען אויס, קען דער אַמעריקאַנער נישט. אויב ער וויל האָבן אַן עכט שטיקל ברויט, דאַרף ער אָנקומען צו ספּעציעלע בעקערייען, אָדער צו ספּעציעלע סאָרטן ברויט וואָס מען פאַרקויפט אין די יידישע געגנט.

זאָל מען נישט דענקען אַז אַמעריקע האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין גוטן ברויט. דאָס ברויט וואָס אַמעריקאַנער באַלעבאָסטער באַקן־אויס אין דער אייגע־נער קיך, איז אַן אויסגעצייכנטער, געשמאַקער און נאַרהאַפטער סאָרט ברויט. דאָס איז אָבער נישט דאָס ברויט וואָס די ריזן־בעקערייען באַקן אויס אין די מיליאָנען פאַר אַלגעמיינעם געברויך. ס׳איז ווייך, ס׳איז פּוכקע, ס׳איז אָנגעבלאָזן מיט שוים — און עס האָט קיין טעם נישט.

די יידישע באַלעבאָסטעס זענען נישט געגאַרט אין חשבון ווען זיי באַשטייען דווקא אויף קאָרענעם ברויט (וואָס באַשטייט הויפּטזעכלעך פון ווייץ און נישט פון קאָרענע מעל) אָדער פון שוואַרץ ברויט (פּאַפּערניקעל אָדער אַנדערע סאָרטן ברויט וואָס אַנטהאַלטן אַ גרעסערן טייל קאָרענע מעל). די אַמעריקאַנער קינדער, וועלכע האָבן זיך אָפּגעלערנט פון אונדז, קלייבן אויך אויס דעם יידישן סאָרט ברויט און נישט די אַמעריקאַנער קליאָטשע־ברויט וואָס מען וויל זיי איינרעדן זיי זאָלן קויפן. זיי זענען טאַקע פולשטענדיק אַמעריקאַניזירט, אָבער ווען עס קומט צו דער אכילה בענקט זיך זיי נאָך דעם ברויט וואָס די מאַמע פלעגט אַריינברענגען פון איר יידישער בעקעריי, און נישט די וואַטע וואָס קומט געוויקלט אין וואַקס־פּאַפּיר און טראָגט דעם נאָמען „ענריטש ברעד" (באַרייכערט ברויט).

די קריסטלעכע חברים און חברטעס פון די יידישע קינדער האָבן פאַרזוכט דעם יידישן סאָרט ברויט און עס איז זיי געפעלן געוואָרן.. פריער איז דאָס ביי זיי געווען אַ נייַקייט, אַ טשיקאַווער מאכל, אָבער דערנאָך האָבן זיי זיך אַרומגעזען אַז עס איז נישט נאָר אַנדערש, נאָר אויך מער באַטעמט און מער נאַרהאַפט ווי די ווייסע קליאָטשע וואָס קומט געוויקלט אין וואַקס־פּאַפּיר. זיי האָבן גענומען אויסזוכן די סטאָרס און בעקערייען וווּ מען פאַרקויפט „דזשוויש ברעד".

אונדזערע יידישע בעקערייען האָבן גענומען קריגן אָרדערס (פּעדידאָס) צו שיקן ברויט אין געגנטן וווּ זייערע וואָגנס און קאַמיאָנען האָבן געוויינלעך נישט דערגרייכט. אַ נייער מאַרק האָט זיך געעפנט פאַר זיי, אַ מאַרק פאַר „יידיש" ברויט אין קריסטלעכע געגנטן.

ווען מען האָט געוואָלט קריגן „יידיש" ברויט האָט מען געדאַרפט אָנקומען צו יידישע בעקערייען. צו דערזעלבער צייט האָבן זיך די פּעיקע ביזנעסלייט אין די יידישע בעקערייען געכאַפּט, אַז אַ נייער מאַרק עפנט זיך פאַר זיי, אַ מאַרק צווישן אַמעריקאַנער, וועלכע האָבן פאַרזוכט עכטן, נאַרהאַפטן ברויט און עס שמעקט זיי בעסער ווי דאָס אַמעריקאַנער „סטאָר־ברויט".

דער סוף איז: יידיש ברויט איז געוואָרן דאָס בעסטע געשעפט — די בעסטע ביזנעס, נישט נאָר פאַר יידישע בעקערייען — נאָר אויך פאַר נישט־יידישע קרעמער. פאַראַן אין ניו־יאָרק עטלעכע בעקערייען, וועמענס געשעפטן און פאַרדינסטן דערגרייכן צו מיליאָנען. אויף איינעם — אויף איין יידישער בעקעריי, — זאָגט מען, אַז ער „מאַכט ביזנעס" אויף 18 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר. אַ צווייטער יידישע בעקעריי — מעסינג און אַ דריטע יידישע בעקעריי פּעכטער, זענען אויך מיליאָנערן.

און, נישט בלויז ביי יידיש ברויט מאַכט מען אַ פעטן דאָלאַר און מען קאָן ווערן אַ מיליאָנער! עס וועט ביי דיר זיין אַ נייעס ווען איך וועל דיר דערציילן,

אַז די אַמעריקאַנער מענטשן, ספּעציעל — די פאַמיליעס — טרינקען זעייר אַ סך סאָדע־וואַסער און די פאַבריקאַנטן פון אַט־דער „זעלבער־וואַסער״, מאַכן ריזיקע געשעפטן און ריזיקע פאַרמעגנס.

אָט ווער איך געוווּיר, אַז די אַמעריקאַנער טרינקען אויס אַ טאָג פופציק מיליאָן פלעשלעך קאַקאַ־קאָלאַ (פאַראַן קאַקאַ־קאָלאַ אָן פלעשלעך אויך). מען ווייזט אָן, לויט אַ סטאַטיסטיק, אַז אין אַמעריקע פאַרקויפט מען העכער 25 ביליאָן פלעשלעך סאָדע־וואַסער אַ יאָר. אַן אַמעריקאַנער מענטש וועט זיך דיר זעלטן אַוועקזעצן ביים טיש עסן זיין סאַפּער און עס זאָל נישט שטיין קיין פלאַש סאָדע־וואַסער אויפן טיש. פאַראַן אין אַמעריקע העכער צען טויזנט פירמעס וואָס האָבן צו עטלעכע פאַבריקן פון אַט דער סאָדע־וואַסער און... מען ווערט מיליאָנערן פון אָט די ביזנעס.

אַ חוץ ביי ייִדיש ברויט און סאָדע־וואַסער איז ניט לייכט צו ווערן אַ מיליאָנער אין אַמעריקע, אַפילו ווען מען פאַקט שוין אַ גוט געשעפט און עס גייט שוין אַוועק גוט און מען פאַרדינט שוין אַ מיליאָנטשיק דאָלאַרס אַ יאָר. קומט צו גיין די רעגירונג און נעמט ביי דיר צו, אין שטייערן, אַזוי פיל, אַז עס ווערט פינצטער אין די אויגן.

אָט ווייזט טאַקע די סטאַטיסטיק (ווייסט דאָך, אַמעריקע לעבט אויף סטאַטיסטיק, מיט חשבון): אין יאָר 1929 זענען אין אַמעריקע געווען 513 מענטשן וואָס האָבן פאַרדינט אַ יאָר פון א מיליאָן דאָלאַר און העכער. אין יאָר 1950 זענען שוין בלויז געווען 219 אַזעלכע גרויסע פאַרדינער און אין יאָר 1955 זענען שוין נעבעך בלויז געווען 148 פאַרדינער פון אַ מיליאָן און העכער.

אַ ספּעציאַליסט אין אָט די מיליאָנערסקע פאַרדינסטן אין אַמעריקע מ. א. גער, ברענגט אַריין אַביסל טאַלק אין אָט דעם ענין פון מיליאָנערסקע פאַרדינער. ער ווייזט אָן, אַז דער הויפּט־מאָטיוו פאַרוואָס עס ווערט וואָס אַמאָל ווייניקער מענטשן וואָס פאַרדינען העכער אַ מיליאָן אַ יאָר — איז, וואָס די רעגירונג נעמט אַראָפּ אַ צו גרויסן פּראָצענט „רעדיטאַס״ (שטייערן, אין אַמעריקע רופן זיי דאָס „אינקאָם־טעקסט״). נישטאָ קיין לאַנד אין דער וועלט, ווו דער בירגער זאָל צאָלן אַזוי פיל שטייערן ווי אין אַמעריקע. פאַראַן אַזעלכע אומשטענדן, וואָס די רעגירונג נעמט אַראָפּ גאַנצע 87 פּראָצענט פון דעם ערשטן מיליאָן און אַז דו האָסט פאַרדינט 50 מיליאָן (פאַראַן אַזעלכע פאַרדינער אויך) נעמט די רעגירונג אַראָפּ גאַנצע 93 פּראָצענט.

פאַרשטייט זיך, אַז קיין רחמנות אויף די „אָרעמע״ מיליאָנערן דאַרפסטו נישט האָבן, זיי דאַרפן נאָך נישט קומען צו מיר נאָך אַ גמילת־חסד... און אין דער „קאַכאַ פלאָרעסטאַ״ אָדער „קאַכאַ וויזשע־לוראַ״ דאַרפן זיי אויך נישט גיין בעטן

קיין קרעדיט... אָבער זיי דאַרפן אָנווענדן פאַרשיידענע לעגאַלע מיטלען, כדי אַראָפּצורייסן עטלעכע הונדערט טויזנט דאָלאַר פון (אינקאָם־טעקסט) און עס אַריינ־לייגן אין דער קעשענע.

זעסטו, פאַר אַ קליינעם פאַרדינער איז שווער צו מאַכן קאָמבינאַציעס מיט דעם אינקאָם־טעקס. ער קריגט אַ געוויסע שכירות אַ וואָך און ווען ער באַקומט די שכירות, האָט דער בעל־הבית שוין אַראָפּגענומען דעם חלק, וואָס קומט דער רעגירונג. אָבער, די גרויסע קאַרפּן־קעפּ, זיי ווייסן שוין ווי אַזוי צו מאַכן אַ „שניידערישן חשבון" און אַמאָל קומט זיי גאָר אַרויסצוצאָלן, זיי האָבן נעבעך צו־געלייגט די באָבעס ירושה צום געשעפט.

אמת, די וועלט איז נאָך נישט אונטערגעגאַנגען, פון צייט־צו־צייט כאַפּט זיך נאָך אַרויס אַ מיליאָנער אין אַמעריקע. איינער, וואָס האָט אַנטדעקט אוראַניום אויף זיינע פעלדער, אָדער אַ צווייטער, אויף וועמעס ערד מען האָט געפונען אַ נאַפט־קוואַל. אָבער דאָס זענען אויסנאַמען...

און דאָס ווייסטו דאָך. אין אַמעריקע, ווען איינער געפינט נאַפט אָדער אַן אַנדער זאַך אויף זיין פעלד — געהער עס צו אים און ער ווערט פון נעכטן ביז היינט — אַ מיליאָנער. אַנדערש איז אין אונדזער לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. ביי אונדז, קאָנפיסקירט מען תיכף זיין טשאַקרע (פעלד) און ער דאַנקט גאָט ווען מען באַצאָלט אים שנעל פאַר זיין פעטן און גליקלעכן „קאַמפּ"...

אַזוי ווי אָבער די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט מורא באַקומען, טאָמער וועט מען נישט וועלן אַזוי פיל אַרבעטן און אַזוי פיל פאַרדינען, ווייל — די רעגירונג נעמט עס דאָך במילא צו — האָט זי גענומען אַביסעלע נאָכלאָזן די שטייערן אויף אייניקע זאַכן. ספּעציעל — נעמט מען ביים בירגער וויניקער „רעדיטאָס", אויב ער האָט פאַרדינט זיין געלט ביי אַזאַ פּרנסה, ביי וועלכער ער האָט ריזיקירט מיט זיין קאַפּיטאַל. למשל, ער האָט אַריינגעלייגט קאַפּיטאַל אין אַ טעאַטער אין ניו־יאָרק, און אין משך פון די 6 חדשים האָט די דראַמע אין טעאַטער אָנגעריסן, און ער האָט פאַרדינט 100.000 דאָלאַר, וואָלט ער דאָך פון דעם פאַרדינסט געדאַרפט באַצאָלן דער רעגירונג 66.798 דאָלאַר „רעדיטאָס" (שטייערן), אָבער אין דער אמתן צאָלט ער נישט מער ווי 25.000 דאָלאַר, ווייל ער האָט ריזיקירט מיט זיין קאַפּיטאַל...

דאָס, האָט די רעגירונג צוגעוואָרפן אַ „לעקעכל די גבירים", זיי זאָלן נישט האַלטן דאָס געלט אין דער באַנק עס זאָל דאָרט פוילן, נאָר זיי זאָלן איינשטעלן, ריזיקירן און מאַכן מסחרים מיט זייער קאַפּיטאַל...

דאָס זעלבע איז אויך מיט די אויל־מאַגנאַטן, די רעגירונג האָט באַשטימט, אַז זיי, די אויל־מאַגנאַטן מעגן אַראָפּנעמען 27 און אַ האַלבן פּראָצענט פון די

שטייערן וואָס זיי דאַרפֿן צאָלן, ווייל זיי שטעלן איין זייער קאַפּיטאַל, ווייל זיי גראָבן נייע אויל־קוואַלן, וואָס קאָסטן מיליאָנען און אָפּטמאָל שטעלט זיך אַרויס, אַז מען געפינט גאָרנישט; ריזיקירן זיי צופיל מיט זייער פאַרמעגן, דאַרף מען זיי פאַר־גיטיקן...

עס זענען פאַראַן נאָך פאַרשידענע לעגאַלע דריידלעך, ווי אַזוי די מיליאָנערן קאָנען זיך אַרויסדרייען פון נישט צאָלן דעם גאַנצן סכום „רעדיטאָס", וואָס זיי וואָלטן געדאַרפט באמת צאָלן, אָבער, איך דאַרף זיי קיין „עצות" נישט געבן...

מען מעג צעטיילן אַ גרויסע טייל פאַרדינסטן די אַרבעטער. מען מעג פון די פאַרדינסטן פאַרגרעסערן דאָס געשעפט אָדער פאַבריק און צובויען נייע פאַווילאָנען און זיי שיין אויסמעבלירן! דאָס אַלעס גייט אַריין אין די הוצאות און מען רעכנט אָפּ פון די שטייערן. מען מעג מאַכן עטלעכע רייזעס קיין אייראָפּע אָדער אַנדער טייל פון דער וועלט און זיי צושרייבן צו „געשעפט־רייזעס" און דער עיקר — מען קאָן געבן גרויסע סומעס פאַר צדקה — דערהויפּט פאַר שפּיטעלער און דאָס ווערט אויך אַראָפּגערעכנט פון די פאַרדינסטן. דערפאַר, טאַקע, געבן די אַמערי־קאַנער גבירים אַזוי פיל צדקה! זיי געבן נישט זייערס, — נאָר דער רעגירונגס... וועלן זיי נישט געבן קיין צדקה — וועלן זיי עס דאַרפן באַצאָלן אין „אינקאַם־טעקס" — אין שטייערן.

און, וויפל מען נאַרט נישט אָפּ די רעגירונג — בלייבט נאָך אַלץ גענוג מיל־יאָנען און ביליאָנען פאַרן „אַנקל סעם". די רעגירונג דאַרף האָבן אַ סך געלט! עפּעס האַלט דאָך אַמעריקע אויס די גאַנצע וועלט!

און אַז איך שרייב דיר שוין וועגן די אַמעריקאַנער גבירים מיט זייערע באַ־שטייערונגען און נדבות, ווייל איך „דיך באַקענען" מיט איינעם אַזאַ ייִדישן מיל־יאָנער, איינער פון די באַליבטסטע און פאָפּולערסטע פּערזענלעכקייטן פון ייִדישן לעבן אין אַמעריקע און אויף דער גאָרער וועלט. דער דאָזיקער נאָבעלער ייִד הייסט עדוואַרד מ. מ. וואָרבורג.

צוריק מיט עטלעכע טעג האָט מען אים געפּראַוועט אַ באַנקעט אין וואַלדאָרף־אַסטאָריאַ־האָטעל — דער גרעסטער, שענסטער און לוקסוסרייכסטער האָטעל פון דער וועלט. זענען געקומען צום באַנקעט העכער טויזנט (1000) ייִדישע פירער. עס זענען אויך געקומען פאַרשטייער פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג און פון מדינת־ישראל. דעם באַנקעט האָט אַראַנזשירט דער „יונייטעד דזשויש אַפּיל" — דאָס איז אַ מין קערפּערשאַפט ווי אונדזער „פאַראייניקטער קאַמפּיין".

לכבוד דעם בעל־שמחה איז געזאַמלט געוואָרן פאַר דעם ישראל־קאַמפּיין די סומע פון... העכער 10 מיליאָן דאָלאַר. דאָס הייסט, אַז אין איין אויפדערנאַכט,

ביי איין באַנקעט, איז געזאַמלט געוואָרן צוויי מאָל אַזופיל **דאָלאַר וויפיל מען זאַמלט אין אַרגענטינע, אין בראַזיל, אין אורוגוויי, אין טשילע און אין פּאַראַגוויי פאַרן זעלבן קאַמפּיין... אַ גאַנץ יאָר!**

ביי דער געלעגנהייט, וועל איך דיך טאַקע באַקענען מיט עטלעכע וויכטיקע פּערזענלעכקייטן פון וואַרבורגס „שניט", וועלכע פאַרשאַפן כבוד און ברענגען נוצן דעם וועלט־יידנטום:

יוליוס ראָזענוואַלד

יעקב בלאַוסטיין

אירווינג ענגעל

יוסף פּראָסקויער

חיים סלאַסען

הערב. ר. עהרמאַן

אומקערנדיק זיך צום ה׳ עדמונד וואַרבורג:

דער בעל־שמחה אַליין האָט באַקומען אַ סך פּערזענלעכע מתנות מיט אַ היסטאָרישן אינהאַלט. צווישן די מתנות וואָס ער האָט באַקומען איז איינע דורך סענאַטאָר לעהמאַן, אַ זילבערנע טאַץ, אַן ענגלישער אַנטיק, מיט דער אויפשריפט: „פּרעזענטירט צו מר. עדוואַרד מ. מ. וואַרבורג, דורך זיינע פילע פריינד און פאַר־ערער, פאַר זיין גרויסאַרטיקער פירערשאַפט פון יונייטעד דזשויש אַפּיל״; אַ צווייטע מתנה איז איבערגעגעבן געוואָרן וואַרבורגן דורך יוסף י. שוואַרץ, עקזעקוטיוו פּראָ־סעקרעטאַר פון פאַראייניקטן קאַמפּיין. ער גיט איבער דעם באַ־ערהטן אַ בעכער, וואָס איז פיר טויזנט יאָר אַלט, געמאַכט פון בראָנדז און איז דורך אַרכעאָלאָגן אויסגעגראָבן געוואָרן אין נאָענטן מזרח.

סענאַטאָר לעהמאַן האָט כאַראַקטעריזירט וואַרבורגן פאַר איינעם, וואָס זיין גאַנץ לעבן איז געקניפּט און געבונדן מיט דער הילף פאַר אַנדערע.

עדוואַרד מ. מ. וואַרבורג קומט אַרויס פון גאָר, גאָר, אַ געהויבענער משפּחה. זיין זיידע איז געווען דזשייקאָב שיף — דער באַרימטער פילאַנטראָפּ, וועמענס נאָמען די גאַנצע וועלט האָט געהערט. זיין באַרימטער פאָטער, פעליקס מ. וואַר־בורג, איז געשטאַנען ביים וויגעלע פון דער דזשאָינט־דיסטריביושאַן־קאָמיטע און דער זון זיינער, עדוואַרד, איז געשטאַנען ביים וויגעלע פון דעם פאַראייניקטן יידישן אַפּיל, וואָס ער האָט געהאָלפן גרינדן. אין די 16 יאָר, וואָס דער „אַפּיל״ווירקט און שאַפט מיליאָנען, האָט עדוואַרד וואַרבורג געהאָלפן שאַפן אַ ביליאָן דאָלאַר פאַר יידישער הילף און רעטונג און לעצטנס פאַרן אויפבוי פון מדינת ישראל.

אינטערעסאַנט צו באַמערקן. אַזעלכע יידן ווי וואַרבורג, זענען טיף אין דער נשמה, רעליגיעז געשטימט. ער און זיינס גלייכן זענען עס יענע יידן, וואָס פאַר־פעלן נישט צו גיין בעטן גאָט לויט זייער שטייגער און באַנעמונג. זיי, אָט די יידן, האָבן אַ גרויסן טעמפּל — אַ רעפאָרם־טעמפּל, וואָס געפינט זיך אויף דער 65סטער גאַס און פינפטע אַווענידע און דער אויסזען פון טעמפּל מאַכט אויף דיר אַן אָנגענעמען איינדרוק. דער טעמפּל הייסט: עמנו־אל״ און איז דער שענס־טער פון אַלע טעמפּלען וואָס איך האָב ביז היינט געזען אין אַמעריקע. אין דעם דאָזיקן טעמפּל דאַוונט מען מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ. דו שטעלסט זיך פאַר וואָס פאַר אַ פּנים עס האָט: מען רופט אויף צו דער תורה, מען קומט אַרויף און מען מאַכט די ברכה, אָן עפּעס אויפן קאָפּ און דער בעל־קורא — פונקט ווי די גבאים און דער ראַבאַי — שטייען אויף דער בימה מיט אַנטבלויזטע קעפּ!

זאָג מיר, וואָס דו ווילסט! אונדזערס אַ מענטשן — שאָקירט עס!...

דער באָווסטער „פאָרווערטס״־מיטאַרבעטער, י. שמולעוויטש, אַליין אַ „גרי־

נער״, האָט געמאַכט אַ באַזוך אין עמנו־אל טעמפל, פונקט צו כל־נדרי און ער דערציילט וואָס ער האָט געזען. מעגסט הערן זיין מיינונג:

נאָך זיבן אַזייגער האָט מען אין די ניו־יאָרקער שולן און בתי־מדרשים שוין געהאַט אָפּגעזאָגט כל־נדרי. אָבער אין אַן אַנדערן אָרט, אין רעפאָרם־טעמפל „עמנו־אל״, אויף דער פינפטער עוועניו, האָט מען ערשט אָנגעהויבן זאָגן כל־נדרי אַכט אַזייגער. די מענטשן וואָס קומען אַהין דאַוונען זענען פון אַן אַנדער וועלט ווי אונדזערע היימישע יידן. דער טעמפל איז אַן אייגנאַרטיקער און אַ מאָדנער, אויך דאָס דאַוונען גופא שטעלט מיט זיך פאָר אַ מערקווירדיק בילד, און



דער אינערלעכער אויסזען פון טעמפל „בית ישורון״ פון 257 וו. 88־סטע גאַס

זיי האָבן זיך דעריבער נישט וואָס צו איילן. זיי, די רעפאָרם־יידן, גלויבן, אַז זייער געבעט וועט צו יעדער צייט אָנגענומען ווערן אין די הימלישע היכלן.

איך האָב נישט איינמאָל געהאַט אַ מעגלעכקייטן צו זען מערקווירדיקע יידישע שולן, טעמפלען און געבעט־הייזער. דאָס אָבער, וואָס איך האָב געזען אין דעם טעמפל פון דער פינפטער עוועניו, שטייגט איבער אַלץ. מען קען זיך עס גאָרנישט פאָרשטעלן אין דער פאַנטאַזיע, ווען מען זעט עס נישט מיט די אייגענע אויגן. אַזויפיל רייכקייט, לוקסוס, גלאַנץ און קאָמבינאַציע פון קונסט מיט רעליגיעזן אינהאַלט, זעט מען, דאַכט זיך, נישט אין ערגעץ אויף דער וועלט.

איצט, די מתפללים און דאָס דאַוונען גופא? עס איז עפּעס אַ מאָדנע וועלט, וואָס ווען איר זעט זי, דאַכט זיך אייך אויס, אַז עס איז נישט קייןווירקלעכקייט, נאָר אַ חלום.

אין טעמפּל זענען פאַראַן 2,000 זיץ־פּלעצער אין דער גידער, חוץ דעם זענען אויך אין דער הויך פאַראַן ביי 500 פּלעצער פאַר צושויער און נייגעריקע



אַ צווייטער אויסזען פון טעמפּל „בית ישורון
אייגער פון די שענסטע פון ניו־יאָרק

מענטשן. דער אַריינגאַנג אין טעמפּל פירט דורך דריי גרויסע בראָנדזענע טירן, וואָס עפענען זיך פאַנאַנדער אין דער ברייט און רוקט זיך אין די ווענט אַריין.

צווישן עולם, וואָס איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג און וואָס האָט שפּעטער אויסגעפילט דעם טעמפּל, זענען די מערסטע געווען מענטשן אין די פופציקער און זעכציקער יאָרן. מען האָט אויך געזען אַ קליינע צאָל יוגנטלעכע און אַ היפּשע צאָל עלטערע מענטשן. מען האָט אויף זיי אַלעמען גלייך דערקענט די אַסימי־לירטע יידישע אַריסטאָקראַטיע, גרויסע באַנקירן, פּראָפעסיאָנאַלן און נאָך אַזעל־

כע. אַלע זענען געווען געקליידט אין דעם שענסטן און בעסטן. מען איז געקומען ווי מען גייט אויף אַ גרויסן קאָנצערט, צו אַ וויכטיקער טעאַטער־פאָרשטעלונג, אָדער אין דער אָפּערע. ספּעציעל עלעגאַנט זענען געווען געקליידט די פרויען, ווי דאָס איז דער שטייגער.

ווען מען קומט אַריין אין טעמפּל האָט מען קיין שום איינדרוק נישט, אַז מ׳געפינט זיך אין אַ יידישן געבעט־הויז. דער גאַנצער סטיל, די אַרכיטעקטור

דער „עס־זאַל" ביים טעמפּל „בית ישורון" צוגעגרייט צו אַ שמחה

פון טעמפּל עמנו־אל, האָט אין זיך אַ געמיש פון די מעטשעטן אין די אַראַבישע לענדער, פון קירכעס אין וויטן איטאַליע און אויך פון היגע, אַמעריקאַנער קירכעס. נישט דער טעמפּל גופא, נישט די ראַבאַיס, נישט די תפילות, האָבן אין זיך עפּעס פון יידישער הייליקייט און רעליגיעזן עקסטאַז.

אין פאַרלויף פון צוויי שעה, זאָגן און לייענען די ראַבאַיס פאַר דעם עולם. בלויז אין געזאַנג פון חזן און פון כאָר הערט זיך עפּעס אַ שטיקעלע אָפּקלאַנג, וואָס דערמאָנט פון צייט צו צייט אין אַ יידישן קרעכץ און אין אַ יידישן ניגון,

דאָס גאַנצע דאַוונען קומט פאָר אויף אַ רויקן, קאַלעמוטנעם אופן, פון וועלכן מען ווערט נישט געריירט. אגב, דעם כאָר און דעם אָרגל זעט מען אינגאַנצן נישט, זיי געפינען זיך אין דער הויך, איבער דער בימה, אונטער אַ פאַרשטעלט וואַנט. דאָס איינציקע יידישע, וואָס זעט זיך אַביסל אָן אין טעמפל, איז דער ארון־קודש, וואָס האָט אויף זיך די צען געבאָטן אויף העברעיש.

אין פאַרלויף פון די צוויי שעה האָב איך נישט אַראָפּגעלאָזן מיינע אויגן פון דעם ארון־קודש. וואָס פאַר אַ רייכטום, גלאַנץ און קונסט עס האָבן דאָ אַריינ־געלייגט די אַמאָליקע יידישע אימיגראַנטן פון דייטשלאַנד. אַ זעלטענע קונסט־ווערק שטעלט מיט זיך פאָר די ראַם ארון־קודש. אָבער דאָס האָט גאָרנישט צו טון מיט יידישקייט. איך האָב געזען ענלעכעס אין איטאַליע, אין אַ דאָרטיקער קירכע, ווו איך בין געווען אויף אַ באַזוך. די ראַם פון ארון־קודש אין טעמפל עמנו־אל איז פון ווייסן, רייכן מאַרמאָר. אַלע פיר זייטן זענען אויסגעפלאַסטערט מיט אַ טייערער, ווונדערלעכער מאָזאַיק פון גרינע, רויטע, גאָלדענע און אַנדערע שטיינדלעך. ווי אַזוי דער באַלקן פון טעמפל זעט אויס, איז שווער צו זען, ווייל ער איז אומגעהויער הויך, דאָס אויג קאָן נישט גרייכן אַהין.

מיט די תפילות האָבן אָנגעפירט די צוויי ראַבאַיס, ד״ר דזשוליוס מאַרק, ארווין מ. בלאַנק און דער חזן אַרטור וואָלפסאָן. פונקט אַזייגער אַכט, ווען דער טעמפל איז געווען אָנגעפילט מיט קנאַפּע צוויי טויזנט פינף הונדערט פערזאָן, זענען אַלע דריי אַרויסגעקומען פון דער זייטיקער טיר, וואָס געפינט זיך אויף דער בינע. זיי זענען געווען געקליידעט אין לאַנגע שוואַרצע מאַנטלען, מיט אַנטבלויזטע קעפּ, אָן טליתים. כל־נדרי איז געזונגען געוואָרן דורךביידע כאָרן פון טעמפל. אַלס סאָליסטן זענען אַרויסגעטראָטן אַ פּרימאַדאָנאַ פון דער ניו־יאָרקער אָפּערע. געשפּילט דעם ניגון אויף אַ פידל האָט אַ באַוווסטער פידלער. אָבער, ווי שוין געזאָגט, האָט מען דעם כאָר און דעם אָרגל נישט געזען. זייער געזאַנג און שפּילן איז געקומען פון דער הויך, פון איבער דער בינע, אין אַ ספּעציעלן פּלאַץ, ווו זיי האָבן זיך געפונען די גאַנצע צייט. ווען דער כאָר און דער אָרגל האָבן געזונגען און געשפּילט כל־נדרי, זענען ביידע ראַבאַיס גע־שטאַנען נעבן ארון־קודש, מיט צוויי ספרי־תורהס אין די הענט, אַנגעשפּאַרט אין זייערע אַנטבלויזטע קעפּ. פון אַלע תפילות האָט דער עולם אַמשטאַרקסטן נאָכ־געזאָגט אויפן קול דעם ראַבאַי די ווערטער פון „על חטא שחטאנו לפניך״ און פון „אבינו מלכנו״, אָבער געזאָגט געוואָרן איז דאָס אין ענגליש.

צום סוף האָט דער ראַבאַי געזאָגט אויפן קול קדיש, אין דער אָריגינעלער העברעישער (ריכטיקער — אַראַמעישער) שפּראַך. דערביי זענען אין טעמפל

אויפגעשטאַנען עטלעכע צענדליק אבלים און די גאַנצע צייט געשטאַנען מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ.

עס איז געמאַכט געוואָרן אַ קורצער איבעררייס, בעת וועלכן די שמשים, עלעגאַנט־געקליידעטע מיטליאָריקע מענער מיט אַנטבלויזטע קעפּ און ווייסע בלומען אין די לאַצן, זענען אַרומגעגאַנגען מיט געפּלאָכטענע קיישלעך אין די הענט און האָבן צונויפגענומען דאָלאַרן, טשעקס און אויך ספּעציעל־געדרוקטע קאַרטלעך מיט די נעמען פון די מענטשן, וואָס האָבן אָנגעצייכנט וויפל זיי זענען מנדר. די תּפילות זענען פאַרענדיקט געוואָרן פּינקטלעך 10 בייַנאַכט, אַזוי ווי עס געוואָרן אָנגעזאָגט. נאָכן פאַרענדיקן דאָס דאַווענען איז דער ראַבאַי צו צום ארון קודש, געזאָגט אַ שטאַרקע געבעט־תּפילה און זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום עולם מיטביידע הענט אויפגעהויבן אין דער הויך. ער האָט געבענטשט די מתפּללים און זיין ברכה פאַרענדיקט מיטן אויסרוף: שלום!

**
*

איך האָב דיר, גאָלדע, אומיסטן איבערגעגעבן די גאַנצע סצענע ווי שמו־לעוויטש דערציילט עס. איך בין געווען אין טעמפּל „עמנו־אל" צוויי מאָל, און זאָג מיר וואָס דו ווילסט! כאָטש דער טעמפּל און די תּפילות האָבן נישט קיין ייִדישן טעם, — דאָך איז דאָרט אנגענעם צו זיצן די פּאָר שעה פון דאַווענען. דאָס שטילקייט און דאָס רויִקייט און דער יראת־הכּבֿוד און דרך־ארץ פאַר אַ מקום־קדוש — ווירקט אויף דיר. בלויז דאָס דאַווענען מיטן בלויזן קאָפּ און דאָס צוגיין צום ארון־קודש און אַרויסנעמען די תּורה — ווי דער פילאַדעלפיער גלח טוט עס — שאָקירט שטאַרק און פאַרשטערט דעם נחת־רוח וואָס מען האָט דאָרט.

וואָס עס וואַרפט זיך שטאַרק אין די אויגן וואָס מען זעט נישט אין טעמפּל ביים דאַווענען קיין יונגוואַרג! אַפילו די קליינע קינדער וואָס מען נעמט, געווינ־לעך, מיט זיך אין די אַנדערע שולן און טעמפּלען — זעט מען דאָ נישט. איך בין זיכער, אַז אין 20 יאָר אַרום, וועט דער טעמפּל נישט האָבן קיין מנין!...

איך האָב באַשלאָסן, גאָלדע, אַז ווען איך וועל קומען בשלום אַהיים און איך וועל זיך טרעפן מיט פריינט און באַקאַנטע וואָס קלייבן זיך אויף אַ שפּאַציר קיין ניו־יאָרק, וועל איך זיי רעקאָמענדירן אַז זיי זאָלן גיין אָנקוקן אָט דעם עמנו־אל־טעמפּל פון דער פינפטער עוועניו און 25סטער גאַס. עס איז דאָ וואָס צו זען;

דעם אמת־געזאָגט — מיך אינטערעסירט אַלעס צו זען! פאַר די עטלעכע וואָכן וואָס איך בין דאָ הי, האָב איך נאָך נישט געמאַכט קיין „סיעסטע" אויף קיין האַלבער שעה. בכלל, וואָלטן מיינע פריינט געמיינט אַז איך בין קראַנק, ווען איך בעם אינמיטן בייטאָג און לייג זיך אַוועק שלאָפן! ווער שלאָפט דאָ בייטאָג? מוניס

עלטערער זון, נומי, זאָגט מיר טאַקע, אַז ער וואָלט געוואָלט פאָרן קיין אַרגענטינע, בלויז דערפאַר, ווייל — לויט ווי ער האָט געהערט — לייגט מען זיך דאָרט בייטאָג שלאָפן. דאָס איינציקע פאַרגעניגן ווען מען שלאָפט לענגער אין אַמעריקע — איז זונטיק!

און, טאַקע דערפאַר, וואָס איך האַלט זיך אין איין אַרומיאָגן אין אַמעריקע און איצט אין ניו־יאָרק, האָב איך צייט צו זען אַלעס:

אָט בין איך געווען אין אַ פּלאַץ, ווו קיין שום אַרגענטינער ייִד איז דאָרט נאָך זיכער נישט געווען — אין דער „קאָנגרעגיישאָן" — אין דער קהילה „אוהל שלום" פון די תימנער ייִדן, וואָס געפינט זיך אויף דער 15טער גאַס נומער 4306, ברוקלין, אין אַ געגנט וואָס הייסט „באָראָ־פּאַרק".

איך בין דאָך געווען אין אַ תימנער שול אין תל־אביב, אין ירושלים, נאָר אַזאַ שיל — האָב איך נאָך נישט געזען. עס איז געווען אינמיטן דער וואָך. ווען איך האָב אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, האָב איך באַגעגנט אַ יונגערמאַן מיט שיינע געקרייזלטע פּיאות. ער האָט זיך שטאַרק אַנטשולדיקט וואָס עס איז נישטאָ קיינער פון די פירער פון זייער קהילה וואָס וואָלט מיר געקאָנט געבן מערער ידיעות ווי ער. אין דעם דאָזיקן הויז געפינט זיך די גאַנצע קהילה פון די תימנער ייִדן. זיי האָבן אַן אייגענעם חדר פאַר עלטערע תלמידים און יעדן שבת קומען זיך צונויף אַהער אַלע תימנער ייִדן פון ניו־יאָרק ווו מ'דאַווענט און מ'חלומט פון... עולה זיין קיין ישראל. אַ סך פון זיי — עטלעכע יוגנטלעכע — האָבן שוין טאַקע עולה געווען!

מיט וואָס פאַרנעמען זיך די תימנער ייִדן אין ניו־יאָרק, וויפל תימנער ייִדן זענען פאַראַן אין ניו־יאָרק ?

זיי באַשעפטיקן זיך מיט אויסאַרבעטן צירונג; זיי זענען באַרימטע ספּעציאַ־ליסטן פון אָט דעם פאַך. זיי האָבן אייגענע „טאַזשערן" (שעפּער) און אַרבעטן אַ סך שעהן אין טאָג. אַ גרויסע טייל פון זייערע פאַרדינסטן שיקן זיי, אַלס הילף, צו זייערע ברידער קיין ישראל. נישטאָ איין תימנער ייִד, וואָס זאָל נישט האָבן קיין פריינט אין ישראל און וואָס זאָל נישט שיקן קיין הילף. אויב ער האָט נישט קיין דירעקטע פריינט — שיקט ער הילף די תימנער אינסטיטוציעס. ער, דאָ, באַנוגנט זיך מיט ווייניק.

איך פרעג אַ קוריאָזע פראַגע און באַקום אַ קוריאָזן ענטפער: איך וויל וויסן צי תימנער ייִדן פון ניו־יאָרק גייען אין טעאַטער, אין קינאָ, אין פאַרוויילונגס־ערטער — דער ענטפער איז:

— כל־זמן אונדזערע ברידער אין ישראל און אין די מזרח־לענדער האָבן

אַזאַ שווער לעבן, — ליגט אונדז נישט אין זינען קיין פּאַרווילונגען. די איבע־ריקע געלטער וואָס בלייבן אונדז שיקן מיר בעסער אַהין! צו זיי!

וויפל תימנער יידן זענען דאָ פּאַראַן? זייער ווייניק. ווער ווייסט צו הונדערט משפחות. אָבער, אַלע זענען געאייניקט! אייגנטלעך איז די גאַנצע קהילה — איין משפחה און זייער פּרעזידענט אברהם נאַגאַר (אין העברעיִש נגר: אַ סטאָליער) איז זייער פאָטער און עלטסטער. דער סעקרעטאַר הייסט חיים מטמון און קאַסיר שלמה מטמון (אַלץ העברעיִשע נעמען) און דער חזן, בעל־קורא, בעל־תוקע, הייסט צפירה (שאַפּיראָ).

נו, אַז די תימנער יידן פירן זיך כשר שבכשר, דאַרף איך דיר נישט דער־ציילן. מיין מיטשמועסער האָט מיך מכבד געווען מיט אַ הייסער גלאָז טע און צובייסעכץ. מיט דער הייסער טע — אין אַט דעם קאַלטן טאָג, האָב איך זיך ממש מחיה געווען. די קיכעלעך זענען געווען האַרט ווי אַ שטיין. מיין „מכניס אורח" (וויזט אויס, אַז דאָס איז געווען זייער שמש) האָט אויך געטרינקען די טע און פאַרביסן מיט די קיכעלעך וועלכע ער האָט איינגעווייקט אין דער גלאָז טע. און אַזוי ווי ער האָט געמאַכט אַ ברכה (איך האָב נישט געהערט וואָס ער האָט געזאָגט, ווייל ער האָט געשאָקלט מיט די ליפּן) האָב איך אויך געשאָקלט מיט די ליפּן, כדי ער זאָל האָבן אַ נחת־רוח, אַז ער האָט צו טון מיט „זיינס גלייכן"...

די תימנער קהילה איז די איינציקע אין אַמעריקע וואָס האָט נישט קיין אייגענעם... רב. זיי האָבן נישט קיין געלט אַראָפּצוברענגען פון ישראל אַ רב און אויף צו נעמען אַן אַמעריקאַנער ראַבאַי, דאַרף מען האָבן אַ סך געלט. אָבער, אַזוי ווי יעדער איינער פון זיי, אָנהייבנדיק פון שמש ביזן פּרעזידענט זענען בני־תורה און קאָנען פּסקענען אַ שאלה אָדער אַ דין־תורה, באַנוגענען זיי זיך אָן אַ רבי! וואָס יאָ, — אַן אייגענעם בית־עולם האָבן זיי יאָ, און דווקא אין דער אַריסטאָקראַטישער געגנט פון ניו־יאָרק — אין לאָנג איילאַנד. ווי אַזוי זיי קומען צו אַ בית־עולם אין אַזאַ געגנט — איז אַ צווייט קאַפּיטל! אַ ירושה פון אַ רייכן תימנער יידן, בתנאי, אַז די קהילה זאָל נאָך אים זאָגן קדיש גאַנצע... הסנדערט יאָר נאָך זיין טויט. דער גביר איז שוין געשטאָרבן און קהל זאָגט נאָך אים קדיש אַרַ היט אָפּ זיין יאָרצייט. צי מען וועט זאָגן קדיש אַלע הונדערט יאָר? ווער ווייסט? די תימנער האָפן, אַז ביז 20 יאָר וועלן שוין אַלע זיין אין ארץ־ישראל, אויף דער הייליקער ערד און „זייערע געצעלטן וועלן זיין נעבן די טויערן פון ירושלים".

עס איז געוואָרן טונקל, מען האָט זיך אָנגעהויבן צונויפקומען צו מנחה־מעריב. איך האָב געמיינט, אַז עס וועט קיין מנין נישט זיין, דערפאַר בין איך געבליבן. אָבער, אין בלויז צען מינוט, זענען שוין געווען 2 מניינים מתפללים.

מען האָט געדאַוונט מנחה און שפּעטער מעריב. עס איז נישט אונדזער דאַוונען און נישט אונדזער נוסח. נאָך מעריב האָבן די עלטערע זיך אויסגעזעצט בײַ אַ טיש און גענומען זאָגן תהילים. די יונגע האָבן זיך געזעצט אין אַ צווייטן ווינקל און גענומען לערנען משניות. בײדע גרופּעס, וועלכע קומען זיכער פון אַ שווערן טאָג אַרבעט און ווער ווייסט צי זיי דאַרפן זיך נישט צוריקקערן צו זייער אַרבעט, זענען געוואָרן פאַרטיפט אין זייער לערנער און תפילות און... מען האָט אַפילו נישט באַמערקט ווען איך האָב זיך אַרויסגערוקט און בין שטילערהייט אַוועק פון אָט דעם מערקווירדיקן אָרט, וואָס ווען, זיכער, בלײַבן אײַנגעקריצט אין מײַן זכרון.

***

ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן, איז שוין געווען גוט פינצטער. איך האָב זיך געלאָזט גײן ביז אַ עוועניו (אַן אַוועניו) ווו מ׳קריגט אַן אויטאָבוס מיט אַ „באַקאַנטן" נומער, ס׳הייסט אַזעלכן, וואָס איך ווייס וווהין ער פאָרט. גראָד איז איצט אַזאַ שעה אין וועלכער די אויטאָבוסן גײען איבערגעפּולט. צו מײַן מזל איז אָנגעלאָפן אײנער און איך האָב זיך אין אים אַרײַנגעזעצט. פרעגן וווהין ער גײט? וועמען זאָל איך פרעגן? די אויטאָבוסן אין אַמעריקע פאָרן אָן קאָנדוקטאָרן. דאָ דאַרף מען נישט קיין מענטשן וואָס זאָל דיר פאַרקויפן אַ בי־לעט. דאָ, בײַם אַרויפשטײַגן, וואַרפסטו אַרײַן אין אַזאַ קעסטעלע די דרײַצן אָדער פופצן סענט — דאָס איז לויט דער „ליניע" — און עס גיט אַ קלינג: אַ סימן, אַז דו האָסט באַצאָלט. אין אַמעריקע שפּאָרט מען אַרבעטס־הענט. צו וואָס דאַרף מען אַ „גואַרדאַ" (קאָנדוקטאָר) מיט אַזויפיל הוצאות, מיט אַ סופּלענטע צו אים, מיט נאָך אַ טורנע פאַר די אַנדערע שעה־רייזע, מיט... אַגינאַלדאָ, מיט כובי־לאַציע און מיט „פאַרטע דע ענפערמאָ" (מעלדונג, אַז מען איז שלאָף און דער בעל־הבית דאַרף צאָלן פאַר די „שלאָפע" טעג); צו וואָס דאַרף מען דאָס אַלעס, ווען אַ מאַשינקעלע, וואָס נעמט אַרײַן דאָס געלט און גיט אַ קלונג און קאָנטראָ־לירט דעם אַרײַנגאַנג מיט אַ נומער, דאָס אַלעס — שפּאָרט אײַן פיר מענטשן אין 24 שעה...

דער „באָס" פאָרט אפשר אַ שעה צײַט. ווען ער קומט צו זײַן אָרט — שטײַג איך אָפּ און נעם אַ צווייטן. על פּי טעות, ווי דער שטײַגער פון אַ „גרינעם" איז, נעם איך אײנעם וואָס גײט קיין אויסרײַסעניש. איך פאָר אָפּ אַביסל, גײ אַראָפּ און נעם דעם סאַבוועי (סובטע) אָנשטאָט צו פאָרן „אהיים", צו מונין — קום אים גאָר אָן צום „גרענד סענטראַל־סטיישען" — דעם גרעסטן פון גאַנץ אַמעריקע. איך בין נישט פאַרביטערט וואָס איך בלאָנדזשע, פונקט פאַרקערט — איך בין

גאָר צופרידן! עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז דער שמש פון דער תימנער שול שטייט נעבן מיר און זאָגט מיר: נישט געזאָרגט! איר וועט אַזוי לאַנג בלאָנדזשען ביז איר וועט קומען צו אייער מקום־מנוחה אויף... קינגס־האַיוועי. אויך מיר, תימנער, בלאָנדזשען און וועלן אַזוי לאַנג בלאָנדזשען ביז מיר וועלן אָנקומען צו די טויערן פון דער עיר הקדושה — קיין ירושלים.

אַרום ניין ביינאַכט בין איך געקומען אַהיים. מוני און בעטי האָבן שוין יסורים געהאַט. זיי האָבן געמיינט, אַז איך האָב אַזוי פאַרבלאָנדזשעט, אַז זיי וועלן מוזן מעלדן אין דער פּאָליציי. איך האָב געדאַרפט קומען צו „סאַפּער" (ס'איז די מיטיקדיקע וועטשערע) און עס איז שוין אַזוי שפּעט. פאַר פּריידּ וואָס דער „גרינער" האָט זיך אָפּגעזוכט, האָט זיך בעטי שיעור צעוויינט. גיי דערצייל זיי ווי דער „גרינער" האָט היינט אָנגעשפּאַרט. איך בין זיכער, אַז נישט מוני דער אינטעליגענט, נישט הונדערטער און טויזנטער אַזעלכע אינטעליגענטן ווי מוני, זענען אַמאָל געווען ביי די תימנער, אָבער האָבן זיך בכלל אינטערעסירט מיט אַזאַ גרופּע ייִדן פון אַמעריקע.

און, טאַקע! ווי האָט מען צייט צו אַזעלכע זאַכן? אין אַמעריקע איז אַלעס ביזנעס! אָט, גייט איצט מוני אַוועק צו אַ זיצונג פון אַ קאָאָפּעראַטיוו וואָס די אייגנטימער פון קרעמער פון גרויסע „סטאָרס" האָבן געשאַפן. די קאָאָפּעראַטיוו הייסט אין ענגליש „קוואָ פּאָאַד" און איר הויפּט־זאָרג איז, קריגן גוטע אַרטיקלען פאַר די קונים און זיי זאָלן קאָסטן מיט צוויי סענט אָדער מיט איין סענט בי־ליקער! צוליב אָט דעם איינעם סענט — קאָן מען „קאָמפּעטירן" מיט אַ צווייטן קרעמער! פון אַ סענט ווערט אַ דאָלאַר, פון אַ דאָלאַר — אַ הונדערטער און פון אַ הונדערטער ווערט... אַ מיליאָן! די גרעסטע מיליאָנערן האָבן אָנגעהויבן מיט סענטן! מען דאַרף היטן דעם סענט, אויב מען וויל ווערן אַ מיליאָנער!

אַזוי איז אַמעריקע!..

מיין היינטיק בריוועלע, גאָלדע, וואָלט נישט געווען קאָמפּלעט, ווען איך פאַר־ענדיק דיר נישט, און דערצייל דיר נישט, מיט וועמען עס איז מיר היינט זיך אויסגעקומען צו טרעפן אין קאַנפיטעריע „גאַרדאַן". איך האָב געזען זיצן ביי זייערע טישלעך און חברלעך שמועסן, די גרעסטע און וויכטיקסטע ייִדישע פּען־מענטשן. וועגן אַ סך פון זיי, האָבן איך דיר שוין געשריבן און דיר „באַקאַנט" מיט זיי און מיט אייניקע, וועל איך דיך „איצט באַקענען".

און ווידער דאָס זעלבע: — אַזעלכע גרויסע פּערזענלעכקייטן, און אַזוי פיל פּשוטקייט און פאָלקסטימלעכקייט און טאַקע וואַרעמקייט פילט מען ווען מען געפינט זיך אין זייער קעגנוואַרט.

איינער פון די וויכטיקסטע יידישע שרייבער איז, בלי ספק, דער באַרימטער דיכטער — ה. לייוויק.

ער איז שוין נישט קיין יונגערמאַנטשיק, אָבער אין גייסט און אין שרייבן — איז ער יונג און שפּרודלדיק.

ה. לייוויק

אפרים אויערבאַך

איינער פון אונדזערע באַרימטסטע שרייבער

נו, דעם חשובן און זייער פּאָפּולערן שרייבער

— חיים גראַדע,

דאַרף איך דיר נישט פאָרשטעלן. דו לייענסט זיינע אַרטיקלען אין „די אידישע צייטונג" און דו קוויקסט זיך מיט זיי.

עס שטייט געשריבן: זאָלן דיינע אויגן קאָנען דיינע לערער. נו, בין איך מקיים אָט די מצווה און באַקען דיך מיט אַ טייל לערער, וועלכע באַלייכטן אונדזער דור מיט דעם ליכט פון זייערע מוחות און מיט זייערע קלאָרע, שיינע און אומבאַפלעקטע פּענען. כדאי זאָלסט זיי קענען. עס לוינט זיך פאָרן קיין ניו־יאָרק, זיין דאָ אין די גרעסטע פרעסט און טרעפן אַזעלכע באַרימטע פּען־מענטשן.

און איצט, פאָרן מיר ווייטער:

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דו ווייסט, גאָלדע, איך האָב דאָ באַמערקט אַן אינטערעסאַנטן קוריאָז:

אַמעריקאַנער יידן בכלל, און די יידישער שרייבער בפרט, קאָנען זייער ווייניק די שכנותדיקע ישובים פון אַמעריקע ,ווי למשל:

קאַנאַדע, קובאַ אָדער מעקסיקע.

איך האָב געפּרוווט פאַרפירן מיט זיי אַ שמועס וועגן יידישן ישוב פון קאַנאַדע. איך האָב געפּרוווט רעדן וועגן „קענעדער אָדלער", וועגן רעדאַקטאָר ישראל

ראַבינאָוויטש, וועגן די וויכטיקסטע שרייבער פון יענער צייטונג, די קאָלעגן מ. גינזבורג, י. מדרש א״אַנד. און — כאָטש זיי ווינען אַזוי נאָענט, דאָך פילט זיך אַזאַ גרויסע און ווייטע פרעמדקייט צווישן זיי.

חיענע יאַפע
זייער אַ פּעאיקע זשורנאַליסטקע, מיטאַרבעטערין פון „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל"

בצלאל שערמאַן
װעמענס יובל מען קלויבט זיך פראַווען

זאָל עס זיין פון צופיל קנאה אָדער, חלילה, פון מינדערשעצונג?... גיכער — דאָס ערשטע...

איך האָב היינט געזאָלט אַרויספאָרן קיין וואַשינגטאָן. מען אָרדנט דאָס איך פאַר מיר אַזוי, אַז איך זאָל קאָנען בייזיין אַ „פרעסע־קאָנפערענץ" פון פרעזידענט אייזנהאַוער מיט די פעריאָדיסטן. אַזוי ווי מען האָט מיר געכטן ביינאַכט טעלעפאָניש געמאָלדן פון דער ניו־יאָרקער אָפּטיילונג פון שטאַטס־דעפּאַרטאַמענט, אַז היינטיקע וואָך וועט נישט פאָרקומען קיין פרעסע־קאָנפערענץ, — דאַרף איך אָפּלייגן מיין רייזע קיין וואַשינגטאָן און —

איך שפּאַציר שוין ווידער איבער די ניו־יאָרקער גאַסן.

איגדרויסן איז אַ פראָסט אַז מען קאָן די נאָז נישט אַרויסשטעקן. עס האָט געכטן געשנייט די גאַנצע נאַכט. דורך דער ראַדיאָ, האָלט מען אין איין וואָרענען

די אויטאָמאָביל־טרייבער, אַז זיי זאָלן פאָרן פּאַוואָלינקע, ווייל עס איז גליטשיק. היינט וועלן זיכער זיין אַ פּאָר טויזנט „טשאָקן" (צוזאַמענשטויסן) צווישן אויטאָס. איין אויטאָ גליטשט זיך אַרויף אויפן צווייטן, מ'צעקלאַפּט זיך און מ'דאַנקט גאָט, אויב עס זענען נישט פאַראַן קיין קרבנות.

וואָלסט געמעגט זעען, גאָלדע, די „פּראָצעדור" ווען מ'צעבוצקעט זיך. עס איז נישט ווי ביי אונדז, ווו מ'גייט אַראָפּ פון די אויטאָס און מ'נעמט זיך קריגן



משה דלוזשנאָווסקי

פּאָפּולערער ראָמאַנען־שרייבער און דערציילער

יעקב גלאַטשטיין

באַרימטער שרייבער און ליטעראַטור־קריטיקער

און דערווייזן, אַז... „איך" בין דער גערעכטער און דער „אַנדערער" איז דער שולדיקער אין צוזאַמענשטויס. דאָ, גייט מען אַראָפּ פון אויטאָ מיט אַ שמייכעלע, מ'גיט זיך איינער דעם צווייטן די „וויזיט־קאַרטעס" און מ'גייט זיך אַוועק ווי פריינט — יעדער איינער צו זיין היים. פון דער „סעגוראָ" (אינשורענס) קומט תיכּף צו לויפן אַ „גיכע הילף־אַמבולאַנס", טשעפּעט צו דעם אויטאָ און שלעפּט אים אַוועק. דער אייגנטימער פון אויטאָ, פאָרט שוין מאָרגן מיט אַ צערעכטגעמאַכטן קאַר, אָדער מיט אַן אַנדערן וואָס די „סעגוראָ" גיט אים.

אַזוי איז אַמעריקע! אויך אויף דעם געביט זענען מיר צוריקגעשטאַנען אויף 50 יאָר...

אַלזאָ, איך נעם די „סאָבוויי" פון „ברעיטאָן־לאַין", „סטאָפּ אָפּ" אין קאַנאַל־סטריט (דאָס ווייז איך דיר, אַז איך רעד שוין „פלענטי" ענגליש) און נעם שפּאַצירן איבער דער יידישער ניו־יאָרק. איך וויל היינט אָפּשטאַטן אַ וויזיט אין „אַרבעטער־קאָמיטעט" און אין „אַרבעטער־רינג". איך בין געקומען צו דער אי־

בערצייגונג, אַז מיר, אין אַרגענטינע, ווייסן גאָר נישט וואָס פאַר אַ גרויסע און וואָס פאַר אַן איינפלוסרייכע אָרגאַניזאַציע אָט דער אַרבעטער־קאָמיטעט איז. ערשט דאָ, אין אַמעריקע, ווען עס איז מיר אויסגעקומען צו רעדן מיט מענטשן וואָס האָבן גאָר קיין שייכות נישט צו אָט דער אָרגאַניזאַציע, — רעדט מען וועגן און מיט יראת־הכבוד און דרך־ארץ. אַלס ציוניסט און אַלס אַלגעמיינער ציוני דער־

ד״ר אהרון ראָזמאַרין

רעדאַקטאָר פון וואָכנבלאַט דער „ייד״



י. מ ע צ ק ע ר

איינער פון די פּעאיקסטע ראָמאַנען־שרייבער און זשורנאַליסט

צו — שעם איך זיך מודה צו זיין, אַז דער איינפלוס אין דער נישט־יידישער וועלט — דער הויפּט אין די רעגירונגס־קרייזן — פון יידישן אַרבעטער־קאָמי־טעט, איז נישט קלענער — אויב נישט נאָך העכער — פון דער היגער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע.

כדי זאָלסט האָבן אַ באַגריף וואָס אַזוינס דער אַרבעטער־קאָמיטעט איז, איז כדאי איך זאָל דיר דערציילן, אַז ווען דער פּרעזידענט פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, ה׳ אַדאָלף העלד איז אַלט געוואָרן 70 יאָר, האָט ער באַקומען באַגרי־סונגען פון סענאַטאָרן, גובערנאַטאָרן, הויכע ריכטער און אַפילו פון פּרעזידענט אייזענהאַוער זעלבסט, וועלכער האָט אים געווונטשן אריכת־ימים. די באַגריסונ־גען האָט ער באַקומען, נישט בלויז דערפאַר, וואָס ער, אַדאָלף העלד, איז אַ וויכ־טיקע נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייטן, נאָר אויך דערפאַר, ווייל ער איז פּרעזידענט פון „יידישן אַרבעטער קאָמיטעט״, מיט וועלכן די אַמע־ריקאַנער אָפיציעלע עפנטלעכקייט רעכנט זיך.

אָט, לייען איך די באַגריסונג וואָס דער גובערנאַטאָר פון ניו־יאָרק, עיווערעל האַרימאַן, שיקט צו אַדאָלף העלדן ,צום טאָג פון זיין געבורטסטאָג:

„אייער לעבן האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זעלבסטלאָזער איבערגעגעבנקייט צו דער זאַך פון פרייהייט, צו די פרינציפּן פון גערעכטיקייט.

אַלס אַ צייטונגס־רעדאַקטאָר ,אַלס אַ געזעלשאַפטלעכער טוער און אַרבעטער־פירער, ווי אויך אין אייערע פאַרשיידענע טעטיקייטן לטובת דעם יידישן פאָלק און מדינת־ישראל, האָט איר פיל בייגעטראָגן צום ווילזיין פון מענטשן אין דער גאַנצער וועלט. אַ דאַנק אייערע באַמיִונגען און אָנשטרענגונגען זענען מעגלעך געוועזן פיל פון די דערגרייכונגען פון האַיאַס, פון אָרט, פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, פון דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטעט, וועלכע איר האָט געהאָלפן גרינדן, ווי אויך פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וועמעס אויפגאַבע עס איז צו העלפן אונטערדריקטע מענטשן אויפן וועג פון פרייהייט, ווירדע און גליק.

מיינע בעסטע ווונטשן פאַר אייך, איר זאָלט קאָנען ווייטער ענערגיש אָנגייך מיט אייער ווערטפולער אַרבעט״.

אָט אַזוי באַגריסט דער גרעסטער און וויכטיקסטער גובערנאַטאָר פון דעם וויכטיקסטן שטאַט פון אַמעריקע — אַ יידישן אַרבעטער־פירער, דעם פּרעזידענט פון „יידישן אַרבעטער קאָמיטעט״, וואָס הייסט אַדאָלף העלד.

ווי דו זעסט, ווייסט זייער גוט דער גובערנאַטאָר, אַז אַדאָלף העלד איז איינער פון די וויכטיקסטע מיטאַרבעטער און גרינדער פון די וויכטיקסטע יידישע אָרגאַניזאַציעס און איינער פון די הויפּט־גרינדער פון „דזשוינט״. און דאַרפסט נישט פאַרגעסן, גאָלדע, אַז דער דזשוינט״ איז נאָך אַלץ איינער פון די פּאָפּולערסטע יידישע אָרגאַניזאַציעס.

אינטערעסאַנט איז אויך די מיינונג פון אַ צווייטער אַמעריקאַנער פּערזענלעכקייט, דער קאַנדידאַט פון די דעמאָקראַטן אויף דער פּרעזידענץ און געוועזענער גובערנאַטאָר פון טשיקאַגאָ, מיסטער אַדלעי סטיווענסאָן.

באַגריסט ער אַדאָלף העלדן און צווישן אַנדערע לויב־ווערטער, זאָגט ער וועגן אים:

„אַלס רעדאַקטאָר, אַלס אַן אָלדערמאַן (קאָנסעכאַל אין דער מוניציפּאַליטעט), אַלס אַ פירער פון אַרבעטער־גרופּן, אַלס אַ ברענגער פון הילף און רעטונג אויף די רוינען פון צוויי וועלט־מלחמות, האָט אַדאָלף העלד שטענדיק געשטרעבט צו העלפן די, וואָס נייטיקן זיך אין הילף, צו פאַרטיידיקן די, וואָס נייטיקן זיך אין שוץ, איינצוהאַלטן אונדזער געמיינזאַמען גלויבן, אַז יעדער מענטש איז באַרעכטיקט צו דאַווענען ווי ער וויל, צו טראַכטן ווי ער פאַרשטייט, צו זאָגן וואָס ער טראַכט. מיט דעם האָט ער גוט געדינט דער מענטשהייט און אויך דער פרייהייט,

ווי דאָס האָט געטון דער ייִדישער אַרבעטער־קאָמיטעט, און פרייע מענטשן אומעטום זענען שולדיק אַ חוב צו אים".

אינטערעסאַנט איז אויך: אַדאָלף העלד איז אַ גאַנצער אָדער דריי־פערטלדיקער בונדיסט. דאָך האָט ער אַ טיפע אַכטונג און ליבע צו מדינת־ישראל. ער האָט באַזוכט די מדינה און איז געקומען פון דאָרט אַ באַגייסטערטער. ער האָט פאַר ישראל מערער געטון ווי אַנדערע פּאַטענטירטע ציוניסטן...

אַן אינטערעסאַנטע אַרבעטער־פּערזענלעכקייט אין אַמעריקע איז דער פּרעזידענט פון דער גרעסטער „יוניע" — די „אַלמאַגעמייטעד" — דער ה' דוד דובינסקי. איך האָב דיר שוין וועגן אים געשריבן.

איך גלויב נישט, צי 10 פּראָצענט פון ייִדישע ייִדן אין ניו־יאָרק, ווייסן נישט ווער עס איז „דייווו" דובינסקי. ער איז אַ קליינטשיקער אָבער, אויף אים איז געזאָגט געוואָרן דאָס רוסישע ווערטל: „מאַלענקי — אַלע וואַזשנענקי" (אַ קליינער אָבער אַ וויכטיקער). דוד דובינסקי איז דער פירער פון אַ „סינדיקאַט" פון אַ מיליאָן אַרבעטער. אָבער, פּאַקטיש איז ער דער פירער פון מיליאָנען אַרבעטער פון אַנדערע „יוניעס" אויך. ער האָט אַ פּוייען איינטריט אין „ווייסן הויז" אין וואַשינגטאָן, און עס איז געווען אַ צייט, ווען ער איז ברוגז געוואָרן מיטן פּרעזידענט רוזוועלט, און דער לעצטער האָט געזוכט אַ געלעגנהייט און טאַקע געפונען, זיך מיט אים איבערבעטן.

אויך ער, דובינסקי, איז אַ מיטפילנדער ייִדישער מענטש. נישט קוקנדיק דערויף וואָס ער איז אַזוי אַמעריקאַניזירט, האָט ער זיין פאַמיליען־נאָמען נישט געביטן! עס שטייט אים אָן „דובינסקי", כאָטש ער האָט געקאָנט אָפּשניידן דעם „סקי" און זיך רופן, ווי אַלע ווילע ייִדן רופן זיך: „דובין"...

דוד דובינסקי איז אויך געווען אין ישראל, איז אויך אַ בונדיסט, און איז אויך געקומען אַ באַגייסטערטער פון דאָרט. ער האָט אַ סך פאַרדינסטן פאַר דער עקאָנאָמישער הילף פאַר ישראל...

דו קאָנסט שוין די וויכטיקסטע ייִדישע אַרבעטער־פּערזענלעכקייטן: צווישן זיי — די פּאָפּולערע אַרבעטער־טוער פּאַטאָווסקי, (ווי געפעלט דיר דער „אַמעריקאַנער" פאַמיליע־נאָמען?) און יעקב פּאַט, נחום כאַנין, ב. טאַבאַטשינסקי און רפאל אַבראַמאָוויטש. דער לעצטער — איז גאָר אַן אינטערעסאַנטע פּערזענקייט. ער איז געווען אַ פירער פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און האָט זיך געגנוג אָנגעליטן פון צאַר. ביז גאָט האָט אים געהאָלפן און ער האָט אויסגעקעמפט די פרייהייט אין רוסלאַנד, אַראָפּוואַרפנדיק ניקאָלאַיטשיקן פון טראָן. וואָלט אַלעס געגאַנגען כשורה, וואָלט ער זיכער געווען איינער פון די מיניסטאָרן פון דער גרויסער רוסישער אימפּעריע. זענען געקומען די באָלשעוויקעס און ער

האָט געמוזט עוקר זיין פון דאָרטן און ער געפינט זיך שוין אַ סך יאָרן אין אַמעריקע. איך האָב אים געזען צוריק מיט 38 יאָר אין רוסלאַנד און איצט האָב איך אים געזען צום צווייטן מאָל געטראָפן ביי דער לוויה פון דעם באַרימטן אַרבעטער־רינג־פירער יוסף וויינבערג. מיר דאַכט זיך, אַז ער האָט זיך נישט געענדערט, נאָר זיין בערדל איז גראָ געוואָרן. זיין רעדנער־קראַפט איז נאָך אַלץ די זעלבע איבערציגנדע וואָס צוריק מיט 37 יאָר, ווען ער האָט גערעדט אויף די מיטינגען פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן ערב דער „גרינדונגס־פאַרזאַמלונג" וואָס די באָלשעוויקעס האָבן צעטריבן.

אַן אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט איז יעקב פּאַט. ער איז אַ פּעיקער שרייבער און זשורנאַליסט און אַן אויסגעצייכנטער אַרבעטער־פירער. ער האָט זיינע „אָפּיסעס" אין „אַטראַן־הויז" און ער מאַכט דעם איינדרוק ווי ער זאָל זיין אַ „לערער" איבער זיינע תלמידים וואָס רינגלען אים אַרום ביי זיין טעטיקייט אין אַרבעטער־קאָמיטעט. אַ קוריאָז, וועל איך דיר באַשרייבן.

איך בין איינמאָל געזעסן אין „קעלער" פון „אַטראַן־הויז" ווו עס פונקציאָנירט דער היימישער רעסטאָראַן. איך האָב דאָרט „געכאַפּט אַ לאַונטש". אַלע טישלעך זענען געווען באַזעצט, נישט געווען קיין איין לידיק ווינקעלע. און, אָט איז אַריינגעקומען יעקב פּאַט. ער איז אויך געקומען „האָבן לאַונטש". ער זוכט אַ פּלאַץ ווו זיך צו זעצן — און ער געפינט ניט. איך בין זיכער געווען, אַז עמעצער פון די עסערס וועט זיך אויפהייבן און אָפּטרעטן זיין פּלאַץ דעם לערער, דעם פירער, דער פּערזענלעכקייט יעקב פּאַט! אָבער, ניין! קיינער הייבט זיך פון פּלאַץ נישט אויף! איך בין נישט זיכער, צי ווען עס קומט אַריין דער „מעיאָר" אָדער דער גובערנאַטאָר פון ניו־יאָרק, צי עמעצער וואָלט זיך אויפגעהויבן אָפּטרעטן זיין פּלאַץ!

אַזוי איז אַמעריקע! דעמאָקראַטיע — איז דעמאָקראַטיע!

אַ שיינע ליכטיקע פּערזענלעכקייט אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן בכלל און אַרבעטער־לעבן בפרט, איז נחום כאַנין. ער איז דער אָנפירער פון „אַרבעטער־רינג" — די גרעסטע און וויכטיקסטע יידישע אָרגאַניזאַציע אויף דער וועלט, וואָס האָט אייגענע שולעס, קינדער־גערטנער, שפּיטעלער, סאַנאַטאָריומס, אָפּרו־הייזער און סתם אַנשטאַלטן וואָס קאָנען ברענגען נוצן דעם אַרבעטער.

דער „אַרבעטער־רינג" איז אויך די איינציקע יידישע אָרגאַניזאַציע וואָס האָט „אָפּטיילונגען" איבער גאַנץ אַמעריקע. נישטאָ קיין שטאָט אָדער גרעסערער יידישער קיבוץ, וואָס זאָל נישט האָבן קיין אַרבעטער־רינג־„ברענטש" (אָפּטיילונג), קיין אַרבעטער־רינג־שולע אָדער סאַנאַטאָריע. און, אַז דער אַרבעטער־רינג דאַרף געבן הילף אַ קראַנקן „מעמבער", וועלכער וווינט אין אַ פּלאַץ ווו ער האָט

נישט קיין סאַנאַטאָריע, שיקט זי אים — אויף אירע הוצאות — אין אַ נאָענטן הייל־אַנשטאַלט. און אַזוי האָט זי געטון מיט אונדזער ליבן און טייערן דניאל טשאַרני, ווען זי האָט פאַרמאַכט איר סאַנאַטאָריע אין ליבערטי, ווייל... עס זענען געזונט געוואָרן אַלע „טי־בי״־קראַנקע.

דער אַרבעטער־רינג האָט זייער אַ סך מיטגעהאָלפן דער יידישער אַרבעטער־שאַפט און בכלל אָרעמקייט אין אַמאָליקע פּוילן, ליטע און גאַליציע און האָט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה אויך איבערגעשיקט אַהין אַ סך הילף דער שארית־הפליטה.

פון אָט דער גראַנדיעזער יידישער אָרגאַניזאַציע, איז נחום כאַנין דער הויפּט־אָנפירער, דער גענעראַל־סעקרעטאַר. ער קאָן זייער גוט אונדזער אַרגענטינע. ווען ער איז געווען אויף אַ באַזוך אין אונדזער לאַנד, האָט ער דאָ איבער־געלאָזט פריינט און חברים. ער האָט מיך אַ סך מאָל געטראָפן אין דער „פאָר־ווערטס־בולדינג״, ווו דער „אַרבעטער־רינג״ געפינט זיך, און שטענדיק האָט ער גערעדט וועגן אַרגענטינע און וועגן זיינע אַרגענטינער פריינט.

אויך ב. טאַבאַטשינסקי, דער „מיניסטער פון דערציִונג״ פון אַרבעטער־קאָ־מיטעט, איז איינער פון די קאָלירפולסטע פערזענלעכקייטן פון יידישן אַמעריקע. ער קאָן אונדזער אַרגענטינע, דורך זיין באַזוך פון אונדזער לאַנד צוריק מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר. ער, ווי צענדליקער אַנדערע, וואָלטן מיט פאַרגעניגן, נאָך אַמאָל געמאַכט אַ שפּאַציר קיין אַרגענטינע. זיי וואַרטן אויף אַ געלעגנהייט. איך דערצייל זיי — אַז מיר וואַרטן אויך!...

אַזוי, שפּאַצירנדיק איבער דער קאַלטער ניו־יאָרק, „פאַל״ איך אַריין אין דעם הויפּט־אָפיס פון „יידישן וועלט־קאָנגרעס״ אויף גאַס 86, אין בעסטן צענ־טער פון ניו־יאָרק.

דאָס הויז אין וועלכן דער „וועלט־קאָנגרעס״ געפינט זיך הייסט „סטיפן וויז האוס״ — אויפן נאָמען פון גרויסן יידישן פירער, גרינדער פון יידישן „וועלט־קאָנגרעס״, רבי סטיפן וויז ע״ה.

אין דעם דאָזיקן הויז, פון עטלעכע שטאָק, האָבן זייערע אָפיסינעס אַ סך וויכטיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס. פאַראַן דאָרט אַ גרויסער זאַל מיט אַ בימה אינדערמיט, נישט פאַר טעאַטער־פאָרשטעלונגען נאָר פאַרן פּרעזידיום פון די „קאָנווענשאָנס״, וואָס קומען דאָרט פאָר. דער „וועלט־קאָנגרעס״ פאַרנעמט איי־נעם פון די הויפּט־שטאָקן.

כ'האָב ווידער געהאַט אַ טעלעפאָנישע איינלאַדונג פון דעם ד״ר י. שוואַרבאַרט, אָנפירער פון וועלט־קאָנגרעס, אַז איך זאָל באַזוכן די אָפיסעס פון אָט דער וועלט־אָרגאַניזאַציע. זיין סעקרעטאַרשע איז פּרוי ביקל, — די פרוי פון אונדזער באַ־

רימטן שרייבער און ליטעראַטור־קריטיקער ד״ר שלמה ביקל. אָט אַזוי איז אַמעריקע! דער מאַן אירער איז אַ באַרימטער שרייבער און פאַרנעמט אַ וויכטיקן פּאָסטן אין איינער פון די צוויי צייטונגען, — אין „טאָג־מאָרגנזשורנאַל״. ער שרייבט אויך אין אַנדערע וויכטיקע אויסגאַבעס און קיין פּרנסה פעלט אים זיכער נישט. דאָך, גייט די פרוי אַרבעטן. נישט וויכטיק צו די אַרבעט איז פיזיש שווער אָדער לייכט. דאָס פאָרן 2 מאָל אין טאָג מיט דער „סאָבוועי״ און מיטן „באָס״, דאָס „כאַפּן אַ לאַנטש״ און טאַקע דאָס אַרבעטן זעלבסט — מאַכט מיד דעם אַמע־ריקאַנער מענטשן — דערהויפּט דער פרוי. דאָך, גייט די פרוי אַרבעטן און ד״ר שלמה ביקלס פרוי איז זיכער נישט די איינציקע וואָס אַרבעט.

אין „וועלט־קאָנגרעס״ אַרבעט אויך אַלס איינער פון די הויפּט־באַאַמטע, אַ באַוווסטער ייִדישער שרייבער, אַ געוועזענער תּושב פון מעקסיקע, ה׳ מ. גלי־קאָווסקי (מ. גליקאָ). ער איז דער „ספּעץ״ אין לאַטיין־אַמעריקאַנער ענינים און ער איז דער פּאַסיקער פּערזאָן אויפן פּאַסיקן פּלאַץ.

ד״ר י. שוואַרבאַרט האָט מיך זייער פריינטלעך אויפגענומען. מיר האָבן איינגעטיילט אונדזער צייט אויף צוויי חלקים. דער ערשטער „חלק״ קומט אים. ער מאַכט מיט מיר אַן אינטערוויו. ער וויל וויסן אַ סך זאַכן פון אַרגענטינע. ער אינטערעסירט זיך מיט דער ייִדישערס לאַגע אין אונדזער לאַנד און איז צו־פרידן צו הערן אַ גוטן גרוס וועגן אַרגענטינער ייִדן. כאָטש דאָס האָט ער מיך נישט געפרעגט, דערצייל איך אים, אַז אין אַרגענטינע איז דאָ אַ גרויסער סענ־טימענט פאַרן ייִדישן וועלט־קאָנגרעס, וועלכער פאַרנעמט אַן אָנגעזען אָרט אין אונדזער ייִדישן לעבן. איך דערצייל אים אויך — כאָטש ער פרעגט מיך נישט — אַז דער „וועלט־קאָנגרעס״ האָט געטון זייער אַ קלוגע זאַך, וואָס ער האָט אַוועק־געשטעלט אין דער שפּיץ פון אַרגענטינער אָפּטייל — אַן אַרגענטינער תּושב, גאָר ספּעציעל — דעם באַוווסטן טריבון און זשורנאַליסט מאַרק טורקאָו. איך דערצייל אים אויך —כאָטש ער פרעגט מיך נישט— אַז כאָטש מאַרק טורקאָוו האָט ביי אונדז אַ סך קעגנער — נישט פאַרגינער, דאָך, איז ער דער איינצי־קער וואָס קאָן ווירדיק פאַרטרעטן דעם וועלט־קאָנגרעס אין אַרגענטינע. איך בין אים אפילו מודה, אַז איך גיי נישט אָפּט דעם זעלבן וועג וואָס מאַרק טור־קאָוו, און ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן בין איך אַרויסגעטראָטן קעגן זיין טע־טיקייט און האַנדלונג (אין „פּאַמענטאַ אַגראַריאַ״), אָבער, דעם אמת דאַרף מען מודה זיין: מאַרק טורקאָוו איז אַ כבוד פאַר אונדזער ישוב און אַ כבוד פאַרן וועלט־קאָנגרעס.

און איך האָב זיך אַזוי „פאַרכלינעט״ מיטן אויסלויבן טורקאָוון, אַז איך האָב

אַפילו געזאָגט דעם ד״ר שוואַרצבאַרט אַ זאַך, וואָס איז אים נישט געפעלן געוואָרן (אַז מען רעדט — רעדט מען זיך איבער...) איך זאָג אים:

אויב דער „וועלט־קאָנגרעס״ וועט אין די נעקסטע פּאָר יאָר צוקריגן מער־רער סימפּאַטיזירער און וועט שאַפן מערער געלט אין אַרגענטינע, וועט דאָס זיין, נישט אינעם זכות פון „וועלט־קאָנגרעס״, נאָר ווייל מאַרק טורקאָוו שטייט אין דער שפּיץ...

ד״ר שוואַרצבאַרט פרעגט מיך אויס וועגן ייִדן וואָס זענען אים באַקאַנט „שריפטלעך״, פון זייער טעטיקייט אין און פאַר דעם וועלט־קאָנגרעס. ספּעציעל דערמאָנט ער מיר די נעמען פון ה׳ קאַרלאָס טשערווין און גאָר ספּעציעל פון קאַסיר פון „וועלט־קאָנגרעס״, פון דעם איבערגעגעבענעם טוער ה׳ חיים בעטשער. ד״ר שוואַרצבורד האָט זייער גוטע גרוסן פון חיים בעטשער, פון זיין טעטיקייט פאַרן וועלט־קאָנגרעס. ער האַלט, אַז אין אַרגענטינע דאַרף דער וועלט־קאָנגרעס קריגן נאָך אַ צענדלינג אַזעלכע בעטשערס וועט מען ברענגען אַ סך נוצן דעם וועלט־ייִדנטום אין יענע ערטער ווו דער „וועלט־קאָנגרעס״ קומט אונטער מיט הילף.

עס קומט מיין ריי צו פרעגן. איך האָב איין הויפּט־פראַגע:

— וואָס טוט דער וועלט־קאָנגרעס ,

איך דערצייל דעם פריינט שוואַרצבאַרט דעם אמת, אַז כאָטש אַרגענטינער ייִדן, זענען, אין אַ גרויסער מאָס „וועלט־קאָנגרעסיסטיש״ געשטימט, דאָך ווייסן זייער ווייניק מענטשן ביי אונדז וואָס דער וועלט־קאָנגרעס טוט אויף?

— איי, פאַרוואָס־זשע גיט מען געלט?

נו, אַרגענטינער ייִדן זענען פון יענע ייִדן, וואָס אַז מען מאָנט זיי געלט אויף צו מאַכן אַ גאָלדענעם קאַלב — גיבן זיי; מאָנט מען געלט אויף צו מאַכן אַ „מישכון״, אַן ארון־קודש — גיבן זיי אויך (עס שטייט דאָך געשריבן: נתבעים לעגל ונותנים, נתבעים למשכן — ונותנים).

ד״ר שוואַרצבאַרט נעמט אַרויס אַ מאַפּע און ווייזט מיר ווו דער וועלט־קאָנגרעס איז טעטיק. אמת, אין אַמעריקע, דאַרף דער וועלט־קאָנגרעס נישט אינטערווענירן. אין אַנדערע לענדער — אַריינגערעכנט אַרגענטינע — האָט דער וועלט־קאָנגרעס יאָ אינטערווענירט. ער דערמאָנט מיר יענע טעג פון אָקטאָבער 1943, ווען מען האָט אין אַרגענטינע פאַרמאַכט די ייִדישע צייטונגען, האָט דע־וועלט־קאָנגרעס אינטערווענירט און עס האָט געהאָלפן. ער ווייזט מיר אָן אויף דער אינטערווענץ פון וועלט־קאָנגרעס אין באָליוויע, און... עס האָט אויך גע־האָלפן. מען זאָל נישט באַדאַרפן — דער וועלט־קאָנגרעס שטייט שטענדיק גרייט

צו אינטערוועגירן ווו מען דאַרף און, צום גליק, אומעטום הערט מען זיך צו צו זיין שטים און אינטערוועגץ...

***

איך שפּאַן שוין ווידער איבער די ניו־יאָרקער גאַסן. אָט בין איך שוין אין „סענטראַל־פּאַרק". מיר דאַכט זיך, אַז קיין שענער פּלאַץ איז אויף דער וועלט נישט פאַראַן. ס'איז אַ שטיק פון אונדזער פּאַלערמאָ, נאָר 100 מאָל שענער. דאָ, אין דעם „סענטראַל־פּאַרק" טרעפסטו שוין קאַפעען מיט טישלעך און מען קאָן זיך אָוועקזעצן טרינקען אַ „קאַפע־קאַווע", וואָס האָט מיין באַבעס טעם. כ'האָב שוין לאַנג נישט געזען קיין קאַפע ווי ביי אונדז אויף קאַריענטעס. איך בין שוין לאַנג נישט געזעסן ביי אַ טישל איינער אַליין; דאָס גאַנצע טישל פאַר מיר אַליין, אָן שותפים! קיינער וועט נישט צוקומען און זיך אַוועקזעצן נעבן מיר און מיר בלאָזן זיין רויך אין פּנים אַריין. אגב, דאָס איז איינע פון די חסרונות וואָס אַמע־ריקע האָט. דאָס איז איינע פון די זאַכן וואָס מיר געפעלט נישט! ס'הייסט! איך זעץ זיך אַוועק ביי אַ טישל אין אַ „קאַפעטעריע", קומט צו גיין אַ ווילד־פרעמ־דער מענטש, אַמאָל אַ שוואַרצער אָדער אַ שוואַרצע, און אַמאָל, אַ יונג מיידל וואָס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון אָפיס אויף די 30 מינוט צו „כאַפּן אַ לאָונטש", קומט מען צו־גיין און מ'זעצט זיך אַוועק נעבן מיר און מ'בעט אַפילו נישט קיין „פּערמיסאָ", מ'זאָגט אפילו נישט קיין „זייט־זשע מוחל!" באשר־בכן — ס'איז דעמאָקראַטיע!

ניין, אַזאַ דעמאָקראַטיע געפעלט מיר נישט!...

כ'נעם דעם אויטאָבוס און לאָז זיך פאָרן איבער דער שטאָט. מיר איז קיינ־מאָל נישט וויכטיק וווהין איך פאָר. וויכטיק איז צו האָבן אַ זיץ־פּלאַץ נעבן אַ פענצטער, כדי צו קאָנען באַטראַכטן די שטאָט און די גאַסן. איך פאָר אָפּ אַ ביסל און בייט אַ צווייטן אויטאָבוס, און אָט בין איך אויף „וואָל־סטריט".

„וואָל־סטריט"! ווער גיט נישט קיין ציטער ווען ער הערט דעם נאָמען וואָל־סטריט. אָט דאָ ווערן אַלע טאָג געבוירן גרויסע גבירים און אָט דאָ ווערן היינ־טיקע גבירים — מאָרגנדיקע קבצנים!

די גאַס, אַן און פאַר זיך, געפעלט מיר גאָר נישט! אַ שמאָלע גאַס מיט וואָל־קנקראַצערס. די זון קומט דאָ קיינמאָל נישט צו. דערפאַר איז איצט דאָ גוט צו גיין, ווייל די הויכע געביידעס פאַרשטעלן דעם ווינט און דער פראָסט איז דאָ קלענער.

אָבער, ווי אַזוי שפּאַצירט מען אַרום איבער וואָל־סטריט און מ'גייט נישט אַריין אין אַ אָפיס אַ קוק־טון ווי אַזוי דאָרט אַרבעט זיך, ווי אַזוי מען פּאַב־ריקירט אָדער מען באַגראָבט די מיליאָנען?

ביי איין טיר בלייב איך שטיין. דאָס קליינע שילדל, וואָס ווייזט אָן ווער עס האָט דאָ אָפּיסינעס, פאַרמאָגט דריי נעמען, וואָס שמעקן שפּאַניש: גאָנזאַלעס, ראָכאָס אי פּערעז. איך טראַכט נישט קיין מינוט און גיי גלייך צו צום „עלעווייטער" (אַסענסאָר) און הייס זיך אַרויפפירן אויפן 16טן שטאָק. דאָס הויז האָט 28 שטאָק און ביז צום 15טן שטאָק, איז דער דאָזיקער עלעוויטער אַן „עקספּרעס־צוג". אין די דריי סעקונדן וואָס האָט געדויערט פון ערשטן ביזן 15טן שטאָק, בין איך געבליבן אָן אַ נשמה און אָן אַ האַרץ. ניין! מער „פלי" איך נישט מיט אַזאַ „עקספּרעס־עלעווייטאָר". ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען ביים 16טן שטאָק, האָב איך, דאָס ערשטע, אַ טרונק געטון אַביסל קאַלטע וואַסער...

דער יונגער באַאַמטער וואָס האָט מיך אויפגענומען, האָט גערעדט אַביסל שפּאַניש, האָט געקוקט אויף מיין שפּאַנישן קאַרנעט (שטענדיק האָב איך די צוויי „קמיעות" מיט זיך) און נישט פאַרשטאַנען וואָס איך וויל. ס'איז אונטערגעקומען אַ פריילן, וועלכע האָט שוין גערעדט אַ בעסערן שפּאַניש און איך האָב איר געזאָגט וואָס מיין ווילן איז:

„אַ זשורנאַליסט פון אַרגענטינע, אַ מענטש וואָס גרייט זיך שרייבן אַ בוך וועגן אַמעריקע, איז איצט אין אַן אָפּיס פון דער באַרימטער וואָל־סטריט, וויל ער זען ווי אַזוי מען אַרבעט אין אָט די „אָפּיסעס". ביז אַהער האָט ער עס געזען אין די קינאָס אָדער אין דער פאַנטאַזיע"...

כ'האָב געמיינט אַז דאָס פריילן וועט זיך צעלאַכן און מיך לאָזן שטיין און זיך אַוועקגיין! איך אַליין האָב שוין אויך חרטה געהאַט אויף מיין נאַרישן חשק, אָנצוקוקן מיט די אייגענע אויגן דעם וואָל־סטריט־יאַריד. ס'איז אָבער געשען אַנדערש. די באַאַמטע האָט מיר צוגעוואָרפן גאָר אַ פיינעם שמייכל, באַשאָנקען אויך מיט אַ פּאָר וואַזשנע קאָמפּלימענטן און מיך איינגעלאַדן אינעווייניק, מיך אַריינגעפירט אין אַ אָפּיס ווו עס האָבן געקלאַפּט עטלעכע צענדליק שרייב־מאַשינקעס און אונטער זיי זענען געזעסן אַזוי פיל יונגע מיידלעך און פייל פון בויגן „געשפּילט" מיט די דינע פינגער איבער אָט די שרייב־מאַשינקעס. זי בעט מיך זיצן, לאָזט מיך איבער און פאַרשווינדט אין אַ צווייטן צימער.

אין אַ מינוט אַרום, קומט זי אַרויס מיט צוויי מענער, וועלכע קומען צו צו מיר, שטרעקן מיר אויס די האַנט און אין אַ פיינעם שפּאַניש שטעלן זיי זיך פאָר:

— עדואַרדאָ גאָנסאַלעס און זון.

דער פאָטער איז דער מיטשותף פון אָפּיס און דער זון איז געקומען צו־גאַסט פון אַרגענטינע ווו זיי האָבן זייער שטענדיקן וווין־אָרט.

איך פאַרשפּאָרט דיר צו באַשרייבן, גאָלדע, אַז איך האָב שוין געזען וואָל־

סטריט אָפיסעס. מען האָט מיך אַרומגעפירט אין אַלע ווינקעלעך פון זייער אָפי־סינע ווו עס אַרבעטן 61 באַאַמטע — 90 פּראָצענט מיידלעך און פרויען. פאַראַן דאָ פרויען־אַרבעטערינס, וואָס וואַרטן שוין אַלט צו ווערן 65 יאָר כדי זיך צו קאָנען „ריטאַיערן" (כובילירן). די דאָזיקע פירמע האָט אָפּטיילונגען אין גאַנץ זיד־אַמעריקע. זי האַנדלט מיט „סטאָק", מיט אַקציעס, און מען דאַרף זיין זייער פּאַרזיכטיק ביי אָט דעם מיסחר ווייל מען קאָן, אין איינע צען מינוט, בלייבן אָן אַ העמד אויף זיך.

מען האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ פּלאַץ, אַזוי ווי ביי אונדז די בירזשע אויף 25 דע מאַזשאָ. אויך דאָ שטייען מענטשן און מען שרייט און מען פּילדערט, מען מאַכט מיט די הענט, מען שמייכלט מיטן קאָפּ אויף יאָ און אויף ניין. עס לויפט צו אַ באַאַמטער און גיט מיין באַגלייטער אַ פּאַפּירל אונטערצושרייבן. ער שרייבט עס אונטער און זאָגט מיר:

— „קאָן זיין, אַז אַ דאַנק דעם וואָס איך בין מיט דיר געקומען אַהער, האָב איך פאַרדינט דרייסיק מאָל אַזויפיל וויפיל עס קאָסט דיין רייזע און אויפהאַלטונג פון אַרגענטינע ביז אַהער און צוריק!".

— און עס קאָן זיין פאַרקערט?

— אוודאי! עס קאָן זיין, אַז איך האָב היינט פאַרלאָרן אַ צען טויזנט דאָלאַר! מירן באַלד וויסן!...

ער פירט מיך צו אין אַ ווינקל, הייסט מיר דאָ אויסוואַרטן, גיט עפּעס אַ שעפּ־טשע אַ באַדינער וואָס שטייט אין דער זייט, יענער פאַרשווינדט און קומט צוריק מיט אַ „קאָקאַ־קאָלאַ" און „סענדוויטש" אין האַנט — דאָס איז פאַר מיר. איך דאַרף עס אויסליידיקן ביז מיין באַגלייטער קומט צוריק.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער געקומען צוריק מיט אַ צעשטראַלט פּנים. קיין גאָר גרויסע גליקן האָט ער טאַקע נישט געמאַכט, ער האָט שוין פאַרקויפט זיין „סטאָק" און פאַרדינט דריי „פונקטן", דאָס איז אַזוי פיל וויפל 10 מאָל אַזוי פיל וויפל מיין רייזע קאָסט קיין אַמעריקע — און ביים אַרויסגיין האָט ער מיר אַלס אָנדענק — געקויפט אַ „פּאַרקער"־פּען!...

**
*

ווען איך זאָל לעבן הונדערט, טויזנט יאָר, קען איך דעם פאַרגעסן דעם היינטיקן טאָג! די וואָל־סטריט־גאַס, מיט אירע גרויסע מעגלעכקייטן, מיט אירע גרויסע מענטשן און גרויסע סוחרים, — דאָס אַלעס איז אַ פּראָדוקט פון אַמע־ריקע! נאָר אין אַמעריקע קאָן מען אַזוי מיסחרן! נאָר אין אַמעריקע קאָן מען, אין איין הרף־עין ווערן א גרויסער גביר אָדער גאָר־גאָר אַ גרויסער קבצן.

איך קוק אויף די גרויע, קאַלטע געביידעס, איך באַטראַכט די גאַס וווהין עס קומט צו ווייניק שניי און נאָך ווייניקער זון, און דאָך באַלייכט זי אַ גאַנצע וועלט. פון אָט דעם געסל, איז דאָס געוועגדט אַז אַ גרויסע אונטערנעמונג זאָל ווערן דערפאָלגרייך, אַז אַ גרויסע פאַבריק, אַז אַ גאַנץ לאַנד אַפילו, זאָל אויפ־קומען אָדער גיין געבראָכן.

אָט דאָס איז וואָל־סטריט! דאָס איז אַ שטיק פון דער מעכטיקער אַמעריקע!

יאָ, אַמעריקע, דו ביסט גרויס, מעכטיק גרויס!

XXXIX

טייערע גאָלדע,

היינט וועל איך „דיך מיטנעמען״ אויף אַ שפּאַציר ווו איך בין נעכטן געווען. ס׳איז אַ פּלאַץ, וווהין יעדער איינער וואָס קומט קיין ניו־יאָרק לויפט דאָס ערשטע אַהין. איך בין געווען דער איינציקער וואָס האָט זיך נישט געאײַלט דאָרט צו זיין, סיידן, מען וועט מיך פירן און אַרומפירן דאָרט.

איך בין געווען אין דער „און״.

געפאָרן אַהין בין איך נישט אַליין. ס׳הייסט, דעם אמת דיר אויסזאָגן, בין איך איינמאָל געפאָרן אַליין און זיך געמוזט אומקערן, ווייל... נו, ווייל, אַז מען וויל באַזוכן די „און״ מוז מען פאָרן מיט איינעם וואָס איז דאָרט באַקאַנט און קאָן דיר ווייזן די „און״ פון ווינקל צו ווינקל.

***

עס עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז ניו־יאָרק האָט אַ גרויסן זכות וואָס אָט די געביידע, ווו עס קומען זיך צונויף פאָרשטייער פון דער גאָרער וועלט, געפינט זיך אין שכנות מיט איר. איך זאָג אין „שכנות״ און נישט אויף איר טעריטאָריע, ווייל די „און״ געפינט זיך אויף אייגענער טעריטאָריע. אַהין קאָן נישט אַריינקומען קיין אַמעריקאַנער פּאָליסמאַן און דיך אַרעסטירן. אַמעריקע האָט קיין דעה נישט דאָרט.

איך פאָר באַגלייט צו דער „און״, פון דעם באַרימטן שרייבער, פּרעזידענט פון י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין אין אַמעריקע און פאָרשטייער פון דעם „פאָר־ווערטס״ אין דער „און״ — קאָלעגע לעאָן קרישטאַל. אונדזער טעקסי טראָגט זיך ווי אַ וויכער איבער די ניו־יאָרקער גאַסן און פאָרט אַריין מיט אימפּעט אין דעם אָפענעם טויער פון דער „און״. ביים טויער שטעלט דיך קיינער נישט אָפּ. דאָ ביסטו אויף אַ פרייער טעריטאָריע, וואָס באַשטייט פון אַ ריזיקער גלעזערנער געביידע פון אַ סך שטאָק. גאָט מיינער, גיסטו אַ טראַכט, ווען דו פאַררייסט דעם קאָפּ צום הימל, ווי אַזוי האַלט זיך אָט די געביידע וועלכע איז כולו גלאָז? טאַקע בלויז מיט ניסים! פונקט ווי די גאַנצע „און״ האַלט זיך אויף ניסים...

ווען איך גיי שוין מיט אַ היימישן מענטשן דאָ, דאַרף איך שוין גאָרנישט פרעגן. ער פירט מיך אַרויף אין זיין אָפיס, ווו ער לייגט אַוועק זיין „טעקע״. איך באַמערק, אַז נישט בלויז קאָן ער דאָ יעדעס ווינקעלע, נאָר יעדער איינער גריסט אים, אַפילו די „פאָרטעראָס״ מיט די גענעראַלסקע „אוניפאָרמעס״ עפענען אים, מיט אַ שמייכעלע, די טיר און גריסן אים פריינדלעך. איך זע ערשט איצט,

אַז לעאָן קרישטאַל איז באַליבט, נישט בלויז ביי זיינע קאָלעגן פון זיין ציייטונג וווּ ער אַרבעט, ווי בכלל צווישן קאָלעגן שרייבער, — נאָר ער איז אויך אַ פריינד־לעכער און אָנגעלייגטער מענטש ביי די „און"־באַאַמטע.

מיר לאָזן זיך גיין איבער די „און"־אָפיסינעס. אָבער, איידער מיר הייבן אָן אונדזער שפּאַציר, פירט מיך פריינט קרישטאַל אַריין אין אַן „אָפיס", — די רעדאַקציע־אָפּטיילונג פון דער אַסאָסיישעד־פּרעס ביי דער „און". ער באַקאַנט מיך



די מאַיעסטעטישע געביידע פון דער „און" געבויט כמעט בלויז פון גלאָז, זעט מען אַרויס טויזנטער מעטער די ווייט. אינעווייניק איז אַזוי ליכטיק, אַז מען נוצט נישט, בייטאָג, קיין עלעקטרישע באַלייכטונג אין קיין שום אָפיס.

מיטן פירער פון דער אָפּטיילונג, וועלכער איז אַ היסטאָרישע פּערזענלעכקייט. ער איז, נעמלעך, דער באַרימט־געוואָרענער אַמעריקאַנער זשורנאַליסט האַטיש, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן אין פּראַג, טשעכאָסלאָוואַקיע, אויף דער קלאַגע פון שפּיאָנאַזש און איז אָפּגעלעגן גאַנצע פינף יאָר אין דער דאָרטיקער תפיסה. מיר באַגריסן זיך האַרציק. איך כאַפּ אַראָפּ אַ בילד פון אים ביי דער אַרבעט און איך ווינטש אים, אַז ער זאָל מער נישט האָבן קיין געשעפטן מיט מיינע „סלאָוואַקישע" לאַנדסלייט. אַ שאָד, וואָס איך קאָן זיך מיט אים לענגער נישט צונויפרעדן.

אַרויסגייענדיק פון זיין אָפיס, טרעף איך אַ צווייטן סיורפריז. עס קומט אונדז אַקעגן דער באַרימטער זשורנאַליסט ש. ל. שניידערמאַן, וועלכער איז גוט־באַקאַנט אין אַרגענטינע דורך זיינע פּאָליטישע אַרטיקלען וואָס ער דרוקט אין „די פּרעסע". פּריינט שניידערמאַן וועַרט באַלד היימיש מיט מיר. ער פרעגט מיך אויף עטלעכע שרייבער אין אַרגענטינע, ספּעציעל — אויף ד"ר זשיטניצקי, אויף יעקב באָטאָשאַנסקי, אויף נתן פּרוכטער און י. יאַנאַסאָוויטש, אויף פאַליק

די געביידע פון דער „און" אין שכנות מיט אַנדערע ניו־יאָרקער וואָלקנקראַצערס

לערנער און אויף עוזר בומאַזשני, מאָטיע קריטשמאַר און עזרא כ"ץ. ער קאָן זיי — פון זשורנאַליסטישער און פּריוואַטער קאָרעספּאָנדענץ. ער האָפט נאָך זיך פערזענלעך צו באַקענען מיטן יידישן אַרגענטינע.

ביז מיר קומען צו צו די זאַלן פון דער „און" — טרעפן מיר נאָך אַ באַגעגעניש, אַן ארץ־ישראל־ייִד, אַ כנסת־דעפּוטאַט, אַ תימנער ייִד, איז געקומען אין דער געביידע פון דער „און" צוליב אַ שליחות. איך ווייס פּשוט נישט צי איך זאָל אים ווינטשן דערפאָלג. איך האָב דעם איינדרוק ,אַז ער קומט נישט אין קיין שליחות פון דער ישראל־רעגירונג, — נאָר פון עפּעס אַ גרופּקעלע, און אַז אַ גרופּקעלע שיקט — קאָן דערפון קיין גוטס נישט אַרויס...

און מיר הייבן אָן שפּאַצירן איבער די גרויסע זאַלן פון די פאַרשידענע סוב־קאָמיסיעס. אָט איז דער וויכטיקסטער זאַל, — אָט דאָ ווערט אָפט באַשטימט

דער גורל פון ישראל! דאָס איז דער זאַל וווּ עס זיצן — אויב איך האָב קיין טעות נישט — 12 מיטגלידער פון ראַט און זיי גיבן דעם טאָן פון די „און"־פאַרהאַנד־לונגען. עס איז דער זאַל פון דער „זיכערקייט־קאָמיסיע", וווּ עס גילט דער „וועטאָ", מיט וועלכן דאָס קאָמוניסטישע רוסלאַנד האָט זיך שוין באַנוצט אַ הונדערט מאָל.

אין אַ שעה אַרום וועט דאָ זיין אַ זיצונג. גרייט מען צו דעם זאַל. דערווייל שטייט דער טיש און די בענקלעך ליידיק. עס פאַלט מיר איין אַ געדאַנק, איך



דער אַלגעמיינער זיצונגס־זאַל פון דער „און"

דערנענטער זיך צום פּרעזידענטס שטול און זעץ זיך אויף אים אַוועק: איך זאָל זיך קאָנען באַרימען, אַז איך האָב שוין אויף מיין לעבן „פּרעזידירט" דעם טיש פון „זיכערקייטס־ראַט". דעם פריינט קרישטאל געפעלט עס און ווען מיר גייען אַראָפּ אין גרויסן אַלגעמיינעם זאַל פון די זיצונגען, פירט ער מיך אַרויף אויף דער בימה, אָט דאָרט וווּ עס זיצט דער פּרעזידענט פון דער „און"־פאַרזאַמלונג, און „באַזעצט" מיך אויף יענעם שטול אויך! איך האָב מיט זיך מיין פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, אָבער עס איז נישטאָ ווער עס זאָל מיך „אַראָפּנעמען".

דער זאַל פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דער „און" איז עפּעס, וואָס איז נישט צו באַשרייבן. ער איז דעקאָרירט טאַקע ווי אַ וועלט־בנין — מיט אַ

וועלט־פּאַרנעם. דאָס פּלאַץ פאַר די דעלעגאַטן איז אַזוי צוגעפּאַסט, אַז יעדער איינער קאָן הערן וואָס דער צווייטער רעדט.

אויך די בענקלעך פאַר די פּרעסע־פאָרשטייער און סתם איינגעלאַדענע געסט זענען ספּעציעל צוגעפּאַסט.

דו זיצסט אויף אַ בענקל, איז דאָ נעבן דיר אַ „קאָפּ־טעלעפאָן" וועלכן דו טוסט אָן אויף דעם קאָפּ און זיי גרייכן דיר די אויערן. אויף דעם אָנשפּאַר פון



זיצונגס־זאַל פון „זיכערקייט־קאָמיטעט" ביי דער „און"

שטול זענען פאַראַן פיר קנעפּלעך מיט צעטעלעך אויסגערעכנט, אויף וועלכער שפּראַך דו ווילסט הערן.

אָט רעדט דער רוסישער דעלעגאַט. גיב איך אַ קוועטש דאָס קנעפּעלע ווו עס זאָגט זיך „פּאָ רוסקי" — און דו הערסט זיין רעדע — כאָטש ער רעדט אויף ענגליש אָדער פראַנצויזיש אָדער שפּאַניש. דאָס זעלבע איז מיט ענגליש: עס רעדט דער ענגלישער דעלעגאַט און אַזוי ווי איך פאַרשטיי, ב"ה קיין איין וואָרט נישט וואָס ער רעדט, גיב איך אַ דריי דאָס קנעפּעלע, ווו עס זאָגט זיך „עספּאַניאָל" — הער איך זיין רעדע תיכף איבערגעזעצט אויף שפּאַניש. אויב איך קאָן פראַנצויזיש און וויל הערן די רעדע אין אָט דער שפּראַך — מעג ער רעדן ענגליש אָדער רוסיש — וועל איך הערן פראַנצויזיש.

דאָרט, אויבן, פאַר אונדזערע אויגן, זיצן די איבערזעצער און כהרף־עין, טאַקע מיט אַ פינטל פון אויג, זעצן זיי איבער די רעדע פון רעדנער אויף אַלע אָנערקענטע שפּראַכן פון דער „און״, וועלכע זענען: ענגליש, שפּאַניש, פראַנצויזיש און רוסיש.

ווען איך טו אויס דעם טעלעפאָן פון קאָפּ און שטיי אויף פון בענקל, ווייס



זיצונגס־זאַל פון דער עקאָנאָמישער קאָמיסיע ביי דער „און״

איך, באמת, נישט וואָס פאַר אַ ברכה צו מאַכן. פריִער דאַרף מען מאַכן אַ „שהחיינו״ און דערנאָך? — סיידן באַשאַפן אַ ברכה וועלכע זאָל זיך זאָגן:

— איך דאַנק דיר, גאָט פאַר די וווּנדער וואָס דו האָסט באַשאַפן. הלוואַי זאָל עס זיין בלויז פאַר מענטשלעכן נוצן און... גוט פאַר ייִדן. אין דער „און״ טרעפט מען אָפּט... ביידע זאַכן נישט!...

מיר שפּאַצירן איבער די זאַלן פון דער „און״. מיר טרעפן אָן גאַנצע גרופּעס טוריסטן און שילער פון די העכערע גראַדן פון די הויך־שולן, וועלכע קומען אַהער מיט אַ מיסיע צו שטודירן די „און״־טעטיקייט. מיר גייען אַראָפּ אונטן, אין רעסטאָראַן, און איך האָב אַ נייעם סיורפּריז, — איך טרעף זיך מיט ד״ר משה טוב, וועלכער איז דאָ זייער אַ היימישער מענטש. אויך פריינט קרישטאַל קאָן אים און האָט וועגן אים זייער אַ געהויבענע מיינונג. ד״ר משה טוב פאַר־

לאָזט איצט די „און", כדי איבערצונעמען אַ פּאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן אין ירושלים.

מיר זעצן זיך אַוועק „כאַפּן אַ קיי", אַ „לאונטש". איך מאַך אַ ווינק דעם קעלנער, וועלכער פרעגט מיך וואָס איך וויל? איך זאָג אים, אַז איך וואָלט געגעסן אַ שטיקל „אַסאַדאָ" לויטן אַרגענטינער שטייגער. ער גייט אַוועק אין קיך און קומט צוריק מיטן ענטפער: אויב איך וויל וואַרטן, לפּחות אַ האַלבע שעה, — וועל איך עסן „אַסאַדאָ"! עפּעס בין איך דאָך אויף אַרגענטינער טעריטאָריע אויך!... נו, איך בין אים מוחל דאָס וואַרטן, כאַפּ איבער אַ סענדוויטש און מיר גייען אַוועק אָנקוקן דעם „באַזאַר", — דאָס „געשעפט", די „קלייט" פון דער „און", וואָס געפינט זיך אין אָט דער גלעזערנער געביידע. אין דעם דאָזיקן געשעפט קריגט מען סחורות פון אַלע פעלקער וואָס זענען דאָ פאַרטראָטן.

אָט ליגן די סחורות פון דער נאַציאָנאַליסטישער כינע און אָט זענען פאַראַן סחורות פון אינדיע און פּאַראַגוויי, און אָט ליגן אינאיינעם — טאַקע ממש איינס מיטן אַנדערן, — די סחורות פון ישראל און עגיפּטן. דאָ, אין אָט דעם גלעזערנעם שאַפּקעלע, ליגן זיי צוגעטוליעט איינס צום אַנדערן און סימבאָליש איז: די ייִדישע מוסטערן ציִען די אויפמערקזאַמקייט! זענען שיין, עסטעטיש און צוציִענד. די מיצרישע סחורות ליגן אָנגעוואָרפן אָן אַ טאָלק און קיינער רירט זיי נישט!...

ווען מיר האָבן פאַרלאָזט די „און" איז שוין געווען גוט שפּעט. און, מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב געדאַרפט אָפּווישן אַ טרער פון מיינע אויגן... דער גרויסער פּראָסט אינדרויסן וואָלט זי געווען פאַרגליווערט.

און, ווי דו ווייסט, האָט דאָך יעדער זאַך איר קוריאָזיטעט, — איז מיט דער „און" אויך פאַראַן אַ שטיקל קוריאָז.

דאָ, אין דער געביידע פון דער „און" איז פאַראַן זייער אַ פיין־איינגעשטעלטע סאַנאַטאָריע אָדער קליניק, ווי זיי רופן עס דאָ. די דאָזיקע קליניק איז פאַר שנעלער הילף. אין אָט דער קליניק זענען שוין געווען פאַלן ווי מענטשן, בייוועזנדע ביי אַ זיצונג פון דער „און", האָבן באַקומען אַן אַטאַקע און מען האָט זיי דאָ אינטערנירט. אַ פּאָר — זענען דאָ אויך געשטאָרבן, צווישן זיי — אַן אַראַבישער דעלעגאַט, וועמען אונדזער ד"ר משה טוב האָט געגעבן די ערשטע הילף — און עס האָט נישט געהאָלפן...

אַלזאָ. האָט איצט אָט די קליניק אַביסל קאָפּווייטיק. ס'ווענדן זיך צו איר פרויען וואָס דאַרפן געלעגן ווערן און בעטן אַז מען זאָל זיי דאָרט אינטערנירן, ווייל זיי ווילן, אַז זייער קינד וואָס וועט געבוירן ווערן זאָל זיין אַ... „וועלט־בירגער".

וואָס וועט דעם „וועלט־בירגער" אַרויסקומען פון זיין וועלט־בירגערשאַפט?

גאַרנישט. סיידן, ער וועט נישט דאַרפן קיין „וויזע" ווען ער וועט וועלן פאָרן פון איין אָרט צום צווייטן (פאַרשטייט זיך, אין יענע לענדער, וואָס זענען אַנגעשלאָסן אין דער „און").

ווען עס זאָל אַפילו טרעפן, אַז אַ פּרוי, אַ דעלעגאַטקע אָדער סעקרעטאַרשע אָדער צייטונגס־רעפּאָרטערשע, זאָל זיך פאַרגלוסטן, אינמיטן דערינען, ביים האַלטן אַ „ספּיטש" אָדער ביים שרייבן אויף דער שרייב־מאַשינקע, גייען־צו־קינד — וועט גאָר דאָס קינד זיין אַן... אַמעריקאַנער בירגער. אַזאַ אָפּמאַך איז דאָ צווישן דער אַמעריקאַנער רעגירונג מיט דער „און". און נישט נאָר דער אָפּמאַך וועגן „געלעגן ווערן": פאַראַן נאָך פּאַראַגראַפן וואָס שטעלן פעסט די רעכט פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג אויף דער טעריטאָריע וואָס די „און" פאַרנעמט ביים איסט־ריווער און 34סטע גאַס, איסט. די אַמעריקאַנער פּאָליציי קאָן טאַקע אין דער געביידע פון דער „און" נישט אַריין, כדי צו כאַפּן אַ פאַרברעכער, אָבער, די „און"־באַאַמטע זענען מחויב אַליין צו כאַפּן דעם פאַרברעכער און אים איי־בערגעבן אין די הענט פון דער פּאָליציי. און אַזוי ווי אין אַמעריקע זענען אַלע פאַרברעכער בלויז קרימינעלע — קיין פּאָליטישע פאַרברעכער און אַרעסטירטע זענען דאָ נישט פאַראַן און מ'ווייסט גאָרנישט וואָס עס הייסט אַרעסטירן אַ מענטשן פאַר זיין פּאָליטישער טעטיקייט — זענען אַלע פאַרברעכער כשר אַרעס־טירט צו ווערן אין דער „און"־געביידע און איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג.

דערוויילע, אָבער, האָבן זיך לעצטנס פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז אַמעריקאַנער פרויען ווילן... געלעגן־ווערן אין דער „און". אַ סברא, אַז אַ פּאָר פרויען האָט מען געפונען זיך אויסבאַהאַלטנדיק אין סעקרעטאַריעס און אַנדערע צימערן, כדי, ווען עס וועלן זיי „כאַפּן די ווייען", זאָל מען זיי מוזן אינטערנירן אין דער „און"־קליניק. נאַרישע פרויען! עס זענען דאָ אויף דער וועלט מיליאָנען פרויען וואָס וואָלטן איבערגעשפּאַנט דעם ים צופוס אַבי זייערע קינדער זאָלן געבוירן ווערן אין אַמעריקע אַלס אַמעריקאַנער בירגער, — קומען צו גיין אַמעריקאַנער פרויען און ווילן גאָר, אַז זייערע קינדער זאָלן געבוירן ווערן אַלס „וועלט־בירגער".

ווען דו שפּאַצירסט אַרום איבער די האַלן פון דער „און" הערסטו רעדן אויף אַ סך שפּראַכן. צומערסטן האָב איך געהערט רעדן שפּאַניש.. די לאַטיין־אַמעריקאַנער דעלעגאַטן שפּילן דאָ אַ גרויסע ראָל. אָט, האָב איך זיך באַקענט מיטן באַרימטן יידישן פאַרשטייער פון טשילע, ה' בנימין קאַהאַן. ער איז זייער פּאָפּולער אין די קרייזן פון דער „און", פּונקט ווי אונדזער משה טוב איז דאָרט פּאָפּולער און באַליבט. עס זאָגט מיר פריינט קרישטאַל:

— אויב מען קען האָבן עפּעס טענות צום אַרגענטינער יידנטום, איז דער

עצם־פאַקט פון אַרויסגעבן דער וועלט, ספּעציעל פאַר ישראל, אַזאַ פּערזענלעכ־קייט ווי ד״ר משה טוב — שוין אַ פאַרגעבונג פאַר אייערע „זינד״.

עס קומט צו אונדז צו אַ דעלעגאַט פון אַ לאַטיין־אַמעריקאַנער לאַנד. ער רעדט מיטן פריינט קרישטאַל ענגליש און יענער באַקענט מיך און זאָגט אים, אַז ער קאָן מיט מיר רעדן אויף זיין שפּראַך.

דער דעלעגאַט דערפריים זיך מיט מיר און וויל אַז איך זאָל אים אָפּגעבן אַן אמתן גרוס פון אַרגענטינע. באַלד כאַפּט ער זיך צוריק און רופט זיך אָן:

— דו פאָרסט דאָך זיכער צוריק אַהיים, טאָ פאַר געזונטערהייט!... ער גע־זעגנט זיך מיט מיר און פאַרשווינדט...

**
*

איך האָב באַשטימט דעם רעשט פון היינטיקן „ניו־יאָרקער״ טאָג אָפּגעבן... די וויכטיקסטע ניו־יאָרקער פּלעצער. איך כאַפּ זיך אַריין אין גאַרדאַנס „קאַפע־טעריע״ און באַשטים צו „כאַפּן״ אַ ביים, אַ „לאַנטש״. וואָס טויג דיר זאַכן, — איך בין שוין אַ פאָלנער אַמעריקאַנער! איך „כאַפּ״ שוין אויך! אַפילו ביינאַכט, „כאַפּ״ איך אַ שלאָף. די איבערלעבונגען פון טאָג, פּלאָנטערן זיך מיר פאַר די אויגן און איך קאָן נישט שלאָפן רויק, איז דאָס ביסל וואָס איך שלאָף — „כאַפּ״ איך אַריין. אויב איך וועל קומען אַהיים מיט 10 קילאָ ווייניקער — וועט דאָס „נישט־שלאָפן״, האָבן אַ גרויסן חלק אין דעם.

איך נעם דעם „באָס״ און לאָז זיך פאָרן צו דער „פרייהייט סטאַטוע״.

— אָך, וואָס פאַר אַ מאַגיש וואָרט עס איז „פרייהייט סטאַטוע?״

צוריק מיט 70 יאָר האָט די פראַנצויזישע רעגירונג געשיקט דער אַמערי־קאַנער רעגירונג אָט די גראַנדיעזע סטאַטוע וועלכע שטייט „אינמיטן״ ים, ביים אַריינפאָר קיין ניו־יאָרק. זי שטייט מיטן פּנים צו אייראָפּע און האַלט אין דער האַנט אַ פאַקעל — דער אָנזאָג און סימבאָל פון פרייהייט. אויף דער סטאַטוע איז דאָ אַ פּאַסיקער אויפשריפט וועלכער איז פאַרפאַסט געוואָרן פון דער יידישער דיכטערן עמאַ לאַזאַרוס.

ווען מ׳פאָרט דורך מיט דער שיף נעבן אָט דער סטאַטוע, ווייזט זי זיך נישט אויס אַזוי גרויס. אָבער ווען מען קומט צו מיטן שיפעלע וואָס פירט דיך פון ברעג צו דער סטאַטוע, זעסטו ערשט, אַז זי פאַרנעמט אַ ריזיק שטיק פּלאַץ, און עס איז אַפילו דאָרט געוואָרן פּלאַץ אויפצושטעלן אַן „אימיגראַציע־מוזעאום״.

אַז מען קומט צו צו דער סטאַטוע טרעפסטו דאָרט צענדליקער און הונ־דערטער מענטשן, די גרעסטע טייל — טאַקע 99 מיט אַ האַלבן פּראָצענט — טוריסטן. די אַמעריקאַנער, ספּעציעל דער ניו־יאָרקער, האָט קיין צייט נישט

צו פאָרן צו דער סטאַטוע און אַרויפפאָרן אַרויף. מען לייגט שטענדיק אָפּ פון היינט אויף מאָרגן. דער היינט גייט אַוועק און דער מאָרגן אויך. און מען לעבט זיך אָפּ די יאָרן אין אַמעריקע און מען פאָרט נישט צו צו דער פרייהייט־סטאַטוע.

אָדער, מען איז דאָרט געווען „גרינערהייט", צוריק מיט 30 און 40 יאָר, ווען מען האָט זיך נישט אַזוי געיאָגט נאָך „ביזנעס", ווען מען האָט נאָך געהאַט צייט צו לעבן, אָדער, ווען מען האָט געאַרבעט ביי יענעם אין „שאָפּ" און מען האָט געהאַט צייט אין אַ זונטיק צו פאָרן און אַרויספאָרן שפּאַצירן.

היינט איז מען שטאַרק פאַרביזנעוועט און מען האָט קיין צייט נישט פאַר אַזעלכע נאַרישקייטן. און אויב מען האָט שוין יאָ אַ פרייען זונטיק — פאָרט מען צו די אייניקלעך און איין מאָל אין יאָר — צו־גאַסט צו אַ פריינט...

ווען דו קומסט צו צו דער „פרייהייט־סטאַטוע", דאַרפסטו קיין ענגליש נישט קאָנען, כדי צו פרעגן עפּעס וואָס ווילסט וויסן. הן די וועג־ווייזער, הן די טור־ריסטן וואָס זענען דאָ פאַראַן, רעדן צענדליקער שפּראַכן. דו הערסט דאָ רעדן: פראַנצויזיש, שפּאַניש, רוסיש, יידיש, העברעיש, יאַפּאַנעזיש און כינעזיש. די באַאַמטע ענטפערן דיר אויף אָט די שפּראַכן און אויף אַנדערע צען שפּראַכן. אַמעריקע היט שטאַרק אָפּ די טוריסטן און באַמיט זיך, אַז זיי זאָלן וואָס ווייניקער ליידן פון זייער נישט־קאָנען קיין ענגליש.

אַז מען קומט קיין אַמעריקע, לוינט זיך צו פאָרן אָנקוקן און „אַרויפפאָרן" צו דער „פרייהייט־סטאַטוע". עס בלייבט אַן אייביקער אָנדענק און אַ וואַרעמער געפיל אין האַרצן.

***

איך האָב נאָך היינט אוספּייעט צו פאַרענדיקן דעם טאָג מיט באַזוכן צוויי וויכטיקע אַנשטאַלטן. כאָטש ביידע זענען נישט קיין ספּעציפיש־יידישע, דאָס הייסט: זיי טראָגן נישט קיין יידישן נאָמען, נאָר אַן אַלגעמיין־אַמעריקאַנער, דאָך האָב איך דאָרט געטראָפן בלויז יידישן אינהאַלט.

דעם ערשטן וויזיט האָב איך אָפּגעשטאַט אין אַמעריקאַנער „עזרת נשים". דאָ טראָגט ער אַן אַנדער נאָמען. ער הייסט: „נעשאָנעל דעזווירשאַן ביוראָ". אויף פּראָסט יידיש הייסט עס: „נאַציאָנאַלע דעזערטירונג־ביוראָ". דער אַנשטאַלט וואָס זוכט די מענער און פרויען וואָס דעזערטירן פון זייער היים, — ספּעציעל די מענער, — און לאָזן איבער אין דער היים אַ ווייב מיט צוויי־דריי קינדער און אָפט, אָפט, — אַ שוויגער אויך!...

איך האָב דיר שוין אַמאָל געשריבן, אַז דאָס איבערלאָזן דאָס ווייב אין דער היים און אַנטלויפן וווּהין דער שוואַרצער פעפער וואַקסט, — איז איינע פון די

גרעסטע טראַגעדיעס פון אַמעריקע. אויב קיין קינדער זענען נישטאָ — איז נאָך אַ האַלבע צרה. די פרוי גייט אַרבעטן און דאַרף נישט פאַלן צו־לאַסט דער געזעלשאַפט. ווען עס זענען, אָבער, דאָ קליינע קינדער און אַפט — אַן אַלטע קראַנקע שוויגער וועלכע מען האַלט אויס — איז דאַן פאַראַן אַן אמתע טראַגעדיע.

די דאַזיקע ביוראָ וועלכע טראָגט טאַקע דעם נאָמען „דעזערטירונג" אָפּטײַל, פאַרנעמט זיך מיט אויפזוכן די פאַרשוווּנדענע. פון יעדער הונדערט פאַלן — געלונגט איר אין 80 פראָצענט. זי טוט עס זייער אינטעליגענט און... אָן כעס. אַז מען געפינט דעם מאַן, אַרעסטירט מען אים נישט! מען סטראַשעט אים אַפילו נישט! מען זוכט מיט „גוטן" און פאַרשטאַנד און מיט הילף, אים באַוועגן אַהיימצוקומען. מען פאַרשט אויס פאַרוואָס ער איז אַנטלאָפן. מעגלעך גאָר, אַז ער איז גערעכט. מעגלעך, אַז דאָס ווייב און די שוויגער דערגייען אים די יאָרן. זוכט מען צו „באַאַרבעטן" זיין פרוי, צו באַזייטיקן די שוויגער פון הויז (אַמאָל איז דאָס דער שווער, דער שיכור, וואָס קומט צו־אַפּט צו דער טאָכטער און נעמט ביי איר צו די לעצטע דאָלאַרן אויף צו פאַרטרינקען).

דאָס זעלבע איז פאַרקערט. ווען די פרוי אַנטלויפט און לאָזט איבער די שטוב אויף הפקר. אַמאָל לאָזט זי אויך איבער די קינדער.

די דאַזיקע ביוראָ זוכט זי אויס און געפינט זי און טוט אַלע מעגלעכקייטן גאַנץ צו מאַכן איר פאַמיליען־לעבן.

דער הויפּט־דירעקטאָר פון אָט דער ביוראָ איז אַ ייִדישער מענטש, מיסטער דזשייקאָב ט. זוקערמאַן, געבוירן אין אַמעריקע. אויך דער פרעזידענט און וויצע־פרעזידענט פון אַמעריקאַנער „עזרת נשים" — די ה"ה וואַלטער ה. ליבמאַן און מילטאָן ב. יולא — זענען אַמעריקאַנער געבוירענע. דער ערשטער, מיסטער זוקערמאַן, רעדט אַ געשמאַקן ייִדיש און עס איז אַ חיות מיט אים צו שמועסן.

איך האָב גאָרנישט געוווּסט וואָס פאַר אַ פּראָבלעם עס איז אָט דאָס „דעזערטירן" פון דער היים. אין אונדזערע לענדער ווייסט מען זייער ווייניק וועגן דעם, — כאָטש ביי אונדז קאָן מען זיך נישט גטן און מען וואָלט „געמוזט" אַנווענדן דאָס אַמעריקאַנער מיטל: „דעזערטירן", אַנטלויפן פון דער היים. אָט, האָסטו אַ קליינע סטאַטיסטיק וועגן אָט דעם ענין.

דאָ, אין אַמעריקע, איז דאָס אַנטלויפן פון דער היים, ספּעציעל פון ווייב, — אַ טאָג־טעגלעכע געשעעניש.

1) אַרום הונדערט טויזנט אַ יאָר לאָזן מענער איבער זייערע ווייבער און פאַמיליעס און אַנטלויפן פון זיי.

2) אין אַמעריקע זענען איצט פאַראַן אַ מיליאָן פאַמיליעס, — אַרום 5 מיל־

יאָן נפשות, וואָס זייערע ברויטגעבער האָבן זיי פאַרלאָזט און אַנטלאָפן פון זיי.

3) אַרום 5 מיליאָן מוטערס און קינדער ווערן נישט־געהעריק געשטיצט פון זייערע פאַרפרעמדטע מענער — כאָטש די מענער זענען נאָך נישט אַנטלאָפן פון זיי.

4) 300 מיליאָן דאָלאַר ווערט אויסגעגעבן יערלעך צו שטיצן אָט די אומ־באַשיצטע פאַמיליעס, וועמענס מאַן און פאָטער איז אַנטלאָפן פון דער היים און די מוטער קאָן נישט גיין אַרבעטן...

דער דאָזיקער „עזרת נשים" פון אַמעריקע, פראַוועט בקרוב זיין 50־יאָריקן יובל־עקזיסטענץ. ער פאַרמאָגט אַ ריזיקן אַרכיוו. מיליאָנען און מיליאָנען „עקס־פעדיענטן" פון פאַמיליע־ענינים. פאַראַן צווישן זיי מיליאָנען — ממש מיליאָנען — פאַלן, ווו לסוף פון „אַרכיוו־טיקעט" ווערט אָנגעוויזן, אַז דער ענין האָט זיך געענדיקט בכי טוב, און דער טאַטע האָט דער מאַמען גענומען.

די ביוראָ האָט אויפזעער־אינספעקטאָרן, וועלכע האַלטן אַן אויג, — אין משך פון אַ פּאָר יאָר — אויף די איבערגעבעטענע פּאָרלעך און גיט זיי עצות און, אויב מען דאַרף — אויך מאַטעריעלע הילף, אַז זיי זאָלן קאָנען פאַרזעצן צופרידן זייער פאַמיליען־לעבן. גאָר ספּעציעל, האַלט די ביוראָ אַן אויג אויף די „שוויגערס". זיי, אָט די שוויגערס, זענען די הויפּט־שטערונג פונעם פולקאָמען שלום־בית און די פאַראורזאַכערנס פון דעם, וואָס דער מאַן אַנטלויפט פון דער היים. אויב מען דאַרף — שטיצט די „דזערטירונג ביוראָ" די שוויגער מיט אַ גענוגנדער סומע, אַז זי זאָל וווינען באַזונדער...

איך האָב זיך אין דער ביוראָ אַ רים־געטון מיט אונדזער „עזרת נשים", וועלכן מען האָט געמוזט אויפלייזן, ווייל ער האָט נישט געהאַט וואָס צו טון. איך האָב זיי דערציילט וועגן דער טעטיקייט פון אונדזער אומדערמידלעכער פרוי אַסלאַן און — איר צו לענגערע יאָר — פון אפרים דובראָווסקי ע"ה, וועלכע האָבן געבראַכט אַ סך נוצן יידישע פאַמיליעס מיט זייער אַקטואַציע און אונדזער „דע־זערטירונג־ביוראָ". אַ סברא, אַז אין אַ שיינעם טאָג, וועט קומען אַ פאָרשטייער פון אַמעריקאַנער „דעזערטירונג־ביוראָ" זיך צו באַקענען מיטן אַרכיוו פון אונ־דזער עזרת־נשים.

איך האָב פאַרענדיקט דעם טאָג מיט אַ באַזוך אין אַן אינטערעסאַנטן פּלאַץ, וועגן וועלכן, מיר, זיד־אַמעריקאַנער, האָבן גאָר קיין אַנונג נישט!...

**
*

אין איינער פון די שענסטע געביידעס אויף דער 57סטער גאַס, איינע פון די צענטראַלסטע פון ניו־יאָרק, איז פאַראַן אַ ביוראָ און אַ וויכטיקע, אינטערעסאַנטע

שולע. די דאָזיקע שולע ווערט באַזוכט פון מיידלעך און יונגע פרויען. אַ גרויסע טייל פון די יונגע, פאַרהייראַטע, פרויען וואָס באַזוכן אָט יענע שולע, זענען: — אָדער גרושות, אָדער אלמנות, אָדער „לעבעדיקע אלמנות", ווען דער מאַן האָט אַוועקגעוואָרפן און זי וויל אים נישט זוכן. זי האָט אפילו נישט געמעלדעט אין דער „נעשאָנעל דעזערטירונג־ביוראָ". זי, און די אַנדערע „שילערינס" קומען זיך אַהער לערנען ווי אַזוי צו היטן...

— פרעמדע קינדער.

די שולע הייסט: „בייבי־סיטער־שול". די שול, ווו מען לערנט היטן קליינע קינדער.

פאַראַן אין אַמעריקע אַזאַ פּראָבלעם: אַ יונג פּאָר־פאָלק, מען האָט איין קינד אָדער צוויי, צי אפשר גאָר דריי. דאָס עלטסטע קינד איז קוים אַלט זעקס־זיבן יאָר. דאָס קלענסטע — אַפילו קיין יאָר נישט! מען וויל ערגעץ אַרויסגיין. מען וויל גיין אין טעאַטער, אין אַ קינאָ, אָדער גלאַט צו אַ פריינדין צו גאַסט. אין אַמעריקע נעמט מען נישט מיט די קינדער, ווען מ'גייט צו־גאַסט — סיידן מען גייט צום גרענד־פּאַ אָדער גרענד־מאַ (זיידע־באָבע) נעמט מען מיט די קינדער. מען זאָל, אָבער, איבערלאָזן דער „גרענד־מאַ" די קינדער און אַליין גיין שפּאַצירן אָדער אין טעאַטער, טרעפט זיך קיינמאָל נישט! אפשר איינמאָל אין 10 טויזנט פאַלן.

וואָס־זשע טוט מען פּאַרט? בלייבן אַרעסטאַנטן אין שטוב אויף אַ פּאָר צענדלינג יאָר ביז די קינדער וועלן אונטערוואַקסן און קאָנען בלייבן אַליין אין שטוב?

ניין! דער אַמעריקאַנער קאָן נישט ווערן קיין שקלאַף! ער וויל פאַרברענגען! און צוליב דעם האָבן אָנגעהויבן עקזיסטירן אַזעלכע „אָרגאַניזאַציעס" וועלכע האָבן אַ גאַנצן שטאַב פון יונגע פרויען און מיידלעך, וועלכע פאַרדינגען זיך אויף די עטלעכע שעה בײנאַכט, צו זיצן אין שטוב און היטן די שלאָפנדע אָדער שפּילנדע קינדער. אַזאַ פרוי אָדער מיידל הייסט:

— „בייבי־סיטער" (קינד־היטערן).

עס וועט נישט זיין איבערגעטריבן ווען איך זאָל דיר שרייבן, אַז אין אַמעריקע, ספּעציעל אין די גרויסע שטעט, זענען פאַראַן הונדערטער טויזנטער פרויען וואָס לעבן פון אָט דער פּרנסה. פאַראַן אַ סך ספּעציעלע אָרגאַניזאַציעס וווהין מען קלינגט אָן טעלעפאָניש און מען בעט אַ „בייבי־סיטערן" אויף היינט ביינאַכט, אויף פיר אָדער זעקס שעה, — שיקט מען צו אַזאַ פאַרשוין.

לעצטנס איז אָט די פּרנסה געוואָרן גאָר מאָדערניזירט. פאַראַן ספּעציעלע שולעס וואָס געבן לעקציעס די „בייבי־סיטערס" ווי אַזוי אַרומצוגיין מיט די קינדערלעך, וועלכע מען לאָזט זיי איבער „היטן". עס איז אַ „קורס" פון אַ פּאָר

יאָר. מען הייבט אָן מיט דעם, ווי מען לערנט די „שילערן" ווי אַזוי איבערצו־ וויקלען דאָס קינד ווען עס „באַנעצט" זיך און עס וויינט און מען ענדיקט, ביי דער „מאַטעריע" פון געבן שנעלע הילף, אויב אַ קינד האָט געכאַפּט אַן עלעק־ טרישן שטראָם, אָדער האָט זיך אָפּגעבריט מיט אַ הייסער קויל אָדער מיט אַ פּרעסל, אָדער האָט בכלל באַקומען היץ און די מאַמע דאַרף ערשט קומען אין 2 שעה אַרום. דעם הויפּט־עקזאַמען וואָס די „בייבי־סיטערן" דאַרף אויסהאַלטן, — איז ווייזן אַז זי האָט שטאַרקע נערוון, אַז זי פאַרלירט זיך נישט! אַז זי הייבט נישט אָן קוויטשען ווען אין שטוב לויפט דורך אַ מייזעלע. די „בייבי־סיטערן" דאַרף קאָנען, לכל־הפחות, 30 קינדערשע מעשהלעך און דאַרף זיי קענען דער־ ציילן, אַז די קינדער זאָלן זיצן אַרום איר מיט אָן אָפן מויל און זיך איינהערן מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט צו אירע דערציילונגען. זי דאַרף אויך קאָנען זינגען קינדערשע לידעלעך און דאַרף אַפילו קאָנען טאַנצן מיט די קינ־ דערלעך.

אַ „פּשוטע", „נישט־געבילדעטע" און נישט קיין „דיפּלאָמירטע" בייבי־סי־ טערן" קאָן אָט די אַלע זאַכן נישט. זי ווייסט בלויז, אַז זי קומט צו גיין, זעצט זיך אַוועק אין שטוב און לייענט אַ זשורנאַל, אָדער... ווערט אַנטשלאָפן אויף אַ פּאָר שעה. אַזאַ „נאַכט־זיצערן" נעמט בלויז פון 6 ביז 8 דאָלאַר די נאַכט.

די „דיפּלאָמירטע" בייבי־סיטערן, וועלכע קומט פון אָט אַזאַ שולע, וווהין איך בין איצט געקומען. אַזאַ מיידל אָדער פרוי, נעמט שוין ביז 15 און 20 דאָלאַר פאַר דער נאַכט. די קינדער פאַרברענגען מיט איר זייער גוט, באַקומען זי ליב און בעטן גאָט, אַז פּאַ און מאַ זאָלן ווידער אַוועקגיין און די „טאַנטע" ראָוז" אָדער פּרענסיס זאָל קומען מיט זיי פאַרברענגען.

פאַר די פאַרמעגלעכע „פּאַר־פּאָלקן", איז אַ גרויס געווינס אַזאַ בייבי־סי־ טערן, ביי וועמען די קינדערלעך פילן זיך גוט און לערנען זיך אויס אַ לידעלע אָדער אַ מעשהלע.

די דאָזיקע שולעס באַשעפטיקן זיך נישט בלויז מיט לערנען די שילערינס די תורה פון היטן די קינדער, נאָר זיי זענען אויך „אַכענסיאַס" צו שיקן אַזאַ בייבי־סיטערן צו די הייזער וואָס בעטן זיי.

ווייסט שוין יעדער איינער: אויב ער וויל אַ ביליקע ,אַ פּשוטע פרוי, דאַרף ער אין קיין „סקול פאַר בייבי־סיטערס" נישט רעדן, ווייל דאָ, הייסט מען זיך גוט באַצאָלן. רעדט ער אין אַ געוויינלעכער „אַגענץ".

ביי דער שילערין נעמט מען אַ געוויסן אָפּצאָל פאַר דעם „לערנען" און גאָר גאָר אַ קליינעם פּראָצענט פאַר רעקאָמענדירן דאָס אַרבעטס־פּלאַץ.

אין „קלאַס", וווהין מען האָט מיך אַריינגעפירט זענען געווען 23 שילע־

רינס. זייער „פּראַקטישע אַרבעט״ האָבן זיי געמאַכט איבער ליאַלקעס. מען האָט זיי „געוויקלט״ און גערעדט צו זיי, ווי אַ גוטע געטרייע מאַמע רעדט צו איר קינד. איך בין אויך בייגעווען אַ „קלאַס״ פון „גיכער הילף״. די בייבי־סיטערן איז געשטאַנען און געפּרעסט און דאָס קינד, — אַ גרויסע ליאַלקע, — האָט אַ כאַפּ־געטון דאָס הייסע פּרעסל און האָט זיך „אָפּגעבריט״ דאָס פּנים, די ליפּן און די צונג. דאָס „קינד״ האָט שטאַרק געשריִען און די בייבי־סיטערן האָט עס גע־ראַטעוועט. אין דער זייט זענען געשטאַנען 2 לערערינס און דער אויפזעער פון דער שולע, און זיך צוגעקוקט ווי אַזוי די בייבי־סיטערן ראַטעוועט דאָס קינד.

די סצענקע איז געווען אַ שיינע און עמאָציאָנירנדיקע. עס איז געווען צו באַמערקן, אַז די שילערין האָט זיך פולשטענדיק באַהערשט. דאָס „קינד״ האָט שטאַרק געוויינט (עס איז אַ ספּעציעלע ליאַלקע וואָס האַלט אין איין „וויינען״) און דערצו נאָך, האָבן זיך אויפגעכאַפּט די איבעריקע 2 „קינדער״, וואָס זענען „געשלאָפן״ אין וויגעלע און האָבן אויך אָנגעהויבן „וויינען״, אָבער די בייבי־סיטערן האָט זיך נישט פאַרלוירן. איר הויפּט־אויפגאַבע איז געווען פאַרהיטן, אַז די בראַנדווונדן וואָס דאָס „קינד״ האָט געכאַפּט ביים אָפּבריִען זיך, זאָלן באַקומען זייער געהעריקע קוראַציע און עס זאָל נישט בלייבן קיין נאָכווייען פון זיי. נאָכ־דעם ווי זי האָט געטון אַלעס וואָס מען דאַרף, האָט זי זיך ערשט גענומען „איינ־שטילן״ די קינדער און עס איז איר „פולשטענדיק געלונגען״.

דערביי האָט זיך נאָך נישט געענדיקט דער „קלאַס״. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זיך באַוויזן אויפן שוועל פון צימער אַ מאַן מיט אַ פרוי. דאָס זענען געקומען די „טאַטע־מאַמע״ פון די קינדער. ערשט איצט, האָט די בייבי־סיטערן געדאַרפט אויסהאַלטן אַ שטיק עקזאַמען מיט דערקלערן די „עלטערן״ וואָס דאָ איז געשען, וואָס זי האָט געטון און וואָס מען דאַרף מאָרגן טון! די „מוטער״ האָט געפּרוווט נעמען קווילן און היסטעריקעווען, אָבער די בייבי־סיטערן ווייזט איר אָן מיטן פינגער, אַז זי זאָל נישט אויפוועקן אַלע דריי שלאָפנדיקע קינדער. די „עלטערן״ באַרויִקן זיך און די „מוטער״ צעקושט זיך מיט איר און באַצאָלט איר איר לוין, נאָך מיט אַ גרויסן „טיפּ״ (פּראָפּינאַ). די בייוועזנדע אין צימער — איך מיט מיין באַגלייטער, צווישן זיי — אַפּלאָדירן דער שילערין, די בייבע־סיטערן, פאַר אויסהאַלטן אַזוי גלענצנדיק איר עקזאַמען!...

— אָט דאָס איז אַמעריקע! אָט דאָס טרעפסטו בלויז אין אַמעריקע!

***

דער פאַרוואַלטער, בעל־הבית און גאַנצער כל־ולך פון אָט דער בייבי־סיטער־שול, הייסט האַנס וויליאַם סמיט. איך בין ביי זיך זיכער אַז ער איז אַ

כשרער אַמעריקאַנער קאַטאָליק. דערפאַר בין איך איבערראַשט געוואָרן, וואָס ביים וועלן זיך געזעגענען מיט אים, לאָזט ער מיך נישט אָפּ. ער האָט אַן אינטערעס אין אַרגענטינע (אַרזשענטין) און בעט מיך בלייבן אַ פּאָר מינוט ביז ער וועט זיך באַפרייען און ער וועט צייט האָבן זיך אַביסל מער אָפּצוגעבן מיט מיר. דאָס רעדט ער צו מיין באַגלייטער וועלכער איז געקומען מיט מיר אַהער פון דער „נעשאָנעל העזוירשאַן ביוראָ״. זיי רעדן אויף ענגליש. יענער געזעגנט זיך מיט אים און מיט מיר און גייט זיך אַוועק. איך בלייב וואַרטן גענויע פינף מינוט, ביז דער „מענעדזשער״ און אייגנטימער פון דער שולע קומט צוריק אַריין און רופט זיך אָן צו מיר:

— איצט, נאַט אייך אַ יידישן שלום־עליכם און מיר וועלן קאָנען אַביסעלע לענגער אַ שמועס־טון!

אָט האָסטו אַמעריקע! אַזאַ אָריגינעלע שולע ווערט אָנגעפירט פון אַ יידן, וואָס איז געבוירן אין כאָטין, בעסאַראַביע, איז שוין 46 יאָר אין אַמעריקע, האָט אַ דיפּלאָם אַלס שול־פּראָפעסאָר, אַלס לאָיער (אַדוואָקאַט) און האָט אַן „אוניווערסיטעט״ פאַר בייבי־סיטערס, וואָס איז באַרימט איבער גאַנץ אַמעריקע. אַז מען פאָדערט פון זיין שולע זאָל קומען אַ בייבי־סיטערן, דאַרף מען באַשטעלן מיט אַ פּאָר טעג פריער. עס שטייען צו זיין דינסט הונדערט מיט צוועלף בייבי־סיטערנס, וועלכע זענען אַלע טאָג פאַרנומען. זיין סיסטעם איז — נישט צו שיקן קיין בייבי־סיטערן אויף אַרבעט, ביז זי ענדיקט נישט די שול און באַקומט נישט איר דיפּלאָם.

מיך אינטערעסירט אַ פראַגע. אייגנטלעך, איז דאָס אַזאַ פראַגע, וועלכע איך שטעל אין יעדן אָרט וווהין איך קום. איך וויל וויסן, צי אַז מען בעט ביי אים אַ „בייבי־סיטערן״, ווייזט מען נישט אָן, אַז ער זאָל נישט שיקן קיין... יידישע. צו פילט זיך נישט קיין אַנטיסעמיטיזם אין זיין פאַך?

מר. האַנס וויליאַם סמיט ווערט ערנסט. ער האָט זיך נישט געריכט אַז איך וועל אים אַזוי פּשוט, אַזוי אומגעריכט, פרעגן אַזאַ דעליקאַטע פראַגע. ער ענטפערט מיר אָפנהאַרציק, אַז יאָ! נאָכמער: קיינער ווייסט נישט, אַז מיסטער האַנס וויליאַם סמיט, הייסט גאָר „אשר־וועלוול בראָנשטיין״. ער האָט זיך, צוריק מיט 49 יאָר, ווען ער איז אַלט געווען קוים 14 יאָר, געביטן זיין נאָמען, ווייל זיין פאָטער איז אַזוי געפעלן געוואָרן. איצט איז דאָס אַ סגולה צו פרנסה. ער דערציילט מיר אויך, אַז 90 פּראָצענט פון זיינע שילערינס זענען יידישע קינדער און קיינע פון זיי הייסט נישט שרהקע אָדער חייקע אָדער רויזע. אַלע טראָגן עכט־כשרע אַמעריקאַנער נעמען.

ער האָט שטאַרק ליב אַמעריקע. ער האָט געדינט אין דער ערשטער וועלט־

מלחמה און איז געקומען פון דאָרט מיט צוויי מעדאַלן, מיט אַ טשין אַלס „לייטע־נאַנט" און מיט אַ קויל אין איין לונג, וועלכע מען האָט קוים אַרויסגענומען און אים געמאַכט פאַר אַ שטיק פיזישן קאַליקע. אָבער ער איז מודה:

אַנטיסעמיטיזם — פילט זיך שטאַרק אין אַמעריקע. נישט איינמאָל און נישט הונדערט מאָל האָט מען שוין געבעטן ביי אים אַז ער זאָל נישט שיקן קיין יידישע בייבי־סיטערן. מען זאָגט אים נישט אַז מען וויל נישט קיין יידן — מען זאָגט אים נאָר, אַז דאָ איז אַ „שטרענג קריסטלעך הויז"... ער פאַרשטייט שוין דעם ווונק... און שיקט דווקא אַ יידיש מיידל וועמען ער זאָגט אָן ווי אַזוי זיך צו האַלטן...

רעדנדיק וועגן אַנטיסעמיטיזם, לאַדט ער מיך איין אויף אַ שפּאַציר אין אַ „קלוב" ווו... מען לאָזט נישט אַריין קיין יידן. ער, האַנס וויליאַם סמיט איז דאָרט יאָ אַ חשובער „מעמבער". ער טוט עס, נישט צוליב פּרנסה. ער האָט זיי אין דער ערד מיט דער פּרנסה וואָס זיי קאָנען אים געבן. ער איז דאָרט, ווייל ער וויל וויסן וואָס דאָרט קומט פאָר? צי פּלאַנעוועט מען דאָרט נישט קיין צרות קעגן יידן? און, כאָטש כדי אויפגענומען צו ווערן אין אַ „קלוב" מוז מען אָנגעבן דעם גאַנצן יחוס, כאָטש ביזן דריטן דור, האָט ער עס געמאַכט אַזוי קונציק, אַז דאָרט איז פאַרשריבן דאָס ער איז אַ כשרער זון פון אַ קאַטוילישן פּאָטער, וועמעס זיידע איז געקומען קיין אַמעריקע צוריק מיט 110 יאָר...

פאַראַן אַ סך קלובן וואָס ווילן נישט האָבן קיין יידן אַלס מיטגלידער. ביז ערשט נישט־לאַנג האָבן די יידישע פירער פון אַמעריקע געשאָנקען ווייניק אויפמערקזאַמקייט אָט די אַנטי־יידישע קלובן. זיי האָבן געהאַלטן, אַז אַ „קלוב" איז אַ פּריוואַטע אינסטיטוציע, וווּ יעדער איינער האָט אַ רעכט זיך אויסצו־קלייבן זיינע געסט און זיינע מיטפאַרברענגער. פאַראַן אין אַמעריקע יידישע קלובן, — איינער פון זיי הייסט „האַרמאָני"־קלוב, וועלכער נעמט אויך נישט אַריין קיין יידן, אַבי וועמען, מעג ער זיין אַפילו אַ מיליאָנער. די מיטגלידער פון „האַרמאָני"־קלוב זענען רייכע „יאַהודים", וועלכע ציִען זייע יחוס ביז אַמס־טערדאַם און אַפילו ביז די אַרויסגעטריבענע יידן פון שפּאַניע און זיי ווילן זיך נישט שדכענען מיט נאַש־בראַט, מיט די מזרח־יידן.

לעצטנס האָט מען זיך אומגעקוקט, אַז די „אַנטי־יידישע" קלובן ברענגען אַ סך שאָדן יידישע מענטשן, ספּעציעל אויפן עקאָנאָמישן געביט. דער דאָזיקער „סאָציאַלער אַנטיסעמיטיזם" האָט זיך אַמאָל שטאַרק געפילט אויפן געביט פון „האָטעלן" און הייזער־פאַרדינגען. היינט איז ער דאָרט שוואַכער און ער איז שטאַרקער געוואָרן אין די „קלובן".

דער באַרימטער שרייבער באָריס סמאָליאַר באַהאַנדלט אָט דעם ענין אויף

זייער אַן ערנסטן אופן. צווישן אַנדערע פאַלן פון אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע, ווייזט ער אָן, אַז עס איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז קיין פיזישער אַנטיסע־מיטיזם עקזיסטירט נישט אַמעריקע, אַז אָרגאַניזירטע אַנטי־יידישע פּראָפּאַגאַנדע האָט פאַרלוירן איר אימפּעט, אָבער אַז סאָציאַלער אַנטיסעמיטיזם — האַלטן די טירן געשלאָסן פאַר יידן אין געוויסע קלובן, אָדער נישט פאַרדינגען קיין ווױ־נונגען צו יידן אין געוויסע געגענטן — דאָס עקזיסטירט נאָך ביזן היינטיקן טאָג.

יידישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע, וואָס קעמפן קעגן אַלע פאָרמען פון אַנטיסעמיטיזם און דיסקרימינאַציע, האָבן זיך שטענדיק אָנגעשטויסן אין אַן איי־זערנער וואַנט ווען עס איז האָט זיך געהאַנדלט וועגן קעמפן קעגן סאָציאַלן אַנטי־סעמיטיזם. יידן קענען פאַרלאַנגען זייערע רעכט אַלס גלייכבאַרעכטיקטע בירגער, אָבער זיי קענען זיך נישט שטופּן מיט געוואַלד אין קלובן ווו מען וויל זיי נישט. עס איז נישטאָ אין אַמעריקע אַזאַ געזעץ, אַז די טירן פון פּריוואַטע קלובן מוזן זיין אָפן פאַר אַלעמען. דערצו נאָך האָבן יידן אַליין געטענהעט, אַז עס איז נידע־ריקער פון זייער ווירדע צו פאַרלאַנגען מען זאָל זיי אָננעמען אַלס מיטגלידער אין קלובן ווו זיי זענען בפירוש נישט געוווּנטשן.

די דיסקרימינאַציע קעגן יידן אין קלובן איז דערפאַר, ווי שוין געזאָגט, גענומען געוואָרן דורך יידישע אָרגאַניזאַציעס, מערסטנטייל אַלס אַן אויסדרוק פון סנאָביזם און נישט אייגנטלעך אַלס אַן אויסדרוק פון אַנטיסעמיטיזם. געוויס האָט עס פיל יידן פאַרדראָסן וואָס מען לאָזט זיי נישט אַריין אין דעם אָדער יענעם קלוב, אָבער זיי האָבן געוווּסט, אַז פיל מיטגלידער פון קלוב זענען אין גרונט נישט קיין אַנטיסעמיטן; אַז אין טאָג־טעגלעכן לעבן זענען זיי אין פריינטש־לעכן קאָנטאַקט מיט יידן; אַז מאַנכע פון זיי פילן זיך אפילו געערגערט וואָס זיי קענען נישט אַריינברענגען קיין יידן אין זייער קלוב אַלס מיטגלידער, אָבער אַז אַזאַ איז שוין די טראַדיציע פון דעם קלוב. און איבערמאַכן קלוב־טראַדיציעס איז איינע פון די שווערסטע זאַכן אין אַמעריקע. דאָס איז פּונקט ווי וועלן ענ־דערן דעם גאַנצן כאַראַקטער פון קלוב און זיין אַטמאָספערע.

צו דער פראַגע וועגן דיסקרימינאַציע קעגן יידן אין קלובן האָבן די יידישע אָרגאַניזאַציעס וועלכע קעמפן קעגן אַנטיסעמיטיזם זיך דערפאַר ביז איצט פּאַק־טיש נישט צוגערירט.

איז דאָך אָבער אַמעריקע אַ לאַנד פון סטאַטיסטיק, פון חשבון, און בכלל האָט מען דאָ ליב צו שטודירן יעדער ענין באַזונדער און מען זעצט אַוועק ספּע־ציאַליסטן אויף יעדן געביט, וואָס שטודירן יעדע קלייניקייט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט. האָט מען אויך גענומען שטודירן אָט־דעם ענין „סאָציאַלן־אַנטיסעמיטיזם" און מען איז געקומען צום שלוס, אַז ער איז, כמעט, אַזוי שעד־

לעך ווי פיזישער אַנטיסעמיטיזם, ווי אַ פּשוטער פּאָגראָם.

אַז מען פלעגט אין רוסלאַנד מאַכן אַ פּאָגראָם, איז אויפן דריטן טאָג, נאָכן פּאָגראָם, ווידער אָנגעגאַנגען דאָס לעבן און די לעבנגעבליבענע האָבן געזוכט צו פאַרגעסן די טרויעריקע טעג אָדער שעהן פון פּאָגראָם און ווייטער פאָרזעצן זייער טאָג-טעגלעכע אַרבעט.

דער „סאָציאַלער אַנטיסעמיטיזם" זוכט צו נאָגן דאָס בלוט פּערמאַנענט. טאָג-איין, טאָג-אויס, פאַרביטערט ער דאָס לעבן פון ייִדן. און ה' סמאָליאַר דערציילט, אַז שטודיומס וואָס מען האָט דורכגעפירט וועגן דער ווירקונג פון אָט דעם „סאָציאַלן אַנטיסעמיטיזם" אויף דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן ווילזיין פון די ייִדן אין אַמעריקע, האָבן דערוויזן, אַז מען דאַרף זיך ערנסט פאַרטראַכטן צו באַקעמפן די דאָזיקע פאָרעם פון אַנטיסעמיטיזם.

עס ווייזט זיך אַרויס לויט די שטודיומס, אַז דער פאָראורטייל קעגן ייִדן אין די קלובן האָט בלויז דעם אויסזען פון סאָציאַלער דיסקרימינאַציע. אין אמתן אָבער פירט דער דאָזיקער פאָראורטייל צו דער אונטערגראָבונג פון ייִדישע מעגלעכקייטן אין זייער עקאָנאָמישן לעבן, און אויך צו זייער איזאָלירונג אין פּאָליטישן לעבן.

זייער פיל האַנדלס-אונטערנעמונגען לייגן גרויס געוויכט דערויף, אַז זייערע כערענטעס און אַנדערע הויכע אָנגעשטעלטע זאָלן דורכאויס באַלאַנגען צו די בעסטע קלובן, כדי זיי זאָלן דאָרט קענען אָנקניפּן האַנדלס-קאָנטאַקטן. עס איז אַ גוט-באַוווסטע זאַך, אַז אַ סך גרויסע געשעפטן ווערן געשלאָסן גראָד נישט אין די בייטאָגיקע אַרבעט-שעהן, נאָר אין די פרייע שעהן אין די קלובן. מען קומט זיך צוזאַמען אין קלוב, מען רעדט געמיטלעך, מען טיילט זיך מיט אינ־טימער האַנדלס-אינפאָרמאַציע, און מען שליסט דאָרט אָפּמאַכן וואָס זענען פון גרויס באַדייטונג פאַר דער האַנדלס-וועלט.

ווען אַ ייִד האָט נישט קיין מעגלעכקייט צו ווערן אַ מיטגליד אין איינעם פון אַזעלכע קלובן, האָט ער אויך נישט קיין מעגלעכקייט צו וואַקסן אויף זיין שטעלע אין דער פירמע ווו ער איז אָנגעשטעלט. ער קען נישט ווערן קיין כע־רענטע אָדער קיין הויכער אָנגעשטעלטער, ווייל ער האָט נישט דעם אינטימען צוטריט צו פערזאָנען וואָס שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע.

נאָך מער. ווען איינער ווייסט אַז ער איז געוואַקסן אין זיין שטעלע אַלס הויפּט-פאַרוואַלטער, הויפּטזעכלעך ווייל ער איז אַ מיטגליד פון אַ קלוב ווו ייִדן קענען נישט ווערן קיין מיטגלידער, ווירקט עס אויף אים פּסיכאָלאָגיש. ער הייבט אינסטינקטיוו אָן צו קוקן אויף די ייִדישע אָנגעשטעלטע וואָס אַרבעטן אונטער אים ווי אויף פערזאָנען וואָס מען דאַרף נישט אַרויפברענגען אויף

העכערע שטעלעס. אַליין אפשר נישט קיין אַנטיסעמיט, האָט ער מורא צו אַנט־וויקלען די ייִדישע אַנגעשטעלטע צו העכערע פּאָזיציעס, ווייל ער איז אונטער דעם איינדרוק אַז זיי וועלן נישט זיין סימפּאַטיש אין געוויסע קרייזן, און וועלן דערפֿאַר נישט קענען שאַפֿן די קאָנטאַקטן וועלכע זענען נייטיק פֿאַר די אינ־טערעסן פֿון דער אונטערנעמונג.

נו, גאָלדע. אַט האָסטו שוין דאָס גרויסע, דאָס פֿאַרגעשריטענע אַמעריקע אין אַזאַ אָפּשיילעכע זאַך ווי „אַנטעסעמיטיזם", — פּיינט האָבן אַ צווייטן, ווייל ער האָט אַן אַנדער גלויבן, — איז נאָך ביי זיי אַ גאַנצע מצוה.

ווי דער אַנטיסעמיטיזם פּילט זיך אַמשטאַרקסטן — איז אין די אוניווערזיטעטן. נישט בלויז ביים אַריינעמען די סטודענטן, נאָר צווישן די סטודענטן גופא.

אַט גייט אַרום אין אַמעריקע אַ מעשהלע. מען דערציילט עס אַלץ וויץ, — אָבער עס איז, ווייזט אויס, אַ טרויעריקער אמת.

אַ ניו־יאָרקער ייִדישער סטודענט איז אַוועק לערנען אין אַן אוניווערזיטעט אויף דער פּראָווינץ. דער סטודענט מיט „גליקלעכן", „אַרישן" אויסזען, האָט זיך פֿאַרשריבן מיט אַן עכט אַמעריקאַנער־אַרישן נאָמען אַלס כשרער קריסט. און, אַזוי ווי אין אַמעריקע פֿרעגט מען זעלטן אויף דאָקומענטן — איז אים דער „טריק" גע־לונגען. ער האָט זיך זייער גוט געלערנט און זיינע פֿרומע עלטערן פֿון ברוקלין האָבן אים געשיקט געגוג געלט, און פֿלעגן אים דערמאָנען — אין די בריוו — ווען עס איז אַ ייִדישער יום־טוב, ווייל ביי זיך אין דער היים, איז נישט נאָר חנוכה, פּורים, שבועות, סוכות אָדער ראש־השנה און יום־כיפּור — ימים טובים, וואָס מען היט אָפּ, — נאָר אַפּילו ל"ג־בעומר אָדער חמישה־עשר־בשבט — איז אויך אָפּגע־היט געוואָרן.

דאַרף דער אומגליק טרעפֿן, אַז ער פֿאַרליבט זיך אין אַ שיקסע, — אַן אַמע־ריקאַנער סטודענטקע פֿון זעלבן אוניווערזיטעט. זי איז אויך פֿאַרליבט זיין אים און זיי מאַכן שוין פּלענער פֿון חתונה־האָבן.

ס'איז גוט צו זאָגן „מאַכן פּלענער". ער האָט, אָבער, אַ גרויסן פּראָבלעם. זאָל ער שרייבן אַהיים, די עלטערן אַז ער גייט חתונה האָבן פֿאַר אַ שיקסע — וועט די מוטער זיכער שטאַרבן פֿאַר ווייטיק, אויך דער פֿאָטער וועט עס נישט איבער־לעבן...

„די ליבע איז אָבער שטאַרקער פֿון טויט", — שטייט ערגעץ געשריבן. ער באַשטימט מקריב צו זיין זיינע עלטערן .עס איז אָבער פֿאַראַן אַ צווייטע פּראַגע:

און וואָס וועט זיין ווען זיין פּרענסיס .וועט נישט וועלן חתונה האָבן פֿאַר אַ ייִדן. אמת, זי איז טאַקע נישט קיין שטאַרק גלוביקע. זי גייט זייער זעלטן אין

„טשוירטש", ער האָט זי נאָך נישט געזען צלמן. אָבער, גיי, ווייס, וואָס פאַר אַ באַ־ציִונג זי און אירע פּראָטעסטאַנטישע עלטערן האָבן צו ייִדן. אפשר וועלן זיי אים נישט וועלן, אַפילו ווען ער זאָל באַשטימען זיך צו שמדן!...

אָבער, ווי אַזוי זאָגט מען עס איר? ער האָט קיין מוט נישט! ער באַשליסט איר אָנצושרייבן אַ בריוו און עס אַריינוואַרפן אין איר צימער. אויב זי וועט אים אָפּוואַרפן — וועט ער זיך נעמען דאָס לעבן!...

ער האָט אָנגעשריבן די בריוו, זיך אַנטשולדיקט פאַרוואָס ער האָט זי אַזוי „מיזעראַבלע" אָפּגענאַרט און איר נישט אויסגעזאָגט, אַז ער איז אַ ייִד און געבעטן ביי איר רחמנות אויף זיין יונג לעבן.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז זיין כלה־מויד אַריין אין זיין צימער מיט אַ פריילעך געלעכטער און איז אַרויף אויף זיין האַלדז אים קושן! אַזאַ געשיכטע! זי האָט דאָך אויך געהאַט דעם זעלבן פּראָבלעם! אויך אירע עלטערן זענען פרומע ייִדן און וואָלטן נישט איבערגעלעבט ווען זי האָט חתונה מיט אַ שייגעץ! זי האָט זיי שוין אַפילו געגעבן אָנצוהערן אין אַ בריוו, אַז זי האָט אַ האַרציקן „באַי־פרענד". אַ שאָד וואָס ער איז אַ „שייגעץ". די מאַמע האָט איר, אויף אַן איידעלן אופן געענטפערט, אַז אין טאָג וואָס זי וועט חתונה האָבן מיטן שייגעץ, זאָל זי פאַרגעסן אַז זי האָט ערגעץ אַ טאַטע־מאַמע... איצט וועט זי זיי קענען מחיה זיין מיט דער בשורה, אַז איר „שייגעץ" הייסט אַרנאָלד פרידמאַן, וועלכער האָט ביז 18 יאָר געלערנט אין אַ ישיבה...

מעגלעך, אַז די גאַנצע געשיכטע איז אַן אויסגעטראַכטע — כאָטש מען גיט אַן די נעמען פון די „העלדן". דער פאַקט איז: נישט איין סטודענט מוז לעבן ווי אַן „אנוס", אויב ער וויל אַז זיינע חברים זאָלן אים בעסער באַהאַנדלען... דאָס איז אַמעריקעס איינע פון די גרעסטע חסרונות...

**
*

איך האָב זיך געזעגנט מיט מיין נייעם פריינט האַנס־וויליאַם סמיט. ער זאָגט מיר צו צו וויזן מיר אין ניו־יאָרק זאַכן און ערטער וווּ איך בין נאָך נישט געווען. איך נעם עס אָן מיט פאַרגעניגן. ער געפעלט מיר זייער שטאַרק, אָט דער סמיט־בראָנשטיין. אגב — ער דערציילט מיר אַז ער האָט פריינט אין אַרגענטינע, וועלכע וווינען אין דער „שטאָט פּאַמפּאַ". טאַקע אַזוי פלעגט ער זיי שרייבן בריוו, ווען ער איז נאָך געווען אַ „גרינער" און זיי זענען דאָרט געווען רייכע פאַרמער (קאָלאָ־ניסטן). איך שטעל זיך פאָר וואָס פאַר אַ „רייכע" ייִדישע קאָלאָניסטן עס זענען, צוריק מיט 40 יאָר, געווען אין דער „שטאָט פּאַמפּאַ".

ער באַגלייט מיך צום „סאָבוועי". ער פירט מיך צו „מיין" „בראַיטאָן־לאַין".

ער פאַרכאַפּט דאָס פּלאַץ ביים פענצטערל פון דעם „סטיישאַן" און קויפט פאַר 5 דאָלאַר „טאָקענס" און שיט מיר אָן די קעשענע.

וואָס פאַר אַ מאכל „טאָקענס" איז, וויסטו? זיכער — נישט. דאָס זענען מע־טאַלענע „בילעטן" אויסגעהאַקט פון בראָנז. יעדע איינע קאָסט היינט 15 סענט. ווען דו דאַרפסט אַריינגיין אין „סאָבוועי" (סובטע) אָדער אין אויטאָבוס, וואַרפסטו אַריין — אַנשטאָט געלט — אָט אַזאַ „טאָקען", גיסט אַ שטופּ די „פּאָרענטשע" און עס לאָזט דיך דורך צום באַן.

די דאָזיקע „סאָבוועי־טאָקענס" זענען געוואָרן אַ גאַנגבאַרע מטבע אין אַמע־ריקע. יעדער ניו־יאָרקער האָט שטענדיק עטלעכע „טאָקענס" אין קעשענע. דאָס באַוואָרנט ער זיך, כדי נישט צו דאַרפן פאַרלירן קיין איין מינוט אויף צו שטיין אין דער ריי, צו קויפן אַ „טאָקען". ער קויפט מיט אַמאָל פאַר אַ דאָלאַר, פאַר צווי אָדער דריי דאָלאַר, און אָט די „טאָקענס" דינען אים אפילו צו קויפן ציגאַרעטן, זיך אָפּפּוצן די שיך, צו געבן אַ נדבה און צו קויפן אַ „פּעיפּער". דער צייטונגס־מאַן וועט ביי דיר נעמען דעם „טאָקען" און דיר געבן רעשט.

דער אַמעריקאַנער איז פּראַקטיש. דאַרף ער צאָלן עטלעכע דאָלאַר, אַפילו צען דאָלאַר — צאָלט ער מיט אַ טשעק. דאַרף ער צאָלן קליין־געלט, סענטן, — צאָלט ער מיט „טאָקענס". דאָס מעטאַלענע געלט פון דער רעגירונג איז שווערער צו האַלטן אין קעשענע. די „טאָקענס" זענען אַ סך לייכטער. חוץ דעם, זענען אין אַמעריקע פאַראַן מטבעות פון 1 סענט, 5 סענט, 10 סענט און 25 סענט. קיין מטבע פון 15 סענט איז נישטאָ. וואָלט געווען אַ פּראָבלעם אַריינצוּוואַרפן 15 סענט אין דעם „מיילעכל" פון „סאָבוועי־סטיישאַן". האָבן די קאָמפּאַניעס פון די סובטעס געמאַכט אייגן „געלט": 15־סענטיקע. און זיי האָבן דערפאָלג דערמיט אויף אַזוי פיל, אַז מען נעמט זיי אפילו אָן אין באַר אָדער קאָנפּיטעריע...

רעדנדיק מיט אַלטערן וועגן די „טאָקענס", וויזט ער מיר, אַז אין זיין בייעם אַנצוג, האָט דער שניידער אַריינגענייט אין קעשענע אַ קליין קעשענקעלע אויף צו האַלטן אָט די בלעכעלעך. בין איך נישט פויל, נעם אַרויס מיינע אַנצוגן פון דער שאַפע און וויז אים, אַז אין אַלע רעקלעך האָב איך אַזעלכע קעשענקעלעך, וואָס מיינע ליבע שניידער איסאַק קופּערמאַן אָדער נאָום פּעקאַר נייען שטענדיק אַריין אין די קעשענעס. הייסט עס, אַז ביי אונדז, אין אַרגענטינע, איז דאָס שוין אַן אַלטער מינהג — כאָטש מיר האָבן נישט קיין „טאָקענס".

בלייבט אַלטער אומצופרידן! ס'הייסט: — „זיין" אַמעריקע איז געווען „היב־טערשטעליק" קעגן אונדזער אַרגענטינע. טרייסט איך אים אָבער, אַז דערפאַר איז זיין אַמעריקע אַזוי פאַרגעשריטן מיט די „טאָקענס" און נישט ווי ביי אונדז, וווּ מען דאַרף שטענדיק זיך אַרומטראָגן מיט שווערע מטבעות אין קעשענע...

בלייבט ער צופרידן: זיין אַמעריקע איז פּאָרט פּראַקטישער!...

פאַרשטייט זיך, אַז מיט אָט די „טאָקענס" קומען אויך פּאָר קוריאָזיטעטן. ספּעציעל, אָבער, זענען שוין אויך דאָ „פאַלשע טאָקענס", וועלכע מאַכן אָן צרות. מילא, ווען זיי ווילן זיי אַריינוואַרפן אין „מיילעכל" פון דער מאַשין ביים סטיישאָן און זיי גייען נישט, כאַפּט מען זיך אַז זיי זענען פאַלש. ערגער איז, ווען מען צאָלט מיט אָט דעם „פאַלשן געלט" ערגעץ אינדרויסן. דאָרט קען מען זיי נישט פּרווון און מען האָט גאָר קיין צייט נישט זיך אומצוקוקן אויף זיי. נו, זענען טאַקע פאַלשע „טאָקענס" — אויך אַ מטבע.

ביים צווייטן מאָל ווען איך וועל זיין אין אַמעריקע, פאַרזיכערט מיך מיין פריינט סמיט, וועט אויף יעדער „טאָקען" זיין עפּעס אַן אַנאָנס פון אַ קאָמפּאַניע וואָס רעקלאַמירט שמעקנדיקן זייף אָדער אַ צוויט געשעפט וועט אויפן „טאָקען" אַנאָנסירן טעלעוויזשאָן־אַפּאַראַטן אויף אויסצאָלן 50 סענט אַ וואָך.

אַזוי איז אַמעריקע!..

XL

טײערע גאָלדע.

איך האָב ווידער געהאַט אַ „פרייען" טאָג און אים ווידער געווידמעט מײנע ניו־יאָרקער שפּאַצירן. אינדערפרי האָט מיך אָפּגערופן טעלעפאָניש מײן נייער פרײנט האַנס־ווילײאַם סמיט (אַן זשע: אשר־וועלוול בראָנשטײן) און מיך באַשטעלט צו פאַרברענגען הײנט מיט אים. ער האָט הײנט אויך אַ „פרייען" טאָג און ער וועל אים אויסניצן צו זײן מיט מיר עטלעכע שעה און מיך פירן אָנקוקן ניו־יאָרק. ווײזט אויס, אַז איך בין אים אַרײנגעפאַלן אין חן אַרײן... איך האָב אים געשאָנקען מײנע 2 ביכער „טעפּליק", האָט ער זײ איבערגעלײענט אין 2 טעג...

אַרום צען אינדערפרי זענען מיר שוין געווען צוזאַמען. ער האָט מיך אָפּגעוואַרט מיט זײן „קאַר" אויף „יוניאַן סקווער". אַמאָל האָט מען אַט־דעם פאַרק גערופן דער „רויטער סקווער". דאָ פלעגן אַממײנסטן האַבן זײערע מיטינגען די סאָציאַליסטן, די קאָמוניסטן און אפילו דאָס ביסל אַנאַרכיסטן וואָס ניו־יאָרק האָט פאַרמאָגט.

דער סקווער, אַן און פאַר זיך, איז זײער אַ גרויסער. איך בין דאָ אָפט. איך האָב דאָ אַ פרײנט, פרידמאַן הײסט ער, בײ וועמען איך האָב אײנגעהאַנדלט מײנע שרײב־מאַשינקעס. ער אַלײן איז אַ מעכאַניק פון זײ און ער אַרבעט מיט דער יאַרמעלקע אויפן קאָפּ. פונדעסטוועגן האָט ער מיך... צוויי מאָל אָפּגענאַרט. ווײזט אויס, אַז יאַרמעלקע מיט מיסחר זענען צוויי באַזונדערע זאַכן...

איך האָב ליב דורכצוגײן אַט דעם „יוניאַן"־סקווער אין די „לאָונטש"־שעהן, צווישן 12 און 2 בײטאָג. איך טרעף שטענדיק אויף די בענק זיצן אַרבעטער און באַאַמטע פון די נאָענטע גרויסע געשעפטן (ווי פון ס. קלײן), און זײ „כאַפּן" דאָרט אַרײן זײער מיטיק. דער פראַסט איז גרויס. ווען איך טו אויס די הענטשקעס, הײבן מיר אָן צו פרירן די פינגער. און זײ, — די גליקלעכע אַמעריקאַנער אַרבעטער ,זיצן און עסן אין דרויסן זײער מיטיק!

דו מעגסט פון מיר לאַכן, גאָלדע, דאָס איז דערוויל מײן אײנציקע נקמה אין די גליקלעכע און באַקוועמע אַמעריקאַנער אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. מען וואָלט געדאַרפט אונדזערן אַן אַרבעטער פון דער „גרימאַלדי"־פאַבריק, הײסן גײן „אָפּכאַפּן" זײן מיטיק אין 30 מינוט און ער זאָל עס דאַרפן טון אויף דער פלאַסע אָנסע, ערגעץ אויף אַ באַנק — וואָלט אויפן צווייטן טאָג געווען אַ שטרײק...

אַלזאָ, אַרויסגײענדיק פון „סאָבוועי", נעבן דער באַנק — ווי מיר האָבן אָפּגערעדט — האָב איך זיך אַרײנגעזעצט אין אַ שײנעם קאַדיזשאַק פון 55סטן יאָר

(ווי קען דען אַנדערש זיין?), און מיין באַגלייטער האָט מיר אויסגעזאָגט וווהין מיר פאָרן. כ'דאַרף זיך ניט שרעקן. מיר פאָרן צו דער „אינפאָרמיישאָן"־ביוראָ פון דער... „אַראַבישער ליגע". מיר וועלן אינעווייניק, אין אָפיס פון ביוראָ־צענטער, טאַקע נישט אַריינגיין, אָבער אין אַ נאָענטער קאַפעטעריע פון פאַרק־עוועניו וועט ער זיך טרעפן מיט איינעם פון די אַראַבישע באַאַמטע פון דער אַראַבישער דעלעגאַציע ביי דער „און". ער איז זיינער אַ פריינט. ער איז נישט קיין שונא ישראל...

דער „אינפאָרמאַציע־צענטער" פון דער „אַראַבישער ליגע" געפינט זיך אין נומער 445 פון פאַרק־עוועניו. דער „צענטער" זעלבסט איז געשאַפן געוואָרן פון דער „ליגע" כדי צו מאַכן פראָפּאַגאַנדע פאַר די אַראַבער און קעגן־פראָפּאַגאַנדע פאַר ישראל. דער פירער פון „צענטער" איז דער געוועזענער עגיפּטישער אַמבאַסאַדאָר אין אַמעריקע, און ער איז דער גרעסטער רשע פון אַלע רשעים פון דער „אַראַבישער ליגע" און פאַרנעמט דאָ געבעלסעס — ימח־שמו — פּלאַץ.

לעצטנס האָט דער דאָזיקער „צענטער" גענומען ווערן שטאַרק אַקטיוו אויפן אַנטיסעמיטישן און אַנטי־ישראל־געביט. די „ליגע" — ס'הייסט דער „צענטער" — דרוקט פראָפּאַגאַנדע און בראָשורן אין צענדליקער שפּראַכן און צעשיקט זיי אין צענדליקער לענדער פון דער וועלט. ווו זיי נעמען אַזוי פיל געלט? — פאַראַן אייגענע מיליאָנערן פון אַראַבישן אָפּשטאַם און פאַראַן אַמעריקאַנער גבירים וואָס באַטייליקן זיך: „פריינט פון נאָענטן מזרח". אָט די דאָזיקע „פריינט" זענען דער גרעסטער פּלאָג פאַר די אינטערעסן פון ישראל. די דאָזיקע „פריינט" שרייען ביז הייזעריק צו ווערן, אַז זיי מיינען אויך די טובה פון ישראל, אַז זיי זענען „נייטראַל", אַז זיי ווילן בלויז דער נאָענטער מזרח זאָל „פּראָגרעסירן". דאָס איינציקע וואָס זיי גלויבן איז, אַז דער נאָענטער מזרח וואָלט אויפגעריכט געוואָרן ווען... די ייִדן זאָלן אָפּגעבן די אַראַבער דעם נגב, דעם גליל, ירושלים און נאָך אַ פּאָר ערטער, און — פאַרשטייט זיך — מען זאָל אַריינלאָזן קיין ישראל דעם מיליאָן אַראַבער, מיט נאָך אַ מיליאָן, וועלכן זיי וועלן שיקן פון זייערע לענדער...

אָט דאָס איז, מער־ווייניקער, דער „פּראָגראַם" פון די „פריינט פון נאָענטן מזרח" און אונטער זייערע פליגעלעס אַרבעט די „אינפאָרמאַציע־ביוראָ" פון דער אַראַבישער ליגע אין ניו־יאָרק.

ווען מיר זענען צוגעקומען צו דער „קאַפעטעריע", האָט מיסטער סמיט געגעבן עטלעכע פייף פון זיין אויטאָ. עס איז פון דאָרט אַרויסגעקומען אַ פיין־געקליידעטער הער — אַ טיפּישער מצרי — און האָט זיך גלייך אַריינגעזעצט אין דער הינטערשטער טייל פונעם אויטאָ, און אָן אַ וואָרט אויסרעדן זענען מיר אָפּגעפאָרן פון דאָרט אין דער ריכטונג קיין ברוקלין.

איבערפאָרנדיק די בריק, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ צווייטער קאַפע־

טעריע. דאָרט, ערשט, האָבן מיר זיך אַלע דריי אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל און מיין באַגלייטער האָט מיך באַקענט מיטן אָנשטענדיקן אַראַבער.

דאָס פּאָרל האָט די גאַנצע צייט גערעדט ענגליש. דער אַראַבער איז געווען שטאַרק ערנסט. מיין מיסטער סמיט — נאָך ערנסטער. איך האָב בלויז פאַרשטאַנען אַז אין די נאָענטע טעג פאָרט אָפּ דער אַראַבער צו זיין געבורטס־לאַנד.

פּלוצים דרייט זיך אויס דער אַראַבער צו מיר און אין אַ שיינעם קלינגענ־דיקן העברעיִש פרעגט ער מיך:

— נו, ווי געפעלט דיר אַמעריקע? דוכט זיך, אַז דו ביסט אויך געווען אין ישראל; ווי געפעלט דיר ישראל?..

איך געבליבן זיצן אָן לשון. ווען איך בין געקומען צו זיך, האָב איך זיך שוין צערעדט מיט מיין נייעם „פריינט", דעם לבנונדיקן אַראַבער. ער רעדט פּערפעקט עברית. ער האָט געלעבט אין ישראל עטלעכע יאָר — ביז דער באַפרייאונגס־מילחמה. ער רעדט אויך אַ פּערפעקטן רוסיש. אַלס קינד האָט זיין פאָטער זיך אַרויסגעצויגן קיין אָדעס און איז דאָרט געווען ביז דער רוסישער רעוואָלוציע. ער האָט געלעבט אין אדעס אין די זעלבע יאָרן וואָס איך און האָט געוווינט אויף קאַנאַטנע 4 — דאָס הייסט צוויי קוואַרטאַלן פון מיר. שיעור, שיעור, קער איך זיך אָן קרובים מיט אים.

מיר שמועסן אויף רוסיש, ווייל פריינט סמיט קאָן נישט קיין העברעיִש. איך באַקום, צו־ביסלעך, צוטרוי צו אונדזער אַראַבער. ווייזט אויס, אַז ער איז נאָך נישט פאַרסמט. ער פאַרזיכערט מיר, אַז זיין גאַנץ פאָטערלאַנד — לבנון, — איז נישט אַנטי־ישראליש. מען האָט אויף זיי אַרויפגעצויגן דעם קאַמף מיט ישראל. ער איז שטאַרק אָפּטימיסטיש וועגן דער לאַגע צווישן די אַראַבער מיט ישראל. טאַקע ווייל איך זיך מיט זיין אינטימען פריינט סמיט, האָט ער צו מיר צוטרוי און ער דערציילט מיר, אַז די קנאה און שנאה צווישן די אַראַבער צו זייער „עלטסטער שוועסטער" — די עגיפּטער — איז גרעסער ווי זייער קנאה און שנאה צו ישראל. מען האָט קיין מורא נישט, אַז ישראל זאָלן וועלן איינשלינגען אָדער ווערן גרויס אויפן חשבון פון אַן אַראַביש לאַנד. מען האָט, אָבער, יאָ מורא, אַז ווען עגיפּטן וועט ווערן גרויס און שטאַרק וועט זי וועלן איינשלינגען זיי, — די קלענערע שוועסטערס פון דער „ליגע". ער פאַרזיכערט מיר אויך, אַז ווען עס זאָל אויס־ברעכן אַ מילחמה צווישן עגיפּטן מיט ישראל, וועלן די אַראַבער פון די איבעריקע לענדער (מיטן אויסנאַם פון סיריע) זיך נישט שלאָגן ווי געהעריק און נישט איין עגיפּטישער סאָלדאַט וועט פאַלן פון די אייגענע אַראַבישע קוילן. דער גרעסטער אומגליק וואָלט געווען פאַר אַלע אַראַבישע לענדער, ווען עגיפּטן באַזיגט ישראל. מיר וואָלטן אַלע געוואָרן שקלאַפן ביי די מיצרים, ווי איר — צוריק מיט טויזנ־

טער יאָרן. די עגיפּטער ווייסן עס זייער גוט, און דאָס איז איינער פון די מאָטיוון וואָס זיי אַטאַקירן נישט ישראל. אויך אין פאַריקן קריג זענען אַ סך עגיפּטער דער־שאָסן געוואָרן אין די פּלייצעס פון זייערע „בירדער" פון דער „אַראַבישער ליגע"־מלוכות...

— צי ווייסט ער נישט, צי עס איז אמת, אַז אין די אַראַבישע אַרמייען זענען איצט דאָ אָפיצירן און טעכניקער פון אַנדערע פעלקער וועלכע זענען פיינטלעך צו יידן?

— אין די „אַראַבישע אַרמייען"? בלויז אין עגיפּטן זענען פאַראַן אָפיצירן פון דייטשלאַנד, עסטרייך און... רוסלאַנד. די אָפיצירן פון מזרח־דייטשלאַנד און עסטרייך, זענען אַלע נאַציס און געוועזענע ס"ס־לייט. די אָפיצירן פון רוס־לאַנד זענען כשרע קאָמוניסטן — אפשר נישט קיין שונאי־ישראל — נאָר זיי זענען געקומען כלומרשט „פּריוואַליק" צו העלפן דער עגיפּטישער אַרמיי. דורך זיי — שטעלט אַריין דער קרעמל זיין פיס אין נאָענטן מזרח.

פאַראַן אויך פרעמדע אָפיצירן אין דער ירדנישער אַרמיי — די אָפיצירן זענען ענגלענדער. זייער ציל איז: העלפן שעדיקן ישראל ווי ווייט מעגלעך, אַפילו ביז אומברענגען דאָס לאַנד, כדי ענגלאַנד זאָל קאָנען זיך צוריק־אומקערן אַהין. מען האָט די ענגלענדער אַרויסגעטריבן פון דעם סועץ־קאַנאַל און מען וועט זיי זיכער אַרויסטרייבן פון סודאַן און ציפּערן — וואָלטן זיי געוואָלט האָבן דעם נגב. ווי אַזוי זשע קאָנען זיי דאָס דערגרייכן? זיי וועלן פאַרביטערן דאָס לעבן פון די ישראלים, זיי וועלן העלפן דעם „אַראַבישן לעגיאָן" אָנטון צרות די ירושלימער יידן, אפשר וועלן די ישראלים מסכים זיין, אַז די ענגלענדער זאָלן „אָפּדינגען" דעם נגב אויף אַ 20 אָדער 30 יאָר. און, אַבי זיי וועלן נאָר אַריין מיט אַ פיס אַהער — וועלן זיי שוין נישט אַרויס.

— צי גלויבט איר, אַז עס קאָן אויסברעכן אַ מלחמה מיט ישראל?

— די אַראַבער וועלן די מלחמה נישט אָנהייבן. עגיפּטן — אויך נישט! די מיצרים ווילן אַרויסברענגען די ישראלים פון געדולד, כדי די יידן זאָלן אָנהויבן אַ גרויסע מיליטערישע אַקציע וועלכע די עגיפּטער וועלן אַ נאָמען־געבן „מלחמה" — און וועלן קאָנען מאַכן אַ רוף צו דער אַראַבער און אַזיאַטישער וועלט, בעטנדיק שטיצע קעגן די ישראלים. אַ חוץ עגיפּטן, וועט קיין שום אַראַביש לאַנד נישט אָנהייבן קיין גרויסע מיליטערישע אַקציע קעגן ישראל. ערשט איצט וועלן די ישראלים דאַרפן דערווייזן אַז זיי קאָנען האָבן געדולד און זיך נישט לאָזן פּראָ־וואָצירן צו קיין מלחמה.

— וואָס־זשע וועט זיין אין עטלעכע יאָר אַרום, ווען עגיפּטן וועט שוין זיין

געגוג שטאַרק, אַז זי זאָל נישט דאַרפן וואַרטן אויף דער הילף פון אירע „שוועס־טער״ פון דער אַראַבישער ליגע?

— עגיפּטן וועט קיינמאָל נישט זיין שטאַרק, אַפילו ווען זי וועט קריגן אַ סך געווער. דאָס לאַנד און דאָס פאָלק איז צעפרעסן אינעווייניק. נאַסער זיצט אויף הייסע קוילן. אין אַ שיינעם טאָג וועט דאָס פאָלק מיד ווערן פון אים, ווייל, אייגנטלעך, האָט ער דעם פאָלק גאָרנישט געגעבן. עס איז איצטער ערגער די עגיפּטער ווי אין דער צייט פון פאַרוקן. די פּאָליטישע פּאַרטייען אַרבעטן שטאַרק אין אונטערגרונד. די „מוסולמענער־ברידער״ זענען די בלוט־שונאים פון נאַסערן און זיין קליקע. אין אַ טאָג וועט עס אויפרייסן. דעם בעסטן סימן האָט איר: אין זיין אייגן לאַנד ווו ער איז הערשער און זיין שטאַט ווו ער האָט אַזוי פיל אייגענע פּאָליציי און מיליטער, וואַגט ער נישט זיך צו ווייזן אין דער עפנטלעכקייט. ער טרעט נישט אויף אויף קיין שום אַקטן און אַז ער רעדט שוין ערגעץ — איז ער פאַרשטעלט מיט אַ גלאָז וואָס איז געשיצט קעגן אַ קויל וואָס קאָן עס נישט דורכשלאָגן! ער ווייסט, אַז אין אַ ליאַדע מינוט קאָן פליען צו אים אַ קויל פון זיינע „געטרייע״ נאָכפאָלגער. און וויפיל אַטענטאַטן האָט מען שוין אויף אים גע־מאַכט וואָס די צייטונגען האָבן וועגן דעם נישט געטאָרט מעלדן? ערשט צוריק מיט צוויי וואָכן איז ער דורך אַ נס, ניצול געוואָרן פון טויט.

איך שטעל אים אַ קוריאָזע פראַגע:

— ווען די ישראל־רעגירונג קומט צו אייך און פרעגט אייך אַן עצה: וואָס טוט מען, כדי סוף־כל־סוף קומען צו אַ שלום מיט ישראל? וואָס וואָלט איר גע־ענטפערט?

— גאָרנישט! גאָרנישט טון! וואָס וויניקער די ישראל־רעגירונג וועט שרייען שלום און שלום, אַלץ געזונטער וועט זיין פאַר איר! ישראל דאַרף נישט רעדן אַז זי וויל מילחמה, — און מיר אַלע ווייסן דעם אמת, אַז ישראל וויל נישט קיין מילחמה. זי דאַרף אויך נישט שרייען אַז זי וויל שלום, אַז זי בעט שלום, אַז זי חלשט וועגן שלום. מען דאַרף קאָנען דעם אַראַבער, זיין נשמה און זיין פאַנטאַזיע! ער, אַז ער דערהערט, אַז מען בעט אים שלום, וועט ער שטעלן אַזעלכע קאָנדיציעס, אַז עס וועט פאַרגיין דער חשק צו מאַכן שלום מיט אים. כדי דער אַראַבער זאָל מסכים זיין אויף אַ שלום, דאַרף ער וויסן, אַז ישראל איז שטאַרק — שטאַרקער פון אים — און אַז ער וועט נישט מאַכן קיין שלום מיט אים — וועט אים זיין... שלעכט.

— וואָס זאָגן אייערע אַראַבער, — פון די אַנדערע לענדער פון עגיפּטן — דערויף, וואָס עגיפּטן באַקומט אַ סך געווער פון ענגלאַנד, פון אַמעריקע און פון אַנדערע לענדער פון דער וועלט?

— וואָס זאָלן מיר זאָגן? אונדזער איינציקע האָפענונג איז... ישראל! מיר זענען זיכער, אַז ישראל האָט אַזעלכע כלי־זיין וואָס קאָן חרוב מאַכן עגיפּטן אין עטלעכע שעה. מיר האָפן, אַז ווען עס זאָל אויסברעכן א מילחמה, וועט ישראל פריער זוכן צו באַזיגן די מיצרים. דאַן, מיט אונדז, וועט מען תיכף שליסן אַ גערעכטן שלום...

**
*

אונדזער שמועס איז האַסטיק איבערגעהאַקט געוואָרן. דער אַראַבישער פּאַר־שטייער, איינער פון די נאָענטע צו די אַראַבישע דעלעגאַציעס אין דער „און״, איינער פון די „טוער״ אין דער אַראַבישער ליגע און איינער פון די שעפער פון „פריינט פון מיטעלן מיזרח״ האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן, קוים, קוים, זיך גע־זעגנט און איז אַוועק פון אונדז. מיסטער סמיט דערקלערט מיר, אַז עס איז אַריינגעקומען אין דער קאָפעטעריע איינער פון די אַראַבישע דעלעגאַטן צו דער „און״, האָט אונדזער אַראַבער נישט געוואָלט זיך טרעפן מיט אים און האָט נישט געוואָלט אַז ער זאָל זעען אַז ער זיצט מיט אונדז. ער דאַרף זיך היטן. מען האָט שוין אויף אים אַ חשד אַז ער איז נישט לאָיאַל... ער איז אַ פריינט, אַן אמתער פריינט פון די ייִדן און פון ישראל. זיינע אינפאָרמעס קומען גוט צונוץ... אַ שאָד וואָס ער פאַרלאָזט זיין פּאָסטן און פאָרט אָפּ אַהיים. ער איז קראַנק און זיינע יאָרן און חדשים זענען געציילטע... ער ווייסט עס!...

**
*

עס איז פינף אַזייגער בייטאָג. דער פראָסט שניידט דאָס פּנים. איך האָב געבעטן דעם פריינט סמיט, ער זאָל מיך אָפּלאָזן אויף דער זיבעטער עוועניו. איך וויל אַביסל שפּאַצירן איבער אָט דער „מלוכה״ פון... שניידער־קאָנפעקציאָן.

פאַראַן אין אַמעריקע געגענטן ווו יעדער „פּאַך״ האָט זיך זיין פּלאַץ דאָרט. אָט, למשל, אין אַ טייל פון קאַנאַל־סטריט, פון די הונדערטער ביז אין די פיר־הונדערטער „הערשן״ די גאָלד־ און „בריליאַנטן״־הענדלער. דאָרטן זענען אַלע פענצטער פול מיט בלישטשענדע „בריליאַנטן״ און עס שטייט אויף זיי א היפשער פרייז. אָט האָב איך געזען אין אַ שוי־פענצטער פון נומער 263 פון קאַנאַל־סטריט, אַ האַלדז־באַנד מיט אוירינגלעך, מיט אַ בראַסלעט, אַז עס כאַפּט אַזש אָן אַ חשק אים צו קויפן. דער פרייז פון אָט דער „כּוגאַ״ — שטייט אַ צעטעלע — איז 37 דאָלאַר מיט 50 סענט. אָבער, דאַרפסט זיך נישט דערשרעקן וואָס אָט די פאַנטאַזיע קאָסט אַזוי טייער. דו וועסט אַריינגיין אַהין און אים פאַרלייגן בלויז די... זיבן דאָלאַר — אָן די דרייסיק — וועט ער אויך נעמען און אַז דו וועסט זיך איינשפּאַרן

און דווקא וועלן געבן בלויז פינף דאָלאַר — וועט ער דיך אויך נישט אַרויסלאָזן!... טאַקע, מיט מיר, האָט אַזוי פּאַסירט...

אַלזאָ, ווען איך בין נאָך געווען אין אַרגענטינע, ערב מיין פאָרן, האָט מיך מיין פריינט בערנאַרדאָ זעליקאָוויטש, וואָס האָט אַ קאָפעקציאָן־געשעפט פון פרויען־קליידער, געבעטן, איך זאָל זיך אינטערעסירן ווי האַלט עס מיט דער דאָזיקער „בראַנזשע" אין דאָלאַר־לאַנד?

דאַרפסט וויסן, גאָלדע, אַז 90 פּראָצענט פון אַמעריקאַנער מענטשן, טראָגן בלויז קאָנפעקציאָן. סיי מענער, סיי פרויען, נייען זיך נישט קיין קליידער ביי קיין שניידער. עס וואָלט אויסגעטראָגן צו־טייער, און... ווער האָט צייט צו גיין קויפן סחורה, גיין זוכן אַ שניידער אָדער מאָדיסטקע און דערנאָך גיין מעסטן 2 מאָל? סיידן די גאָר רייכע דאַמען. דאָ, איז אַלעס האַרי־אָפּ. מען גייט אַריין אין געשעפט, איז דאָרט פאַראַן אַלע קלאַסן סחורות, אַלע מאָסן, — אַז מען דאַרף אפילו נישט צערעכט־מאַכן. מען טוט אָן און מען גייט אַרויס מיטן נייעם אַנצוג אָדער קלייד.

די „זיבעטע עוועניו" איז דער הויפּט־צענטער פון פרויען־קליידער. פּונקט ווי „וואָל־סטריט" הייסט: געלט, בענק, ווערט־פּאַפּירן און ספּעקולאַציעס, פּונקט ווי בראָדוויי מיינט: טעאַטער און קינאָ, נאַכט־קלובן און גרויסע דעפּאַרטאַמענטן־קלייטן, אַזוי איז דאָס וואָרט „זיבעטע עוועניו" פאַרצייכנט אַלס: „קעניגרייך פון פרויען־קליידער". דאָ ווערן געשאַפן די מאָדעס. דאָ זיצן די בעסטע צושניידערס וואָס מען „אימפּאָרטירט" פון פּאַריז און פון אַנדערע טיילן פון דער וועלט און דאָ זיצן די קליידער־מאַגנאַטן און מען מאַכט קאָמבינאַציעס, וואָס מען דאַרף צו־גרייטן פאַרן „סעזאָן".

און אַזוי ווי אַמעריקע לעבט אויף סטאַטיסטיק, איז אויך דאָ אַ סטאַטיסטיק וועגן אָט דער אינדוסטריע. למשל:

200 טויזנט אַרבעטער, אַרבעטן דאָ ביי אָט דעם פאַך און עס ווערט געמאַכט געשעפט אויף פינף ביליאָן דאָלאַר אַ יאָר. די דאָזיקע 20 טויזנט אַרבעטער רעדן אויף צענדליקער שפּראַכן און קומען פון צענדליקער לענדער. אין דער „יוניע" זענען אַלע „ברידער" און זענען גרייט צו גיין ביזן בלוט אַריין איינער פאַרן אַנדערן.

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז די באַשרייבונג פון דעם באַוווסטן יידישן שרייבער מ. ד. צעדער, וועלכער „באַזינגט" פּאָעטיש אָט די „7טע עוועניו" און איר אינדוסטריע:

„די אויגן פון אַלע פרויען זענען שטענדיק געווענדט צו דער 7טער עוועניו, דאָס אָרעמע נעגער־מיידל פון האַרלעם און די רייכע דאַמע פון פּאַרק־עוועניו וואַרטן מיט אומגעדולד אויף דעם לעצטן וואָרט פון דער 7טער עוועניו — מיט

וואָס וועלן די קליידער־מייסטער אַרויסקומען דעם קומענדיקן ווינטער, פרילינג, זומער און האַרבסט״.

די אַלע אינדוסטריעס פון פרויען־קליידער, געפינען זיך, נישט בלויז אויף דער זיבעטער עוועניו אַליין, — נאָר אין דער גאַנצער געגנט, וואָס נעמט אַרום אַ שטח פון עטלעכע גאַסן מיט הונדערטער טויזנטער איינוווינער אַרום זיי. דאָ טרעפט מען אויך צענדליקער קליינע „עס־געשעפטעלעך״ ווי אונדזער „קאַפּעטין אַל פּאַסאָ״, וווּהין די אַרבעטער, די אַנגעשטעלטע און די מענעדזשערס מיט די „באָסס״ (בעלי־הבתים) כאַפּן זיך אַריין אויף לאָנטש אָדער אַ „ביס״. דאָ, האָט מען קיין צייט נישט. דאָ, קאָן מען נישט פאַרלירן קיין מינוט. ס'איז „סיזאָן״. דאָס גאַנצע יאָר איז דאָ „סיזאָן״: פרילינג־סיזאָן, זומער־סיזאָן, האַרבסט־סיזאָן און ווינטער־סיזאָן. פאַראַן נאָך „איין סיזאָן״, אין ענגליש הייסט ער: „סלעק״, ס'הייסט אָן אַרבעט. דאָס איז דער ערגסטער „סיזאָן״ פון יאָר. און פריינט צעדער „באַזינגט״ ווייטער די „7טע עוועניו״:

„די „7טע עוועניו־מלוכה״ איז אויך באַקאַנט אונטער אַן אַנדער פּאָפּולערן נאָמען: דער גאַרמענט־סענטער. פיר טויזנט קליידער־פאַבריקן און קלענערע טאַ־זשערן זענען קאָנצענטרירט אויף דעם קליינעם שטיקל פּלאַץ. פיר טויזנט פאַברי־קאַנטן זיצן אין פיר טויזנט אָפיסינעס און טראַכטן יעדן טאָג וועגן אַ נייעם אויפן מיט וואָס נעמט מען איצט די פרויען און די מיידלעך פון אַמעריקע, אַז זיי זאָלן דאַרפן און וועלן קויפן אַ ניי קלייד, אַן אַנדער מאַנטל פאַרן קומענדיקן סעזאָן? וואָס טוט מען און וואָס טראַכט מען אויס, אַז די באַלעבאַטים פון די געשעפטן און די איינקויף־אַגענטן פון גאַנץ אַמעריקע זאָלן וויל־געפעלן די היי־יאָריקע נייע מוסטערן און מאָדע־פאַסאָנען?

און יעדער איינציקער פאַבריקאַנט, טראַכט, נאַטירלעך, וועגן זיינע אויסאַר־בעטונגען און מוסטערן, וועגן זיינע אויפטועןן און איינפאַלן, וואָס קאָנען אים אי־בערנאַכט „שטעלן אויף די פיס״ אָדער, חלילה, ברענגען צום אָפּגרונט פון באַנ־קראָט. עס ווענדט זיך אין דעם וואָס זיין „מאָדעליסט״, דער פאַסאָן־קינסטלער, האָט אויסגעטראַכט און אַרויסגעבראַכט. געלינגט עס אים צו באַשאַפן אַ נייעם קלייד־מוסטער, אַ נייעם מאַנטל און אַן אָריגינעלע קאָליר־קאָמבינאַציע — איז דער קליידער־פאַבריקאַנט אַ „געמאַכטער מענטש״. טאָמער, אָבער, נעמען די קונים קרימען מיט די נעז, איז ביטער ווי די גאַל. פאַר אַ גוטן מאָדעליסט שלאָגט מען זיך, מען דינגט אים אויס ביי אַנדערע, מען צאָלט אים די גרעסטע לוינען. פאַראַן „מאָדעליסטן״ וואָס פאַרדינען ביז 75 טויזנט דאָלער אַ יאָר״.

די „יוניע״ פון אָט די שניידערינס־אַרבעטער איז די באַרימטע „אינטערנע־שאָנעל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניע״ און ווערט אָנגעפירט פון דעם באַרימטן

יידישן אַרבעטער־פירער דוד דובינסקי. און די יידישע, רוסישע, פּוילישע, אוקראַי־נישע, איטאַליענישע, שפּאַנישע, טשעכישע, יאַפּאַנישע, כינעזישע און אַנדערע אַרבעטער וואָס זענען פאַרנומען אין די טאַזשערן פון אַט־דער אינדוסטריע — וואָלט פאַר אים קיין טאָפּ באַרשט נישט אָוועקגעגעבן, זיינס אַ וואָרט איז גענוג אַז די 200 טויזנט אַרבעטער זאָלן מאָרגן אָפּשטעלן די אַרבעט. אָבער, לויט אַ סטאַ־טיסטיק, איז זינט 1933, דאָס הייסט, פאַר די לעצטע 20 יאָר, נישט פאָרגעקומען קיין שום ערנסטער שטרייק אין אַט דעם פאַך. דאָס איז צו פאַרדאַנקען דער קלוגער פירערשאַפט פון די יוניע־פירער בכלל און פון זייער ליבלינג, דוד דובינסקי, בפרט.

פאַר וועמען אַרבעט די 7טע עוועניו? ווער זענען אירע הויפּט־קונים? מ. צעדער באַצייכנט עס: „מיטן פּנים צום פאָלק". די גרעסטע טייל קאָנפעקציאָן, איז דאָרט פאַר די ברייטע פאָלקס־מאַסן.

„אַלע פאַבריקאַנטן פון דער פרויען־קליידער־אינדוסטריע — האָבן אין זינען, אין דער ערשטער רייע, צו באַפרידיקן די פאַרלאַנגען פון די ברייטע מאַסן פרויען און מיידלעך. מען טראַכט דאָרט צוממייסטן וועגן די קליענטקעס פון די ברייטע מאַסן פרויען און מיידלעך. מען טראַכט דאָרט צוממייסטן וועגן די קונים פון קליידער פאַר 25 דאָלאַר און ווייניקער. וואָרום זיי, די מאַסן, ברענגען די מיליאָנען אין די אָלערליי געשעפטן. די רייכע דאַמע פון פּאַרק-עוועניו, אָדער פון אַנדערע רייכע געגנטן אין פאַרשידענע שטעט, לאָזט זיך נייען אירע קליידער ביי פּריוואַטע שניידערינס, אין די גרויסע מאָדע־סאַלאָנען. אָבער די מיידלעך, וואָס קומען מיט די געציילטע דאָלאַרס אין די הענט — זיי זענען די הויפּט־אָפּנעמערינס פון דער פּראָדוקציע.

און גראָד דאָס „ביליקע קלייד" מוז געמאַכט ווערן שיין און עלעגאַנט און מיט געשמאַק. אָט פאַר זיי, פאַר די אָפיס־מיידלעך און פאַר די פרויען וואָס זענען אַליין אַרבעטערינס, אַרבעטן עס אַזוי אָנגעשטרענגט די „מוח־לאַבאָראַטאָריעס" פון דער 7טער עוועניו. מען טראַכט און מען רעכנט־אויס, אַז די אויסגעאַרבעטע מאַנטלען זאָלן זיין וואַרעם און דערביי לייכט, שיין און ביליק, פּראַקטיש און עלעגאַנט. און דאָס קלײדל זאָל זיין קאָלירפול און באַשיידן, זאָל נישט פאַרלירן די פרישקייט אין „טראָגן" און זאָל נישט אַרויס פון פאַסאָן.

די רייכע דאַמע קומט־אַריין אין אַ שניידער־סאַלאָן, קוקט אַריין אין אַ מאָדע־זשורנאַל, קלייבט זיך אויס וואָס איר געפעלט אויפן פּאַפּיר און די מאָדיסטקע נייט עס שוין אויף. אָבער די פרויען און מיידלעך פון מיטלקלאַס אָדער אַרבעטאָ־רינס און אָנגעשטעלטע קומען אין „דעפּאַרטאַמענט־סטאָר" און טוען־אָן צענדליקער קליידער און מאַנטלען, זיי קוקן אין די שפּיגלען, זיי ברענגען מיט „מבינים" —

פריינדינס, שוועסטערס, אַפילו די מאַמעס און אַלע גיבן עצות, יעדער באַטאַפּט און ציט פון אַלע זייטן. אַט־די קליענטקעס צו פאַנגען, צו באַפרידיקן זייערע פאַ־דערונגען און מאַכן זיי צו קויפן און באַצאָלן — איז אַ קונסט, אַ גרויסע אַרטיס־טישע פעעיקייט! און די קונסט ווערט געשאַפן אויף דער 7טער עוועניו פון ניו־יאָרק".

שפּאַצירנדיק איבער דער 7טער עוועניו קוועלט גלאַט דאָס האַרץ, ווייסנדיק, אַז דער גרעסטער טייל פון די בעלי־הבתים, פון די אַנגעשטעלטע און אַרבעטער זענען געוועזענע ידישע אימיגראַנטן, וואָס האָבן מיט זייער שוויס, מי, אַרבעט און אינטעליגענץ אויפגעשטעלט אַט דאָס ריזיקע „פאַך" און אינדוסטריע וועלכע דערמעגלעכט הונדערטער טויזנטער מענטשן צו מאַכן אַ לעבן — און אַנדערע מאַכן דערביי — אַ שיין לעבן!

דער פראָסט שניידט זיך אַריין אין פּנים אַריין, אָבער אין אַלע אברים איז וואַרעם. דו שפּאַצירסט אַרום אין אַ „מלוכה", ווו אחינו בני ישראל זענען דאָ די הערשער און ברויט־געבער פאַר מיליאָנען מיילער.

***

עס איז קאַלט. איך בין געקומען קיין אַמעריקע אין די בעסטע פרעסט. איך בין שוין געווען אָפּגעוווינט פון דער קעלט, אָבער איך האָב אויסגעפונען אַ ניי „מיטל" צו דערוואַרעמען זיך. איך האַלט אין איין רויכערן. איך רויכער נישט אויס אין דער היים אין אַ וואָך, וואָס איך רויכער אויס דאָ אין אַ טאָג. זאָל עס זיין, אַז עס איז פאַר נערוועזיטעט אָדער פאַר... בענקשאַפט, אָדער טאַקע — כדי זיך „אָנוואַרעמען" אַביסל. איי, ס׳טייטש, עפּעס שרייבן דאָך די בלעטער דאָ, אַז פון רויכערן קאָן מען לייכטער באַקומען אַ קאַנסער (דאָ זאָגן זיי: קענסער), איז דער תירוץ: פרעג מונין וואָס פאַרקויפט סיגאַרעטס, פרעג די ספּעציעלע סיגאַ־רעטס־קליינטן, און פרעג די פאַבריקאַנטן פון די סיגאַריזשאָס, וועלן זיי דיר דער־ציילן אַ „סוד", אַז זינט עס איז געוואָרן דער טומל אַרום „סיגאַריזשאָס־קאַנסער", האָבן זיי פאַר סיגאַריזשאָס, נישט אָנגעווווירן קיין 5 פּראָצענט פדיון. די זעלבע וואָס קויפן שטענדיק סיגאַרעטס — קויפן אויך איצט! פונקט פאַרקערט: אַן אָפי־ציעלע „סטאַטיסטיק" דערווייזט, אַז דאָס לעצטע יאָר האָט מען פאַרקויפט 600 מיליאָן פּעקלעך סיגאַריזשאָס מער ווי פאַראַיאָר!

— וואָס־זשע הייסט עס? אַמעריקאַנער מענטשן גלויבן נישט זייערע דאָק־טוירים?

זיכער גלויבן זיי יאָ! זיי האַלטן אָבער פון פּסוק — „לעב, כל־זמן עס לעבט זיך!". דאָס ביסל יאָרן וואָס זיי האָבן צו לעבן, — ווילן זיי הנאה האָבן דערפון.

סיידן, ער ווערט שוין טאַקע ערנסט שלאַף און דער דאָקטער זאָגט אים: אָדער די סיגאַריזשאָ אָדער דאָס לעבן! — דאַן, וואַרפט ער שוין אַוועק דאָס רויכערן.

וואָס יאָ: איך שעם זיך דיר אויסצוזאָגן! ווי מאָדערן איך זאָל נישט זיין, קאָן איך אַלץ נישט פאַרטראָגן דאָס רויכערן פון די פרויען! מילא, אַז אַ יונגע פרוי רויכערט אויס 20 סיגאַריזשאָס אַ טאָג — איז אויך אַ סך, אָבער, עס איז צו דערליידן! דו מעגסט אָבער זען, ווי עס רויכערן אַלטע פרויען, באַבעצעס ממש, אַלטע פון די „היימען" און מושב־זקנימס. זיצן און רויכערן. זי איז שוין האַלב־בלינד און זי האַלט קוים די סיגאַריזשאָ אין האַנט — אָבער זי האַלט נאָך אין רויכערן. איז טאַקע קיין חידוש נישט, וואָס אַמעריקע האָט אין פאַריקן יאָר פאַר־נוצט 414 ביליאָן סיגאַריזשאָס. דערהלויפט נאָך, ווען די פאַבריקאַנטן פון די סי־גאַריזשאָס האָבן איצט געשאַפן אַ נייעם סאָרט סיגאַרעט וואָס גייט מיט אַ „פילטער" און וואָס פאַרהיט אַז דער ניקאָטין זאָל נישט צוקומען צו די לונגען. פון דאַן אָן, האָט מען ערשט זיך גענומען צום רויכערן. דו נעמסט אַ צייטונג אין האַנט, דו הערסט די ראַדיאָ אָדער דו זעסט דעם טיילעווישאַן —ספּעציעל אין טעלעוויישאַן— איז אומעטום דאָ די פּראָפּאַגאַנדע פון די טאַבאַק־אינדוסטריאַלן, אַז זייער סי־גאַרעט איז נישט קיין געפאַר, ווייל עס גייט מיט אַ „באַקיזשאָ" פון... 20 טויזנט פילטערלעך. אַזוי זאָגט זיך בפירוש. ווילסט נישט גלויבן — נעם אַ סיגאַרעט און צייל איבער. אָבער — די פילטערס זענען דאָ.

טענה איך מיט מיינע אַמעריקאַנער:

אַ גאַנצע מציאה אייערע „פילטערס"! אַ „נייע" אַנטדעקונג! איז דאָך, ביי אונדז אין רוסלאַנד געווען בלויז סיגאַרעטן מיט פילטערס. מיר האָבן זיי גערופן „מושטוקן" אָדער „גילזן", וועלכע האָבן געהאַט אַ שטיקעלע וואַטע און נישט דורכגעלאָזט דעם רויך...

קומען איצט אַנדערע פאַבריקאַנטן און האָבן אויסגעפונען אַ ניי מיטל קעגן דער געפאַר פון ניקאָטין. זיי פאַבריצירן לאַנגע סיגאַריזשאָס. וואָס דער סיגאַרעט איז לענגער — אַלץ געזונטער איז ער פאַרן רויכערער, ווייל דער רויך ציט זיך לאַנג און ביז ער קומט צו צום מויל און צו די לונגען — פאַרלירט ער זיין שעדלעכע ווירקונג. נו, קויפן איצט די אַמעריקאַנער די נייע, די לאַנגע סיגאַרי־זשאָס און מ'לאָזט דעם רויך! אַזוי ווי די לאַנגע סיגאַרעטס זענען נאָך דערווייל טייער און די 20־טויזנט־פילטערדיקע סיגאַרעטס קאָסטן נאָך טייערער, — רוי־כערן זיי דערווייל די... דינסטן! דער פשוטער עולם רויכערט די „אָרעמע" „טשערטערפילד" און „לוקי־סטרייק".

וויפיל זענען פאַראַן רויכערער אין אַמעריקע? אָ! דאָ לעבט מען מיט סטאַ־טיסטיק! מען ווייסט אַלעס. אָט ווערט דערוויזן, אַז אין אַמעריקע רויכערן 38

מיליאָן מענטשן. מען ווייסט אַפילו, אַז פון די 38 מיליאָן רויכערער זענען פאַראַן 25 מיליאָן מענער און 13 מיליאָן פרויען. מען ווייסט אויך, אַז ווען עס איז געוואָרן דער ערשטער רעש מיטן קענסער אין סיגאַרעט, האָט אַ האַלבער מיליאָן מענער און אַ מיליאָן פרויען אויפגעהערט צו רויכערן (די פרויען האָבן זיך מער דערשראָקן) און אַז איצט, ווען עס זענען אַרויס די סיגעראַטס מיט די פילטערס, האָבן פון די אַנדערטהאַלבן מיליאָן ווידער אָנגעהויבן רויכערן 800 טויזנט פערזאָן...

אַלזאָ, אַ פאַבריק פון טאַבאַק און סיגאַריזשאָס, איז נאָך אַלץ אַ גוט געשעפט אין אַמעריקע, כאָטש... מען הייסט אויפהערן רויכערן. נו! רויכערן אַ סך די לאַנגע סיגאַריזשאָס. איך האַלט נישט פון זיי. איך רויכער די „פשוטע״ טשעסטערפילד!

אָט, מיט אַזאַ סיגאַריזשאָ האָב איך זיך היינט געפּרוווט דערוואַרעמען, ווען איך האָב שפּאַצירט איבער דער זיבעטער־עוועניו און באַטראַכט די וואָלקנקראַצערס. ווו עס אַרבעט יידישער מוח און יידישער כוח.

יאָ, גאָלדע, איך האָב היינט געהאַט אַן אינטערעסאַנטן טאָג. איך בין געקומען נאָכאַמאָל צו דער איבערצייגונג, אַז:

אַמעריקע, — דו ביסט גרויס!

XLI

טייערע גאָלדע,

איך גיי דיר איצט באַשרייבן מיינע שענסטע און אינטערעסאַנטסטע דריי טעג אין אַמעריקע. זיכער איז, אַז בלויז צוליב זיי, האָט זיך מיר געלוינט פאָרן קיין אַמעריקע.

איך בין זיכער איינער פון די גאָר געציילטע יידישע מענטשן פון אַרגענ־טינע בכלל און יידישע שרייבער בפרט, וואָס בין געווען אין וואַשינגטאָן, אַרומ־שפּאַצירט אין „ווייסן הויז", געווען אויף אַ זיצונג פון סענאַט און קאָנגרעס און בכלל אָנגעקוקט יענע שטאָט, יענע מענטשן, יענע פּערזענלעכקייטן וואָס פירן די וועלט־פּאָליטיק, און אין וועמען עס איז געווענדט דער ווילזיין פון דער מענטשהייט.

— וואַשינגטאָן!

— וועלכע שטאָט אויף דער וועלט איז נאָך איצט אַזוי פּאָפּולער? אַזוי פּאָפּולער?

— וועלכע שטאָט אין דער וועלט רופט נאָך אַרויס אַזוי פיל האָפענונג, פרייד, און אָפט, אָפט, ספּעציעל ביי אונדז יידן, — אַנטוישונג און פאַרביטערט־קייט?

ביי די פריינט פון אַמעריקע — און זי האָט זיי זייער אַ סך — איז וואַשינג־טאָן דער סימבאָל פון גערעכטיקייט, פון שוץ און פון לעבנס־עקזיסטענץ, אַלס פאָלק און מלוכה.

ביי די שונאים פון אַמעריקע — און אַזעלכע זענען אויך דאָ אין אַ גרויסער מאָס — איז וואַשינגטאָן דער סינאָנים פון רעאַקציע, פון מאַכט, פון אימפּעריאַ־ליזם און פון... „וואָל־סטריט־אַגענטן".

פאַר אונדז, יידן, איז וואַשינגטאָן שטענדיק דער סימבאָל פון האָפענונג און הילף. נישט וויכטיק צו אין וואַשינגטאָן זיצן אַמאָל גרעסערע אָדער קלענערע פריינט פון יידן, פון יידישן פאָלק און פון ישראל.

פאַר אונדז איז וואַשינגטאָן די הויפּטשטאָט פון דער גרויסער, מעכטיקער אַמעריקע, וואָס האָט אַזוי ברייטהאַרציק אויפגעעפנט די טויערן פאַר יידישער אימיגראַציע, בעת מען האָט אין רוסלאַנד געמאַכט פּאָגראָמען און זיי געטריבן פון די שטעט און דערפער.

פאַר אונדז, יידן, איז וואַשינגטאָן די הויפּטשטאָט פון יענעם לאַנד, וואָס האָט איבערגעריסן די האַנדלס־באַציִונגען מיטן צאַר, ווייל מען האָט אין זיין לאַנד נישט אַריינגעלאָזט קיין יידן מיט אַמעריקאַנער פּאַספּאָרטן.

און מיר יידן, געדענקען, אַז וואַשינגטאָן איז געווען די ערשטע הויפּטשטאָט, וואָס האָט אָנערקענט מדינת־ישראל און געהאָלפן גרינדן די מלוכה.

און אָט פאַר איך צו דער דאָזיקער הויפּטשטאָט. נעכטן, האָט מען גערעדט צו מיר פון ניו־יאָרקער אָפּטיילונג פון שטאַטס־דעפּאַראַמענט, אַז איך זאָל מאָרגן, דינסטיק, אַכט מיט דרייסיק, נעמען דעם באַן וואָס גייט פון ניו־יאָרק קיין וואַשינגטאָן. מיטוואָך איז דאָ אַ פּרעסע־קאָנפערענץ מיטן פּרעזידענט אייזענהאַוער, וועל איך זי קאָנען בייזיין. עס איז דאָרט אַלעס אַראַנזשירט אַז איך זאָל זעען וואַשינגטאָן, זיין אין קאָנגרעס און אין סענאַט, זיין אין „ווייסן־הויז" און אָנקוקן די וויכטיקע פּלעצער פון דער הויפּטשטאָט.

דעם אמת דיר זאָגן, גאָלדע, וואַשינגטאָן איז געווען די איינציקע שטאָט אין אַמעריקע ווו איך האָב נישט געזוכט קיין יידישקייט. איך ווייס, אַז אין וואַשינגטאָן איז פאַראַן אַ גרויסע יידישע קהילה, מיט עטלעכע וויכטיקע אינסטיטוציעס, אָבער — פּונקט, דאָ, האָב איך געזוכט דאָס אַמעריקאַנער לעבן, — נישט דאָס יידישע. איך האָב געוואָלט זיין אין רוזוועלטס, אין טרומאַנס, אין אייזענהאַוערס וואַשינגטאָן און נישט אין ראַבאַי מיקלס אָדער ראַבאַי פיליפּס וואַשינגטאָן.

***

די באַן פליט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט. זי שטעלט זיך אויף געציילטע עטלעכע סטאַנציעס, ווי: פילאַדעלפיע, באַלטימאָר, טרענטאָן. ווייזט אויס, אַז דאָס איז אַ סופּער־שנעלצוג. איך גיי אַריין אין בופעט־וואַגאָן, ווו מען קאָן זיצן באַקוועם, רויכערן אַ סיגאַרעט, טרינקען אַ „קאַפּע־קאָווע" און לייענען די קעפּלעך פון די צייטונגען וואָס ליגט דאָרט אָנגעגרייט פאַר די פּאַסיזשירן. פאַראַן אין „בופעט־וואַגאָן" צייטונגען אויף אַלערליי שפּראַכן, ספּעציעל, אָבער, טרעפסטו דאָרט —אַ חוץ די ענגלישע— אויך אַ שפּאַנישע צייטונג, וואָס גייט אַרויס אין ניו־יאָרק און די צוויי יידישע צייטונגען — דעם „פאָרווערטס" און „טאָג־מאָרגנזשורנאַל".

די ענגלישע צייטונגען וועלכע דרוקן זיך פאַרטאָג, מיט די לעצטע נייעסן, ברענגען היינט אויף די ערשטע זייטן גרויסע „קעפּ":

— „מאַלענקאָוו איז געפאַלן"!

— „אין סאָוועט־רוסלאַנד קומט פאָר אַן ענדערונג"!

אַן אַנדער צייטונג ברענגט אַ קאָפּ:

— „שטייען מיר ערב אַ געפאַר פון אַ מלחמה"?

אין צייטונג ברענגט אַזאַ „קאָפּ":

— „כרושטשעוו — דער פאַרביסענער שונא פון אַמעריקע, ווערט דער „באָס" פון סאָוועט־רוסלאַנד"!

איך קוק אויף די פּנימער פון די פּאַסאַזשירן. זיי זענען אַלע ערנסט. מען רעדט צווישן זיך זייער שטיל, מען טרינקט אַ וויסקי אויפן ניכטערן מאָגן און מען קוקט אַריין אין די צייטונגען. אַ סך פּאַסאַזשירן האָבן אייגענע צייטונגען



וו. טשערנאָוועצקי

אַרויסגייענדיק פון „ווייסן הויז" תיכף נאָך דער פּרעסע־קאָנפערענץ

און זיי לייענען אַזוי פאַרטיפט, אַז ווען מען לייגט זיי אַריין די הענט אין די קעשענעס — וואָלטן זיי נישט געפילט. אַלע, אָדער כמעט אַלע, רויכערן נער־וועזיש! דאָס איבערקערעניש אין רוסלאַנד און די שרייענדע קעפּ פון די צייטונגען ברענגט אַריין אַ פּאַניק אין דער נשמה. עס טוט מיר שוין באַנג וואָס איך פאָר קיין וואַשינגטאָן. די ערשטע אַטאָמישע באָמבע וועט דאָך זיכער פאַלן איבערן „ווייסן הויז"...

אין אַ פּאָר מינוט אַרום באַרויק איך זיך. איך באַשטים ביי זיך, אַז די צייטונגס־קעפּ זענען נישט מער ווי סענסאַציעס לשם צירקולאַציע. אין אַמע־ריקע איז דאָס שטאַרק אין דער מאָדע. דאָ, קויפט מען, בכלל, אַ צייטונג לויט דעם „קאָפּ" וואָס די צייטונג האָט. מען לייענט איבער דעם קאָפּ, מען לייענט

איבער דעם נאָטיץ אונטערן קאָפּ און... מען וואַרפט אוועק די ציַיטונג! דער „בופעט־וואַגאָן“ איז שוין פול מיט אָט די אַוועקגעוואָרפענע ציַיטונגען. איך לייען אַן ענגלישע ציַיטונג וועגן דער איבערקערעניש אין רוסלאַנד און איך ווער געוווּיר אַ „נייעס“, אַז איך פאַרשטיי אַלעס וואָס איך לייען! אַ שאָד וואָס די ייִדישע פרימאָרגן־ציַיטונגען ברענגען נישט אָט די נייעסן. די ייִדישע ציַיטונגען



דער לאַפאַיעט האָטעל

וואָס שטייט נישט ווייט פון „ווייסן־הויז“. אין אָט דעם האָטעל פאַרפאָרן אַמאָליגסטן טוריסטן אָדער ספּעציעלע געסט פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג.

דרוקן זיך פאַרנאַכט־צו. מען קאָן, אַזייגער 10 אויף דער נאַכט קריגן אַ מאָרגנ־דיקע ייִדישע ציַיטונג. דערפאַר האָבן זיי נישט אָט די לעצטע נייעס פון רוסלאַנד.

צוועלף מיט אַ האַלבן אַזייגער קומט אונדזער באַן אָן קיין וואַשינגטאָן. ערשט איצט, ביים אַראָפּשטייגן פון באַן, וועלכע קומט אָן — ווי אַלע באַנען אין אַמעריקע — אין אַן אונטערערדישן טונעל און ביז צום וואָקזאַל מוז מען אַרויפגיין אויף אַ סך טרעפּ אָדער אַרויפפאָרן מיט אַ „מעכאַנישן לייטער“, ערשט איצט קוק איך זיך צו, אַז אונדזער באַן ווערט געפירט פון אַ „לאָקאָמאָטיוו“ אויף עלעקטריציטעט. די גרעסטע טייל באַנען אין אַמעריקע נוצן נישט קיין אויל אָדער קוילן, נאָר זענען עלעקטרישע. הונדערטער און טויזנטער קילאָמע־טער עלעקטרישע דראָטן זענען אויסגעצויגן איבער די אַמעריקאַנער פעלדער

און דורך זיי, לויפֿן די אַמעריקאַנער באַנען. ווייזט אויס, אַז אין אַמעריקע איז נישטאָ קיין פּראָבלעם פֿון עלעקטריציטעט. בכלל איז אין אַמעריקע נישט פֿאַראַן קיין שום פּראָבלעם — אַ חוץ די רוסישע פּראָבלעם. דער אַמעריקאַנער, ביי זיין גאַנצן רעספּעקט און ליבשאַפֿט צום פֿאַרשטאָרבענעם פּרעזידענט פֿראַנקלין דעלאַנאָ רוזוועלט, קאָן אים נישט מוחל זיין, וואָס ער האָט נישט געזען און נישט געפֿילט, אַז סטאַלין נאַרט אים אָפּ, נוצט אים אויס און נאַרט אויס ביי אים די בעסטע קאָנדיציעס. זיי האַלטן, אַז רוסלאַנד איז איצט שטאַרק, — אַ דאַנק רוזוועלטן, וועלכער האָט נישט פֿאָראויסגעזען די געפֿאַר פֿון אַ גרויסער קאָמוניסטישער רוסלאַנד. איצט — ליידט מען די קאָנסעקווענצן...

איך גיי אַרויף צום וואָקזאַל. איך בין שוין דאָ „היימיש". איך בין שוין דאָ געווען, שוין באַקוקט דעם גאַנצן „סטיישאַן", שוין געכאַפּט דאָ אַ „ביס" אין די קליינע בופֿעטלעך מיט וועלכע דער וואָקזאַל איז פֿול, און איך האָב זיך שוין אָנגעקוועטשט די זייטן אויף די לאַנגע בענק וואָס שטייען אינמיטן.

דאָס ערשטע מאָל וואָס איך בין געווען אין וואַשינגטאָן, איז מיר דער וואָקזאַל נישט געוווּן געפֿעלן! וועדליג אַ „סטיישאַן" פֿון אַ וועלט־שטאָט, האָט ער געדאַרפֿט זיין מיט מערער לוקסוס און באַקוועמלעכקייטן. די בענק וואָלטן געמעגט זיין ווייכע און „געבעטע". אָבער —

— אַזוי איז אַמעריקע! דעמאָקראַטיע — איז דעמאָקראַטיע!

פּלוצים הער איך איבעררעשט. דורכן מיקראָפֿאָן הער איך אויסרופֿן מיין נאָמען! איך הער זיך גוט צו — מען רופֿט עטלעכע מאָל — איך הער ווי מען מעלדעט מיר, אַז איך זאָל אַריינקומען אין „אָפֿיס" פֿון „סטאַנציע־שעף". אָבער, רבונו־של־עולם, פֿון וואַנען ווייסט דער סטאַנציע־שעף, אַז אני הקטן, וועלוול טשערנאָוועצקי, וועלוול טעפּליקער, וועלוול נוסקעס, בין איצט געקומען אויף אַ וויזיט צו דער וועלט־באַרימטער שטאָט וואַשינגטאָן. עס דערמאָנט מיך, אין יענער ייִדענע, וועמען עס איז אָנגעקומען אַ מעלדונג אַז מען רופֿט איר זון צום פּריזיוו, האָט זי, פֿאַרלייגט די הענט אויף די „קליבעס" און אַ פֿרעג־געטון:

„פֿון וואַנען ווייסט דער קייסער, אַז איך האָב אַ זון וואָס הייסט משה־יאָסל און ער דאַרף זיך שטעלן צום פּריזיוו?...

באַלד ווערט מיר קלאָר דער ענין. אין דעם אָפֿיס פֿון סטאַנציע־שעף טרעף איך אַ פֿריילין, וועלכע רעדט שפּאַניש און וועלכע מעלדעט מיר, אַז זי האָט דעם אויפֿטראָג מיך אויפֿצונעמען, מיך צופֿירן אין אַ האָטעל און מיר העלפֿן זיך אָריענטירן דאָ. היינט — וועט זי זיין מיין באַגלייטערין; מאָרגן וועט קומען אַ מאָן — ער וועט אויך רעדן שפּאַניש, וועלכער וועט מיך פֿירן אין „ווייסן־הויז", אין קאָנגרעס און סענאַט, און אין אַנדערע אינטערעסאַנטע ערטער.

אינדרויסן וואָרט אַ „טעקסי“, וועלכער פירט אונדז צו צום שיינעם, פּופּצן־שטאָקיקן האָטעל „לאַפּאַיעט“. דער האָטעל געפינט זיך בלויז צוויי קוואַדרעס פון „ווייסן־הויז“ און פון אַנדערע אָפיציעלע הייזער.

מען פירט מיך אַרויף אויפן פערטן שטאָק און מען שטעלט צו מיין דיס־פּאָזיציע אַ פיינעם צימער. פאַראַן דאָרט אַלעס וואָס באַקוועמלעכקייט פאָדערט. אַ טעלעפאָן און אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט, פאַראַן אויך אַ טעלעוויזאָר, אָבער, אַז ער זאָל אָנהייבן פונקציאָנירן — דאַרף איך, אַלע צוויי שעה, אַריינוואַרפן 10 סענט אין אַ ספּעציעל אַפּאַראַטל.

איך גיי אַראָפּ אין „קאָמאָדאָר“ אויף „לאָנטש“. פאַר גרויס פרייד האָב איך היינט נאָך אין מויל נישט געהאַט. איך בין נישט דער איינציקער וואָס „כאַפּט אַ ביס“. דער עס־צימער איז גרויס און ער איז, כמעט פול. אויך דאָ, באַמערק איך, אַז דער עולם איז ערנסט. אַלע געסט פון „קאָמאָדאָר“ טראַכטן, מן־הסתם, דאָס זעלבע וואָס איך:

— עס זאָל זיך, כאָטש, איצט נישט „אָנהייבן“...

אין אַמעריקע איז איטלעכער זיכער, אַז אויב רוסלאַנד זאָל אָנהייבן אַ מילחמה, וועט זי עס טוען אויף דעם זעלבן אופן וואָס די יאַפּאַנעזער, ווען זיי זענען באַפאַלן „פּוירל־האַרבאָר“: מען וועט אָנפאַלן פּלוצים, אומגעריכט! נישט דערקלערנדיק קיין קריג! און אויף דעם נייעם באַלעבאָס פון קרעמל — אויף כרושטשעוון, — איז אַלעס צו גלויבן...

באַלד נאָכן „לאָנטש“ הויבט זיך אָן מיין שפּאַציר איבער אָט־דער מערק־ווירדיקער שטאָט. דעם ערשטן וויזיט מאַך איך אין שטאַטס־דעפּאַרטאַמענט. דאָס האַרץ ציטערט, שטייענדיק אַקעגן אָט־דער ריזיקער געביידע אין וועלכער עס קאָכט זיך די פּאָליטיק און דער גורל פון דער גאָרער וועלט. איך שטיין אינדרויסן אַ פּופּצן מינוט און באַטראַכט אָט די געביידע וועלכע איז די וויכטיקסטע אין אַמעריקע. איצט איז מען דאָ זייער „ביזי“. יעדער רגע, יעדע האַלבע רגע, פאָרט צו אַן אַנדער „קאַדיזשאַק“ אָדער „מערקורי“ און עס שטייגן פון אים אַראָפּ מענטשן מיט „טעקעס“ אונטערן אָרעם.

— „דו ביסט געקומען זייער אין אַ שלעכטער צייט“! — האָט מיר געזאָגט מיין באַגלייטער, ווען מיר זענען געפאָרן פון באַן צום האָטעל. מען איז היינט דאָ זייער נערוועיש און אומרויִק ווייל אין רוסלאַנד האָט זיך געענדערט די לאַגע און מען ווייסט נישט צי עס וועט זיין צום בעסערן אָדער צום ערגערן. מאָרגן, ביי דער פּרעסע־קאָנפערענץ וואָס דער פּרעזידענט האַלט־אָפּ מיט די פּעריאָדיסטן, וועט מען, אפשר, וויסן מערער ווי מיר האַלטן אין דער וועלט.

ביים אַריינגאַנג אין שטאַטס־דעפּאַרטאַמענט שטייט נישט קיין שום „פּאַר־

טעראָ״, קיין שום ׳שומר הסף״ מיט אַ רעוואָלווער אין דער זייט. ערגעץ אין דער זייט זיצט אַן עלטערע פרוי ביי אַן עסקריטאָריע־טיש און זי אינפאָרמירט דיך ווו דער צימער, וועלכן דו זוכסט, געפינט זיך. און אפשר? אפשר זענען דאָ פאַראַן הונדערטער אויגן וועלכע קוקן אויף דיר און דו באַמערקסט נישט?... דאָך, חידוש איך זיך. עס גייט אַריין אַ פרעמדער מענטשן אין אַזאַ וויכטיקער אינס־



דער זאַל פון סענאַט, עטלעכע מינוט ערב אַ זיצונג

טיטוציע, דער מענטש טראָגט אין האַנט אַ „פּאָרטאַפּאָליאָ״, ווו עס קאָן ליגן אינעווייניק אַ רעוואָלווער אָדער אַ באָמבע, טראָגט אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, און קיינער גייט נישט צו צו אים אויף צו פרעגן אים ווער און וואָס ער זוכט?

אַזוי איז אַמעריקע. מען איז זיכער אין זיך! מען טראַכט נישט וועגן קיין שלעכטס, — מען טראַכט נישט, אַז עמעצער וועט וואַגן קומען אַהער מיט שלעכטע געדאַנקען...

דער „אָפיס״ צו וועלכן איך דאַרף זיך מעלדן, טראָגט דעם נומער צוויי טויזנט פיר הונדערט מיט עפעס... אַזוי פיל צימערן, אַזוי פיל אָפיסינאַס זענען דאָ פאַראַן. פאַראַן אַסענסאָרן (עלעווייטערס) אַרויפצופאָרן — אָבער איך גיי בעסער אַרויף צו־פוס. איך וויל אָנקוקן יעדן שטאָק. מעגלעך, אַז איך וועל דער־

זען יענעם אָפיס ווו מען באַהאַנדלט די ענינים פון מיטעלן מיזרח, פון ישראל, און איך וועל, מיט מיינע אויגן, אויסבעטן רחמנות און איינזעעניש מיט אונדזער יונגער מדינה.

וואָס עס וואַרפט זיך אין די אויגן, — עס וואַרפט זיך שטאַרק אין די אויגן, — זענען די „קאַרטעלן" אויף וועלכע מען לייענט אַרויס, מיט גרויסע פעטע אותיות: „שעלטער", און ביי דער זייט — אַן אָנווייז־פינגער, וווהין מען דאַרף לויפן זוכן אַט דעם „שעלטער", די קעלערס קעגן באָמבעס, וואָס געפינען זיך אין אַלע ווינקעלעך פון שטאַט־דעפּאַרטאַמענט. איך בלייב שטיין און באַטראַכט אַט די



דאָס היסטאָרישע „קאָנאַדעלע" אַקעגן „ווייסן הויז". דאָס פּלאַץ ווערט שטאַרק רעספּעקטירט פון די אַמעריקאַנער

„קאַרטעלן". עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז יעדער איינער וואָס „לויפט" דורך אַט דעם קאָרידאָר — די באַאַמטע מיט די „טעקעס" און פּאַפּירן אין דער האַנט, די באַזוכער וואָס האָבן דאָ וואָס צו דערליידיקן, — אַלע, אַלע, — כאַפּן אַ בליק אויפן קאַרטעל מיטן אויפשריפט „שעלטער" און טראַכטן דערביי:

ווער ווייסט צי מען וועט אים נישט דאַרפן — היינט אָדער מאָרגן — נוצן?

און אפשר טראַכטן זיי גאָר עפּעס אַנדערש? אפשר קוקן זיי אויף מיר — דעם פרעמדן — און טראַכטן זיך:

— אָט דער „יאַלד", מיינט טאַקע זיכער, אַז מיר זענען שרעקעוודיקע און האָבן מורא פאַר באָמבעס! אדרבא! זאָלן זיי, די אָנגרייפער, פּרווון קומען אַהער, וועלן זיי פאַרזוכן דעם טעם פון אָנגרייפן אָט דאָס גרויסע לאַנד אונדזערס!...

איך האָב שוין געקראָגן די היינטיקע יידישע צייטונגען. זיי רעדן אויך וועגן דער „איבערקעערניש" אין רוסלאַנד. זיי שאַצן אָפּ זייער געלונגען די לאַגע און די קאָנסעקווענצן פון דעם „צייט", ספּעציעל מאַלאָטאָווס דרשה און סטראַשונאַק.

דער „פאָרווערטס" שרייבט אין זיין לייט־אַרטיקל וועגן מאַלאָטאָווס רעדע און זיין סטראַשען מיט דער „אַטאָם־באָמבע", אַז עס איז שווער צו זאָגן וויפל עכטעס און וויפיל פאַלשעס עס ליגט אין דער רעדע וואָס מאַלאָטאָוו האָט גע־

האַלטן ביי דער געלעגנהייט פון מאַלענקאָווס „אָפּדאַנקען", וויפל באַרימעריי און וויפיל סטראַשונאַק, וויפיל פאַר אויסלענדישן געברויך און וויפיל פאַרן אייגענעם עולם. פון דעם טאָן פון דער רעדע, פון דעם טאָן פון דעם „אמן" וואָס מאַרשאַל קאָניעוו האָט געזאָגט ווען ער האָט אויף מאָרגן צו געבאָמקעט צו מאָלאָטאָווס ווערטער, שיינט עס, אַז די פּראָפּאַגאַנדע פאַרן אייגענעם עולם האָט דערביי געשפּילט אַ גרעסערע ראָל, ווי דער עפעקט, וואָס עס האָט געדאַרפט מאַכן אין אויסלאַנד. פונדעסטוועגן דענקען מיר, אַז עס וואָלט געווען נישט־שכלדיק פון אונדזער זייט, צו באַטראַכטן די רעדע ווי דורכאויס אַ שטיק באַרימעריי פאַרן אייגענעם עולם: עס וועט זיין געזינטער פאַר דער פרייער וועלט, אויב זי וועט פאַנאַנדערגלידערן די רעדע און אָננעמען זי, ווייניקסטנס טיילווייז, ווי אַ פּראָגראַם־דערקלערונג פון דעם נייעם רעזשים.

די רעדע איז געווען דורכאויס אַ קריגערישע. מאָלאָטאָוו האָט אין איר געפּאָכעט מיט דער שווערד און געסטראַשעט מיט דער סאָוועטישער אַטאָמען־מאַכט. אַפילו ווען מיר זאָלן זאָגן, אַז ער האָט עס געטון, אום צו מאַכן זיך קוראַזש און כדי צו מונטערן און רעגן דעם רוסישן עולם..

אינטערעסאַנט: הן דער „פאָרווערטס" הן דער „טאָג־מאָרגנזשורנאַל" ווייזן אָן, אַז מאָלאָטאָוו וועט אויך פאַלן! מעגלעך, אַז פריער ווי מען ריכט זיך...

ווען אַפילו מאָלאָטאָוו וואָלטן נישט געווען געהאַלטן די רעדע, ווען עס וואָלט גאָרנישט געווען געזאָגט געוואָרן פון קאָניעוון אָדער אַנדערע הויכגעשטעלטע קאָמיסאַרן, וואָלט די איבערקערעניש אין דעם קרעמל אַליין געדאַרפט דינען ווי אַ צייכן פון געפאַר און מלחמה־צוגרייטונג אויף די פרייע לענדער בכלל און אויף אַמעריקע בפרט. מאַלענקאָוו איז פאַר קיין פאַל נישט געווען קיין פרידנס־טויב, אָבער דאָס אַליין וואָס ער האָט געוואָלט אָפּווענדן אַ טייל פון דער סאָוועטישער פּראָדוקציע פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג, ווערנד זיינע קעגנער זענען באַשטאַנען, אַז דער טראָפּ זאָל געשטעלט ווערן אויף וואָפן־פּראָדוקציע; דאָס וואָס ער איז איצט אַראָפּגעזעצט געוואָרן און זיינע קעגנער האָבן איבערגענומען די מאַכט, ציינט, אַז די נייע ליניע אין מאָסקווע איז געווענדט צו קריג און נישט צו פרידן.

און דער „פאָרווערטס" שרייבט אין זיין לייט־אַרטיקל:

ווי ווייט מיר געדענקען האָט נאָך קיינער נישט באַשולדיקט מאָלאָטאָוון, אַז ער פאַרמאָגט אייגענע מיינונגען און איבערצייגונגען. ער האָט היינט געקענט האַנדלען מיט טשעמבערליינען און מאָרגן מיט ריבענטראָפּן; היינט געקענט זאָגן, אַז קעגנערשאַפט צום היטלעריזם איז „אַ געשמאַק־זאַך", און מאָרגן, פאַרשטייט זיך, שילטן דעם היטלעריזם מיט אַלע רוסישע מי־שבירכס. דעם טאָן און איינ־

האַלט פון זיין איצטיקער רעדע זענען דורכויס אַנדערע ווי די פון דער פּראָ־פּאַגאַנדע, וואָס די סאָוועטישע טאָן־געבער האָבן לעצטנס פאַרשפּרייט, אַז רוס־לאַנד פאַרנעמט זיך אויף נייע וועגן, אַז זי זוכט פרידנס־פּשרות, אַז זי וויל איינשטעלן אַ נאָרמאַלע „קאָעקזיסטענץ". איצט זאָגט ער פּראָסט און פּרעך: אַמעריקע מוז אָפּטרעטן פון פאָרמאָזאַ; רוסלאַנד קען זיך גרינג פאַרמעסטן מיט אַמעריקע אין יאַפּאַן; רוסלאַנד פאַרמאָגט אַ בעסערע הידראָגען־באָמבע ווי אַמעריקע.

מאָלאָטאָוו האָט גערעדט פון קריג און די גאַנצע איבערקערעניש אין מאָס־קווע שמעקט מיט קריג. די פרייע וועלט דאַרף דאָס נעמען אין אַכט.

אָט אַזוי האָבן אויך די אַמעריקאַנער יידישע צייטונגען אויפגענומען די איבערקערעניש אין רוסלאַנד.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום געפין איך זיך שוין פּנים־אל־פּנים מיט דער הויפּט־באַאַמטער, — אַ סימפּאַטישע פרוי, וועלכע איז באַאויפטראָגט מיך אופּצונעמען, מיך אַטענדירן, מיר העלפן זעען אין וואַשינגטאָן וואָס איך וועל וועלן... זי האָט שוין באַקומען די נויטיקע רעקאָמענדאַציעס פון דעם קולטור־אַטאַשע ביי דער נאָרד־אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע אין בוענאָס־איירעס. זי האָט שוין אויך באַקומען די נויטיקע רעקאָמענדאַציעס פון ניו־יאָרקער אָפּטיילונג פון שטאַטס־דעפּאַרטאַ־מענט און איז גרייט מיר צו העלפן. „אַ שאָד וואָס איך בין געקומען אין זייער אַ שווערן מאָמענט" — באַמערקט זי מיר...

אַלע, פּאָזיטיוו אַלע, זענען דאָ אונטערן איינדרוק, אַז מען געפינט זיך אין אַ „שווערן מאָמענט", אין אַ צייט, וואָס מען ווייסט נישט וואָס מאָרגן קאָן זיין.

מיין מיטשמועסערין הייבט זיך אויף פון שטול און גייט מיך באַגלייטן אָנ־קוקן דעם שטאַט־דעפּאַרטאַמענט. זי מוז אַליין גיין מיט מיר, ווייל אַ חוץ איר, פאַרשטייט דאָ — אין דעם אָפּיס — קיינער נישט קיין שפּאַניש, וואָס זאָל זיך קאָנען צונויפרעדן מיט מיר. מיר גייען פון אָפּטיילונג צו אָפּטיילונג. זי קלערט מיר אויף דעם פאַרנעם און די אויפגאַבעס פון יעדן אָפּיס. פּלוצים בלייבן מיר שטיין, זי גיט זיך אַ קלאַפּ אין שטערן, ווי זי זאָל זיך אין עפּעס דערמאָנען. לאָזט מיך שטיין אַ מינוט, פאַרשווינדט אין אַן אָפּיס און קומט אַרויס פון דאָרט, פירנדיק אונטערן אָרעם אַ יונגנמאַן פון אַ יאָר דרייסיק. זי שטעלט מיך פאָר און זאָגט מיר, אַז איך קאָן מיט אים רעדן אין... „דזשוּיִש" (יידיש). זי האָט זיך דערמאָנט אין אַ באַקאַנטן יידן וואָס אַרבעט דאָ און וואָס קאָן מיך באַגלייטן און קאָן מיט מיר רעדן אין יידיש.

מיר צעשמייכלען זיך ביידע. הייסט עס, אַז קאָנען יידיש קומט צונוץ אַפילו ווען מען איז אַ היכער באַאַמטער פון שטאַטס־דעפּאַרטאַמענט.

מיס... געזעגנט זיך מיט אונדז, זאָגט מיר אָן, אַז היינט, צו סאַפּער, זאָל איך וואַרטן אין האָטעל אויף אַ באַגלייטערן, וועלכע וועט מיט מיר „האַלטן סאַפּער" און דערנאָך וועל איך אַרויספאָרן אָנקוקן וואַשינגטאָן ביינאַכט. מאָרגן, מיטוואָך, וועל איך האָבן אַ „שווערן" טאָג. איך וועל דאַרפן זיין אין אַ סך ערטער.

מיין נייער באַגלייטער איז אַ יידישער יונגערמאַן, אַ געבוירענער אין אַמע־ריקע. ער איז געווען אַ... ישיבה־בחור, געענדיקט די ישיבה־אוניווערזיטעט, און מיט אַ שמייכל גיט ער אַ זאָג, אַז ער האָט „סמיכה אויף רב" און קאָן פּסקענען שאלות און איז אַ ספּעציאַליסט אין... כינעזישע ענינים. ער איז געווען עטלעכע יאָר אין שאַנכאַי, האָט געלעבט אַ פּאָר יאָר אין יאַפּאַן, איז געווען אופן קאַרעער פּראָנט און פאַרנעמט איצט אַ וויכטיקן אַמט אין איינעם פון די אָפּטיילונגען פון שטאַטס־דעפּאַראַמענט.

ער איז שוין אויך דורכגעגאַנגען דורכן „סעקיוריטי־פּייער", דאָס הייסט, מען האָט אים אויסגעפאָרשט, צי ער איז נישט קיין „אומזיכערער" עלעמענט פאַר אַמעריקאַנער זיכערקייט און, ער איז אַרויס בשלום. מען האָט פעסטגע־שטעלט, אַז: ער, זיין פאָטער און מוטער, זיינע ברידער און שוועסטער, זיינע פעטערס און מומעס, זיינע חברים און חברטעס און אַלע זיינע באַקאַנטע, זענען נישטאָ אין דער ליסטע פון פּערזאָנען וועלכע מען קאָן חושד זיין אין קאָמוניזם.

ער וויל זיך פאַר מיר פאַרענטפערן, פאַרוואָס אַמעריקע נעמט אָן אַזעלכע שטרענגע מיטלען זיך צו פאַרהיטן פון אומזיכערע עלעמענטן, אָבער איך לאָז אים נישט! איך זאָג אים, אַז אין דעם זינען בין איך אַ גרויסער „רעאַקציאָנער" און ווען אַמעריקע זאָל נישט אָנקומען צו אָט די מיטלען —און מיט דער פרייהייט וואָס יעדער שפּיאָן האָט דאָ— וואָלט דאָס לאַנד פאַרפלייצט געוואָרן פון די סאָוועט־טישע שפּיאָנען...

מיר שפּאַצירן איבערן שטאַטס־דעפּאַרטאַמענט. מיר פאָרן אַרויף מיטן עלע־וייטער און פון דאָרט גייען מיר אַראָפּ שטאָק און שטאָק. ער ווייזט מיר יעדער אָפּטיילונג, יעדער אָפיס וואָס האָט אַן אַלגעמיינע באַדייטונג פאַר דער טעטיקייט פון שטאַטס־דעפּאַרטאַמענט. אָט זענען מיר אין דעם שטאָק וווּ דער אויסערן־מיניסטער האָט זיינע אָפיסעס. דאָ, באַמערק איך שוין יאָ, אַז מען היט, מען קוקט, מען פאָרשט יעדן דורכגייער. אַזוי ווי איך גיי מיט אַן אייגענעם — שטעלט מען אונדז נישט אָפּ. בלויז אין איין פּלאַץ האָט מען אונדז אָפּגעשטעלט. איינער וואָס האָט נישט געקאָנט פּערזענלעך מיין באַגלייטער, האָט אים אָפּגע־שטעלט און זיי האָבן זיך דורכגעשמועסט. מיין באַגלייטער האָט אים געוויזן אַ

טאַרכעטל, און איך — כאָטש ער האָט זיך צו מיר נישט געווענדט און צו מיר נישט גערעדט, האָב זיך געגעבן אַ „באַרים" מיט מיין זשורנאַליסטן-קאַרנעט אויף ענגליש. דער אויספאַרשער האָט אונדז מיליטעריש סאַלוטירט און מיר האָבן פאַרגעזעצט אונדזער שפּאַציר.

דער שטאַטס־דעפּאַרטאַמענט איז נישט אַזוי הויך ווי ברייט. פון איין ווינקל צום צווייטן, — הייבט אָן וויי־טון די פיס גייענדיק. אָבער, עס לוינט זיך אים צו קאָנען.

אויף מיין ביטע — זענען מיר אויך אַראָפּגעגאַנגען אין אַ „שעלטער". ער איז געבויט מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן צו קאָנען דאָרט זיין אַ לענגערע צייט — אַ פּאָר טעג. אָבער, אַז ווי איז שוין דאָס לעבן ווען מען מוז אָנקומען צו דער הילף פון „שעלטער"...

אויפדערנאַכט האָב איך געהאַט „סאָפּער" אין דער באַגלייטונג פון דער פריילן וועלכע האָבן מיך אָפּגעוואַרט ביים „סטיישען". ווייזט אויס, אַז איך בין געוועזן מיד, אפשר גאָר עמאָציאָנירט פון דעם ערשטן טאָג אין דער הויפּטשטאָט פון דער גרויסער אַמעריקע, האָב איך זייער ווייניק געגעסן. אַ חוץ דעם טעלער „זופּ", ווייס איך נישט וואָס איך האָב געגעסן. עפּעס האָט זי באַשטעלט אַ פּאָר מאכלים, איך האָב פאַרזוכט פון יעדן טעלער אַ ביסעלע און זיך דערמיט באַנוגנט. באַצאָלן האָט מען נישט באַדאַרפט. איך האָב זיך גראַדע גענומען באַצאָלן, אָבער מיין באַגלייטערן האָט מיר פאַרזיכערט, אַז מען וועט ביי מיר נישט נעמען קיין געלט. אַפילו דער „וואַלעט" וואָס באַדינט מיך, וועט קיין „טיפּ" נישט נעמען...

מיט אַ טעקסי וואָס האָט, ווייזט אויס, געוואַרט אויף אונדז, פאָרן מיר איבער וואַשינגטאָן. די טויזנטער און מיליאָנען לעמפּלעך וואָס באַלייכטן די גאַסן, זאָגן עדות, אַז מען האָט קיין מורא נישט פאַרן אָנקום פון סאָוועטישע אַוויאָנען. וואָס דער אַמעריקאַנער פילט אינעווייניק — אויסערלעך, ווייזט ער עס נישט אַרויס. אונדזער שפּאַציר איז, הויפּטזעכלעך, איבער די צענטראַלע גאַסן. און, כאָטש, דער שאָפער פאָרט נישט שנעל, — זע איך נישט קיין וויכטיקע זאַכן וואָס זאָלן מיך איבעראַשן. בראָדוויי און די 34סטע אָדער 42סטע גאַס אין ניו־יאָרק, איז, ביינאַכט, שענער.

ווען מיין באַגלייטערן פירט מיך אָפּ „אַהיים", און איר אויטאָ פאַרשווינדט פון מיינע אויגן, גיי איך נישט אַריין אין האָטעל. איך באַקום חשק, אַליין זיך דורכצושפּאַצירן איבער די וואַשינגטאָנער גאַסן. דער פראָסט איז נשקשהדיק. איך גלויב אַז עס דאַרף זיין 15 אונטערן „נול". עס איז אַ חיות צו גיין אַביסל צופוס. איך ווער באַלד מיד און איך נעם דעם ערשטן טראַמוויי וואָס קומט אָן.

—אַ פּשוטער טראַמוויי ווי אַלע טראַמווייען פון דער וועלט. איך האָב געמיינט, אַז אין וואַשינגטאָן וועל איך שוין נישט זען אָט די אַלט־מאָדישע טראַנספּאָרט־מיטלען. דער טראַמוויי איז משונהדיק גרויס. ביים אַרויפגיין, וואַרפט מען אַריין 15 סענט ניקל און — עס סטייעט פּלאַץ פאַר יעדערן. פאַראַן אין אים 78 זיץ־פּלעצער. אַ שאָד וואָס איך קאָן נישט אַראָפּנעמען קיין בילד פון דעם אינערלעכן אויסזען פון אָט דער טראַמוויי־״שטאָט״.

דער טראַמוויי גייט אפשר אַ שעה צייט. איך פאָר דורך אַ טונעל און ווידער אַ טונעל. אַזוי, אויסערלעך, ווייזט זיך אויס אַז וואַשינגטאָן איז קליין. ווען מען פאָרט מיטן באַן און מען זעט וואַשינגטאָן פון דער ווייטנס, ווייזט זיך אויס, אַז וואַשינגטאָן איז אַ „קליין שטעטל״. דאָך פאָרט דער טראַמוויי העכער אַ שעה צייט בלויז אין איין ריכטונג.

אַרום 12 ביינאַכט דערפיל איך אַז איך בין הונגעריק. ווערליג איך האָב היינט ווייניק געגעסן — איז עס קיין חידוש נישט! וווּהין גייט מען אַריין עפּעס איבערכאַפּן. איך זע נישט קיין רעסטאָראַנען אָדער קאַפעטעריעס זאָלן איצט זיין אָפן. כאָטש איך געפין זיך אין צענטער פון שטאָט. אייגנטלעך, איז גאַנץ וואַ־שינגטאָן איין גרויסער „צענטער״. וויפיל איך בין היינט נישט אויסגעפאָרן — האָב איך נישט געטראָפן קיין „זייטיקע״ גאַסן.

אָבער, נישט געזאָרגט. צו־וואָס דאַרף איך אַ באַר אָדער רעסטאָראַן? אָט בין איך נעבן אַ... אַפּטייק. אין יעדער פאַרמאַסיע פון אַמעריקע, קאָן מען קריגן עפּעס צו... עסן. אין אָט דער פאַרמאַסיאַ אין וועלכער איך בין אַריינגעגאַנגען טרעף איך אַ גאָר פיינעם באַר —און אַז מען שמועסט מזל, איז דאָך נישט שייך— טרעף איך אַ „קעלנערן״ וואָס רעדט שפּאַניש. ווי נאָר איך האָב דערזען, אַז זי איז אַ „מאָראָטשאַ״, האָב איך שוין גערעדט שפּאַניש צו איר! זי איז אַ פּאָרטאָ־ריקאַנערן. אַזוי איז טאַקע געווען.

איך עס אָפּ אַ פּאָר „סענדוויטשן״, פאַרטרינק מיט 2 גלעזער „קאָקאַ־קאָלאַ״, דערנאָך קויף איך איין אין „פאַרמאַסיאַ״ אַ „כועגאָ״ שליסלען צום אויטאָ, אַ פּאָר זאַכן פאַר מיין „באָד־צימער״ אין בוענאָס־איירעס, אַ פּעקל סיגעראַטן און כדי די „פאַרמאַסיאַ״־אָפּטיילונג זאָל אויך געניסן פון מיין באַזוך אין אַ וואַשינגטאָנער אַפּטייק — קויף איך אויך אַ פּאָר „אַספּירינען״. זאָג מיר, וואָס דו ווילסט, ווען איך קום אַריין אין אַ „פאַרמאַסיאַ״ אַ „כועגאָ״ שליסלען צום אויטאָ, אַ פּאָר טשוועקעס, בענדלעך צו שיך, פּאַפּיר צו שרייבן און קליי צו פאַרקלעפּן די צוּ־בראָכענע בענקלעך און... מען קריגט אויך אין „פאַרמאַסיאַ״ — אַפּטייק־אַרטיק־לען!... ניין! איך קאָן זיך צו דעם נישט צוגעוווינען און... עס געפעלט מיר נישט! אַן אַפּטייקער דאַרף זיך פאָרן מיט געזונט־מאַכן. דאָס אַלעס, שרייב איך דיר.

זיי, מיינע אַמעריקאַנער פריינט דאָ, טאָר איך עס נישט זאָגן! ביי זיי איז אַלעס גוט! ווי אַזוי אַמעריקע פירט זיך — דאַרף זיין גוט!

***

7 אינדערפרי. אַ שאַרפער קלונג פון מיין טעלעפאָן וואָס שטייט ביים בעט, וועקט מיך אויף און שרעקט מיך אַזש איבער. איך האָב בכלל געהאַט אַ שלעכטע נאַכט. חלומות און חלומות. ספּעציעל האָט זיך מיר געדרייט פאַר די אויגן די „שעלטערס", וווהין אַלע לויפן זיך שיצן פון די אַטאָמישע באָמבעס... דערנאָך לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז געווען... אַ „פּראָבע־מאַניעוור" פון שוץ־דעפּאַרטאַ־מענט, צו זען, צו די מענטשן פון וואַשינגטאָן פאַרלירן נישט דעם קאָפּ און ווייסן ווי אַזוי זיך צו שיצן...

מען רופט מיך אָפּ פון דער אָפּיסינאָ פון מיסעס... אין שטאַט־דעפּאַרטאַמענט. זי מעלדעט מיר, אַז אין 20 מינוט אַרום דאַרף איך זיך גרייט ביי דער טיר פון האָטעל. מען וועט מיך קומען נעמען מיט אַ קאַר. פאַראַן אַ גרעסערע פּראָגראַם פאַר היינט...

צו דער מינוט בין איך שוין געזעסן אין „קאַר". צוזאַמען מיט מיר זיצן נאָך עטלעכע מענטשן — אויסלענדישע זשורנאַליסטן. 2 זענען פון בראַזיל, איינער איז פון גוואַטעמאַלאַ, איינער פון ווענעסועלאַ און איך — פון אַרגענטינע. מיר דאַרפן נאָך פאָרן נעמען אַ זשורנאַליסט פון טשילע, וועלכער האָט, ווייזט אויס, נישט פאַרשטאַנען וואָס מען האָט אים געזאָגט און איז אַוועק פון האָטעל. דער שאָפער פון אויטאָ איז נישט אַבי־ווער — ער איז אַ נייווי־אָפיציר, וואָס רעדט אַ פּערפעקטן שפּאַניש און פּאָרטוגעזיש.

מיר געפינען אונדזער „שאָדן". ער איז געשטאַנען ביי די טרעפּ פון שטאַט־דעפּאַרטאַמענט און אויף אונדז געוואַרט. ער האָט טאַקע נישט פאַרשטאַנען וואָס מען האָט אים טעלעפאָניש געזאָגט.

מיר פאָרן דאָס ערשטע אָנקוקן דעם „קאַפּיטאָל". פון דאָרט וועלן מיר פאָרן אין „ווייסן־הויז".

איך זאָל זיך האַלטן ביי דער פרומער טראַדיציע פון די פרומע יידן, און וועלנדיק פאַרגלייכן דעם אַמעריקאַנער „קאַפּיטאָל" צום יידישן בית-המקדש, — דאַרף איך זאָגן „להבדיל". אָבער, עס איז פאָרט אַ פאַקט. דער „קאַפּיטאָל" אין וואַשינגטאָן איז דאָס הייליקסטע —נישט אין רעליגיעזן זינען— ביי די אַמערי־קאַנער. פון דאַנען קומען אַרויס די געזעצן; פון דאַנען ווערט, פּאַקטיש, אָנגע־פירט דאָס לאַנד און די אויגן פון דער וועלט זענען געווענדט אין אָט דער גע־

ביידע מיטן „קופּאַל" פון אויבן וואָס זעט זיך אָן אויף צענדליקער קילאָמעטער ווייט.

ביים „קאַפּיטאָל" זעט מען שוין און מען פילט שוין אַז מען קוקט אויף דיר. אונדזער באַגלייטער האָט זיך געדאַרפט 2 מאָל לעגיטימירן. עס איז היינט אַ פאַרשטאַרקטע וואַך — דערקלערט ער אונדז. מען איז היינט זייער אויפגערעגט און מען באַמערקט יעדע קלייניקייט. ביי יעדן איינעם פון אונדז געפינט זיך אַ פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט. אינדרויסן — לאָזט מען אונדז נעמען „אויפנאַמעס" וויפיל מיר ווילן. קומען מיר אַריין אינעווייניק — נעמט מען ביי אונדז צו די אַפּאַראַטן און מען גיט אונדז אַ קוויטעלע מיטן נומער פון פּלאַץ וווּ דער אַפּאַראַט ליגט.

עס איז אַ זיצונג אין סענאַט. קומען מיר אַריין אינעווייניק און פאַרנעמען אַ פּלאַץ אין אַ גאַלעריע ווו מען זעט אַלעס און מען הערט יעדעס וואָרט.

דאָס פּשוטקייט און דאָס היימלעכקייט ווי אַזוי די סענאַטאָרן האַלטן זיך — איז אומגלויבלעך. אָט, אין איין זייט, זיצן די רעפּובליקאַנער און אין דער צווייטער זייט — די דעמאָקראַטן, אָבער — עס דערקענט זיך נישט די „קעגנערשאַפט" פון איין גרופּע צו דער צווייטער.

מיר זיצן נישט לאַנג דאָ. מען דאַרף נאָך זיין אין „ווייסן־הויז" און פון דאָרט צוריק אין קאָנגרעס.

די „פּרעסע־קאָנפערענץ" פון פּרעזידענט אייזענהאַוער, האָט זיך היינט אָנגעהויבן שפּעטער ווי שטענדיק, — דערקלערט אונדז אונדזער וועגווייזער, די געשעענישן אין רוסלאַנד האָבן זיך אָפּגערופן ביי אונדז אין לאַנד מערער ווי ערגעץ אַנדערש. שוין פון זיבן אינדערפרי ווי אייזענהאַוער באַראַט זיך מיט זיינע ראַטגעבער וועגן דער לאַגע. עס גייט נישט אין דעם וואָס מאַלענקאָוו איז אַראָפּ און כרושטשעוו איז אַרויף. עס גייט אויך נישט אין דעם וואָס מאָלאָטאָוו סטראַשעט, אַז „מען וועט"... עס איז בלויז טאַקע די פראַגע: וואָס וועלן איצט טון די נייע מושלים? מען האָט צו זיי וויניק צוטרוי...

מיר קומען צו צום „ווייסן הויז".

***

איך פיל אַ ציטער איבערן לייב. אָט דאָס איז דאָס די געביידע, דאָס הויז, וואָס איז שוין געוואָרן לעגענדאַריש? אָט דאָס איז דאָס הויז ווו עס זיצן די מענער וואָס האָבן אָפּגעראַטעוועט די וועלט פון דעם פאַרשאָלטענעם היטלעריזם? אָט דאָס איז דאָס הויז ווו עס זיצן די מענער און קעמפן אומדערמידלעך, אַז דער קאָמוניזם זאָל נישט באַהערשן די וועלט?

— וואַשינגטאָן! דאָס „ווייסע הויז״! און אָט בין איך שוין אינעווייניק. פריער פירט מען אונדז אריין אין אַ גרויסן זאַל ווו די בילדער פון אַלע פּרעזידענטן הענגען דאָרט. מען פירט אונדז פון זאַל צו זאַל. אָט איז דער „טאַנץ־זאַל״, ווו עס קומען פאָר — אָדער עס זענען פאָרגעקומען — גאַלאַ־פאָרשטעלונגען. אָט זענען די פאַרשידענע זאַלן וואָס יעדע איינע האָט אַ באַזונדער קאָליר. אָט איז דער גרויסער זאַל פאַר „אויפנאַמעס״, אַ זאַל פאַר קאָנצערטן.. פון אַלעס שמעקט מיט געשיכטע, מיט פרייהייט, מיט דעמאָקראַטיע. אין קיין איינעם פון די זאַלן זעט מען נישט קיין סטאַטוען אָדער בילדער מיט אַ... שווערד אָדער מעסער אין דער האַנט. כאָטש אַמעריקע איז „געבוירן״ געוואָרן דורך אַ שאַרפן קאַמף, דאָך סימבאָליזירט מען נישט קיין שווערד אָדער ביקס.

ווען מיר זענען צוגעקומען צום זאַל ווו פּרעזידענט אייזענהאַוער איז געשטאַנען ביי אַ טיש און גערעדט פאַר די זשורנאַליסטן, — איז שוין געווען אַביסל שפּעטלעך. עס איז שוין נישט געווען ווו צו זעצן זיך. אַ סך פּעריאָדיסטן זענען געשטאַנען — און מיר אויך. אויף איינע פון די פאָדערשטע בענק איז געזעסן אַ זשורנאַליסט און... געקייעט אַן עפּל. מען איז, בכלל געווען פריי, גלייך ווי מען רעדט צו זיינס־גלייכן. אָט איז אַריינגעקומען אַ פאַרשפּעטיקטער פּעריאָדיסט און אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט, מיט אַן אויסרוף: העלאָ „אייק״! און „אייק״-אייזענהאַוער ענטפערט אים: העלאָ!

דאָס ערנסטקייט אויף אייזענהאַוערס פּנים איז געווען בולט צו זען! ער האָט גערעדט מיט אַ רויקן טאָן און אונטערגעשטראָכן, אַז עס טוט אים הנאה, וואָס זיין „פריינד״, מאַרשאַל זשוקאָוו, איז איצט ביי דער מאַכט. ער וועט מיט אים זיך קאָנען איינפאַרשטיין. ער איז אָל־רייט!

אַלע מאָל — אַזוי האָט מען אונדז דערקלערט — שטעלט מען דעם פּרעזידענט פראַגעס און ער ענטפערט. היינטיקס מאָל איז אַן אויסנאַם. עס איז צו ערנסט די לאַגע. עטלעכע מאָל האָט אונדזער באַגלייטער געזאָגט: „מיר זענען גרייט צו באַגעגענען די רוסישע באָמבערס״... זאָלן זיי קומען — וועט ווערן אויס קאָמוניזם אויף דער וועלט...

**
*

אין קאָנגרעס איז היינט קיין זיצונג נישטאָ, אָבער — מיר זענען געווען אינעווייניק, אויסגעקוקט יעדעס ווינקעלע און ווידער דאָס זעלבע — שטאַרק־פּשוט און דעמאָקראַטיש. אָן שום לוקסוס־מעבל אָדער אַנדערע באַפּוצונגען. דאָ האָט זיך אונדזער גרופּע צעטיילט. איך בין געבליבן מיטן ווענעסועלער שרייבער

מיט אונדזער באַגלייטער. יענע גרופּע האָט געוואָלט פאָרן אַנקוקן דעם לינקאָלן־מוזעאום און זיי האָבן זיך געאײַלט „אַהיים" — קיין ניו־יאָרק.

מיר ווערן איינגעלאַדן צום „לאַנטש". אַ גרויסער עס־זאַל, אפשר פאַר טויזנט מענטשן. ער איז פול באַזעצט אין יעדן ווינקעלע. דאָס זיצן סענאַדאָרן, סטענאָגראַפיסטן, סענאַט־באַאַמטע און ווער דען נישט? ס'איז דעמאָקראַטיש! ס'איז נישטאָ קיין ערשטע קלאַס פאַר געהויבענע מענטשן און דריטע קלאַס פאַר די באַאַמטע.

מײַן באַגלייטער ווייזט מיר אָן, אַז ביים דריטן טיש פון אונדז זיצט.. מעקאַרטי מיט 2 פון זיינע סעקרעטאַרן. זיי עסן אויף ביידע באַקן. נישט ווייט פון אים זיצט דער ייִדישער סענאַטאָר ה' לעהמאַן און האָט הנאה פון אַ שטיק „קעיק" (טאָרט). ווייזט אויס ,אַז ער איז שוין נאָכן לאַנטש.

— אפשר קאָן איך כאַפּן מיט זיי אַ שמועס? — פּרוּוו איך פרעגן מיין באַגלייטער.

—איך גלויב, אַז ניין! די לאַגע איז היינט צו־ערנסט! מען ווייסט נישט וואָס פאַרנאַכט וועט זיין. מיט מעקאַרטין איז שוין נישטאָ וואָס צו רעדן. ער איז שוין אַ פּאָליטישער מת.

מיין פּלאַץ ביים עס־טיש, איז נישט קיין באַקוועמער. איך זיץ פונקט אויף אַן אָרט ווו עס יאָגט אַ ווינט פון אַלע זייטן. זיך איבערזעצן — איז נישטאָ ווו. די עטלעכע הונדערט זיץ־פּלעצער זענען אַלע פאַרנומען. איך בין זיכער, אַז איך וועל פון דאַנען אַרויס אַ צוגעקילטער. אינעווייניק איז הייס. אינדרויסן איז אפשר 20 אונטערן נול, און איך זיץ צווישן ביידע וועטערן. די טירן זענען אָפן און דער ווינט בלאָזט.

איך האָב זיך אויפגעהויבן פון טיש מיט... אַ שטעכעניש אין דער זייט, אָבער עס האָט די ווערט געהאַט! קריגן אַ „פּולמאָניאַ" אין וואַשינגטאָנער קאָנגרעס — האָט נישט יעדער איינער די זכיה...

נאָכן „לאַנטש" פאָרן מיר באַזוכן די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס פון וואַשינגטאָן. מיר שטאַטן אָפּ אַ באַזוך אין לינקאָלן־הויז. מיר פאָרן אַוועק אָנקוקן די גרויסע היסטאָרישע ביבליאָטעק פון וואַשינגטאָן. מיר פאָרן אָנקוקן עטלעכע מיניסטעריומס — ספּעציעל די מאַרינע־מיניסטעריום. ניין, ניין! אַך זע שוין ניט אַלעס קלאָר פאַר זיך, איך האָב שוין היבש וואַרעמקייט. איך האָב באַשטימט אַ „היים"־פאָרן וואָס שנעלער, — כאָטש מיין באַגלייטער עצהט מיך „איבערליגן" דאָ, אין וואַשינגטאָן. אויב איך וויל — פירט ער מיך תיכף אָפּ אין אַ קליניק. קיין סענט וועט מיך נישט קאָסטן — פונקט, ווי ביז איצט, האָב איך נאָך קיין סענט נישט אויסגעגעבן, — אַ חוץ מיין נעכטיקע „וועטשערע" אין פאַרמאַסיאַ.

איך באַשטיי אויף מיינעם! איך פאָר אַהיים. מיר פאָרן צו צום „לאַפּאַיעט"־האָטעל, איך נעם אַרויס מיין קליינע וואַליזע. באַצאָלן — דאַרף איך נישט! מען האָט שוין באַצאָלט פאַר מיר... און מיין באַגלייטער זעצט מיך אַריין אין באַן וואָס גייט קיין ניו־יאָרק!

— אַדיע, וואַשינגטאָן! איך האָב זייער אַ סך פאַרגעניגן געהאַט דיך צו זען! איך באַגריס דיך פאַר דיין ערנסטקייט און רויִקייט. איך בעט גאָט פאַר דיין ווילשטאַנד און דערפאָלג!

איך בעט גאָט, אַז אָט די שיינע געביידעס דיינע, זאָלן קיינמאָל נישט צעשטערט ווערן.

איך בעט גאָט, אַז אָט דאָס שיינע „ווייסע הויז", וואָס באַשיינט די הימלען פון דעמאָקראַטיע אויף דער גאָרער וועלט, זאָל אייביק עקזיסטירן און ברענגען גערעכטיקייט פאַר די פעלקער און פאַר דער מענטשהייט. און איך בעט גאָט, אַז פון אָט דעם „ווייסן הויז" זאָל אויך אַרויסקומען גערעכטיקייט פאַרן געפּלאָגטן ייִדישן פאָלק, און פאַר דער מדינה וואָס דאָס ייִדישע פאָלק האָט באַקומען, — אַ דאַנק אָט־דעם „ווייסן הויז"!

***

איך בין קיין ניו־יאָרק נישט פאַרפאָרן. איך האָב געמוזט אָפּשטייגן אין פילאַדעלפיע — פונקט האַלב־וועג. אין אַמעריקע איז נישטאָ קיין פּראָבלעם, ווען מען האָט אַ בילעט אין איין אָרט און מען וויל אָפּשטייגן אינמיטן וועג. מען מעלדעט עס דעם קאָנדוקטאָר און דאַטס־האָל!

פון וואָקזאַל, רעד איך טעלעפאָניש צום פריינט פרוסקי ,אַז ער זאָל מיך קומען נעמען. האָב איך „מזל", — ער ליגט אויך אין בעט מיט אַ „קאָלד". אָבער, מ'הייסט מיך וואַרטן ביים וואָקזאַל. אין אַ האַלבער שעה אַרום קומט אַ מענטש זיינער מיט אַ קאַדיזשאַק און ער ברענגט מיך צו אים. דאָרט ווו עס ליגט איין קראַנקער, — וועט זיין פּלאַץ פאַר אַ צווייטן!...

מען וויל מיך אַריינלייגן אין בעט אַריין — אָבער איך לאָז זיך נישט! פאַר אַ בעט — האָב איך בכלל מורא, דערהויפּט נאָך אין דער פרעמד. לכבוד מיר, הייבט זיך, פריינט פרוסקי, אויך אויף פון בעט און מיר פאַרברענגען אַ פּאָר שעה ביי זיי פריינטלעכן און אַזוי מחיהדיקן טיש. פאַראַן מענטשן וואָס קריכן דיר אַריין אין האַרצן אַריין פון דער ערשטער מינוט וואָס דו באַקענסט זיך מיט זיי. אָט דער דאָזיקער ישראל פרוסקי און זיין פרוי עטאַ זענען עס אַזעלכע מענטשן. אַ שאָד וואָס אַן אַרגענטינער גביר האָט זיי, אויף אַ מיזעראַבלען אופן, באַשווינדלט, און זיי האָבן פון אונדז נישט קיין געהויבענע מיינונג...

די נאַכט האָב איך שוין ווידער געהאַט נישט קיין רויקע. אַט חלומט זיך מיר: איך שטיין נעבן גרויסן „אָבעליסק" וואָס געפינט זיך אונטער דעם „ווייסן־הויז" און שריי פון דאָרט אַראָפּ: מיסטער פּאָסטער דאַלעס! אַ ביסעלע רחמנות פאַרן געפּלאָגטן יידישן פאָלק וואָס האָט געבראַכט אַזויפיל קרבנות פאַר די לעצטע 15 יאָר! און אַט חלומט זיך מיר: איך שטיי אַקעגן ווייסן הויז ווו עס שטייט דאָס היסטאָרישע קאַניאָנדעלע און — עס לאָזן זיך ווילדע מענטשן אַטאַקירן דאָס „ווייסע הויז" און איך דערקען אין די ווילדע מענטשן די פּנימער פון כרושטשעוון, פון מאַלאַטאָוון, פון בולגאַנינען און פון די כינעזישע קאָמוניסטן, און, איך שיס מיטן קאַנאָנדל אויף זיי — און לאָז זיי נישט צו צום „ווייסן הויז"...

אָט אַזעלכע חלומות האָב איך געהאַט די גאַנצע נאַכט, און ווי פּריינט פּרוסקי האָט מיר דערציילט, — האָב איך טאַקע גערעדט פון שלאָף אָדער פון היץ...

אינדערפרי בין איך שוין אויפגעשטאַנען אַ געזונטער. פאַר פרייד וואָס איך האָב זיך געראַטעוועט פון צו ווערן אַ חולה אין אַמעריקע — בעט איך דעם פריינט פּרוסקי און ער שיקט מיך, מיט זיין שאָפער, און ווידער מיט אַ נייעם קאַדיזשאַק (אַנדערש — גייט עס נישט ביי אים!) קיין „דעבאָראַ־סאַנאַטאָריום". איך פאָר נאָכאַמאָל מאַכן אַ וויזיט דעם פריינט דניאל טשאַרני. איצט, האָב איך אים שוין געטראָפן אַ פריילעכן און אַן אייפּערדיקן. ער קלייבט זיך איבער די טעג צוריק קיין ליבערטי. מען נעמט אים אַרויס פון אָט דעם גהינום וואָס הייסט „דעבאָראַ־סאַנאַטאָריום". עס טוט אים שטאַרק ווי, וואָס ער מוז איבערלאָזן זיינע „סאַנאַטאָריום־ברידער" מיט וועלכע מען האָט אים געבראַכט אַהער ווען מען האָט ליקווידירט די ליבערטי־סאַנאַטאָריום פון אַרבעטער־רינג. אָבער — ער האָט קיין אַנדער ברירה נישט; ער קאָן דאָ לאַנג נישט אויסהאַלטן. ער האָט נישט קיין פּלאַץ ווו זיך צו רירן. ער — איז עפּעס אַנדערש. ער איז ביי אונדז אַן „אוניקום" און מיר אַלע מוזן היטן, אַז ער זאָל זיך פילן גוט! און ביים בלויזן פּאַקעווען זיינע זאַכן — פילט ער זיך שוין גוט!...

***

איך פאָר שוין צוריק קיין ניו־יאָרק. איך האַלט ,אַז איך בין שוין פולשטענדיק געזונט. פריינט פּרוסקי קאָן ביי מיר נישט פועלן צו בלייבן נאָך אַ טאָג אין פילאַדעלפיע. איך אייל זיך, ווייל איך האָב נאָך אין ניו־יאָרק אַ סך וואָס צו טון. און איך דאַרף נאָך פאָרן קיין מיאַמי־ביטש און קיין מעקסיקע. אין אָט די צוויי ערטער — מוז איך נאָך זיין ערב מיין פאַרלאָזן דעם אַמעריקאַנער ברעג.

מען פירט מיך צו צום באַן און מען זעצט מיך אַריין אין אים. ערשט איצט — כאַפּ איך אַ געשמאַקן דרימל. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט — בין איך שוין

געווען נישט ווייט פון ניו־יאָרק. אַ יונגער בחור שאַרט זיך צו צו מיר און פאַר־פירט מיט מיר „אַ שמועס". ער רעדט בלויז ענגליש און איך „פאַרשטיי" זיך איין מיט אים. איך זאָג אים, אַז איך דאַרף פאָרן ביז דער 170סטער סטריט אין די בראָנקס און ער דערציילט מיר, אַז ער פאָרט אויך אין יענעם געגנט. ביים אָפּשטייגן פון באַן, פירט ער מיך צו צום „סובטע" — און צום באַן, וואָס גייט אַהין וווּהין מיר דאַרפן.

איך האָב דיר שוין געשריבן: „אונדזער" באַן פון וואַשינגטאָן קומט אָן צו דער 34סטער סטריט און אויף צו נעמען די סאָבוועי — דאַרף מען נישט אַרויפ־גיין „אויבן", נאָר מען גייט אונטער דער ערד אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג, ביז מען נעמט די „ליניע" וועלכע מען דאַרף.

בין איך געגאַנגען מיט אָט דעם בחור — וואָס זאָגט מיר, אַז ער איז אַ סטודענט פון לאָאַ (אַדוואָקאַט) — מיר גייען „אונטער דער ערד", ביז מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אַ באַן וואָס דאַרף מיך ברענגען צו דער 170סטער סטריט...

גייענדיק אויפן וועג, האָט זיך דער סטודענט אויף מיר באַליידיקט, פאַרוואָס איך דערלויב אים נישט טראָגן מיין רענצל, — אָבער איך האָב אים „איבער־געבעטן" מיט אַ סיגאַרעט.

פאָרנדיק אויפן וועג, קוק איך אַרויס צו די סטאַנציעס וואָס מיר פאָרן דורך און באַמערק מיין באַגלייטער, אַז, דוכט זיך, מיר בלאָנדזשען! עפעס אומבאַקאַנטע סטאַציעס. ווען איך פאָר שטענדיק צו דער 170סטער סטריט ווייס איך, אַז מיר פאָרן דורך די 86סטע גאַס, די 125 גאַס, די 149סטע גאַס, די 161סטע גאַס — און דאָ פאָר איך דורך אַלץ נייע „גאַסן".

מיין סטודענט ענטפערט מיר, אַז איך זאָל זיין רויק...

פון דער ווייטנס זיצט אַ שוואַרצער, אַ פאָרטאָ־ריקאַנער, וואָס רוקט זיך צו צו מיר און פרעגט מיך אין שפאַניש וווּהין איך פאָר? ווען איך זאָג אים וווּהין איך דאַרף, — האָט ער מיר באַלד אויפגעקלערט, אַז איך פאָר נישט מיט דעם באַן וואָס גייט דורך מיין „גאַס". ווען ער האָט מיר אָנגעהויבן אויסמאָלן ווו איך דאַרף נעמען מיין באַן — האָט זיך, אומבאַמערקט, מיין „סטודענט" אַרויסגערוקט און ביי דער ערשטער סטאַנציע האָט ער געשטעלט פיס...

— אַז מען שמועסט מזל!...

און, דער אויסזען זיינער, איז דאָך געווען אַזאַ פיינער, און די באַנעמונג?

— אַזאַ צוגעלאָזטער מענטש! גיי, ווייס, מיט וואָס פאַראַ געדאַנקען און מיט וואָס פאַר אַ ציל ער האָט מיך געוואָלט ערגעץ פאַרפירן...

דער פאָרטאָריקאַנער האָט מיך שוין נישט אָפגעלאָזט. ער האָט מיך באַ־גלייט ביז איך האָב גענומען „מיין" באַן וואָס פירט מיך צו מיין היים אין די

בראָנקס. ווען איך האָב אים געוואָלט געבן 2 דאָלאַר פאַר זיין טירחה — האָט ער זיך באַליידיקט און איז אַוועק אָן אַ זיי־געזונט!

אַזוי איז אַמעריקע!

פון דעם 170סטער גאַס־סטיישען האָב איך גענומען אַ טאַקסי אויף צו פאָרן די 5 קוואַדרעס. ווער וואָלט זיך איינגעשטעלט 12 אַזייגער ביינאַכט גיין אין די בראָנקס אָט די פינף קוואַרטאַלן?... איך בין זיכער, אַז מען וועט נישט מאַכן קיין איבערפאַל אויף מיר. אָבער — איינשטעלן וויל איך אויך נישט. מען הערט שוין ווידער די בויאַנעס קאָמאַנדעווען איבער די גאַסן. די פאָליציי טראַכט שוין אַפילו אָנצונעמען אַ... פינף־יאָריקן פּלאַן צו באַקעמפן די כוליגאַנסטווע פון דער יוגנט, — אָבער, ביז דער פּלאַן וועט אַריין אין קראַפט — קאָן מען מיך נאָך באַפאַלן, גוט אָנברעכן דיביינער און צונעמען די פּאָר דאָלאַר וואָס איך האָב מיט זיך. וועגן אָט דעם 5־יאָר פּלאַן צו לייזן דעם פּראָבלעם פון קינדער־פאַרברעכערס אין ניו־יאָרק, רעדט מען זייער שטאַרק. אַ סברא, אַז דאָס ערשטע וואָס מען וועט טון — מען וועט זיך נעמען צו די עלטערן פון אָט די יונגע פאַר־ברעכער און זען וואָס פאַראַ שולד זיי האָבן אין די פאַרברעכנס פון זייערע קינדער. דאָס צופיל נאָכגעבן די שמד־שטיק פון קינדער, ברענגט נישט ווייניקער שעדלעכקייט און קינדער־פאַרברעכער, ווי דאָס אָרעמקייט פון די קינדער.

אַזוי ווי ניו־יאָרק און ספּעציעל „מיין" בראָנקס איז אַממייסנטן פאַרפּעס־טעט פון אָט די יוגנט־פאַרברעכער, — איז דאָס גיין אַהיים שפּעט ביינאַכט — נישט קיין אַנגענעמע זאַך. דאָך, אַ נו, פרעג איין מענטשן אין די בראָנקס, צי דערפאַר וועט ער זיך אַרויסציִען פון זיין געגנט, — וועט ער דיך אָנקוקן ווי אַ משוגענעם! ער האָט ליב זיין לאַנד, זיין שטאָט און זיין געגנט!

אַזוי איז אַמעריקע! און אַזוי איז דער אַמעריקאַנער!

XLII

טייערע גאָלדע.

איך האָב איצט געמאַכט די שענסטע רייזע זינט איך בין אין אַמעריקע, און די שענסטע רייזע פון מיין גאַנצן לעבן. איך בין איצט געווען אין דער שענסטער שטאָט פון אַמעריקע — און אפשר פון דער גאַנצער וועלט. איך בין געווען אין

— מיאַמי־ביטש.

זינט איך געדענק זיך שטיין אויף די פיס, זינט איך געדענק און איך האָב פאַרשטאַנען וואָס מען רעדט וועגן אַמעריקע, איז מיר איינגעקריצט אין זכרון די שטאָט

— מיאַמי־ביטש.

שוין 37 יאָר אין דעם, און איך קאָן נישט פאַרגעסן, ווי אין הילפס־קאָמי־טעט פאַר די „בעזשענצעס" וואָס דער דזשאָינט האָט אויסגעהאַלטן אין קעשע־ניעוו, איז געקומען אַ „דעלעגאַט" פון אַמעריקע. ער איז געקומען זוכן און אַרי־בערנעמען זיין פאַמיליע. האָט, אָט דער דעלעגאַט דערציילט, וואָס אַזוינס עס איז מיאַמי־ביטש. ווי אינמיטן ווינטער — באָדט מען זיך אין ים, וווּ דער הימל איז שטענדיק בלויז און אָן וואָלקנס און אַז אויף אַלע גאַסן פון אָט דער שטאָט, רעדט מען... יידיש.

דעמאָלט, זענען מיר, אָרעמע „בעזשענצעס", געווען זיכער, אַז אָט דער אַמעריקאַניעץ בלאָפט „פאַ אַמעריקאַנסקאַמו". טאַקע, ווי קאָן זיין, אַז אינמיטן ווינטער זאָל מען זיך באָדן אין ים?

און, אָט בין איך געווען אין מיאַמי־ביטש, אָט האָב איך אָנגעקוקט מיאַמי. אָט האָב איך פאַרבראַכט אין מיאַמי גאַנצע פינף טעג און —

איך בין מודה. דער אַמעריקאַניעץ האָט נישט געבלאָפט. דער חילוק איז נאָר, וואָס צוריק מיט 37 יאָר איז געווען אַן אַנדער מיאַמי־ביטש, און היינט — איז דאָס — לויט ווי מען זאָגט — גאָר אַנדערש. איין זאַך האָט זיך נישט געביטן. עס איז אינמיטן אַמעריקאַנער ווינטער און דאָ... באָדט מען זיך אין ים.

אָבער, איך וויל דיר אָנהויבן באַשרייבן פון אָנהויב.

איך בין געפאָרן קיין מיאַמי־ביטש מיטן באַן. אַז מען וויל קאָנען אַמעריקע, — זאָל מען נישט פליען אין די הימלען, נאָר פאָרן אויף רעדער. נישט וויכטיק

צו גומענע אָדער שטאָלענע, אַבי רעדער. דאָס אַרויסקוקן דורך די פענצטער, דאָס אָנקוקן די פעלדער, די „דערפער", די פאַרמס, — האָט אַלע ווערטן.

די צרה איז אין ניו־יאָרק, איז נאָר געווען: ווי אַזוי קומט מען צום באַן?

אינדרויסן האָט געשנייט אַ גאַנצע נאַכט און אינדערפרי איז אַ מוראדיקער פראָסט און גליטש. אין אַזאַ טאָג, איז שווער צו נעמען אַ טאַקסי, און אויך מוני

ד"ר א. מוקדוני
איינער פון אונדזערע גרעסטע ליטעראַטור־קריטיקער, וועמעס 80־יאָריקער יובילעאום מען קלייבט זיך איינגיכן צו פייערן.

יעקב לעשטשינסקי
איינער פון אונדזערע גרעסטע און פעיקסטע שרייבער און זשורנאַליסטן.

ביידע וווינען איצט אין מיאַמי ביטש.

האָט מורא אַרויסצונעמען זיין אויטאָ און פאָרן מיט מיר. חוץ דעם — מיט אַזאַ גליטש דאַרף מען פאָרן טריט ביי טריט און עס דאַרף געדויערן דריי־פיר שעה ביז מירן קומען מיטן אויטאָ. און מיר באַשליסן:

מיר נעמען דעם סאַבוויי (סובטע) און לאָזן זיך צום „פענסילוואַניע־סטיישען".

מיר „נעמען". ס'רעדט זיך דאָס וואָרט „נעמען". עס איז פונקט אין די „ראַש"־שעהן, דאָס הייסט, אין יענע שעהן ווען מען פאָרט צו דער אַרבעט, צו די אָפיסינאַס, און גלאָט צו די „ביזנעס" און זיך אַריינשטופן מיט מיין וואַליזע אין „סובטע" — איז מיר אָנגעקומען נישט לייכט.

ווי איך האָב דיר שוין געשריבן, בין איך נישט אַזוי באַגייסטערט פון די אַמעריקאַנער „סובטעס" (סאַבוועיס). אויך זיי, די אַמעריקאַנער, זענען נישט צופרידן מיט אָט די אַלטע, שמוציקע, וואַגאָנען, ווו איין מענטש הענגט אויף אַ צווייטן — אויב מען קאָן זיך אַריינשטופן אינעווייניק, און ביידע — הענגען אויף אַ דריטן אאַ"וו.

דאָס מאָל, האָב איך געבענטשט אָט די שמוציקע סובטע. ווען נישט זי —

ווי אַזוי וואָלט איך געקאָנט... פאָרן צום סטאַסיאָן (סטיישען) און ווי אַזוי וואָלט איך געווען אין מיאַמי־ביטש.

און פאָרן קיין מיאַמי האָב איך געמוזט! עס איז מיר געגאַנגען אין לעבן. מיין רייזע קיין מיאַמי, איז געווען פאַרבונדן מיט זייער אַ סך מאָטיוון.

ערשטנס: וווינט דאָך דאָרט אונדזער חבר מענדל באָסאַק, וואָס פּאָ־אַמעריקאַנסקאָמו הייסט ער „מענדל בראַון". נו! און איך שטעל זיך פאָר, אַז איך וואָלט נישט געקאָנט אַוועקפאָרן פון אַמעריקע און נישט זעען דיין חברטע און יוגנט־פריינדין טאַני באָסאַק־בראַון. איך געדענק גוט ווי אַזוי דו האָסט זיך געלעבט מיט טויען־טאַנין אין אומאַן, אַלס „באַרישניעס", און דערנאָך אַלס כלה־מיידלעך און דערנאָך — אַלס יונגע ווייבלעך. שפּעטער זענען מיר געפאָרן צוזאַמען אין ווייטן וועג אַריין, געגנבעט צוזאַמען די גרענעץ קיין ווערטיוזשען, געקומען צוזאַמען קיין קעשעניעוו, ווו אונדזערע וועגן האָבן זיך צעשיידט. זיי — זענען געפאָרן צו זייערע עלטערן קיין אַמעריקע, קיין פילאַדעלפיע, און מיר?... מיר האָבן זיי אָפּגעשיקט צוריק די שיפסקאַרטעס וועלכע טאַניעס עלטערן האָבן אונדז געשיקט און דער גורל האָט געוואָלט אַז מיר זאָלן אויפשטעלן אונדזער הויז אין אַרגענטינע.

איצט, נאָך 35 יאָר, פאָר איך צו זיי צו־גאַסט. איך פאָר זיך זעען מיט אַלטע, ליבע פריינט, וועלכע וואַרטן שוין אויף מיר.

פאַראַן נאָך מאָטיוון פון מיין רייזע קיין מיאַמי. איך וויל זיך טרעפן מיט מיין כמו־לאַנדסמאַן, דעם באַוווּסטן און באַליבטן שרייבער און פּובליציסט, וועלכן מען לייענט אַזוי גערן, דעם פריינט

— יעקב לעשטשינסקי.

וועלכער וווינט לעצטנס אין מיאַמי.

בכל בין איך געוווּיר געוואָרן אין ניו־יאָרק, אַז זייער אַ סך יידישע שרייבער, האָבן ליקווידירט זייערע וווינונגען אין ניו־יאָרק, און האָבן זיך אַריינגעצויגן קיין מיאַמי־ביטש, ווו זיי באַרויקן זייערע אָנגעצויגענע און שאַרפע נערוון און רוען אויס זייערע אַלטע ביינער. דאָ, אין מיאַמי, שרייבט זיך בעסער, לייכטער און רויקער.

צווישן די גרויסע יידישע שרייבער וואָס וווינען אין מיאַמי, איז כדאי צו פאַרצייכענען דעם באַרימטן ליטעראַטור־קריטיקער,

— ד"ר א. מוקדוני.

קאָנען פערזענלעך אָט דעם גרויסן יידישע שרייבער, איז געווען מיינער אַ חלום פון אַ סך יאָרן. און, אָט ווערט פאַרווירקלעכט מיין חלום און לעבנס־באַגער!

אין מיאַמי וווינען אויך די באַרימטן פעליעטאָניסטן „דער לעבעדיקער"

(ח. גוטמאַן), ב. קאָוונער, — וועלכער האָט שוין אַריבערגעשפּאַנט די 80ער און ער איז נאָך וואַזשנע יונג אין גייסט און אין שרייבן. און נאָך און נאָך יידישע שרייבער, וועלכע האָבן געמאַכט מיאַמי פאַר זייער היים.

והשלישית: עפּעס האָט מען מיר שוין אַנדערצייילט, דאָ, אין ניו־יאָרק, אַזעל־כע פאַנטאַסטישע געשיכטעס וועגן מיאַמי — אַז, נישט אַנקוקן מיאַמי, וואָלט, ממש געהייסן, נישט זיין אין אַמעריקע.

און — אָט פאָר איך קיין מיאַמי.

שוין עטלעכע טעג ווי אינדרויסן ברענט דער פראָסט — אָבער אין וואַגאָן איז וואַרעם און מחיהדיק. מיין זיץ־פּלאַץ איז ביי אַ פענצטער. אָט, אַזוי, אויף שטום־לשון, בעט איך שטענדיק מען זאָל מיר געבן אַ פּלאַץ ביים פענצטער און דער בילעטן־פאַרקויפער פאַרשטייט מיך און דערפילט מיין ביטע. איך האָב געפּרוווט איבערלאָזן אַ „טיפּ" (פּראָפּינאַ) פאַר אַזאַ טובה — אָבער, מען האָט נישט אָנגענומען. זיי — די אינטעליגענטע באַאַמטע — ווילן נישט אַז אַן אויס־לענדער זאָל אַרויסטראָגן אַ מיינונג, אַז אין אַמעריקע מוז מען, פאַר אַלעס, געבן „טרינק־געלט"... דאָך, אַ נו, פּרוווּ, געב נישט קיין טאַקסי־שאָפער קיין „טיפּ" וועט ער דיך... באַליידיקן! אַ גליק נאָך, וואָס איך פאַרשטיי נישט וואָס זיי זאָגן מיר...

און, ווי שטענדיק — אַן אַ קלונג אָן אַ פּייף — ווי מיר זענען געוווינט, גיט זיך דער באַן אַ ריס־אָפּ פון זיין פּלאַץ און...

דער באַן „שווימט" שוין אין דער „טובע" וואָס ליגט אויסגעלייגט אונטערן גרויסן טייך וואָס טיילט אָפּ ניו־יאָרק פון ניו־דזשוירזי. ער פליט מיט אַ גע־וואַלדיקער שנעלקייט און העכער 15 מינוט איז „פינצטער" אין וואַגאָן, — כאָטש עס ברענען די עלעקטרישע לאָמפּן.

— —

עס איז שוין נישט דאָס ערשטע מאָל וואָס איך פאָר מיט די אַמעריקאַנער באַנען, איבער אַמעריקאַנער פעלדער. דאָס מאָל — איז עפּעס אַנדערש. איך באַמערק אַז אָט די וואַגאָנען וואָס גייען קיין מיאַמי זענען אַנדערע וואַגאָנען! מערער באַקוועמערע און שענערע... צוליב קאָמפּעטענץ און קאָנקורענץ.

איך הער אין באַן רעדן... יידיש. פון פאָרנט און הינטער מיר — רעדט מען יידיש. איך הער אַפילו זיך... קריגן אויף יידיש, און אַ מאַן שרייט אויס צו זיין פרוי, אַז זי איז אַ... בהמה.

אַז אין מיאַמי־ביטש זענען פאַראַן טויזנטער, צענער־טויזנטער יידישע פאַ־מיליעס — האָב איך שוין געהערט. אַנדערע האָבן מיר שוין אַפילו געזאָגט, אַז די מערהייט איינוווינער פון מיאַמי — זענען יידן, אויף אַזוי וויט — אַז אַלס

אינטענדענט פון שטאָט (מעיאָר) איז אויך דערוויילט געוואָרן אַ ייִד! אָבער, אַז דער באַן וואָס פּאָרט קיין מיאַמי זאָל זיין אַזוי „ייִדיש" — האָב איך זיך נישט געריכט.

ווען מיר זענען אַרויס אויף דער „ליכטיקער שיין", האָב איך זיך ערשט אָנגעהויבן אַרומקוקן וואָס אין וואַגאָן טוט זיך. עס איז טאַקע אמת. אַזאַ וואַגאָן, אַזוי פיל באַקוועמלעכקייטן, זעט מען נישט אין די געוויינלעכע באַנען וואָס קרייצן אַמעריקע. דאָס איז די פּריוואַטע קאָמפּעטענץ. גאָר ספּעציעל — איז דאָס די קאָנקורענץ צווישן באַן און אַעראָפּלאַן! דער אַוויאָן ברענגט דעם פּאַסאַזשיר שנעלער — קומט דער באַן מיט זיין לוקסוס־באַקוועמלעכקייט און קאָנקורירט מיט אָט דער שנעלקייט.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און איך האָב געשלאָסן קענטשאַפט מיט מיינע „באַן־ברידער" און „באַן־שוועסטער". עס האָט מיך שטאַרק אינטערעסירט צו וויסן, וואָס פאַר אַ טיפּ אַמעריקאַנער ייִדישע טוריסטן פאָרן עס איצט קיין מיאַמי. עס איז אין בעסטן סעזאָן פון אַרבעט ביי אַלע פאַכן. עס איז „פּראָספּע־ריטי" אין ביזנעס און אין אַלע צווייגן פון דער אינדוסטריע. ווער־זשע פאָרט עס איצט אַוועק אויף וואַקאַציעס?

און, דאָס אינטערעסאַנטסטע וואָס איך האָב אויסגעפונען: — פון די צען ייִדישע פאַמיליעס וואָס פאָרן אין מיין וואַגאָן קיין מיאַמי — זענען פינף פאַמיליעס כובילירטע (ריטייערטע). זיי באַקומען פּענסיע פון דער רעגירונג און פון זייער יוניע (סינדיקאַלן־פאַראיין), שפּאָרן זיי אָפּ צוביסלעך פון דער אָרעמער פּענסיע, און ווינטער — ווען די פרעסט זענען גרויס — פאָרן זיי אין וואַרעמען פלאָרידאַ. זיי האָבן שוין צוגעגרייטע האָטעלן וואָס קאָסטן ביליק. די גרעסטע טייל פון זיי דינגען אַ „מאָטעל" (איך האָב נישט קיין טעות: נישט „האָטעל" מיט אַ „ה" — נאָר „מאָטעל", מיט אַ „מעם"). דאָס איז אַזאַ מין „מועבלירטער" צימער — אַ צימערל ווו עס שטייט אַ בעט פאַר איין אָדער צוויי מענטשן. דאָס צימערל איז קליין און ענג און אָן אַ פענצטער, — אַבי עס זאָל זיין ווו צו שלאָפן. עסן — „כאַפּט" מען וואָס עס איז נישט איז... מען קומט דערנאָך צוריק אַהיים, מיד, צעבראָכן און אָן אַ סענט, אָבער — די שכנה (די נעקס־דאָריקע), מיסעס היי־מאַן, ווערט צעפּלאַצט פאַר פאַרדרוס וואָס זי האָט נישט געקאָנט „נעמען אַ וואַקיישען" קיין מיאַמי און מיסעס קלאַסמאַן — איז יאָ געפאָרן!

און נישט בלויז מען הערט מען אין באַן רעדן ייִדיש! אָט הער איך ווי מען קריגט זיך אויף ייִדיש!

דאָס קריגט זיך טאַקע דאָ אַ ייִד מיט זיין מיסעס, ער פאַרשעלט איר שוין די

יאָרן פאָרויס: זי האָט אים איינגערעדט צו פאָרן קיין מיאַמי און זיך פאַרבאָדן אין חובות...

אַנדערע צוויי פאַמיליעס, וואָס פאָרן אין באַן: — זענען צוויי ברידער מיט זייערע צוויי פרויען. זיי האָבן גרויסע געשעפטן אין ניו־יאָרק, האָבן אויף וועמען די געשעפטן צו לאָזן... און קאָנען זיך פאַרגינען דאָס פאַרגעניגן.

איין פאַמיליע איז אַ ייִד, אַ שניידער. ער אַרבעט שווער אַ גאַנץ יאָר, און

דער אַלגעמיינער אויסזען פון מיאַמי־ביטש

זיין איינציק פאַרגעניגן אין לעבן איז — צו נעמען וואַקיישען אין סאַמע ווינטער. נעמען זיך פרוי —קיין קינדער האָבן זיי נישט— און פאָרן אויף 15 טעג קיין מיאַמי. די 15 טעג אין מיאַמי געבן אים כוח אויף די וואָכן און וואָכן אַרבעט. און אויף די צען — און אַמאָל 15 — וואָכן... אַרבעטסלאָזיקייט!

ערשט איצט, פאַרנדיק מיט אָט דעם ייִדן אין באַן, בין איך געוווּיר געוואָרן וואָס עס הייסט צו זיין אַן אַרבעטער אין אַמעריקע. איך ווער געוווּיר, אַז עס איז נישטאָ קיין איין פאַך — פּאָזיטיוו קיין איין פאַך — אַ חוץ די אַרבעטער ביי די צייטונגען און זשורנאַלן — אַז מען זאָל אַרבעטן אַ גאַנץ יאָר! פאַראַן סעזאָן

(זיי זאָגן: „סיזאָן״) און פאַראַן „סלעק״ — דאָס הייסט: וואָכן, וואָס מען גייט אַרום אָן אַרבעט. ספּעציעל איז דאָס ביים שניידער־פאַך. דער אַרבעטער, דאַרף, אין די וואָכן פון אַרבעט — אָנגרייטן פאַר די וואָכן וואָס עס איז נישטאָ קיין אַרבעט... דער בעל־הבית צאָלט נישט פאַר יענע וואָכן אַפילו קיין סענט. אַ קליינע שטיצע באַקומט מען פון דער יוניע — און דאַטס־האָל. דאָס איבעריקע — אַרעגליר דיך ווי דו קענסט.

הלמאי זאָל איך דיר זאָגן, גאָלדע. איך האָב שוין געפונען אַ צווייטן מאָטיוו פאַרוואָס אַמעריקע זאָל מיר נישט געפעלן אויף צו באַזעצן זיך דאָ...

איך האָב געפּרוּווט מיין „באָן־ברודער״, דעם שניידער, אַרויסצוזאָגן מיין מיינונג, אַז עס געפעלט מיר נישט אַזאַ אָרדענונג און אַזאַ לעבן — האָט ער מיך אָנגעקוקט ווי אַ... ווילדן!

— וואָס־זשע האָט איר געוואָלט —זאָגט ער מיר— אַז דער „באָס״ (בעל־הבית) זאָל קריגן אַרבעט אונטער דער ערד, אָדער ער זאָל אונדז צאָלן פאַר זיצן ליידיק? נישטאָ קיין אַרבעט — דאַרפן מיר אַלע ליידן! ער ליידט די הוצאות פון אויסהאַלטן דעם „שאָפּ״ (טאַזשער) און מיר, די אַרבעטער, דאַרפן איבער־וואַרטן ביז דער „סיזאָן״ קומט אָן.

יאָ! —טראַכט איך— ער וואָלט עס געדאַרפט זאָגן אונדזערע זיד־אַמע־ריקאַנער אַרבעטער, וואָלט מען אים פאַרשפּאַרט אין אַ משוגעים־הויז...

איין פּאָרפאָלק, שוין אָן עלטערס, זיצט אָפּגעזונדערט. עס קומט מיר אָן שווער מיט אים צו פאַרבינדן אַ שמועס. ער איז אין אַמעריקע שוין 55 יאָר. רעדט אַזאַ יִדיש, אַז איך פאַרשטיי אים נישט קיין וואָרט. מיין שניידער זאָגט מיר, אַז ער רעדט אויך אַ... שלעכטן ענגליש. ער האָט פּשוט גענומען די ביידע שפּראַכן, זיי צונויפגעמישט און געמאַכט זיין אייגענעם דיאַלעקט. דאָס איינציקע וואָס איך בין ביי אים געוווּיר געוואָרן איז: — זיי פאָרן אין אַ „האום״ (אַ מושב־זקנים) פון מיאַמי. זיי געפינען אין אַ „האום״ אין די בראָנקס, ניו־יאָרק, האָבן זייערע אייניקלעך איינגעצאָלט פאַר זיי און זייער בראָנקסער מושב־זקנים האָט זיי „טראַנספערירט״ צו אַ מושב־זקנים פון מיאַמי, מיט וועמען זיי שטייען אין „קאָמערציעלע״־ און „אויסטויש״־פאַרבינדונגען. זומער, ווען אין מיאַמי איז שטאַרק הייס — שיקט זי אירע זקנים קיין ניו־יאָרק וווּ עס איז, אפשר, קילער.

דער אינטערעסאַנטסטער פּאַסאַזשיר איז געווען אַ יונגער מענטש מיט זיין פרוי ער איז אַ מעדיצין־דאָקטער און זי איז אַ דענטיסטין. ער האָט געמוזט שליסן זיין קאָנסולטאַריע, ווייל די פרוי איז קראַנק און מוז האָבן דעם וואַרעמען קלימאַט. ער און אויך זיין פאָטער זענען אַמעריקאַנער געבוירענע, דאָך, רעדט ער אַ

היימישן ייִדיש. דאָס האָט ער צו פֿאַרדאַנקען דעם גרענד־פּאָ און גרענד־מאָ (זיידע און באָבע) וואָס וווינען מיט זיי אין ניו־יאָרק.

רעדנדיק מיט אָט דעם אַמעריקאַנער דאָקטער, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז נאָך נישט אַלעס איז פֿאַרפֿאַלן! אַז מיט ייִדיש און ייִדישקייט האַלט נאָך נישט אַזוי שמאָל. אָט זיצט פֿאַר מיר אַ יונגערמאַן וואָס איז מיט טויזנטער פֿעדים פֿאַרבונדן מיט אַמעריקע, האָט ליב זיין געבוירן־לאַנד מיט זיין גאַנצער נשמה. איז געווען אַ פּריוויליקער סאָלדאַט ביי דער צווייטער מילחמה און איז געווען 2 יאָר אויפֿן פּאַסיפֿיק. דאָך, רעדט ער וועגן מדינת־ישראל ווי וועגן אַן אייגנס, וועמען ער איז אויך גרייט אָוועקצוגעבן זיין לעבן. אַ שאָד וואָס זיין פֿרוי קאָן נישט פֿאַרן קיין ישראל. זי האָט אַ קראַנקע מוטער און אַ פֿאָטער אַ קריפּל, וועלכע זי קאָן נישט איבערלאָזן. ווען נישט זיי — וואָלטן זיי שוין געווען אין „יזראַעל".

דער דאָזיקער דאָקטערישער „באַן־ברודער", וויל ביי מיר געוווּיר ווערן ווי אַזוי עס לעבן די מענטשן אין אונדזערע מקומות. גאַר ספּעציעל אינטערעסירט אים צו וויסן, צי עס איז אמת, אַז ביי אונדז... רוט מען זיך אויס נאָכן עסן. ער רופֿט מיר אַפֿילו אָן דעם נאָמען: „סיעסטאַ". ער איז אַ האַרץ־ספּעציאַליסט און אינטערעסירט זיך מיט דעם ענין פֿון: „שלאָפֿן נאָכן עסן", שלאָפֿן אין מיטן העלן טאָג". איך דערצייל אים, אַז דאָס כאַפּן אַ דרימל נאָכן עסן, איז ביי אונדז, אין אונדזערע לענדער, אַ נאַציאָנאַלע געוווינטהייט. אַז עס זענען פֿאַראַן מענטשן ביי וועמען דער דרימל געדויערט 30 מינוט און ביי אַנדערע געדויערט אַזאַ „דרימל" אַ שעה און צוויי!...

איך פֿיל, אַז ווען ער שעמט זיך נישט, וואָלט ער געפּאַטשט בראַוואָ! ער איז זיכער, אַז אויך אין אַמעריקע וועט מען, אָט דעם סיסטעם, מוזן אָננעמען. אַליך האַרץ־דאָקטער, אַלס פֿאַרשער אויף אָט דעם געביט, גלויבט ער, אַז ווען די אַמעריקאַנער מענטשן, וועלן אָנהייבן כאַפּן אַ דרימל נאָכן עסן — וועט זיך פֿאַרמינערן דאָס „שנעל־לעבן" וואָס מען לעבט, און מען וועט פֿאַרמיידן אַ סך האַרץ־קראַנקע.

ער איז מסכים מיט מיר! — דאַכט זיך דער ערשטער אַמעריקאַנער וואָס איז מיט מיר מסכים — אַז אין אַמעריקע אַרבעט מען זיך איבער! מען אַרבעט צופֿיל און מען לעבט צו־שנעל! ער אַרבעט שווער און ער לעבט שנעל: — דער „באָס", וואָס האָט אַ „שאָפּ" אָדער אַ געשעפֿט און עס אַרבעט שווער און עס לעבט נאָך שנעלער — דער אַרבעטער און באַאַמטער, וועלכע מוזן יאָגן, כדי צו מאַכן אַ לעבן!

און, אָט דערציילט מיר דער דאָקטער, אַז זייער האַרץ־אינסטיטוט האָט

שוין אָנגעהויבן מאַכן פּראָפּאַגאַנדע אויף אַט דעם געביט פון כאַפּן אַ דרימל. אײַ, ווי אַזוי קאָנען, למשל, די ניו־יאָרקער אַרבעטער, באַאַמטע אָדער אַפילו בעל־הבתים, כאַפּן אַ דרימל אינמיטן בײַטאָג? — סיידן אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ בײַ זיין שרייב־טיש אָדער ניי־מאַשין.

דערציילט מיר דער דאָקטער, אַז אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון זייער אינס־טיטוט, האָבן אַ סך האָטעלן אָנגעהויבן פאַרדינגען צימערן אויף אַ האַלבער אָדער גאַנצער שעה אין טאָג. און אַ סך מענטשן נוצן־אויס די אָפּערטע און גייען אַריין זיך אָפּרוען און כאַפּן אַ דרימל. אַ צווייט מיטל איז — זיך אַריינכאַפּן אין אַ נאָענטן „קינאָ“ און —אויב מען קאָן פאַרליידן די מוזיק פון דעם לייוונט— קאָן מען אויך כאַפּן אַ דרימל...

רעדנדיק אַ פּאָר שעה מיט מיין נייעם פריינט, דעם „באַן־ברודער“, דעם דאָקטער, בין איך אַליין... שיעור שוין געוואָרן אַ דאָקטער. ער האָט מיך איבערציייגט, ווי נויטיק דער דרימל איז פאַרן מענטשלעכן קערפּער — מעג זיין אַפילו נאָך דער אַרבעט, ווען מען קומט שוין אַהיים, און מען כאַפּט עפּעס איבער — אַז איך האָב באַשלאָסן דיר... טעלעגראַפירן:

— היט זיך אָפּ! למען-השם! כאַפּ אַ דרימל יעדן טאָג!

אונדזער באַן „פליט“, ממש, איבער די אַמעריקאַנער פעלדער און וועלדער. מיר האָבן שוין לאַנג געלאָזט אונטער זיך פילאַדעלפיע, באַלטימאָר, וואַשינגטאָן און אַנדערע וויכטיקע שטעט. איך מאַך אַ שפּאַציר איבער די וואַגאָנען, כדי זיך צו באַקענען מיט אַמעריקאַנער פּראָגרעס. דער דאָזיקער באַן, פירט מיט זיך עטלעכע שלאָף־וואַגאָנען, אַ לוקסוס־עס־וואַגאָן, און אַ ספּעציעלער וואַגאָן פאַר... לייענען אַ ציייטונג און טרינקען אַ „וויסקי“. פאַראַן אַן אָפּטיילונג פאַר רויכערער און אַ צווייטע אָפּטיילונג — פאַר נישט־רויכערער. די פרויען — זיצן אין „רויכערער־אָפּטיילונג“...

בײַ אַ טישל זיצן יידישע מענער און פרויען און... שפּילן „קאַנאַסטאַ“. מען רעדט יידיש, געמישט מיט ענגליש און מען פאַרברענגט צוזאַמען.

איין ייד, מיט אַ חנעוודיקן, היימישן, הדרת־פּנים, רוקט זיך צו צו מיין טישל ווו איך זיץ און מאַך פאַרצייכענונגען. ער וויל וויסן: ערשטנס, צי איך בין אַ ייד, והשנית, וואָס זיץ איך עפּעס אַליין:

ער שטעלט זיך פאָר: פיליפּ ווייניק.

און ווען דערהערט אַז איך בין אַן אַרגענטינער ייד און נאָך אַ שרייבער דערצו, — ווערט ער גאָר היימיש.

מיר פֿאַרברענגען שוין צוזאַמען אַ שטיק צייט און איך באַקען זיך מיט אַ נייעם טיפּ אַמעריקאַנער מענטשן:

טיף איינגעוואָרצלט אויפֿן אַמעריקאַנער באָדן, האָט שטאַרק ליב אַמעריקע און שטיצט „יזראַעל" מיט וויפֿיל מען קאָן. ווען ער איז יונגער — פֿאַרט ער זיך באַזעצן אין ישראל, אָבער — שוין נישט די יאָרן!

אַזוינע יידן זענען פֿאַראַן אין די שווערע טויזנטער אין אַמעריקע... זייער מאַטעריעלע שטיצע פֿאַר ישראל איז אויך וויכטיק!...

איך האָב דיר, גאָלדע, אַביסעלע צעצויגן מיט מיין באַשרייבונג פֿון דער באַן־רייזע קיין מיאַמי. איך האַלט, אַז פֿאַרנדיק אין אַמעריקאַנער באַן, באַקומט מען מערער אַן אָנונג וועגן אַמעריקאַנער מענטשן ווי ווען מען זאָל איבערלייענען צען ביכער וואָס שרייבן וועגן זיי. אין באַן טרעפֿט מען מענטשן פֿון אַלע שיכטן, פֿון אַלע קלאַסן און פֿון אַלע קאָלירן. און, באַשרייבנדיק דיר אָט די רייזע ביז מיאַמי, — האָסטו, דערוויי̆ל, זיך באַקאַנט מיט אַ שטיק אַמעריקאַנער לעבן בכלל און יידיש לעבן — בפֿרט.

פֿאַרן גיין שלאָפֿן, האָב איך נאָך אַ נייעם סורפּריז. עס קומט צו צו מיר אַ ייד, אַן עלטערער מענטשן און וויל זיך באַקענען מיט מיר. ער האָט געהערט, אַז איך בין אַן אַרגענטינער ייד און אַזוי ווי ער האָט אין אַרגענטינע אַ „פֿריינטל", טאָקע אַ נאָענטן קרוב, וויל ער וויסן אפֿשר קאָן איך אים?

— ווער איז זיין קרוב?

— אַך! ווי די וועלט איז קליין! זיין קרוב איז אונדזער לעאָנס שכן און אַלמאַסענעראָ (גראָסקיפּער) שלמה זלאַטניק.

איך דערצייל אים אַז איך קאָן אים זייער גוט, גיב אים עטלעכע סימנים און ער איז זייער צופֿרידן אָפּצונעמען אַ גרוס פֿון אַ קרוב פֿון וועלכן ער האָט שוין נישט געהערט העכער דריי צענדליק יאָר.

פֿון זיך, דערציילט ער מיר, אַז ער האָט צו אַמעריקע נישט דערלייגט. ער איז ב"ה פֿאַרזאָרגט אויפֿן גאַנצן לעבן. ער איז פּרעזידענט פֿון עטלעכע מינען־געזעלשאַפֿטן און האָט אויך שערס (אַקציעס) טאָקע אין אָט דער קאָמ־פּאַניע פֿון אייזנבאַנען מיט וועלכער מיר פֿאָרן. אַ שאָד וואָס ער האָט נישט קיין קינדער... אָבער, ער האָט שוין פֿאַרזאָרגט אין זיין צוואה, אַז מדינת־ישראל און אויך אַנשטאַלטן אין אַמעריקע און זיין קאָנגרעגאַציע זאָלן געניסן —איבער הונ־דערט און צוואַנציק יאָר— פֿון זיין פֿאַרמעגן...

מיר האָבן שטילערהייט, פֿאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

די עטלעכע שעה וואָס זענען געבליבן ביזן טאָג אַריין בין איך איבער־געשלאָפֿן זייער געשמאַק. דאָס בענקל פֿון באַן צעלייגט זיך אַזוי ,אַז זאָלסט קאָנען

רויק שלאָפן. די לאָמפּן ווערן פאַרלאָשן און ווען נישט דאָס יידישע פּאָרל וואָס קריגט זיך אויפן קול, —פון ווען־נישט־ווען— וואָלט מען געשלאָפן גאָר רויק...

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אַרום זיבן אַ זייגער, האָב זיך אָנגעטאָן, אָפּגעוואַשן און אַרויסגעגאַנגען אויף דער „פּלאַטפאָרם" פון באַן, האָב איך, צו מיין דערשטוינונג, דערזען און דערפילט אַז איך בין אין אַן אַנדער וועלט. ערשט נעכטן, ווען איך אַרויסגעפאָרן פון ניו־יאָרק, איז געווען אַזאַ פראָסט און אַזאַ שניי — היינט, איצט איז זומער, וואָרעם, די פעלדער אַרום — גרין, דיביימער מיט גרינע בלעטער! מיט איין וואָרט — איך בין אינמיטן זומער!

עס איז ממש נישט צו גלויבן! אַזאַ גרויסער חילוק פון אַזאַ קליינער שטרעקע!

מיין נייער באַקאַנטער, שלמהס פריינטל, לאַדט מיך איין אויף „ברעקפעסט" (איבערבייסן) אין עס־וואַגאָן. איך האָב אויך אַנדערע איינלאַדונגען פון די נעכטיקע באַקאַנטע. איך ווייס נישט, צי זיי טוען עס אַלס אויפמערקזאַמקייט צו מיר אָדער אַלס... רחמנות צו אַ יידן וואָס קומט פון אַ לאַנד מיט געלט וואָס האָט אין אַמעריקע קיין ווערט נישט און מען וויל, אַט דעם יידן איינשפּאָרן... איייניקע האָבן עס, כמעט, אַרויסגעזאָגט און מיך האָט עס פאַרדראָסן.

שלמהס פריינטל, דענקט נישט דאָס. ער האָט זיך פּשוט צוגעקלעפּט צו מיר און באַדינט מיך אויף יעדן שריט. איך וואָלט געזאָגט: איך בין אים אַריין אין האַרצן.

מיר גייען אַריין אין עס־וואַגאָן, ער באַשטעלט אפשר צען טעלערלעך. פון אַלעס וואָס מען האָט געבראַכט, האָב איך בלויז פאַרזוכט די צוויי לויזע אייער און דאָס געפרישטע ברויט מיט פּוטער. דוכט מיר, ווען איך בין אין אַמעריקע צען יאָר, וואָלט איך זיך נישט צוגעוווינט —אויפן פרימאָרגן און ניכטערן מאָגן — אַזוי פיל צו עסן, ווי עס טוען עס די אַמעריקאַנער...

נאָכן עסן גייען מיר אַריין אין „לייען־וואַגאָן". איך נעם אַרויס פון מיין וואַליזע מיינע ביכער וואָס איך האָב געפירט מיט זיך — אַ מתנה פאַר אַ חבר, אַ שרייבער — און ווייז זיי מיין נייעם פריינט.איך טו עס, פשוט, כדי אים צו ווייזן, אַז דאָס וואָס איך האָב אים נעכטן דערציילט, אַז איך האָב שוין אָנגעשריבן און אַרויסגעגעבן זעקס ביכער, איז נישט קיין אויסגעטראַכטע זאַך פון אַ „גריי־נעם". מיין באַקאַנטער נעמט די ביכער אין די הענט אַריין, קוקט זיי גוט אָן און... נעמט זיי צו. ער גיט זיי מיר שוין נישט אָפּ.

שפּעטער מיט אַ פּאָר מינוט, האָב איך דערפילט זיין האַנט ביי מיר אין קעשענע. ער האָט מיר אַריינגעלייגט אַהין צוויי אַמעריקאַנער באַנקנאָטן צו... פופציק דאָלאַר יעדער באַנקנאָט.

אָט, דאָס קאָן אַן אַמעריקאַנער ייִד טון — אויב דו געפעלסט אים!

פאַרן ענדיקן אונדזער רייזע, קומט ער צו צו מיר, גיט מיר זיין אַדרעס און בעט מיך אים באַזוכן אין לאָנג־איילאַנד, נ. י., ווו ער האָט זיין שטענדיק היים, בעט מיך אים שיקן דעם זשורנאַל און מיינע וויטערדיקע ביכער, און דער עיקר וואָס ער בעט מיך:

קיינעם נישט — אויך נישט זיין פריינטל שלמהן — געבן זיין אַדרעס. ער וועט אים אַליין שרייבן ווען ער וועט געפונען פאַר נייטיק. אגב, ער קלייבט זיך מאַכן אַ רייזע קיין אַרגענטינע. ער וויל זיך טרעפן מיט זיינע לאַנדסלייט פון גראָדנע, אַמדור און די אַנדערע שטעטלעך אַרום.

מיר דאַכט זיך, גאָלדע, אַז די געשיכטע מיט נישט געבן זיין אַדרעס — וועט מיר נאָך פאַרשאַפן אַ סך קאָפּווייטיק...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואָס ווייטער מיר פאָרן, וואָס נענטער מיר קומען צו צו מיאַמי־ביטש, אַלס הייסער ווערט די לופט. מיר פאָרן איצט אין דער פּראָווינץ וואָס איז באַרימט אין אַמעריקע, און וואָס הייסט „פלאָרידאַ" (מיטן אַקצענט אויפן אָ). אין אָט דער פּראָווינץ ווייסט מען נישט וואָס עס הייסט ווינטער, פראָסט, שניי און... גליטשן זיך אויפן אייז! עס איז אַ געגנט ווו עס איז שטענדיק גרין און עס בליִען שטענדיק די פעלדער אוןביימער און טאַקע אויך... דאָס לעבן!

אונדזער באַן הייבט אָן שווערער צו „סאָפּען". ער הייבט אָן איינצוהאַלטן די רעדער. עס קלינגט שוין דער גלאָק פון לאָקאָמאָטיוו וואָס פירט אָט דעם לאַנגען „עשאַלאָן" פון די מאָדערנסטע וואַגאָנען. דער גלאָק „מעלדעט", אַז ער ברענגט אַ פּאָר פרישע טויזנטער טוריסטן צו דער באַרימטער וועלט־שטאָט מיאַמי־ביטש, און צווישן די טוריסטן וואָס קומען באַוווּנדערן די שטאָט, געפינט זיך אויך, אני הקטן, וועלוול נוסקעס, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין טעפּליק, חתונה געהאַט אין אומאַן און אויפגעבויט זיין היים אין בוענאָס־איירעס, אַרגענטינע.

איצט, נאָך 35 יאָר וווינען אין אַרגענטינע, פאָרט ער זיך זען מיט טאַנין און מיט מענדלען. ער פאָרט זיך באַקענען מיט ייִדישע שרייבער און מיט ייִדיש לעבן פון מיאַמי־ביטש.

— שלום־עליכם, דיר, מיאַמי!

XLIII

טייערע גאָלדע.

די דאָזיקע בריוו שרייב איך דיר 2 שעה פריִער איידער איך נעם דעם עראָפּלאַן צו פליִען קיין... מעקסיקע.

אַזוי ווי פון מיאַמי קיין מעקסיקע קאָסט אינגאַנצן אַזאַ „קליינקייט" ווי 120 דאָלאַר (אַהין און צוריק) און אַזוי ווי זיין אין מעקסיקע איז שטענדיק געווען איינע פון מיינע גרעסטע פאַנטאַזיעס און חלומות, נו — איז, ווי פלעגט מען זאָגן ביי אונדז: „רוב ניע דיענעג" — אַ קערבל איז קיין געלט נישט, און אַ פּאָר הונדערט אַמעריקאַנער דאָלאַר זענען אויך קיין געלט נישט, אַבי צו פאָרן קיין מעקסיקע און זיך באַקענען מיטן דאָרטיקן יידישן לעבן, ווי בכלל מיט מעקסיקע, — דאָס לאַנד פון די „אַצטעקן", דאָס לאַנד פון נאַפּאָלעאָן, כואַרעז, און... קאַנטיפלאַקס.

און, כאָטש איך בין שוין געוואָרן אַ היימישער מיט „פליִען" און מיט עראָפּלאַנען, דאָך — ציטערט אויף מיר די הויט. דער עראָפּלאַן איז נישט קיין אַמעריקאַנער, נאָר פון אַ מעקסיקאַנער קאָמפּאַניע. ווער ווייסט צי די מעקסיקאַנער האָבן זיך שוין אויסגעלערנט... פליִען. איין טרייסט האָב איך: דער פּילאָט וואָס פירט דעם אַוויאָן, האָט אויך אין דער היים אַ מאַמע, און דאָ, אין מעקסיקע, האָט ער אַ שיינע כלה, טאַקע אָט די סעניאָריטאַ, וואָס האָט מיר פאַרקויפט דעם פלי־בילעט קיין מעקסיקע. ווען איך האָב זי אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן דעם אַוויאָן, און וויפיל מאָטאָרן ער האָט און נאָך אַזעלכע פראַגעס, האָט זי מיר, אין אַ מעקסיקאַנער שפּאַניש, דערקלערט, אַז איך מעג פאָרן רויִק, — איר חתן איז דער הויפּט־פּילאָט פון עראָפּלאַן...

דאָך, האָב איך איבערגעלאָזט אַ בריוו ביי טאַניִן. דער בריוו איז צווישן מיינע זאַכן, וועלכע איך לאָז אין מיאַמי, וווהין איך וועל זיך נאָך אומקערן פון מעקסיקע. אין בריוו מעלדע איך דיר, דאָס אויב עס וועט געשען מיטן עראָפּלאַן אַן אומגליק, פאַרמאָג איך כך וכך דאָלאַרן וועלכע ליגן דאָ און דאָ און אַ חוץ דעם, האָב איך געמאַכט אַ פאַרזיכערונג (סעגוראָ) אויף דיין נאָמען אויף דער סומע פון... 50 טויזנט דאָלאַר. אין בריוו ליגט אויך אַ רעסיווע און אַדרעס פון דער פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט.

און, נאָך אַלעמען, גיי איך פליִען גאַנץ רויִק. איך האָב בטחון, אַז עס וועט גאָרנישט געשען !...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איצט, וועל איך דיר באַשרייבן וואָס איך האָב געזעען אין מיאַמי־ביטש אין אָט די עטלעכע טעג וואָס איך בין איצט דאָרט געווען.

איך וועל דיר אָנהייבן מיט דער ערשטער באַגעגעניש: ביים באַן. געקומען מיך אָפּנעמען צום באַן איז טאַניע אַליין. מענדל האָט געהאַט אַ „קאָלד״ — אַ פאַרקילונג! דאָס איז אַזאַ טיפּיש־אַמעריקאַנער שלאַפקייט, און מיר דאַכט זיך,



די ערשטע אומאַנגענעמע באַגעגעניש. דער צימער פון מיאַמיער באַן־סטאַנ־ציע, ווו עס שטייט אָנגעשריבן — שוואַרץ אויף ווייס — „קאָלאָרעד״ — אַז די שוואַרצע — די „קאָלירנע מענטשן״ דאַרפן דאָרטן וואַרטן...

דאָס קיין איין אַמעריקאַניעץ דרייט זיך נישט אַרויס פון אָט דעם „קאָלד״.

פאַרשפּאָרט דיר צו דערציילן אַז טאַניע האָט זיך צעוויינט פאַר פרייד. אין איין וועגס האָט זי שוין געוויינט פאַרוואָס דו ביסט נישט געקומען! אַך, ווי זי וויל דיך זעען! און אפשר האָט זי אויך געוויינט (ווייל קוקנדיק אויף מיר, האָט זי פאַרשטאַנען אַז זי איז שוין... אויך אַן אַלטע פרוי, אַ באָבע פון דריי שיינע אייניקלעך.

אַך, ווי די יאָרן לויפן!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָך די ערשטע פאַר ווערטער, הייב איך זיך אָן אַרומקוקן ווו איך בין אין דער וועלט. ווערדליג אַזאַ שטאָט ווי מיאַמי, — אַ שטאָט צו וועלכער עס קומען טויזנטער, הונדערטער טויזנטער טוריסטן, איז די באַן־סטאַנציע, — דער סטיי־שען, ווי זיי זאָגן — זייער אַ פּשוטער און אָרעמער! באַלד ווי דו גיסט אַ קוק, וואַרפט זיך דיר אין די אויגן דער „וואַרט־צימער״ מיטן אויפשריפט „קאָלאָרעד״, דאָס הייסט: „קאָלירנע״ — אויף פּשוטער שפּראַך הייסט עס, אַז דאָס איז דער „וואַרט־צימער״ פאַר די שוואַרצע. דאָ, מיאַמי, געהער נאָך צו יענע שטאַטן, ווו שוואַרצע און ווייסע מישן זיך נישט צענויף. דאָ, פאָרן זיי באַזונדער, און אַפילו אויף צו וואַרטן אויפן באַן — דאַרפן זיי וואַרטן אין אַ באַזונדער צימער.

דערוויל — איז דאָס דער גרעסטער חסרון וואָס איך האָב געפונען אין מיאַמי, באַלדביים אָנקומען.

אונדזער טאַקסי פליט ווי פייל פון בויגן איבער די גאַסן פון מיאַמי. מיר דאַרפן איבערפאָרן די גאַנצע שטאָט ביז מען קומט צו דער בריק וואָס פירט אונדז צום צווייטן טייל פון שטאָט וואָס הייסט מיאַמי־ביטש. די גאַסן זענען שיין, ריין און עס וואַרפט זיך שטאַרק אין די אויגן שפּאַצירנדע מענטשן, וואָס אויב זיי גייען נישט אין הוילע באָד־קאָסטיומען, זענען זיי אַזוי געקליידט, גרייט זיך צו וואַרפן אין וואַסער אַריין!

איצט, ווען אין ניו־יאָרק איז 15 אונטערן זעראָ, אין קלעוולאַנד — 20 און אין טשיקאַגאָ — 31 אונטערן זעראָ — איז דאָ וואַרעם, הייס און טויזנטער, צענער־טויזנטער מענטשן ליגן ביים „ביטש״, — ביי דער פּלאַזשע אָדער אינ־גאַנצן אין וואַסער...

דער טאַקסי שטעלט זיך אָפּ נעבן אַ שיינער, צוויי־שטאָקיקער געביידע, נאָענט צום ים. אַרום דעם הויז איז פאַראַן אַ שיינער פּאַרק. אָט דאָ ווינט עס מענדל בראַון, אָט דאָ ווינט עס דייך טאַניע, מיט וועלכער דו האָסט צוזאַמען אויסגעחלומט דיינע מיידלשע חלומות און פאַנטאַזיעס. נישט דו האָסט געגלויבט, אַז דו וועסט „פאַרוואָרפן ווערן״ פון דיין היים אַזש קיין אַרגענטינע און נישט טאַניע האָט געחלומט אַז איר שטענדיקע היים וועט זיין ביים ברעג פון פּאַסיפישן ים, אין אַ שטאָט וווּ עס איז שטענדיק זומער און אין אַ לאַנד וווּ מען רעדט אין אַן אַנדער שפּראַך, נישט קיין רוסיש!

אָבער, — אַזוי איז שוין דער מענטש! דער גורל באַשטימט פאַר אים דאָס לעבן און ער מוז אויספירן דעם גורלס ווונטש!

נאָך דער וואַרעמער אויפנאַמע פון מענדלען און נאָכן איבערפרעגן און נאָכאַמאָל איבערפרעגן אויף דיר, גייט מען „כאַפּן״ אַ „לאַנטש״. איך באַקען זיך באַלד מיט זייער שיינער, האַרציק־ווילער טאָכטער און אייניקל און מיט זייער אומגליקלעכן איידעם. ער, דער איידעם, — טאַקע אונדזער מוניס און בעטיס זון — האָט באַצאָלט אַ טייערן פּרייז פאַר גיין פאַרטיידיקן זיין פאָטערלאַנד. ער איז געווען אויף דער מלחמה און איז געקומען פון דאָרט פּאַראַליזירט אַ טייל פון זיין קערפּער. ער איז אַזוי יונג, אַזוי שיין, אַזוי אינטעליגענט, אַז דאָס האַרץ רייסט זיך אָפּ צו קוקן אויף אים און דערנאָך אויף זיין יונגער שיינער פרוי, וואָס באַדינט אים פרוילעך און מוטערלעך. מען באַמערקט באַלד, אַז עס איז נישט דער רחמנות צו איר אומגליקלעכן מאַן, נאָר איר ליבשאַפט צו אים, כאָטש ער איז קראַנק און די נערוון זיינע זענען צעשרויפט!

די אַמעריקאַנער רעגירונג פאַרלאָזט נישט אָט די אומגליקלעכע מענטשן! אויך דאָס, איז נאָך אַ גליק!...

דער „לאַונטש" איז מיר שוין געבליבן שטעקן אין האַלדז צוזאַמען מיט די טרערן וועלכע האָבן מיך געשטיקט.

אַ טרייסט האָבן זיי: זייער פינף־יאָריק מיידעלע, וואָקסט אַן אויסנאַם פון



אַ טיפּיש הויז אין מיאַמי ביטש נאָענט צום וואַסער.

פיר דורות — אַ יידישע פאַמיליע אײנגע וואָרצלטע אויף מיאַמער באָדן.

אַ קינד. שיין, קלוג און דער עיקר — פאַרשטענדלעך! עס ווייסט שוין, אַז מען טאָר נישט טון אַזאַ זאַך וואָס קען דעם פאָטער אויפרעגן!

— —

לויטן אַרגענטינער „דין", וואָלט איך זיך געדאַרפט לייגן שלאָפן! עפּעס פאַרט די נאַכט „געשלאָפן" בלויז אַ פּאָר שעה אויף אַ געבעט בענקל. דאָך, ווען מען קומט קיין מיאַמי — טאָר מען נישט שלאָפן! יעדע מינוט איז טייער! טאַניעס טעכטערל האָט אַן אייגענעם „קאַר" (און ווער האָט נישט קיין אייגענעם „קאַר"?) און מיר פאָרן אַרויס אָנקוקן די שטאָט.

דאָס ערשטע וואָס מען פאָרט אייך ווייזן — איז דעם רייכסטן לוקסוס־האָטעל פון מיאַמי־ביטש, וואָס קאָסט פערצן מיט אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר. (אַרום 450 מיליאָן אַרגענטינער פעזעס).

דו וואָלסט געמעגט זעען און הערן ווי די מיאַמער מענטשן באַרימען זיך מיט „זייער" 15־מיליאָנעדיקן האָטעל. יעדער איינער רעדט וועגן האָטעל מיט אַזאַ געפיל, גלייך ווי ער זאָל דאָרט זיין אַ שטיקעלע בעל־הבית אָדער האָבן אַ

פאַר הונדערט „שערס“ (אַקציעס). איך וועל דיר נישט איבערטרייבן, ווען איך וועל דיר דערציילן, אַז מענדל האָט מיר — דעם ערשטן טאָג דערמאָנט דעם 15-מיליאָן־דאָלאַרדיקן האָטעל — אַ מאָל צען!

איך בין געווען אין אַרבעטער־רינג־צענטער אויף דער 3טער גאַס נומער 1545 און דערנאָך בין איך געפאָרן אָנקוקן די שיינע אַרבעטער־רינג שולע, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון י. ל. פרץ און אין ביידע ערטער האָט מען מיך געפרעגט צי איך האָב שוין געזען דעם 15־מיליאָניקן האָטעל.

פאָלגלעך, איידער איך באַשרייב דיר דאָס יידישע מיאַמי, מוז איך דיך „באַקענען“ מיט אָט דעם לוקסוס־האָטעל, מיט וועלכן די מיאַמער מענטשן גרויסן זיך אַזוי:

פאַר אַלעם: ווי אַזוי הייסט אָט דער האָטעל:

זיין נאָמען איז נאָך אַ פראַנצויזיש שטעטעלע, וואָס הייסט „פאָונטעבלאָ“.

ווי קומט צו אַן אַמעריקאַנער שטאָט און צו אַן אַמעריקאַנער לוקסוס־האָטעל אַזאַ נאָמען?

גאָר פשוט: אַלץ מיליאָנערסקע קאַפריזן.

דערציילט וועגן דעם דער חשובער שרייבער ל. שילקראָט, וועלכער איז בייגעווען די דערעפענונג פון אָט דעם לוקסוס־האָטעל:

„דער נאָמען פון האָטעל איז — „פאָונטענבלאָ“, דערפאַר וואָס דער האָטעל־פּרעזידענט, מר. בען נאָוואַק האָט ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר אַ ווייב. די ווייב זיינע, מרס. נאָוואַק, האָט אין פאָונטענבלאָ, ביי פּאַריז, געזען אַן אַלטן היסטאָרישן פּאַלאַץ. זי איז פון יענעם פּאַלאַץ אַזוי שטאַרק באַצויבערט געוואָרן, אַז זי האָט נישט אויפגעהערט חלומען און טראַכטן וועגן אים. די מרס. נאָוואַק האָט זיך ענדלעך דערחלומט און דערטראַכט, אַז איר מאַן זאָל אויפבויען אין פלאָרידאַ אַ האָטעל, וואָס זאָל אויף אַזוי פיל זיין ענלעך צו דעם פּאַלאַץ, אַז דער האָטעל זאָל ווערט זיין צו טראָגן דעם נאָמען און זאָל טאַקע טראָגן דעם נאָמען „פאָנטענבלאָ“.

און ווי זאָגט אַ יִיד? „אַז זי וויל איז דאָך נישט שייך“. האָט זיך טאַקע דער מר. נאָוואַק גענומען פאַרווירקלעכן דעם חלום פון זיין ווייב.

כדי אויסצופלאַנעווען אַ האָטעל מוז מען האָבן אַ גוטן אַרכיטעקט און מר. נאָוואַק האָט זיך געווענדט צו דעם ניו־יאָרקער אַרכיטעקט מאָריס לאַפּידוס. אָבער ווי איבעררעשט האָט דער מר. נאָוואַק געמוזט ווערן, ווען דער אַרכיטעקט לאַפּידוס האָט אים געזאָגט, אַז דער מרס. נאָוואַקס חלום מוז שטאַרק געענדערט ווערן, איידער מ׳קאָן אים פאַרווירקלעכן. מחמת וואָס? מחמת דעם, וואָס דער אַרכיטעקט לאַפּידוס האָט פון אָנהייב־אָן געהאַט די איבערצייגונג, אַז ס׳איז נישט

פּראַקטיש אויפצובויען היינט אַ האָטעל אין דעם אַלטן פראַנצויזישן סטיל.

אפנים, אַז מרס. נאָוואַק איז נישט פון די דאַמען וואָס פאַרעקשענען זיך, מחמת דער מר. נאָוואַק האָט ענדלעך אַנגענומען דעם שטאַנדפּונקט פון דעם ייִדישן אַרכיטעקט מאָריס לאַפּידוס, וועלכער האָט באַקומען דעם קאָנטראַקט אויסצואַרבעטן אַלע פּלענער אויפצובויען און אויסצושטאַטן דעם נייעם לוקסוס־האָטעל.

דער האָטעל „פאָנטענבלאָ" האָט פערצן שטאָק און שטייט אין אַ פּראַכט־פולן פּאַלמען־גאָרטן ביים ים. אויף די פערצן שטאָק געפינען זיך 565 צימערן. אויב דו ביסט אַ מענטש וואָס היט־אָפּ דעם סענט און האָסט ליב צו לעבן „שפּאָ־רעווודיקער", קאָנסטו אין דעם האָטעל באַקומען אַזאַ צימער פאַר צוויי מענטשן, — פאַר בלויז 33 דאָלאַר אַ טאָג אָן עסן; אָבער אויב דו קאַרגסט נישט דעם גראָשן און ווילסט האָבן איינס פון די שענערע צימערן, קאָנסטו באַקומען אַזאַ צימער פאַר צוויי מענטשן פאַר 83 דאָלאַר אַ טאָג, אויך אָן עסן.

מעגסט זיין זיכער, גאָלדע, אַז אין אונדזער מאַר־דעל־פּלאַטאַ זענען פאַראַן האָטעלן מיט מערער באַקוועמלעכקייטן, און אַנשטאָט 83 דאָלאַר אַ טאָג אָן עסן, קאָסטן זיי — דער בעסטער פון זיי — 10 דאָלאַר אַ טאָג מיט עסן דריי מאָל אין טאָג... אין אַמעריקע — גלויבן זיי עס נישט... זיי פאַרשטייען עס נישט און — מיר קערן זיך ווידער אום צום 15־מיליאָן־דאָלאַרדיקן האָטעל און זיינע פּרייזן:

דאָס זענען די פּרייזן פאַר צימערן אין די וואָכן פון ווינטער־סעזאָן.

אָבער, אַז איר וועט דינגען אַ צימער פאַר 83 דאָלאַר אַ טאָג אָן עסן, וועט איר זיך נאָך ניט האָבן באַנוצט מיט דעם גאַנצן לוקסוס פון דעם דאָזיקן נייעם האָ־טעל אין מיאַמי־ביטש. כּדי באמת צו זיין מיט די גאָר־לייטישע לייטן גלייך, דאַרפט איר דינגען פאַר זיך אַ קאַבינע, אַ באַזונדער שטיבל אַזאַ, ווו איר זאָלט זיך קאָנען איבערטאָן אין דעם באָד־אַנצוג און ווו איר זאָלט זיך קאָנען אָפּרוען נאָכן שווימען און דערביי אַ ביסעלע צוגעבראָטן ווערן פון דער פלאָרידער זון. אַזאַ לוקסוסדיקע קאַבינע קאָסט נישט מער ווי זיבן טויזנט דאָלאַר פאַרן ווינטער־סעזאָן און אַזוי ווי דער ווינטער־סעזאָן איז אַרום 3 חדשים צייט, מיינט עס, אַז אַזאַביידל קאָסט 75 דאָלאַר אַ טאָג".

אָט, מיט אָט־דעם האָטעל באַרימט מען זיך עס, ווי נאָר מען טרעפט זיך מיט אַ פרעמדן מענטשן, — מעג ער זיין אַפילו פון ניו־יאָרק און טשיקאַגאָ, ווו עס זענען אויך פאַראַן גאַנץ פיינע האָטעלן פאַר וועלכע מען צאָלט 50 דאָלאַר אַ טאָג פאַר בלויז שלאָפן...

אַזוי ווי דער האָטעל „פאָנטענבלאָ" איז נאָענט פון מיין מיאַמער „היים" — האָב איך געמאַכט אַ שפּאַציר צו אים און אים באַטראַכט פון דער נאָענט. עס

איז טאַקע אַן אויסערגעוויינלעכער בנין, בלויז פון שטאָל און... גלאָז. קיין ציגל, שטיינער און אַנדערע זאַכן מיט וועלכע מען איז געוווינט צו זעען אַ שטוב אויפבויען — זעט מען נישט! בלויז שטאָל און גלאָז, מערער גלאָז ווי שטאָל.

איך האָב געפּרוווט זיך אַ רים־טון מיט „מיין" מאַר־דעל־פּלאַטאַ, אָבער, מען האָט אַפילו נישט געוואָלט הערן! און טאַקע: ווי אַזוי זאָלן זיי נעמען ערנסט אַ שטאָט וואָס האָט האָטעלן און וואָס דער בעסטער האָטעל קאָסט... צען דאָלאַר אַ טאָג מיט עסן, טרינקען און אַלע באַקוועמלעכקייטן! דאָ, אין מיאַמי־ביטש, קאָסט דער ביליקסטער האָטעל —אין ווינטער־סעזאָן— דרייסיק דאָלאַר אַ טאָג, אָן עסן. ביים צווייטן סעזאָן —פון אַפּריל, ביז יוני,— קאָסט שוין אַ סך ביליקער! אָבער, אָט דער סעזאָן איז פאַר... קבצנים! קיין „אָנשטענדיקער" סוחר וועט נישט פאָרן קיין מיאַמי ווי אַ „שלעפּער" — אין זומער־סעזאָן.

דערווייל ווער איך שוין אויך געוווּיר ,אַז די גרעסטע טייל שידוכים — ספּעציעל צווישן געגטע און רייכע אלמנות — ווערן געבוירן אין מיאַמי־ביטש, ביי דער פּליאַזשע און טאַקע אויך די גרעסטע... שווינדלערייען אויף אָט־דעם געביט, ווערן דאָ באַגאַנגען... ס'איז, ווי ביי אונדז, מיט דעם „קוענטאָ דעל טיאָ" („די מעשה מיטן פעטער"...). די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז עס איז אַ שווינדל און דאָך קויפט מען דאָס מאַשינקעלע צו מאַכן געלט... אויך דאָ איז דאָס זעלבע; די רייכע אלמנות און גרושות ווייסן אַז דער „חתן" האָט ערגעץ אַ ווייב מיט קינדער און זיי לאָזן זיך אָפּנאַרן און באַשווינדלען...

נו, טייערע גאָלדע. דאָס אַלגעמיינע לעבן פון מיאַמי, איז דיר שוין אַבי־סעלע באַקאַנט. איצט וועל איך דיך באַקאַנען מיטן יידישן לעבן פון אָט דער ערקווירדיקער שטאָט, וואָס איז אַ האַלב־אינדזל וואָס שטייט, כמעט, איינגעטונ־קען אינעם ים.

פרייטיק־צו־נאַכטס בין איך געפאָרן מיט טאַניען אין דער קאָנגרעגאַציע, צו „קבלת-שבת". מענדל האָט זיך נישט געפילט גוט, אָבער ער האָט נישט געוואָלט, אַז איך זאָל פאַרלירן אַזאַ געלעגנהייט צו זען אַ פרייטיק־צו־נאַכטס־„סוירוויס".

איז דער מנהג פון אַזאַ „סוירוויס" אַזוי:

פריער עסט מען אָפּ אין דער היים די שבת־וועטשערע און אַרום 10 אין אָוונט נעמט מען די קאַר (דעם אויטאָ) אָדער אַ טאַקסי, אָדער גאָר אַ „באָס" (אויטאָבוס) און מען פאָרט אַוועק אין טעמפּל אַריין צום „שבת-סוירוויס".

ווען מיר זענען צוגעקומען צום טעמפּל, האָבן מיר געטראָפן... עטלעכע

הונדערט, — יאָ, ממש עטלעכע הונדערט אויטאָס. ווייזט אויס, אַז מיר זענען געקומען אַביסעלע צו שפּעט.

אַריינקומענדיק אינעווייניק, האָב איך געזען אַ איבעראַשנדיק בילד. דער ריזיקער טעמפּל איז געווען פול פון עק ביז עק. ווייזט אויס, אַז אין מיין זכות האָט מען אונדז אַרויפגעפירט „אויבן־אָן" און געגעבן אַ פּלאַץ אין דער ערשטער רייע וואָס איז רעזערווירט פאַר וויכטיקע געסט וואָס קומען.

מען האָט געהאַלטן אינמיטן דאַוונען. מענער און פרויען —מערער פרויען



דער 'עמנואל" טעמפּל פון מיאַמי ביטש

ווי מענער— זענען געשטאַנען און נאָכגעזאָגט דעם חזן און דעם ראַבאַי פּסוקים פון דאַוונען. איך האָב זיך געוואָלט אַרומקוקן ווו איך געפין זיך, אָבער טאַניע, האָט מיר שטרענג אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז מען טאָר נישט דרייען דעם קאָפּ אין אַלע זייטן. מען דאַרף קוקן: אָדער צום ראַבאַי אָדער אין סידור.

דער ראַבאַי, אַ יונגער און זייער סימפּאַטישער יונגערמאַן, האָט אינמיטן דאַוונען געהאַלטן אַ פייערדיקע דרשה. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער האָט גוט גערעדט, ווייל, באַלד, נאָך זיין דרשה, האָבן זיך געמאָלדן אויסרופן מיט גרע־סערע באַשטייערונגען פאַר „תלמוד תורה" — פאַר וועלכער ער האָט אַפּעלירט.

איינער פון די בייוועזנדע האָט מנדב געווען... 1.000 דאָלאַר; איינער — פינף הונדערט און אַ סך צו הונדערטערס און קלענערע סומעס.

נאָכן דאַוונען האָט מען מיך באַקאַנט מיטן ראַבאַי, וועלכע איז געשטאַנען ביי דער טיר און האָט יעדערן געגעבן די האַנט און געזעגנט. דאָרט, אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ טיש מיט... לעקעך און בראַנפן און קאָקאַ־קאָלאַ. מען האָט גע־געסן, געטרונקען, גערעדט און געשטופּט דעם ראַבאַי די האַנט צום גרוסן און זאָגן: גוט שבת!

דער ראַבאַי באַקאַנט מיך מיט יעדן איינעם וואָס קומט צו צו אונדז. ער שטעלט מיך פאָר — אין ענגליש — אַלס יידישער שרייבער פון אַרגענטינע. טאַניע ווערט ברייטער ווי לענגער, צוזעענדיק ווי יעדער איינער שטופּט מיר אויך די האַנט אַלס שלום־עליכם. אַ סך גריסן זיך אויך מיט איר. ווייזט אויס, אַז זי איז אַן אָפּטע גייערן אין שיל אַריין. וואָלסט געמעגט זעען מיט וואָס פאַר אַ יראת־הכבוד זי האָט פאַרמאַכט דאָס סידורל ביים דאַוונען און האָט אַ קוש געטון די בלעטלעך. עס האָט געפעלט אַ קלייניקייט אַז איך זאָל זיך צעלאַכן! ביי איר פאָטער ישראל סאַפּראַ, אין אומאַן, האָט זי זיכער עס נישט געטון... אַמעריקע האָט זיי געמאַכט פרום, גלויביק און אָפּט, אָפּט, אַבערגלויביק!

— וואָס פאַרדינט דער ראַבאַי אַ יאָר?

איך ווער געוויר אַ פּאָר איינצלהייטן:

ער נעמט געהאַלט — אַ חוץ הכנסה — 20 טויזנט דאָלאַר אַ יאָר.

אַ דאַנק זיינע דרשות און זיין טעטיקייט, האָט די קאָנגרעגאַציע, אין פאַריקן יאָר, אַריינגעקראָגן באַשטייערונגען און ירושות... 110 טויזנט דאָלאַר.

הייסט עס, אַז מען דערלייגט נישט צו אים! ער איז אויך דער דירעקטאָר פון דער תלמוד־תורה און טוט בכלל נוצלעכע קהילה־טעטיקייט פאַר זיין קאָנ־גרעגאַציע.

דעם אַנדערן טאָג, שבת אינדערפרי, בין איך מיט מענדלען געגאַנגען אין אַ צווייטן טעמפּל, דער גרעסטער אין מיאַמי, וואָס הייסט „עמנואל". דער מקום־קדוש פאַרמאָגט העכער דריי טויזנט זיץ־פלעצער און כמעט אַלע, — זענען געווען פאַרנומען.

פאַרן אַריינגיין נעמט מען ביי מיר צו מיין שליאַפּע און מען גיט מיר אַ טליתל און אַ יאַרמולקעלע.

ביים אַרויסגיין, האָט מיין שליאַפּע, עמעצער — זיכער על פּי טעות — צו־גענומען און מיר געלאָזט אַ פּרעכטיקע, מאָדערנע, שליאַפּע.

נו, גיי האָב טענות צו אַמעריקע...

אין טעמפּל זענען דעם טאָג געווען 2 בר־מצווה־פייערונגען פון צוויי בחו־

רימלעך. דער ראַבאַי האָט פאַר זיי געהאַלטן אַן ענגלישע רעדע און זיי האָבן געענטפערט אויך אין ענגליש. די עלטערן פון די קינדער, זענען געזעסן אין דער ערשטער ריי און געשעפּט נחת פון זייערע „נייע" צוויי ייִדן. לכבוד דער שמחה, האָבן זיי זיך בייגעשטייערט מיט... טויזנט דאָלער פאַרן טעמפּל... איך ווער געוווירר, אַז דאָס זענען נישט קיין ייִדן מיליאָנערן, נאָר פּשוטע, געוויינלעכע, קרעמער. אָבער, ווען עס קומט צו צדקה — גיט מען מיט דער ברייטער האַנט...

אַזוי זענען די אַמעריקאַנער ייִדן...

אין אַלגעמיין: מיאַמי און מיאַמי־ביטש, איז אַ ייִדישע שטאָט אין פולן זינען פון וואָרט. דו גייסט אינמיטן צענטער פון שטאָט, הערסטו רעדן ייִדיש. פאַראַן אַ

מיאַמיער ייִדישע יוגנט. קיין ייִדיש רעדט מען נישט, אָבער מען איז... ווילע ייִדן

סך קינדער וואָס לערנען אין די אַרבעטער־רינג־שולן און וואָס קאָנען רעדן ייִדיש. פאַראַן אויך אין מיאַמי אַפילו אַ ישיבה. מען טרעפט אויף דער גאַס בחורימלעך מט לאַנגע פּיאות. זעלטן, אַז אַ טראַדיציאָנעלער ייִד, זאָל נישט קומען הערן דעם ראַבאַיס „סוירמאַן" (דרשה) סיי פרייטיק צו־נאַכטס, סיי שבת אינדערפרי. מען טרעפט אויך אַ סך קינדער ביי אָט דער דרשה. עס איז געוואָרן אַ מינהג ביי די עלטערן מיטצונעמען זייערע קינדער אָדער אייניקלעך צום ראַבאַיס „סוירמאָן". די דרשה איז אויך געווענדט צו זיי. מען רעדט אויף זייער שפּראַך... ספּעציעל רעדט דער ראַבאַי וועגן ישראל און די יוגנט הערט אויס און באַציט זיך מיט רעספּעקט און גלויבן אין דעם ראַבאַיס ווערטער. די דרשה פון ראַבאַי איז אויך אַן אַפּיל וועגן „דזשויִש קאַמפּיין", וועגן דער צדקה־פעדעראַציע, און ייִדן לאָזן זיך לאַנג נישט בעטן און געבן געלט. טאַקע! ווען ער גיט אַ הונדערטער, איז דאָס ערשט אַ טאָג האָטעל פאַר זיין פאַמיליע — אָן עסן!...

און פאַרענדיקנדיק דיר צו באַשרייבן דאָס רעליגיעזע און טראַדיציאָנעלע יידישע לעבן פון מיאַמי, איז איבעריק דיר אָנצוווייזן, אַז מיאַמי האָט אַ גרויסן „סטאָק" פון שוחטים, מוהלים, רבנים און חזנים. צווישן די לעצטע צייכענען זיך אויס צוויי ברידער, וועגן וועלכע מען האָט מיר געהאַלטן אין איין דערציילן. זיי הייסן: בערעלע און שמואל קעלעמער. צו דער מעלה פון זייערע זיסע שטימען וואָס זיי פאַרמאָגן, און זייער גאונות אין חזנות — האָבן זיי אויך די גרויסע מעלה פון זיין תלמידי־חכמים, גוטע העברעער און גוטע אויסטייטשער פון די תפילות.

וויפל פאַרדינט אַזאַ חזן אין דער קאָנגרעגאַציע „בית שלום", ווו ער דאַוונט דאָס גאַנצע יאָר?

דער ענטפער איז אַ קורצער: אַזוי פיל, וויפל אַלע, פּאָזיטיוו אַלע, חזנים צוזאַמען פון אַרגענטינע, אַריינגערעכנט אַזעלכע גוטע חזנים ווי דוד היצקאָף, אברהם בלעכאַראָוויטש, צי אליהו באַרוכאָוויטש, קלמן דאַשעווסקי, קלמעלע ווייץ, דוב גוטמאַן, באַלאַבאַן, ווילנער, אברהם ראָזענמאַכער, אָדער לייבעלע שוואַרץ און אהרן גוטמאַן, וועלכע וואָלטן אין אַמעריקע אויך אויסגענומען. דעם אמת דיר זאָגן: וואָס מער איך גיי הערן די אַמעריקאַנער פּזנים, אַלץ מער... פאַרליב איך זיך אין אונדזערע אַרגענטינער עמוד־קינסטלער.

וואָס יאָ! דאָס וואָס עס קאָן טרעפן אין אַמעריקע, קאָן ביי אונדז נישט פאָרקומען. אָט, למשל, טאַקע רעדנדיק וועגן חזנים! דער חזן בערעלע קעלעמער האָט געקראָגן אַ דיפּלאָם פון העברעישן אוניווערזיטעט אין ירושלים, אַלס אויס־צייכענונג פאַר זיינע ידיעות פון העברעיש בכלל און העברעישער ליטעראַטור בפרט...

פון אונדזערע חזנים, קאָנען מיר, דערווייל — אַ חוץ פון חזן ד"ר מרדכי באַרבאַראַש אָדער חזן לעאָן חדקל — דאָס נישט דערוואַרטן...

אין אַלגעמיין געזאָגט: ווען אַ פרעמדער מענטש קומט קיין מיאַמי־ביטש, קאָן ער אַריינפאַלן אין אַ גרויסן טעות, מיינענדיק, אַז ער איז אין... תל־אביב אָדער אין אַמאָליקן וואַרשע.

מען רעדט טאַקע דאָ אַ סך יידיש, טאַקע פאַראַן אַ גרויס יידיש לעבן, מען הערט אַפילו —ליגנדיק אויפן זאַמד ביים ברעג ים— פאַרציען אַ יידיש לידל, אָבער, משיח איז נאָך קיין מיאַמי נישט געקומען און די ישועה אויף יידיש, האָט ער נאָך אַהין נישט געבראַכט. קיין יידישע צייטונג, ווי בכלל אַ יידישע אויסגאַבע, דערשיינט נישט אין אָט דער יידישער שטאָט. ריאָ דע זשאַנייראָ אָדער מאָנטע־ווידעאָ, אָדער אַפילו אונדזער ראָזאַריאָ, מיט אַזאַ קליינער יידישער באַפעלקע־רונג, האָבן אייגענע יידישע אויסגאַבעס, און אַזאַ רייכער כרך ווי מיאַמי, —

קאָן זיך עס נישט „פאַרגינען״ — כאָטש די שטאָט איז פול מיט יידישער שריי־בער און יידישע קולטור־מענטשן!

וואָס מיאַמי האָט יאָ, איז אַ פּאָר יידישע ראַדיאָ־שעהן אינמיטן דער וואָך און גאָר ספּעציעל — פרייטיק און זונטיק. די מיאַמער יידן, וואָס האָבן נישט קיין צייט —אין סעזאָן־צייט— צו לייענען אַ יידישע צייטונג וואָס קומט אָן פון ניו־יאָרק, באַנוגענען זיי זיך מיט אויפדרייען די יידישע שעה און הערן אַ יידיש וואָרט.

פאַר מיין פאָרן קיין מעקסיקע, האָב איך אָפּגעשטאַט צוויי וויכטיקע וויזיטן וואָס וועלן מיר בלייבן איינגעקריצט אין מיין זכרון מיין גאַנץ לעבן. איך בין אויפגענומען געוואָרן פון אונדזער גרעסטן און עלטסטן און טאַקע בעסטן ליטע־ראַטור־קריטיקער, ד״ר א. מוקדוני און זיין חשובע פרוי. זיי וווינען שוין פער־מאַנענט אין מיאַמי. על פּי צופאַל וווינען זיי אַ הויז קעגן אַ הויז מיט יעקב לעשטשינסקי.

ד״ר מוקדוני, נישט קוקנדיק אויף זיין עלטער —ביז 120 יאָר,— איז נאָך פריש און מונטער און איז נאָך שעפעריש־ליטעראַריש, ווי צוריק מיט 20 אָדער 30 יאָר. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז כאָטש ער איז אין אַרגענטינע נישט געווען, קאָן ער דאָס יידישע לעבן פון אַרגענטינע, קאָן אַ סך יידישע שרייבער אויף וועלכע ער האָט זיך נאָכגעפרעגט.

ביי אַ וואַרעם גלעזל טיי, האָב איך פאַרבראַכט ביים מייסטער פון יידישן לשון און יידישן בוך און... עס האָט זיך נישט געגלוסט אַוועקצוגיין.

טאַקע דעם זעלבן טאָג, האָב איך אָפּגעשטאַט אַ וויזיט אונדזער „זעמליאַק״ יעקב לעשטשינסקי און זיין ליבער פרוי קאַראַלניק דע לעשטשינסקי. פריינט לעשטשינסקי האָט מיך אויפגענומען מיט ביידע הענט. ער לייענט דעם זשור־נאַל, לייענט מיינע ביכער און גאָר ספּעציעל, האָט ער מיך געבעטן אים שיקן ביידע ביכער „טעפּליק, מיין שטעטעלע״. עפּעס, איז דאָך דאָרט, יעדער שורה אים נאָענט. ער קאָן דאָך אויסגעצייכנט יענע געגנט.

יעקב לעשטשינסקי אַרבעט איצט איבער אַן אַרבעט וועגן דער צאָל יידן אויף דער וועלט. דער ענין אַרגענטינער יידן איז אים נישט קלאָר. אָט זאָגט איינער, אַז עס איז פאַראַן העכער 800 טויזנט און אָט קומט אַ צווייטער און מאַכט דערפון ווייניקער ווי העלפט...

ווען ער איז געוויר געוואָרן אַז, אני הקטן, אַרבעט שוין אַ פּאָר יאָר איבער אָט־דער אַרבעט פון אויסגעפונען די צאָל יידן אין אַרגענטינע, האָט ער מיך געבעטן און איך האָב אים צוגעזאָגט צוצושטעלן אָט די אַרבעט — מעג זי גע־דויערן... נאָך 25 יאָר.

זאָלסט נישט לאַכן, גאָלדע, עס גלוסט זיך נישט פאַרלאָזן מיאַמי...

היינט, פאַר מיין אויפזעצן זיך אויפן עראָפּלאַן קיין מעקסיקע, האָב איך נאָך געמאַכט אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט. איך האָב זיך אינטערעסירט מיט דער טעטיקייט פון דער גרופּע וואָס פירט אָן די „ייוואָ"־אַרבעט. די דאָזיקע גרופּע פירט דורך אַלע וואָך —אַלע שבת אויף דער נאַכט— אַ ליטעראַרישן אָוונט, און עס קומען אַ סך טוריסטן און טאַקע מיאַמער תושבים אויך, הערן אַ יידיש וואָרט. דער הויפּט־רעדנער פון אָט די אָוונטן איז טאַקע אונדזער יעקב לעשטשינסקי און ד״ר א. מוקדוני.

וואָס דאַרפסטו מער, גאָלדע, אַפילו העברעיִשע עסקנים זענען אין מיאַמי־ביטש פאַראַן מער ווי אין גאַנץ אַרגענטינע. פאַראַן אַ העברעיִשער קלוב און אַ „הסתדרות עברית" וועלכע ציִען אויך צו אַ סך צוהערער צו זייערע ימים־טובים אָדער לעקציעס.

נו, אַז דער יידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער איז טעטיק אין מיאַמי — איז דאָך פאַרשפּאָרט צו זאָגן, אין מיאַמי טוט ער אויף מער ווי ערגעץ אַנדערש.

אין רעזומען, גאָלדע, איך בין אָפּגעוועזן אין מיאַמי די ערשטע פינף טעג, האָב „אַריינגעכאַפּט" וויפל עס האָט זיך געלאָזט! אויף צו קאָנען גרינטלעך אָט די שטאָט, דאַרף מען דאָ זיין כאָטש אַ חודש צייט! אָבער, גיי זיי, אַז מען דאַרף נאָך אויספאָרן און אויספליִען אַ וועלט און מען דאַרף נאָך טראַכטן פון... פאָרן צוריק אַהיים!

ערשט, ווען איך האָב פון דעם אויבערשטן טרעפּל ביים אַוויאָן געוואָרפן אַ בליק אויף מיאַמי, האָב איך אַ טראַכט געטון:

אוי אַמעריקע, ביסטו גרויס!...

מעקסיקע

רייזע-פאַרצייכענונגען פון אַ באַזוך אויף אַ ווייל

XLIV

טייערע גאָלדע,

דאָס איז דער ערשטער בריוו וואָס איך שרייב דיר פון אַ ניי לאַנד און אַ נייער וועלט פאַר מיר. איך בין שוין דאָ פינף טעג, און איך האָב נאָך קיין צייט נישט געהאַט זיך אַוועקצוזעצן רויק און דיר אָנשרייבן אַ בריוו און דיר באַשרייבן דאָס לעגענדאַרישער לאַנד וואָס הייסט:

— מ ע ק ס י ק ע.

שוין אַ סך יאָרן ווי איך קען אָט דאָס לאַנד פון אויסנווייניק. ווען איך בין געווען אַ בחורל און האָב געלייענט די געשיכטע פון אַמעריקע, האָט מיך די געשיכטע פון מעקסיקע מערער פאַראינטערעסירט ווי וועלכעס עס איז לאַנד פון אָט־דעם קאָנטינענט.

שוין זיבעצער פערציק יאָר ווי איך האָב געלייענט ווי אַזוי דער שפּאַנישער העלד הערנאַנדאָ קאָרטעס איז אַריין אין „אַצטעקן"־לאַנד און ווי אַזוי ער האָט דאָרט אויך געכאַפּט אַ מפּלה, אָבער דאָך איז אים געלונגען צו באַזיגן דעם באַרימטן קעניג מאָקטעזומא. איך האָב דאַן געזען פאַר מײַנע אויגן די שלאַכט בײַנאַכט און די מענטשן וואָס פאַלן ווי פליגן, און

אָט שטייען מײַנע פיס אין אָט דעם לאַנד, אין אָט דער שטאָט. ווער ווייסט, אפשר, אָט־דאָ, ווי איך שטיי, איז טאַקע פאָרגעקומען די באַרימטע שלאַכט און אונטער מײַנע פיס זענען פאַראַן קברים, קברים פון יענע העלדן.

מיט יאָרן שפּעטער, האָב איך שוין געקאָנט מעקסיקע, דאָס לאַנד פון כואַרעס אין זיין קאַמף מיט נאַפּאָלעאָנען דעם דריטן. שפּעטער — די מלחמה צווישן מעקסיקע מיט נאָרד־אַמעריקע, צו ווען מעקסיקע האָט פאַרלוירן אַ גרויסן חלק פון איר טעריטאָריע. שפּעטער האָב איך שוין געקענט דאָס מעקסיקע פון... קאַזשעסן און קאַרדענאַסן, און גאָר שפּעטער — דאָס מעקסיקע פון... קאַנטינפלאַקס און די... „ראַספּאַ".

די לעצטע יאָרן בין איך שוין מיט מעקסיקע געווען פֿאַרבונדן מיט אַ סך חברלעכע און גייסטיקע פֿעדים. אונדזער מיכל גרייוּוער האָט מיך פֿאַרבונדן מיט אַ טרוימער פֿון מעקסיקע, מיטן גרינדער פֿון דער ערשטער יידישער צייטונג אין מעקסיקע, — מיט משה ראָזענבערג ע״ה.

באַלד, ביי אונדזער ערשטער „שריפֿטלעכער" באַקאַנטשאַפֿט האָט ער מיר פֿאָרגעלייגט:

אָדער איך קום זיך באַקענען מיט „זיין לאַנד" און מיט אים — קיין מעקסיקע, אָדער ער קומט זיך באַקענען מיט מיר און מיט אונדזער לאַנד קיין אַרגענטינע.

ער איז שוין געווען גרייט צו פֿאָרן, — איז געקומען דער מלאך־המוות און אים פֿאַרשטעלט דעם וועג. ער האָט אים פֿאַרקערעוועט דעם דישעל צו פֿאָרן אַהין, פֿון וואַנען מען קאָן נישט שרייבן קיין ליבע־בריוועלעך...

פֿון דאַן אָן — האָב איך געבענקט נאָך מעקסיקע! איך האָב זיך כמעט אַ נדר־געטון: איך מוז זיין אין משה ראָזענבערגס מעקסיקע.

און, אָט לאָזט זיך דער עראָפּלאַן מיט מיר אַראָפּ אין מעקסיקאַנער לופֿט־פּאָרט.

געקומען זענען מיר קיין מעקסיקע עלף אַ זייגער ביינאַכט. דאָס פֿליִען זעקס שעה פֿון מיאַמי קיין מעקסיקע איז געווען זייער אַנגענעם. איך האָב זיך אין מיאַמי געטראָפֿן —ביים אויפֿשטייגן אויפֿן אַוויאָן— מיט אַן אַרגענטינער יידישן פּאָרל, וואָס מאַכן אַ רייזע איבער דער וועלט, און — אַזוי ווי דער עראָ־פּלאַן האָט נישט געהאַט קיין שום ווינט קעגן זיך — האָט מען, כמעט, נישט גע־פֿילט דאָס פֿליִען און די צייט איז איבערגעלאָפֿן אין... באַלאַקען און זיך דער־ציילן מעשהלעך פֿון רייזעס.

דאָך, ווען מען האָט געפֿילט, אַז מען שטייט שוין אויפֿן פֿעסטן באָדן — האָט מען זיך געפֿילט אַ סך רויִקער... פֿאָרט מעקסיקאַנער אַוויאָנען. צו די אַמע־ריקאַנער — האָט מען מערער צוטרוי, כאָטש, אַז עס דאַרף זיך, חלילה, טרעפֿן — איז נישט שייך צי דער אַוויאָן איז אַן אַמעריקאַנער אָדער פֿון אַן אַנדער נאַציאָנאַליטעט...

די פּראָצעדור פֿון דער אַדואַנאַ איז דאָ זייער אַן איינפֿאַכע. דערהויפּט, ווען מען דערזעט אַן אַרגענטינער פּאַספּאָרט, — ווייזט מען אַרויס סימפּאַטיע און מען זשאַלעוועט נישט קיין שמייכל. איך האָב באַלד באַמערקט, אַז מיט די אַמערי־קאַנער טוריסטן איז מען האַרט און שטייף. דער פּאַספּאָרטן־איבערקוקער רעדט אַ פּערפֿעקטן ענגליש און מיטן אַמעריקאַנער רעדט ער נישט קיין פּאָר ווערטער. האָט ער, אָבער, דערזען אַן אַרגענטינער פּאַספּאָרט, האָט זיך זיין פּנים געביטן,

עס האָט גאָר באַקומען פאַרב. באַלד געלייגט דעם שטעמפּל און אַ זאָג געטון:

— „זאָלסט הנאה האָבן פון דיין זיין אין אונדזער לאַנד"!

דעם אַמעריקאַנער האָט ער עס נישט געזאָגט, כאָטש יענער האָט געבראַכט מערער דאָלאַרן פון מיר און וועט מערער איבערלאָזן אין מעקסיקע...

איך דערליידיק די „אָפיציעלע" ענינים מיט דער אַדואַנאַ און איך קום אַרויס

חיים לאַזדייסקי
רעדאַקטאָר
פון דער
צייטונג
„דער וועג"

סאָניע ראָזענבערג
אַרויסגעבערן פון דער צייטונג

—בעסער געזאָגט— איך קום אַריין קיין מעקסיקע. איך טרעף דאָ דעם ערשטן סורפּריז:

עס וואַרטן אויף מיר פריינט, קרובים, חברים און קאָלעגן. עס וואַרט אויף מיר אַ מעקסיקאַנער טשערנאָוועצקי, — אַ זון פון מיינעם אַן אייגענעם שוועס־טערקינד (אונדזערע פאָטערס זענען געווען ברודער), ער איז געקומען מיט זיין פרוי און וואַרט איך זאָל זיין זיין גאַסט אין מעקיסקע.

עס וואַרט אויף מיר, די אַרויסגעבערן פון דער ערשטער יידישער צייטונג אין מעקסיקע, די פרוי סאָניע — אלמנה פון משה — ראָזענבערג. אַ יונגע, סימפּאַטישע און זייער געליטענע פרוי. עס וואַרט אויף מיר דער רעדאַקטאָר פון איר צייטונג, מיין אַלטער חבר חיים לאַזדייסקי, און עס וואַרט אויף מיר דער רעדאַקטאָר פון דער צווייטער צייטונג וואָס דערשיינט אין מעקסיקע, דער זייער פעיקער זשורנאַליסט חבר משה רובינשטיין.

באַלד אין דער ערשטער מינוט האָב איך דערפילט וואַרעמקייט און פריינט־

לעבקייט אַרום זיך. מיין נישט, גאָלדע, אַז קומען 12 אַזייגער ביינאַכט אין אַזאַ ווייט און פרעמד לאַנד, און שוין האָבן פריינט אַרום זיך, — איז ניט אַ גרויסע זאַך. דער וואָס פאָרט אַרום, ווייסט דעם טעם פון אַזאַ באַגעגעניש.

איך דערקלער באַלד מיינע נייע פריינט: איך פאָר נישט אין קיין פריוואַטער שטוב. איך בין נישט געקומען צו־גאַסט אויף צו פאַרברענגען. איך בין געקומען קיין מעקסיקע צו זיין פריי אין מיינע באַוועגונגען. און —

מען פירט מיך צו צו איינעם פון די שענסטע האָטעלן פון מעקסיקע — אין „רוזוועלט"־האָטעל. מיר דוכט, אַז ווען רוזוועלט וואָלט דאָ געדאַרפט איינשטיין, וואָלט ער זיך אויך נישט געקווענקלט.

— —

איך בין שוין פינף טעג אין מעקסיקע. איך ווייס דיר, באמת, נישט פון וואָס אָנצוהייבן. איך בין שוין געווען אין אַ סך ערטער, שוין געזען אַ שטיק יידיש לעבן פון מעקסיקע, און איך... שוועב ממש אין די הימלען פאַר איבעראַשונג.

ביי אונדז אין אַרגענטינע, ווי בכלל אין דער יידישער וועלט, ווייסט מען אַז דער מעקסיקאַנער יידישער ישוב, איז דער איינציקער אויפן קאָנטינענט וואָס האָט עטלעכע פראַכטפולע שולעס. מיר האָבן געהערט פון זיי! אָבער, פון הערן ביז זעען זיי — איז דאָ אַ חילוק! און דערפאַר, האָב איך, דאָס ערשטע, אָנגעהויבן מיט די שולעס. און דאָס וואָס איך האָב געזען — איז נישט צו באַשרייבן! מען דאַרף עס טאַקע זעען מיט די אייגענע אויגן. נישט אומזיסט איז דער יידישער ישוב אין מעקסיקע באַרימט אויפן קאָנטינענט, אַז 75 פראָצענט פון די יידישע קינדער באַזוכן די דאָרטיקע יידישע שולעס...

איידער איך האָב זיך אַרויסגעלאָזט אין „שווערן" אָבער אנגענעמען וועג צו באַזוכן די פיר גרויסע יידישע שולעס וואָס מעקסיקע פאַרמאָגט, האָב איך אָפּגעשטאַט אַ וויזיט אין אַ יידישער געביידע וווּ עס זענען קאָנצענטרירט עטלעכע יידישע אינסטיטוציעס: דעם דאָזיקן אַדרעס האָב איך געקאָנט אויסנווייניק. ער הייסט „קובאַ 81" און מען דאַרף צושטעלן דאָס וואָרט „אַלטאָס" („אין דער הויך"). דאָס דאָזיקע וואָרט האָט ביי מיר שטענדיק אַרויסגערופן אַ פראַגעצייכן. איצט, זע איך שוין פאַרוואָס. די דאָזיקע יידישע געביידע וועלכע געהער דעם יידישן צענטראַל־קאָמיטעט, און ווו עס געפונען זיך אויך די אָפּיסינאַס פון „האַיאַס", „קולטור־צענטער", „לאָקאַלער־קאַמפּיין", בונדישע גרופּע, יידישע ביבליאָטעק און סתם אַ פאָר פאַראיינדלעך, האָט געזוכט צו מאַכן „עקאָנאָמיע" (געווען אַ מאָל שלעכטע צייטן) האָט מען דעם „באַכאַס" —דעם אונטערשטן

שטאָק— פאַרדינגען פאַר אַ פשוטער קלייט. אַז מען גייט אַריין אין טויער פון אָט דעם „קובאַ 81“, מאַכט עס אַ פיינלעכן איינדרוק. דערפאַר דאַרף מען אַרויפ־גיין אויף די טרעפּ, צום „אַלטאַס“, וווּ דו עפנסט אויף אַ טיר און עס גיט דיר אַ שלאָג אין דער נאָז אַריין די ריחות פון: „געפילטע פיש, זויער קרויט, באָרשט מיט קנאָבל און אַ זראָזע מיט קאַרטאָפל“.

דאָס איז דער היינטיקער „מעניו“ פון ייִדישן רעסטאָראַן וואָס געפינט זיך, באַלד, ביים אַריינגאַנג אין „ייִדישן צענטער“, אין „האַיאַס“ אָדער צו דער קולטור־

משה רובינשטיין און פרוי
רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פון
דער צייטונג „די שטימע“



מאַקס רובינשטיין
אַדמיניסטראַטאָר פון דער צייטונג
„די שטימע“

קאָמיסיע ביים „ייִדישן צענטער“. דאָס איז אַ רעסטאָראַן וואָס האָט דאָ אָפּגע־דונגען דעם הויפּט־זאַל פון אויבערשטן שטאָק. אַ דאַנק אָט דעם רעסטאָראַן, קריגט מען דאָ ווען מען וויל אַ גלאָז טע מיט קיכעלעך. אויב מען וויל אַז די טע זאָל זיין הייס און אויב מען וויל זיין זיכער אַז די וואַסער איז געזאָטן — דאַרף מען עס זאָגן דער פרוי, ביי וועמען מען באַשטעלט די גלאָז טע...

דעם אמת דיר זאָגן, גאָלדע, האָט דער ערשטער באַזוך אין אַ ייִדישן אַנ־

שטאַלט אויף מיר נישט געמאַכט אַזאַ געהויבענעם איינדרוק. דערפאַר, אָבער, ווען איך האָב געעפנט די ווײַטערדיקע טירן און אַרײַן אין ערשטן אָפיס — האָב איך שוין געטראַכט:

אל תסתכל בקנקן — קוק נישט אויפן פעסל, — נאָר וואָס עס טוט זיך אין עווייניק.

מיטן ערשטן ייִדן וואָס איך האָב זיך דאָ באַקאַנט, איז געווען דער פינאַנץ־סעקרעטאַר פון איינע פון די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס פון ייִדישן צענטראַל־

די פעאיקסטע
דיכטער
פון ייִדישן
מעקסיקע

יצחק בערלינער

יעקב גלאַנץ

קאָמיטעט. דער ייִד הייסט אינזשיניער א. פינקעלשטיין. ער איז דער בוכהאַלטער פון לאָקאַלן פּראַייניקטן קאַמפּיין און ער איז נישט בלויז אַ מוסטער פון אַר־בעטזאַמקייט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אַ ייִדישן באַאַמטן. ער איז דאָס גוטסקייט אַליין. טאַקע אַ דאַנק אים, זיין חברלעכע באַנעמונג אין דער ערשטער מינוט, האָב איך דערפילט אַ באַזונדער וואַרעמקייט פון מעקסיקאַנער ייִדן צו זייערס אַ ברודער, וואָס קומט צו זיי פון אַ ווייט לאַנד. ער האָט מיך באַלד אָריענטירט, וואָס איך דאַרף טון און מיט וואָס איך דאַרף אָנהייבן, און

איך בין געוואָרן אַ פּאָלנער „מעקסיקאַנער“.

דעם ערשטן באַזוך ווו דאַרף אַ ייִדישער שרייבער מאַכן? — אין די ייִדישע צייטונגען פון ישוב.

אַרויסגעגאַנגען פון „קובאַ 81“ (פּאַרגעס נישט! מען דאַרף צושטעלן „אַל־

טאָס״, אלא נישט — קאָן מען אַריינפאַלן אין אַ טערקישער קלייט...). נעם איך אַ טאַקסי — דאָ קריגט מען זיי יעדע מינוט,— און איך הייס זיך פירן אויף אַריסאַבאַ 149. דאָרט געפינט זיך די רעדאַקציע, אַדמיניסטראַציע, דרוקעריי און דאָס גאַנצע לעבן פון דער ערשטער יידישער צייטונג אין מעסיקע, — דאָרט געפינט זיך

— „דער וועג״.

איך פאַרשפאַר דיר צו באַשרייבן דעם וואַרעמען קבלת־פּנים וואָס איך האָב דאָ באַקומען. ערשטנס: אַן אַלטער פריינט פון דער צייטונג; צווייטנס, מאַקע אַ

אינזש. אברהם פינקעלשטיין
שרייבער און שול־עסקן

ה׳ מאיר קאַראַנאַ
פעאיקער זשורנאַליסט
און שרייבער

שטיקל מיטאַרבעטער אויך; דריטנס, נו, יאָ! וויפל געסט דורכן יאָר, צי דורך אַ יובל, קומען צו זיי פון אַרגענטינע?...

די רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע ווי די דרוקעריי פון דער צייטונג „דער וועג״ האָבן מיך הערמאַנט אַרגענטינע מיט דרייסיק יאָר צוריק, ווען „די אידישע צייטונג״ האָט זיך געפונען אויף לאַרעאַ און „די פּרעסע״ אויף אַמבו־גאַס. נייך, אויך דעמאָלט האָבן אונדזערע צייטונגען געהאַט מער באַקוועמליכקייטן. אָבער, מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז שוין דעמאָלט זענען אין אַרגענטינע געווען העכער

הונדערט טויזנט ייִדן און הײַנט, זענען אין מעקסיקע נאָך נישט פֿאַראַן אַ פּערט־חלק פון אָט דער צאָל.

דער רעדאַקטאָר חיים לאַזדייסקי, איז זייער אַ שטילער און בנעימותדיקער יונגערמאַן. ער האָט נישט קיין על־נבויגנס. איך געדענק אים נאָך פון אורוגווײַ, וווּ ער האָט איבערגעלאָזט אַ סך פרײַנט. ער האָרעוועט שטאַרק בײַ דער צײַטונג.

צבי קעסטל

באַרימטער מעצענאַט פון יידישן עדרוקטן וואָרט

לייב דולצין

באַרימטע ציוניסטישע פערזענלעכקייט פון מעקסיקע

ער איז אי רעדאַקטאָר, אי שרײַבער, אי קאָרעקטאָר, אי... צוזאַמענשטעלער פון די אַנאָנסן. בײַ אַ צײַטונג פון אַ קליינעם ישוב, דאַרף מען אַלץ טון.

די אַדמיניסטראַציע פון דער צײַטונג ווערט אָנגעפירט פון פרוי סאָניע ראָזענבערג. איך האָב זי געזען בײַ דער אַרבעט. איך האָב זי געהערט רעדן טעלעפאָניש צו קליענטן, צו אינסטיטוציעס און... איך האָב זיך באַוואונדערט. אַן **אמתע אשת חיל!** וואָלט משה ראָזענבערג געלעבט — וואָלט די צײַטונג מיט זיין פעיקייט און —איר צו לענגערע יאָרן— מיט סאָניעס לעבעדיקייט און פלינקייט— דערגרייכט צו ווערן אַ טעגלעכע אויסגאַבע (איצט דערשיינט זי דריי מאָל אין וואָך).

אין משך פון מיין וויזיט, קומען אין צײַטונג די מיטאַרבעטער אברהם ווייסבוים, יצחק בערלינער, מאיר קאָראָנאַ און מיר ווערן פאַמיליאַר היימיש.

ספּעציעל מיטן לעצטן וועלכער איז זייער אַ האַרציקער חבר וואָס מאַכט זיך באַלד סימפּאַטיש.

איך בין אין איין אָוונט איינגעלאַדן געוואָרן צום חבר מאיר קאָראָנאָ אין הויז אַריין, אויף נועווא לעאָן 95, און איך בין איבעראַשט געוואָרן! איך האָב נאָך אַזאַ גראַנדיעזע און שיין־איינגעאָרדנטע יידישע ביבליאָטעק נישט געזען. נישט אומזיסט איז מאיר קאָראָנאָס הויז אַ בית ועד לחכמים. מען קומט אַהין



סעם ווישניאַק
באַנקיר און שול־טוער

שמשון פעלדמאַן
פּרעזידענט פון דער קהילה אין מעקסיקע „נדחי ישראל"

אַריינקוקן אין אַ בוך און כאַפּן אַ שמועס מיט אַט דעם קלוגן יידישן שרייבער און באמת תלמיד־חכם. מען קאָן פון אים עפּעס אָפּלערנען. און, וואָס איז דער חידוש: זיין ביבליאָטעק האַלט ער נישט פאַר אַ צירונג — נאָר ער ליגט דאָ אָפּ עטלעכע שעה אין מעת־לעת און קוקט אַריין אין אַט די ספרים.

און, ווייזט אויס, אַז אַלע יידישע פרויען פון מעקסיקע זענען סימפּאַטישע. איך האָב נאָך קיין „זויערע" יידישע ווייבער מיט שטאָלצע, פּאַריסענע, בעזער, נישט באַגעגנט דאָ. אויך פרוי רישקע קאָראָנאָ, איז זייער סימפּאַטיש און עס איז אָנגענעם מיט איר צו רעדן. עס איז אויך דאָ מיט וועמען צו רעדן!

פאַראַן דאָ, אין מעקסיקע, נאָך אַ צווייטע ליטעראַרישע פּערזענלעכקייט. אַ מענטש, וואָס איז אַ גוטער שרייבער, אַ גוטער ליטעראַטור־קריטיקער און אַ גרויסער... מוזיקער, און דער עיקר — אַ מבין אויף מוזיק. ער הייסט:

— סאַלאָמאָן קאַהאַן.

ער האָט אַרויסגעגעבן אַ פּאָר פיינע ביכער, ער האָט באַקענט די ייִדישע וועלט, דורך זיינע „מעקסיקאַנער רעפלעקסן" מיטן מעקסיקאַנער ייִדישן און



ביי אַ באַראַטונג פון טוער פון דער ייִדישער שולע:
עס זיצן די הערן: ד"ר ב. שולגייסער, מ. בערגער, ס. ווישניאַק.

אַלגעמיינעם לעבן און ער פאַרשאַפט כבוד דעם מעקסיקאַנער ישוב. אגב, סאַלאָמאָן קאַהאַן פאַרמאָגט אַ זון, אַ וועלט־באַרימטן מוזיקער, און אַ... ווילער ייִד.

פרוי ליזאַ קאַהאַן איז אויך זייער און זייער אַ סימפּאַטישע און אינטעליגענטע פרוי, אָבער, ווען זי האָט געטריבן איר אויטאָ —ווען מיר זענען געפאָרן שפּאַצירן,— איז... מיר די נשמה שיעור אַרויסגעפאַלן!...

אָבער, גאָלדע, איך בין אַראָפּ פון „וועג". איך וועל דיר ענדיקן צו באַשרייבן מיינע באַזוכן אין די ייִדישע צייטונגען פון מעקסיקע. אָבער, איך וויל דיר נאָך פאָרשטעלן איין אינטערעסאַנטע ייִדישע שרייבערישע פּערזענלעכקייט. דאָס איז דער באַרימטער דיכטער, — דער „צעשויבערטער טאַלאַנט",

— יעקב גלאַנץ.

ער איז פול מיט לעבן און מיט... וויצן. דו קאָנסט מיט אים רעדן שעהן און שעהן און עס זאָל דיר נישט נמאס ווערן. ער האָט דאָס „מזל", אַז באַלד ווי מען באַקענט זיך מיט אים — ווערט מען צו אים צוגעקלעפּט. ער האָט אָבער נישט קיין מזל מיט פּרנסה. אַזאַ מענטש, ביי די אומות העולם, וואָלט געגומען 100

א. גאַלאַמב

באַוווסטער
פּובליציסט
פּעדאַגאָג
און דירעקטאָר
פון דער
נייער
יידישער שול
אין
מעקסיקע

טוביה מייזעל

שול־עסקן

דאָלאַר פאַר אַן גרײַקל און טויזנט דאָלאַר אַ וואָך פאַר דערלויבן צו באַנוצן זיין נאָמען. ביי אונדז, יידן, אין דעם קליינעם ישוב פון מעקסיקע, ווערט ער בטל בששים, און ער וואַרפט זיך אַלע מאָל צו אַן אַנדער פּרנסה און...

גייט אַרויס פון איר אַן אַ העמד, — אָבער מיט הומאָר און לעבן.

איצט טראָגט ער זיך אַרום מיט אַ פּלאַן צו עפענען אַ ליטישן יידישן... רעסטאָראַן, ווו מען זאָל קומען אָפּעסן אַ גוטן, געשמאַקן יידישן מיטיק און קאָנען בלייבן זיצן אַ פּאָר שעה ביי אַ שמועס. ער וועט אַ נאָמען געבן זיין רעסטאָראַן „כרמל".

וואָס פאַר אַ שייכות האָט אַ יידישער שרייבער מיט אַ רעסטאָראַן?

נו, און וואָס פאַר אַ שייכות האָט אַ יידישער שרייבער מיט אַ קלייט פון שיך?

אַז מען דאַרף פּרנסה, איז ווי שטייט דאָרט געשריבן:

פשוט נבלה בשוק ואל תצטרך לבריות: שינד אָפּ אַ נבלה אין מאַרק, אַבי נישט אָנקומען צו קיין מענטשן!...

נו, אין אַ קלייט פון שיך און אַ פיינער יידישער רעסטאָראַן, זענען ב״ה נישט קיין „פשוט נבלה״. זאָג אַזוי: ביי אונדז אין אַרגענטינע איז מען צו דעם נישט געווינט, דערהויפּט איצט, ווען הונדערטער מענטשן לעבן פון צייטונגס־ און זשורנאַל־וועזן.

יעקב גלאַנץ, וועט זיכער האָבן... ווייניקער דערפאָלג מיט זיין רעסטאָראַן

הרב ש. ראַפאַלין אַדרעסירט אַ מיטינג

„כרמל״ ווי ער האָט אַלס דיכטער און שרייבער. כאָטש, עס איז שוין צייט, אַז אויך אויף דעם געביט —פרנסה— זאָל ער האָבן מזל.

און איצט, וועל איך „דיך מיטנעמען״ אויף אַ שפּאַציר צו דער צווייטער יידישער צייטונג וואָס דערשיינט אין מעקסיקע. ווי איך האָב דיר שוין געשריבן, ווערט זי אַרויסגעגעבן פון זייער אַ פעיקן מענטשן, פון אַ טאַלאַנטירטן רעדאַק־טאָר, וואָס הייסט

— משה רובינשטיין.

דער טאַקסי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער גאַס פעדראָ מאָרענאָ 129. דאָ, האָב איך שוין געטראָפן אינדרויסן אַ שילד אויף יידיש און שפּאַניש, אַז דאָ געפינט זיך אַ יידישע צייטונג. ביי סאָניע ראָזענבערגס צייטונג, איז אַזאַ אויפ־שריפט נישטאָ... ס׳איז, ווייבערשע מורא פאַר אַ „גוט אויג״ פון אַ פאַרבלאָנ־

דזשעטן... אינספּעקטאָר. אויף מיר, האָט אָט דער תירוץ, סאָניעס, געמאַכט זייער אַ שלעכטן איינדרוק. דאָס איז די ערשטע און איינציקע יידישע צייטונג אויף דער וועלט וואָס האָט „מורא״ צו מעלדן, דורך אַן אויפשריפט, אַז דאָ געפינט זיך אַ יידישע צייטונג...

אַלזאָ, איך בין אין רעדאַקציע און דרוקעריי פון „די שטימע״. ווערדליג די אומשטענדן, פאַרמאָגט מען דאָ געוויסע באַקוועמלעכקייטן. די צייטונג דרוקט

גרונם שימאָנאָוויטש

שול־טוער און פּרעזידענט פון לאָקאַלן קאַמפּיין

ג. פיינשטיין

אַקטיווער עסקן און שול־טוער

זיך אויף בעסער פּאַפּיר, און מיר דוכט אויך, אַז זי איז גאַנץ פיין צוזאַמענגעשטעלט. אמת, משה רובינשטיין האָט זייער אַ גוטן געהילף. ער האָט אַ ברודער, מאַקס רובינשטיין הייסט ער, וואָס העלפט אים אַרויס ביי דער אַדמיניסטראַציע פון דער צייטונג, ביי איר עקספּעדיציע און אַז מען דאַרף אַ שרייב־טון — קאָן ער אויך. איך בין געווען איינגעלאַדן אויף אַ מיטיק צו אָט דעם ה׳ מאַקס רובינשטיין, — האָב איך דערנאָך דריי טעג נישט געדאַרפט עסן! אַזוי פיל האָט מען דערלאַנגט! איין מאכל בעסער און געשמאַקער פונעם צווייטן, און — גיי עס נישט!..

רעדאַקטאָר משה רובינשטיין איז אויך זייער אַ צוגעלאָזטער מענטש. ער האָט זיך צו מיר צוגעטוליעט ווי צו אַ ברודער, ווען ער האָט שוין לאַנג נישט געזען. אויב איך וועל זען אַ סך זאַכן אין מעקסיקע — האָב איך עס אים אויך צו פאַרדאַנקען. איך בין אויך געווען דער גאַסט פון זיין פּריוואַט־הויז. זיין יונגע,

שיינע פרוי, קאָן אויפשטעלן אַ שיינע און באַקוועמע היים. איך גלויב נישט, אַז אויף גאָטס ערד געפונען זיך אַ סך יידישע שרייבער וואָס וווינען אַזוי שיין, אַזוי באַקוועם ווי עס וווינט משה רובינשטיין און זיין פרוי חיענע. זי האָט מיך געפרעגט אויף איר קרוב אין בוענאָס־איירעס, דעם באַקאַנטן און פּאָפּולערן געזעלשאַפטלעכן עסקן סאַלאָמאָן שטיין. איך דערצייל איר, אַז ער איז מיינער

נחמן זיידענוועבער
נדבן און שול־טוער

קוטשער
שלמה
שול־עסקן

אַ חבר, אַ פריינט און אַ לייענער. פרוי רובינשטיין וואָלט אַוודאי געוואָלט זיך דורכפאָרן קיין אַרגענטינע זעען אירע פריינט. אַליין — וויל זי נישט פאָרן און מיטנעמען דעם מאַן? — ווי קאָן ער איבערלאָזן... די שטאָט אויף הפקר. אַז מען רעדאַקטירט אַ צייטונג, איז מען אַ שקלאַף צו דער שטאָט, צו אירע אינסטיטוציעס און צום יידישן לעבן. בלייבט צו פועלן ביי סאַלאָמאָן שטיין, אַז ער זאָל איבערלאָזן זיינע קהלשע געשעפטן, —זיינע פּערזענלעכע געשעפטן האָט ער אויף וועמען צו לאָזן— און זאָל מאַכן אַ שפּאַציר קיין מעקסיקע...

איך וויל דיר פאַרענדיקן דעם דאָזיקן בריוו, מיט באַקענען דיך מיט זייער אַ פעיקן יידישן זשורנאַליסט פון מעקסיקע. ער הייסט

— א. זבולן בערעביטשעז.

ער שרייבט אין „וועג״ און שרייבט נישט פון וועג. זיין אַרטיקל איז שטענדיק אַ וואָגיקס, אַ לאָגיש, אַ טאַקטיש און... מען הערט זיך טאַקע צו צו אים. אויף צו קענען אים, האָב איך געמוזט אַרויפקריכן... אויף אַ לייטערל צו זיין „עסקריטאָריע״ וואָס ער האָט אויפן בוידעם פון זיין שיך־געשעפט. אַ מערקווירדיקע זאַך: אַלע יידישע שרייבער פון מעקסיקע, לעבן נישט פון זייער פען

— נאָר פון... קלייטן פון שיך. וואָס פאַר אַ שייכות שיך, פּאָדעשעוועס, אָפּצאַסן, האָבן צו שאַרפע יידישע קעפּ און מוחות? — ווייס איך נישט! אָבער, ווייזט אויס, אַז פון אַ קלייט פון שיך האָט מען פּרנסה און מען קאָן שרייבן... אָן האָנאָראַר — פאַר אַ יידישער צייטונג.

מיר זענען דערנאָך געגאַנגען עסן מיטיק אין אַ יידישן רעסטאָראַן ווו עס האָט זיך געפונען אויך אַ יידישע יעווסעקישע אינסטיטוציע. אַז מען גיט אַ קוק

א. גוטווערג
אַקטיווער עסקן און שול־טוער

א. וואָלף
דירעקטאָר פון דער „תרבות״־שול

אויפן שמוציקן „הויף״, אויפן רעסטאָראַן און אויף דער יידענע וואָס טראָגט דיר צו דאָס עסן — פאַרלירט מען דעם אַפּעטיט...

א. זבולן בערעביטשעז, איז אַ חוץ אַ שרייבער און א חוץ אַ קרעמער פון שיך, אויך אַ טיכטיקער כלל־טוער. ער נעמט אָנטייל אין יידישן צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס איז אַ מין מעקסיקאַנער „דאַיאַ״ — אַן אינסטיטוציע פון אינס־טיטוציעס.

אַרום דעם דאָזיקן „צענטראַל־קאָמיטעט״ האָט זיך אַ שטיק צייט געפירט אַ פּאָליטיק פון... נישט אָנערקענען אים און נישט מיטאַרבעטן מיט אים. מען האָט מורא געהאַט, אַז אָט דער „צענטראַל־קאָמיטעט״ וועט, מיט דער צייט, איינשלונגען די איבעריקע אינסטיטוציעס אָדער ווערן דער מושל און דעה־זאָגער איבער זיי. ווייזט אויס, אַז מען האָט זיך איינפאַרשטאַנען. די מורא איז אַוועק און אין אָט

דעם „יידישן צענטראַל־קאָמיטעט“ נעמען שוין אַנטייל אַלע יידישע אינסטי־טוציעס — אַריינגערעכנט די ספרדישע, דייטשע אונגאַרישע און אַנדערע „קהילות“ פון מעקסיקע.

און איצט, גאָר, גאָר, פאַרן פאַרענדיקן מיין בריוו וועגן דער שרייבערי־שער משפחה פון מעקסיקע, וועל איך דיך באַקענען מיט אַן אינטערעסאַנטן

שול־טוער, דירעקטאָר און לערערנס פון דער יידישער שול אין מעקסיקע

שרייבער וואָס איז אַ פּראָפעסאָר אין אַ מעקסיקאַנער שול אָבער, ער שרייבט אַ פיינעם, גאָר גאָר פיינעם יידיש. ער הייסט: פּראָפעסאָר יוסף וויניעצקי.

ער איז איינער פון יענע יידישע שרייבער פון מעקסיקע וואָס פאַרשאַפן כבוד דעם יידישן ישוב, מיט זיין שרייבן און מיט דער פּאָזיציע וואָס ער פאַר־נעמט אַלס מענטש און פּראָפעסאָר.

ווּנדליך פאַר אַ יונגן יידישן ישוב — איז אַזאַ מענטש, וואָס דערנענטערט זיך צום יידישן לעבן, זיכער אַ געווינס.

אַזוי ווי עס איז שוין אַ ביסעלע שפּעט, וועלן מיר זיך גיין אויסרוען און איה״ש מאָרגן, וועל איך „דיך מיטנעמען“ צו מיין באַזוך אין די גרויסע פיר שולעס וואָס מעקסיקאַנער יידן פאַרמאָגן:

עס איז כדאי זיך מיט זיי צו באַקענען!

XLV

טייערע גאָלדע,

איך גיי דיר איצט ברענגען דעם לעצטן און בעסטן גרוס פון יידישן מעקסיקע. דאָס אַלעס וואָס מען האָט ביי אונדז דערציילט וועגן די באַרימטע יידישע שולעס פון מעקסיקע איז אמת ויציב!

אייערנעכטן אינדערפרי, איז צו מיין האָטעל צוגעפאָרן דער דירעקטאָר פון דער יידישער שול אין מעקסיקע, דער וועלט־באַרימטער פעדאַגאָג ד״ר ב. שולגאַסער, האָט מיך אַריינגעזעצט אין זיין קאַר און מיך אַוועקגעפירט אין שול אַריין, וועלכע געפינט זיך אין אַ שיינעם און שטילן געגנט אויף גאַס סאַן לאָרענסאָ 290.

די שולע פאַרנעמט אַ גאַנצן קוואַרטאַל. די געביידע איז געבויט אין דער פאָרעם פון אַ „חית״. דער אַריינפאָר אין שול־ מאַכט אַן איינדרוק. זאָג מיר וואָס דו ווילסט: דער אויסערלעכער אויסזען פון אַ געביידע, דער ערשטער איינ־דרוק, האָט אַ סך צו זאָגן. עס איז אַ חילוק ווען דו פאַרסט צו צו אַ געביידע פון אַ „צענטראַל־קאָמיטעט״, טרעפסט אַ שמוציקן טויער און ביי דער זייט אַן אָראָפּגעלאָזטער שטאָר אויף וועלכן עס הענגט אַ צעטל „סע רענטאַ (עס פאַר־דינגט זיך) אָדער דו פאָרסט צו צו אַ שיינעם טויער, אַ שיינעם אַריינפאָר און שיינע, אָפּגעשמירטע ווענט...

צו מיין גרויסן באַדויערן איז איצטער קאַניקולעס.

דאָ איז היינט זומער און עס איז איצטער זומער־וואַקאַציעס, כאָטש 10 שעה רייזע פון דאַנען (מיטן אַוויאָן) ווערט מען פאַרפרוירן פאַר קעלט.

איך דאַרף זיך באַנוגענען מיטן אָנקוקן די געביידעס, די איינריכטונגען און די קלאַסן און נישט זעען די 1.200 תלמידים ביי זייער לערנען און אַרבעטן.

דאָ, אין מעקסיקע, איז דער לערער און גאָר ספּעציעל, דער דירעקטאָר, פאַרבונדן און צוגעבונדן צו דער שולע — כאָטש עס איז וואַקאַציעס...

און נאָך אַ זאַך, גאָלדע:

דאָ, זענען די שולן אינטעגראַלע! דאָ לערנט מען, אי שפּאַנישן אונטערריכט —ביזן אוניווערזיטעט— אי יידישע לימודים. די שפּאַנישע לערער ווערן צוגע־שיקט פון דער רעגירונג, אָבער... באַצאָלט, געהאַלט, קריגן זיי ביי דער יידישער פאַרוואַלטונג. זיי קריגן אַ בעסערן געהאַלט, ווי אין די שפּאַנישע רעגירונגס־שולן.

— —

איך שפּאַציר איבער דער שולע. די דאָזיקע יידישע שול אין מעקסיקע

איז איצט אַלט געוואָרן 30 יאָר. לכבוד אָט־דעם דאַטום גרייט זיך די שול־פאַר־וואַלטונג פּראַווען אַ גרויסן יום־טוב, אַרויסגעבן אַ פּרעכטיקן אַלבום און... שאַפן אַ געניגנדע סומע פאַר איר ווייטערדיקער אויסהאַלטונג און אַנטוויקלונג. נישט בלויז די שולע פייערט אָט־דעם דאַטום, נאָר דער גאַנצער יידישער ישוב פון מעקסיקע.

דער גרינדער פון אָט־דער פּראַכטפולער שולע איז געווען אַ ייד, וואָס איז ערשט פאַראַיאָרן געשטאָרבן און וואָס האָט ביים לעבן געהייסן ב. ד. טע־



דער דירעקטאָר פון דער י. ל. פּרץ־שול א. גאַלאַמב מיט ו. טשערנאָוועצקי

פּעלאָוו. די שול־טוער און ספּעציעל דער דירעקטאָר ד״ר ב. שולגאַסער, האָט מיר עטלעכע מאָל דערמאַנט אָט־דעם גרינדער פון דער שולע. מעקסיקאַנער יידן פאַרגעסן נישט די בויער פון זייערע אַנשטאַלטן.

מיט איין וואָרט: דאָס וואָס איך האָב געזען אין אָט דער שול — זעט מען נישט אין קיין שום לאַנד פון דער וועלט — אַמעריקע אַריינגערעכנט...

דאָס אינטערעסאַנטסטע דערפון איז:

ביי דער שולע און אַרום דער שולע זענען טעטיק יידן, וואָס זענען טאָג־טעגלעך זייער אַ סך באַשעפטיקט ביי זייערע זאַכן. דאָך, געפינען זיי צייט זיך

געפּצוגעבן מיט דער שולע. אַט, למשל, אַרום יובל־קאָמיטעט זענען טעטיק אַזעלכע ייִדן ווי סעם װישניאַק, אַ ייִד אַ מיליאָנער און אַ באַנקיר, אַזעלכע ייִדן ווי:

אַבֿרהם גוטווערג, שלמה גערשענזאָן, נחמן זייזנוועבער, ד״ר א. פּאַסליכט, גרונם שימאָנאָוויטש, מנחם מאנדלאַך, יעקב ראַטענבערג, משה טראַטנער, ד״ר

דירעקטאָר ד״ר ב. שולגאַסער מיט אַ גרופּע לערערינס

ישעיה אויסטרי־דן, מאיר בערגער, א. זבולן בערעביטשעז, בן־ציון גייטינסקי, חיים לאַזדייסקי, משה רובינשטיין, אינזש. א. פינקעלשטיין (וואָס כאָטש ער לעבט פון אַ געהאַלט ביים צ״ק, האָט ער פילמירט די גאַנצע טעטיקייט פון דער שולע, און אַלע הוצאות גענומען אויף זיין חשבון), שלמה קאַהאַן, מאיר קאָראַנאַ, ש. קוטשער א״אַנד.

אין אַלגעמיין, געבן מעקסיקאַנער ייִדן אַ סך געלט פאַר שול־וועזן און פאַר דער דאָזיקער שולע — גיט מען גאָר, גאָר אַ סך.

ווי איך האָב דיר שוין געשריבן, האָט די שולע אַ מזל צו האָבן זייער אַ פעיקן דירעקטאָר. ספּעציעל איז דאָס אַ מענטש וואָס האָט אינזינען בלויז זיין אַרבעט. נישט עס אינטערעסירט אים, נישט ער מישט זיך, ווער עס זאָל זיין אַ קאָמיסיאָנס־מיטגליד אין... דער חבֿרה־קדישא אָדער אין דער ייִדישער באַנק... דערפאַר, טאַקע, איז דאָ אין זיין אַרבעט מזל־ברכה.

פאַר אים, איז אויך געווען אַ גוטער און פעיִקער דירעקטאָר פון דער שול. ער הייסט מאיר בערגער און איז נאָך איצט פאַרבונדן מיט לייב און לעבן צו דער שולע. ער האָט טאַקע געשטעלט דעם חותם אויף אָט דער שולע. ער האָט אויסגעטראָטן דעם וועג אויף וועלכן די שולע גייט...

די פאַרוואַלטונג פון דער יידישער שול אין מעקסיקע, צוזאַמען מיטן יובל־קאָמיטעט.
אונטן: אַ גרופּע שול־טוער פון דער זעלבער שולע.

אין איינעם אַן אויפדערנאַכט בין איך געוואָרן איינגעלאַדן אין סאַלאָן פון פאַראיין „קדימה", ווו די שולע האָט דורכגעפירט אַן אַקט פאַרן „אַלבום", וואָס

זיי האָבן געגרייט אַרויסצוגעבן. אין דער זעלבער צייט האָט מען געוויזן דעם פילם „דאָס לעבן פון דער שולע״, וואָס דער אינזשיניער א. פינקעלשטיין האָט אויפגענומען אין פאַרשידענע צייטן פון טאָג־טעגלעכן לעבן פון דער שולע.

וואָס זאָל איך דיר שרייבן, גאָלדע, איך בין איבעראַשט געוואָרן פון דעם וואָס איך האָב געזען. און אָט דאָס האָבן אויפגעטון אַזאַ קליינע צאָל יידן! ווען איך בין געוואָרן איינגעלאַדן צום וואָרט, האָב איך אַזאַ גרוס פון מיין גרויסן



אַ יידישער שול־בנין פון מעקסיקע — די „יבנה״־שול

אַרגענטינער ישוב נישט... געקאָנט אָפּגעבן. אונדזערע גרויסע שולעס — זענען פּוסטע קרעטשמעס אַקעגן אַזאַ שולע וואָס איך זע איצט. און, וואָס איז דער חידוש. אָט האַלט אַ דרשה דער פּרעזידענט פון יובל־קאָמיטעט, דער ה׳ סעם ווישניאַק, און מעלדעט, אַז די שולע נויטיקט זיך אין דרינגענדע פאָנדן און דער ערשטער — גיט ער 20 טויזנט פּעזעס (אַרום 50 טויזנט אַרגענטינער). די איבע־ריקע שטייען אויך נישט אָפּ. מען גיט קלענערע סומעס — אָבער מען גיט! עס ווערט אין איין שמע־ישראל געזאַמלט 100 טויזנט (מעקסיקאַנער) פּעזעס. צי קאָן אַזאַ נס אויך ביי אונדז געשען? ביי אונדז, — וואָלט מען זיך „פאַרשריבן״...

— —

דעם צווייטן טאָג אינדערפרי האָב איך אין האָטעל צו־גאַסט דעם באַרימטן

ייִדישן פּעדאַגאָג און שרייבער, דירעקטאָר פון דער „נייער ייִדישער שול — י. ל. פּרץ״. דאָס איז דער פּריינט
— א. גאָלאָמב.

ער נעמט מיך — מיט אַ טאַקסי — אָנקוקן זיין שול, זיין „נייע ייִדישע שול״, ווי זי ווערט אָנגערופן אָפיציעל. זי איז נײַ — ווייל זי איז ערשט אַלט אַ יאָר פינף. צוליב אידעאָלאָגישע מאָטיוון, האָבן זיך אַ גרופּע טוער — נאָך רווישנדיקע



אַ צווייטער שול־בנין פון יידישן ישוב אין מעקסיקע

מחלוקתן — אָפּגעטיילט פון דער גרויסער ייִדישער שול און געגרינדעט אָט־די נייע שול וועלכע האָט געדונגען אַ הויז אויף דער גאַס פּאַסעאָ דע לאַ רעפאָרמאַ 95. אָבער, אַזוי ווי אָט־די געביידע — וועלכע זעט אויס ווי אַ לעגענדאַרישער פּאַלאַץ פון מיטלאַלטער — איז שוין צו־קליין אַריינצונעמען די אַלע קינדערלעך וואָס באַזוכן אָט די שולע — האָבן די טוער פון דער „נייער ייִדישער שול״ — געקויפט אַ פּלאַץ, אַ באַקוועמערס און נאָענט צום באַרימטן ספּאָרט־צענטער, און מען פאַרקאַטשעט זיך אויסבויען אַ פּרעכטיקן בנין, טאַקע אַן אייגענעם בנין...

איינער פון די הויפּט־טוער פון דער נייער שול איז דער באַקאַנטער קול־טוער־ און שול־טוער ה׳ טוביה מייזעל. איך האָב דעם איינדרוק, אַז אויב די נייע שול עקזיסטירט און פּראָגרעסירט, איז דאָס צו פאַרדאַנקען אָט־די שול־טוער: דירעקטאָר א. גאָלאָמב, טוביה מייזעל, ישעיה גאָרנשטיין און כוליאַ גראפּאַ.

אינטערעסאַנט איז, זאָלסט לייענען דעם אויפרוף פון אָט־דער שולע צו די ייִדן פון מעקסיקע, בעטנדיק אַז מען זאָל שטיצן דאָס אויפבויען דעם נייעם בנין. מיר, אין זיד־אַמעריקע, זענען געוווינט צו באָמבאַסטישער און גרילצנדיקער פּראָפּאַגאַנדע ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ נייעם שול־בנין.

דאָ, אין מעקסיקע, רעדט מען צום ייִדישן מענטשן שטיל, באַשיידן, קולטור־מעסיק און מיט לאָגיק.



די „תרבות״־שול אין מעקסיקע

אָט וואָס זיי זאָגן זייערע אָנהענגער, און בכלל יעדן ייִדישן מענטשן פון מעקסיקע:

„ייִדיש פאַרמעגן. נישט אַלץ וואָס ייִדן בויען איז ייִדיש פאַרמעגן;

נישט אַלץ וואָס איז געשאַפן פאַר ייִדיש געלט געהערט צו ייִדן און נישט אַלץ וואָס ייִדן פאַרמאָגן פּריוואַט בלייבט ביי ייִדן און איז ייִדיש פאַרמעגן.

איז וואָס מיינט דאָס וואָרט „ייִדיש פאַרמעגן״?

— עס מיינט: אַ הויז, אַ שטוב, אַן אָרט ווו עס האַלט זיך אויף דער ייִדישער גייסט, עס איז דער בית־האוצר פון ייִדישן וואָרט, הן בכתב, הן דאָס געטריבענע און הן דאָס וואָס עס ווערט גערעדט, דאָס וואָרט שבעל פּה.

אַמאָל איז יעדע פּריוואַטע יידישע שטוב געווען אַ דירה פאַרן יידישן גייסט. אין יעדער יידישער וווינונג האָט גערוט די שכינה פון יידישן פאָלק. אין קיך און אין זאַל, אויפן סאַמע אויבן־אָן, — אומעטום האָט מען דערקענט די יידישקייט. פון די ווענט האָבן אַראָפּגעקוקט פּאָרטרעטן פון רבנים; אין די פּאָליצעס האָבן געגלאַנצט די רוקנס פון יידישע ספרים; ביי דער טיר האָט מען דערקענט אַ יידיש הויז; איבערן וואַרשטאַט פון אַן אָרעמען יידישן בעל־מלאכה איז געלעגן אַ יידיש ספרל, און אַז חברה „פּועלים״ (אַרבעטער) פלעגן אַ זונג־טאָן ביי דער אַרבעט — איז עס געווען יידיש.

איצט איז עס נישט אַזוי. נישט אין שטוב און נישט אין גאַס. יידישקייט איז קאָנצענטרירט אין געזעלשאַפטלעכע הייזער, אין הייזער פון צונויפזאַמלונגען און אין הייזער פון לערנען.

עס זענען ביי יידן אָנגענומען די נעמען בית־הכנסת און בית־מדרש. דאָס מיינט פאַרזאַמלונגס־הויז און לערנהויז. אַ סך ווייניקער ווערט געברויכט דאָס וואָרט „בית תפילה״ — דאַווענהויז. אין גמרא זענען פאַראַן אַ סך ערטער וואָס שטרייכן אונטער די גרעסערע וויכטיקייט פון אַ לערנהויז, פון אַ שול צום לער־נען. דער יידישער ישוב אין מעקסיקע ווערט איצט רייכער מיט נאָך אַ בנין פון אַ יידישער שול, אַ בנין וואָס ווערט געבויט לשם ולשמה פאַר דעם יידישן לערנען, פאַרן יידישן וואָרט, פאַר די תינוקות של בית רבן״.

און, מעקסיקאַנער יידן פאַרשטייען אַנדערש די ווערט פון אונדזער המשך און שטייערן זיך מיט פאַר אָט דעם בנין. „קויפן״ צימערן אויפן נאָמען פון זייערע פאַרשטאָרבענע פריינט און שטעטלעך, און...

איך דענק, ווען איך וועל שוין זיין דאָס צווייטע מאָל אין מעקסיקע — וועל איך שוין טרעפן אָט־די שולע אויסגעבויט.

איך האָב פאַרבראַכט מיטן פריינט א. גאָלאָמב אַ פּאָר שעה, אים אָפּגעגעבן אַ גרוס פון אונדזער שול־וועזן. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער טעטי־קייט פון אונדזער לערן־סעמינאַר, האָב איך אים דערציילט די פאַרדינסטן פון אונדזער לערער־סעמינאַר פאַר אונדזער ישוב. איך האָב אים דערציילט די פאַר־דינסטן פון יוסף מענדעלסאָן, דירעקטאָר פון לערער־סעמינאַר, און איך האָב אים שוין אויך דערציילט וועגן אונדזער וועד־החינוך, וועגן דער טעטיקייט פון די שול־אינספּעקטאָרן אברהם טקאַטש און ב. קאָברינסקי. אינעם קאָנטראָלירן די שול־טעטיקייט. זיי, דאָ, אין מעקסיקע, דאַרפן ניש קיין אינספּעקטאָרן. יעדער לערער — פון קלענסטן ביזן גרעסטן — איז אַליין דער בעסטער אינספּעקטאָר פון זיין אַרבעט און פון זיין שולע...

די לערער, דאָ, שטעקן אָן מיט ענטוזיאַזם, די שול־טוער...

די דריטע שולע וואָס איך האָב באַזוכט — איז די „תרבות״־שול. עס איז אומגלויבלעך, אַז אין אַזאַ קליינעם ישוב ווי מעקסיקע, זאָל קאָנען עקזיסטירן אַ פּראַקטפולע העברעיִשע —און בלויז העברעיִשע— שולע ווי אָט די תרבות־שול. מען פאַרמאָגט אייגענע אויטאָבוסן און מען ברענגט די קינדער פון אַלע עקן שטאָט.

פאַראַן אין מעקסיקע אַ גרויסע צאָל ייִדן, וואָס דערציִען זייערע קינדער אויף דער העברעיִשער שפּראַך, מיטן אויסזיכט זיי צו מאַכן פאַר אינטעליגענטע



אַ קליין ווינקעלע אין „ספּאָרט־צענטער״ — אַ באָד־באַסיין

העברעיִשע מענטשן. העברעיִשע לערער און... חלוצים קיין ישראל. פּרעזידענט פון דער תרבות־שול איז אַ ווילער ייִד וואָס הייסט הערשל ראַבינאָוויטש.

דער פאַרוואַלטער פון דער שולע, אַ שטילער, ווילער מענטשן, אליעזר וואָלף, פירט מיך אַרום איבער דער שולע, באַקענט מיך מיט דער סימפּאַטישער לערערן, וואָס איז ספּעציעל געבראַכט געוואָרן, כדי אָנצופירן מיט דער שולע, און מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן וואָס אַ העברעיִשע שולע קאָן האָבן ביי אַזאַ ישוב. אגב, די תרבות־שולע ווערט שטאַרק געשטיצט פון ציוניסטישער פעדעראַציע...

בלויז אין מעקסיקע קאָן אַזעלכעס טרעפן!

די פערטע שולע הייסט „יבנה". זי איז אַן אָפּטיילונג פון דער קהילה פון מעקסיקע וואָס רופט זיך „נדחי ישראל".

דער דירעקטאָר, דער גייסטיקער פירער פון דער שולע, איז דער באַרימטער רב און גרויסער תלמיד־חכם, הרב ש. ראַפּאַלין. אָפיציעל הייסט די שולע „בית ספר עברי יבנה — יידישע שול". דערמיט ווערט אונטערגעשטראָכן די גלייכ־באַרעכטיקונג פון ביידע שפּראַכן אין אָט דער שולע.

ווי איך האָב דיר שוין געשריבן, לערנט מען, אַ חוץ יידיש און העברעיש, — אויך די לאַנדעס־שפּראַך און דאָס מעקסיקאַנער יידישע קינד איז אַ גאַנצן טאָג אונטערן איינפלוס פון דער יידישער שול און יידישן גייסט. דאָס איז אויך דער סוד וואָס 75 אָדער 80 פּראָצענט יידישע קינדער פון מעקסיקע גייען אין יידישע שולעס.

ווען וועט ביי אונדז געשען אַזאַ נס?...

אַ חוץ יידישע שולעס, פאַרמאָגט דאָס יידישע מעקסיקע אַנדערע שיינע יידישע אינסטיטוציעס. איינע פון זיי איז די „אָזע". איך האָב זיך געטראָפן מיט אַ פּאָר טוערס פון דער „אָזע". מען גרייט דאָ צו אַ קאָנגרעס פון גאַנץ לאַטיין־אַמעריקאַנער „אָזעס". זיי, די טוער, קאָנען אונדזער „אָזע", קאָנען איר טעטי־קייט און האָבן מיר אָנגערופן די נעמען פון פּרעזידענט פון אַרגענטינער „אָזע" — אונדזער זייער חשובן און באַליבטן פּראָפעסאָר, ד"ר כאַסע מאַטוסעוויטש. זיי וואַרטן אַז ער וועט קומען צום „אָזע"־קאָנגרעס. זיי קאָנען אויך די נעמען פון עטלעכע טוער פון „אָזע", ווי: פעליפּע גאַרענשטיין, ד"ר דוד סיגאַל, א"אַנד.

אַ ספּעציעלן באַזוך האָב איך געמאַכט אין דער קהילה, אין „נדחי ישראל". דער דאָזיקער אַנשטאַלט טראָגט בלויז דערווייל דעם נאָמען „קהילה". ער פאַר־מאָגט אַן אייגענעם בית־עולם, אַן אייגענעם מושב־זקנים, שטיצט אַ סך דעם הילפס־פאַראיין און איז בכלל דער אַדרעס פון וווילטעטיקייט אין מעקסיקע. דער פּרעזידענט פון דער קהילה, איז זייער אַ סימפּאַטישער מענטש, וואָס הייסט שמשון פעלדמאַן. ער איז קלוג, אינטעליגענט און... רייך. אַזוי, אַז ער קאָן זיך פאַרגינען אָפּגעבן מיט דער קהילה־טעטיקייט.

מערקווירדיק: די רייכע יידן פון מעקסיקע זענען זייער פּשוטע און פאָלקס־טימלעכע. אָט טאַקע, אָט דער ייד שמשון פעלדמאַן, ער איז אַ פולשטענדיקער פאָלקס־מענטש. רעדט דיין שפּראַך און פאַרשטייט דיין לעבן.

איצט, ווען איך בין אין מעקסיקע, טומלט זיך אַרום אַ פּראָבלעם פון

אַרויסנעמען די אַזוי־גערופענע קהילה „נדחי ישראל“ און מאַכן פון איר אַן אמתע קהילה. עס גייט דערוויַיל אין אַ מין „קאָמפּעטענץ“. דער „צענטראַל קאָמיטעט“ וויל איבערנעמען אַט די פונקציעס און... אַריינעמען די קהילה אונטער אירע פליגל, און די קהילה — לאָזט זיך נישט. זי וויל נישט פאַרשלונגען ווערן. מעקסיקאַנער יידן וועלן זיך שוין מן־הסתם אַרעגלירן אַזוי, אַז דער וואָלף זאָל בלייבן זאַט און דאָס שעפעלע גאַנץ.

רעדנדיק וועגן פאָלקסטימלעכקייט:



דאָס „אָפּרו־הויז“ (מושב זקנים) וואָס די קהילה האָט אויסגעבויט פון מעקסיקע צווישן בערג 70 קילאָמעטער פון שטאָט — אין קורנאַוואַקאַ

אָט האָב איך אָפּגעשטאַט אַ וויזיט דעם באַרימטן מעצענאַט פון יידישע ביכער, וואָס האָט אויך געשאַפן אַ פאָנד פאַר די בעסערע ביכער וואָס דערשיינען אַלע יאָרן. דער ייד איז פּאָפּולער אויף דער וועלט מיט זיין נאָמען

— צבי קעסעל.

איך בין געווען ביי אים, באַגלייט פון ד״ר ב. שולגאַסער, אין זיין געשעפט אויף מאַנעדאַ־גאַס. עס איז אַ מיליאָנערסקע געשעפט וואָס פאַרנעמט אַ ריזיק פלאַץ אויף דער שענסטער און רייכסטער גאַס אין מעקסיקע. זיין פּריוואַט־הויז, זעט מען בלויז אין פילם. דאָך, וואָלסטו געמעגט זען, ווי אַזוי אָט דער מיליאָנער איז פשוט, פאָלקסטימלעך און רעדט מיט דיר אַזאַ מחיהדיקן יידיש, פונקט ווי מיין טאַטע האָט צו מיר גערעדט.

אויך דאָס, קאָן מען טרעפן בלויז אין מעקסיקע!...

און אַזוי ווי איך בין שוין אַ ביסעלע מיד פון מיינע שפּאַצירן איבער די שולעס, וועל איך דיר ענדיקן דעם צווייטן בריוו פון מעקסיקע. מאָרגן, אַז גאָט

וועט שענקען דאָס לעבן, וועל איך דיר באַקענען מיט מעקסיקע דאָס לאַנד און מעקסיקע — די הויפּטשטאָט פון אָט־דעם שיינעם לאַנד.

איך וועל דיר נאָר זאָגן איין זאַך:



דער עס־זאַל פון מושב זקנים



אַ צווייטער „פליגל" פון מושב זקנים אין קוערנאַוואַקאַ

די הויזן זאָל מען פאַרקויפן און קריגן דאָלאַרס און פאָרן אָנקוקן אָט־די שיינע מדינה, וואָס הייסט:

— מעקסיקע.

XLVI

טייערע גאָלדע.

אין אַ פּאָר שעה אַרום וועל איך שוין זיצן צוריק אין עראָפּלאַן וואָס וועט מיך פירן צוריק קיין מיאַמי און פון דאָרט קיין ניו־יאָרק. איך האָב שוין פאַר־ענדיקט מיין וויזיט אין מעקסיקע און מיר דוכט זיך, דאָס אויב איך וועל לעבן 120 יאָר, וועל איך אָט די 7 טעג אייביק געדענקען.

אמת, טאַקע, איך בין שטאַרק מיד. איך האָב געוואָלט אין 7 טעג זעען און הערן, וואָס ביי יעדן נאָרמאַלן באַזוך און ביי יעדן... נאָרמאַלן מענטשן, דאַרף עס געדויערן אַ חודש, דריי חדשים און אפשר אַ יאָר. אָבער, ווידער דאָס זעלבע, גיי זעץ זיך אַוועק אין מעקסיקע, וויסנדיק, אַז מען וואַרט אויף דיר אין ניו־יאָרק און אָט־אָט־אָ וועט קומען דיין שיף וואָס דאַרף דיך אהיימפירן. אַלזאָ, איך האָב געמוזט זיין וואַך לפּחות 20 שעה אין מעת־לעת, און מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב אַ סך געזען אין אָט דער מדינה און קאָן זי דיר אויסמאָלן.

איך וויל פריִער פאַרענדיקן מיטן ייִדישן מעקסיקע. דאָס, וואָס איך וועל דיר איצט דערציילן — וועט דיר זיין שווער צו גלויבן:

מעקסיקאַנער ייִדן, זענען 90 פּראָצענט ציוניסטיש־געשטימט. אַלפּנפּאַלס, זענען זיי אַלע פאַר מדינת ישראל. פון די איבעריקע 10 פּראָצענט, פאַרנעמען די בונדיסטן גאַנצע אַכט פּראָצענט און אַ פּאָר פּראָצענט זענען פּאַראַן יעווסעקן. עס האָט מיר אַ ייִד דאָ געזאָגט:

ביי אונדז אין מעקסיקע איז אַ גרעסערער בזיון צו האָבן אַ ייִדישן קאָמו־ניסט אין דער משפּחה, ווי צו האָבן אַ שניר אַ גויע אָדער אַן איידעם אַן אַנזעצער.

רעדנדיק וועגן „אַנזעצן", וועל איך דיר דערציילן, אַז אין ייִדישן מעקסיקע איז צוריק מיט אַ פּאָר יאָר געשען אַן אומגליק. איינער, אַן אינזשיניער לאַנדוי, וועלכער האָט געהאַט געוווּנען אַ סך צוטרוי ביי ייִדן וואָס האָבן געלט, — האָט געליִען גרויסע סומעס געלט ביי אלמנות און יתומים, ביי גבירים און קבצנים. האָט אָנגענומען עטלעכע מיליאָן פּעזעס און זיך „געזעצט" — אומגליקלעך מאַ־כנדיק אַ סך פאַמיליעס, וועלכע ליידן נאָך איצט.

לאַנדוי איז נישט געווען דער איינציקער. אַ סך לאַנדויס האָבן זיך געפונען אין מעקסיקע וועלכע האָבן צוגעזאָגט גרויסע גליקן. אויב מען וועט זיי לייען געלט. זיי האָבן צוגעזאָגט און טאַקע געצאָלט גרויסע פּראָצענטן, ביז זיי האָבן... אַנגעפּייפט אַלעמען.

ווען איך בין איצט געווען אין מעקסיקע האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ סך

דערשלאָגענע פאַמיליעס וואָס האָבן געקרעכצט אויף זייערע פאַרלוירענע אָפּ־שפּאָרונגען.

אַלזאָ, מיר קערן זיך אום צום... בעסערן און שענערן יידישע מעקסיקע.

די הויפּט־ראָל אין נאַציאָנאַלן יידישן לעבן פון מעקסיקע שפּילט די דאָר־טיקע ציוניסטישע פעדעראַציע. די גרעסטע טייל ציונים פון מעקסיקע זענען „אַלגעמיינע ציוניסטן". די הויפּט־פירער פון אָט דער פּאַרטיי זענען די באַוווסטע ציון־פירער, אַרטוראָ וואַלפּאָוויטש, לייב דולצין א״אַנד. מיטן פריינט דולצין בין איך נאָענט באַקאַנט געוואָרן און פאַרבראַכט דערנאָך ביז דריי פאַרטאָג. איך בין, דורך אים, אויפגענומען געוואָרן ביי אַ ברייטער זיצונג פון דער קאָנסטיטוי־רונג פון „פאַראייניקטן קאַמפּיין". ער האָט מיך פאַרגעשטעלט אין אַ פיינער, קלאָרער, יידישער שפּראַך. בכלל רעדן אַלע יידן אין מעקסיקע אַ פיינעם יידיש. עס רעדט יידיש דער עלטערער דור און עס רעדט יידיש די יוגנט. איך האָב אויף יענער זיצונג — אויף וועלכער מען האָט איינגעטיילט אַמטן — גערעדט בלויז יידיש. טיף אין דער נשמה, האָב איך זיך געשעמט מיט אונדזערע אַרגענ־טינער ציונים, וועלכע רעדן בלויז שפּאַניש — אַפילו דאָרט ווו מען דאַרף נישט...

וואָס עס האָט זיך מיר שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן איז געווען דער פאַקט, וואָס כמעט דער גאַנצער ביוועזנדער עולם פון וועלכן מען האָט געדאַרפט צו־זאַמענשטעלן דעם עקזעקוטיוו און פאַרוואַלטונג פון פאַראייניקטן ציוניסטישן קאַמפּיין — איז באַשטאַנען פון יונגוואַרג. בלויז אַ פּאָר זענען געווען פון דרייסיק יאָר און עלטער. די איבעריקע — יונגע חברה, יונגע טוער, יונגע סאָלדאַטן אויפן ציוניסטישן פראָנט און „חוץ לארץ". ווייזט אויס, אַז אויך דערמיט זענען די מעקסיקאַנער יידן קלוגער און פראַקטישער פון אונדז. זיי, די אַלטע טוער, ווילן נישט פאַרכאַפּן פאַר זיך די בענקלעך און ציען בעסער צו די יוגנט...

פאַראַן אין מעקסיקע אַ צווייטער „פאַראייניקטער קאַמפּיין" — פאַר לאָקאַלע אינסטיטוציעס. עס איז, אין מיניאַטור, לויטן מוסטער פון אַמעריקאַנער „צדקה־פעדעראַציע". דער דאָזיקער קאַמפּיין שטערט גאָרנישט דעם קאַמפּיין פאַר ישראל. אדרבא, יידן געבן פאַר ביידע. די הויפּט־טוער פונעם לאָקאַלן קאַמפּיין זענען: אַ וויכטיקע ציוניסטישע פּערזענלעכקייט — גרונם שימאַנאָוויטש און דער אָנ־געזעענסטער בונדיסטישער טעאָרעטיקער און קולטור־טוער טוביה מייזעלס. אָט אַזוי קאָנען אַרבעטן געאייניקט אַזעלכע צוויי פּאָליטישע קעגנזאַצן.

דער דאָזיקער לאָקאַלער קאַמפּיין. שטיצט אַלע יידישע אינסטיטוציעס פון לאַנד און דערפאַר קאָנען זיי זיך אַזוי אַנטוויקלען.

איך האָב זיך באַקענט מיט דער טעטיקייט אין מעקסיקע פון די גרויסע יידישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס, ווי: „האיאָס", „יידישער וועלט־קאָנגרעס", יידישער

אַרבעטער־קאָמיטעט, „אָרט“, „אָזע“, „אַליאַנסאַ איזראַעליטאַ“ אאַ״וו. מעקסיקאַ־נער ייִדן שטיצן מאָראַליש און מאַטעריעל אָט די אַלע אינסטיטוציעס, נישט ווייל מען פאָדערט זיי אויף, נאָר ווייל זיי ווייסן, אַז עס איז זייער חוב.

איינע פון די שענסטע אינסטיטוציעס וואָס איך האָב דאָרט געזען איז געווען דער מושב זקנים.

אַפילו, אין אָט דעם פרט, איז מעקסיקע ענלעך צו אַרגענטינע. מען האָט איינגעאָרדנט דעם מושב־זקנים אין אַ הערלעך פּלאַץ, ווייט, גאָר ווייט פון דער הויפּטשטאָט, טאַקע גאַנצע 70 קילאָמעטער. פאַראַן דאָרט זייער שיינע שלאָף־צימערן און אַ שיינער אַלגעמיינער עס־צימער.

פאַראַן אָבער אַ... שאָטנדיקע זייט פון אָט דעם אַנשטאַלט.

דער מושב־זקנים, וועלכער ווערט אויסגעהאַלטן פון דער קהילה „נדחי ישראל“, איז געפאַלן אויף אַ גוטן געדאַנק, ווי אַזוי צו פינאַנצירן די אויסהאַל־טונג פון די זקנים. נו, האָבן זיי געמאַכט אין אָט דעם פּלאַץ אַן „אָפּרו־הויז“ פאַר געסט פון מעקסיקע־שטאָט, וועלכע קומען אַהין ענדע וואָך, אָדער גאָר אויף אַ פּאָר וואָכן וואַקאַציעס.

איז דאָך גוט! — טויג עס ערשט נישט!

איך בין געקומען אַהין מיטן פריינט חיים לאַזדייסקי, וועלכער האָט איינ־געשפּאַנט זיין שיינעם אויטאָ און מיך אַהינגעפירט (עס האָט מיך געקאָסט מי, ביז איך האָב זיך אויסגעלערנט אַרויסרעדן דעם נאָמען פון שטעטל: קוערנאַוואַקאַ). עס איז געווען אין אַ שבת אינדערפרי. מיר האָבן געטראָפן אַ סך געסט פון דער שטאָט אַלס „פּענסיאָניסטן“. נו, אַז אין שיל, אין מקום־קדוש איז קיינער פון די געסט נישט אַריינגעגאַנגען צו זיין אַביסל מיט די אַלטע לייט — דאָס בין איך דיר מוחל. ווען עס איז, אָבער, געקומען צום מיטיק און איך האָב געזען, ווי פאַר די „געסט“ —פּשוטע ייִדן פון מעקסיקע,— גרייט מען דעם גרויסן, ליכטיקן, סאַלאָן, מיט פיינע טישטעכער און פיין געשיר, און די זקנים, גיט מען עסן באַ־זונדער, אין אַ זייטיקן צימער, און דער טיש איז נישט אַזוי איי, איי, איי, — האָט עס מיך שוין פאַרדראָסן און דער „טשאָלנט“ מיט דער שבתדיקער סעודה, זענען מיר שוין געבליבן שטעקן אין האַלדז.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע און איינציקע מאָל, וואָס איך האָב אין מעק־סיקע געהאַט פאַרדרוס, אַ סך פאַרדרוס. זיי — האָב איך עס נישט געזאָגט. איך בין זיי נישט געקומען געבן קיין לעקציעס ווי אַזוי צו האַלטן בכבוד אָט די זקנים, אָבער, דיר — שרייב איך עס...

וואָס איך האָב באַמערקט, קאָנען די מעקסיקאַנער ייִדן זייער ווייניק דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן פון אַרגענטינער ייִדן. זיי קאָנען אַ סך נעמען פון אַר־

גענטינער ייִדן, װײל מען לייענט אַמאָל אַ ייִדישע צייטונג אָדער זשורנאַל פֿון אַרגענטינע. איינער פֿון זיי האָט מיך, למשל, געפֿרעגט, צי דער דירעקטאָר פֿון אַרגענטינער שולע אויפֿן נאָמען פֿון י. ל. פּרץ —דער ד״ר מ. פּרץ— איז עפּעס אַ קרוב פֿון י. ל. פּרץ...

אויב נישט, — װי קומט אַזאַ צופֿעליקייט?

װען איך בין געװען אויף דער אויפֿנאַמע פֿון דער קהילה „נדחי ישראל" און גערעדט פֿאַר זיי װעגן אונדזער ייִדיש לעבן אין אַרגענטינע, האָט מען מיך דערנאָך פֿאַרשיט מיט פֿראַגעס װעגן אַרגענטינע. ספּעציעל — װעגן רעליגיעזן ייִדישן לעבן אין אַרגענטינע. זיי, דאָרט, האָבן צװיי רבנים, צװיי גייסטיקע מנהי־גים. דעם הרב דוד שלמה ראַפּאַלין און הרב יעקב אביגדור. װייזט אויס, אַז ביידע רבנים לעבן נישט אַזוי שװה בשװה .מען האָט עס מיר שוין דערציילט און מען האַלט אַז הרב ראַפּאַלין איז... נישט דער אומגערעכטער.

איך װעל דיר, אויף אַ רגעלע איבערהאַקן מיין באַשרייבן דאָס ייִדישע מעקסיקע און װעל דיר פֿאַרשטעלן דאָס אַלגעמיינע מעקסיקע.

דו װייסט דאָך מן־הסתם, אַז די שטאָט מעקסיקע רופֿט מען: די „שטאָט פֿון פּאַלאַצן". אַזוי פֿיל רייכע פּרעכטיקע פּאַלאַצן װי עס איז פֿאַראַן אין מעק־סיקע איז נישט פֿאַראַן אין גאַנץ לאַטיין־אַמעריקע. איך װעל דיר נאָר צוגעבן;

אַזוי פֿיל אָרעמקייט װי איך האָב געזען אין מעקסיקע — זעט מען אויך נישט אין קיין שום לאַנד.

גלייך ביי גלייך מיט די רייכע פּאַלאַצן, טרעפֿסטו אָרעמע הייזקעס, װוּ עס װוינען 10 מענטשן אין איין צימער. גלייך, טאַקע אויף די שענסטע און רייכסטע גאַסן, טרעפֿסטו צענדליקער בעטלער אָדער „פּאַרקויפֿערס" פֿון עטלעכע קערנד־לעך פֿון פֿיסטאַשקעס, ניסלעך אָדער אַנדער „פּראָכט". פֿאַר דער טיר פֿון דעם גרויסן, מיליאָנערסקע יובעליר־געשעפֿט אויף „לאַ מאַנעדאַ־גאַס" שטייט אַ טונקל־הויטיקער מעקסיקאַנער, אַן אייניקל פֿון יענע אינדיער װעלכע קאָרטעז האָט באַזיגט און צוגענומען זיין לאַנד, און ער „פּאַרקויפֿט" איין איינציקן בליי־פֿעדער װאָס ער האַלט אין איין האַנט און די אַנדערע אויסגעשטרעקט...

דו קאָנסט טרעפֿן שיינע קוריאָזיטעטן אין מעקסיקע. אויף איין גאַס, אין איין קװאַרטאַל, שטייען אַ פּאָר צענדליגג „מינערװעס" (דרוק־מאַשינקעלעך) און טיפּאָגראַפֿן מיט „טיפּן זאַץ" שטייען נעבן די מאַשינקעס, נעמען אָן אַרבעט צו דרוקן אַ װיזיט־קאַרטע, אַ קאָנװערט און שרייב־פּאַפּיר און אַפֿילו אַ גרעסערע אַרבעט, װי אַ „פֿאַקטוראַ" (חשבון — ביל). דו װאַרטסט אויס אַ שעה צייט, האָסטו דיין אַרבעט שוין אָפּגעדרוקט און עס קאָסט דיך נישט טייער. דער קוריאָז, איז

נאָך גרעסער, דערמיט, וואָס אָט די „דרוקער" שטייען נעבן די טירן פון גרויסע דרוקעריייען, ווען זיי מאַכן עס „קאָמפּעטענץ"...

איך גיי אינמיטן העלן טאָג אויף איינער פון די רייכסטע מעקסיקאַנער גאַסן, אויף דער אַריסטאָקראַטישער „אינסורכענטעס"־גאַס, זע איך אַ מאַסע מענטשן ביי

אַ רעגירונגס־הויז פון מעקסיקע, געבויט אין קאָלאָניאַלן סטיל

אַ קליינער פּלאַסע, שטייען עפּעס אָנגעשטעלט און מען קוקט, מען לאַכט און מען... וואַרפט ניקלדיקע מטבעות.

איך גיי אויך צו, שטופּ זיך דורך צום „צענטער" פון אָט דער מאַסע. וואָס איז דאָרט? גאָרנישט. עס זיצן דריי בלינדע מוזיקער, „שפּילן" אויף זייערע פידלען מעקסיקאַנער טענץ, און די בייוועזנדע וואַרפן אַריין אין היטל עטלעכע מטבעות און ווען די בלינדע הויבן אָן שפּילן — הויבן זיי אָן טאַנצן! נאָר וואָס הייסט טאַנצן? די ערד טרייסלט זיך אונטער זייערע פיס.

דו ווילסט וויסן דעם אמת? איך בין זיי מקנא געווען! זיי האָבן נישט קיין דאגות... אַראַבער, וואַפן, יעווסעקציע, שונא־ישראל, אַנטיסעמיטיזם! זיי דאַרפן נישט זאָרגן, נישט פאַרן אַלגעמיינעם, נישט פאַרן לאָקאַלן קאַמפּיין! טאָ, פאַרוואָס זאָלן זיי נישט טאַנצן?...

אין איינעם אָן אויפדערנאַכט, האָט מיך דער חשובער רעדאַקטאָר פון „די שטימע", פריינט משה רובינשטיין איינגעלאַדן אויף אַ שפּאַציר איבער „מעקסיקע ביינאַכט". עס איז שוין געווען גענוג שפּעט. אין אויטאָ — אויך רעדאַקטאָר משה



צוויי מעקסיקאַנער „סוחרים". זיי פאַרקויפן טעפּ און טאָוועלעך צום פרעגלען. זייער גאַנצע סחורה און פאַרמעגן טראָגן זיי אויף די פּלייצעס.

רובינשטיין האָט אַ פיינעם אויטאָ — איז אויך געווען דער דיכטער יעקב גלאַנץ און פרוי. האָט רובינשטיין אונדז צוגעפירט צו אַ פּלאַץ וווּ עס שטייען גאַסן־מוזיקער. נאָר, נישט סתם שלעפּערישע מוזיקער, ווי אויף אָט יענער פּלאַסאַ, מיט די דריי בלינדע גיטאַריסטן, נאָר טאַקע אמתע קינסטלער. אונדזער אויטאָ ווערט באַלד אַרומגערינגלט פון אַ „באַנדע" מוזיקער און איר דיריגענט. פריינט רובינשטיין „באַשטעלט" אַ „פּיעסע" וואָס זאָל שמעקן אַרגענטיניש, לכבוד דעם אַרגענטינער גאַסט.

די מוזיקער — זעקס שטיק ווי די בערן — געבן אַ שפּיל־אָפּ קאַרלאָס גאַר־דעלס אַ טאַנגאָ, אַ צווייט ליד שפּילן זיי אָפּ פון אַ צווייטן אַרגענטינע אויטאָר — פראַנציסקאָ קאַנאַראָ. אויך איך „אוגאַשטשייע" דעם פריינט רובינשטיין מיט אַ מעקסיקאַנער „פּאָעזיע". אויף מיין ביטע שפּילן זיי אָפּ „לאַ ראַספּאַ".

אין הער זעלבער צייט און — אַן דעם אַז איך זאָל אַפילו באַמערקן, — איז דער „קינסטלערישער לייטער" פון דעם „אָרקעסטער־מוזיקער", געשטאַנען נעבן מיין פּענצטערל און ביי דער שיין פון דער לבנה אָפּגעמאָלט אַ צייכענונג פון מיין פּנים, וואָס... זי וועט מיר אָנשטיין זי אויפצוהענגען אויף דער וואַנט!

אָט דאָס איז מעקסיקע!

מירן זיך אומקערן צוריק צום יידישן מעקסיקע.

פון וואָס לעבן די יידן אין מעקסיקע?

מען לעבט, ברוך־השם! מען האָט גרויסע פאַבריקן, מען פירט גרויסע גע־שעפטן און קיין יידישער „אַרבעטער־קלאַס" איז דאָרט נישטאָ! די גרעסטע טייל „סאָציאַליסטן", בונדיסטן און אַרבעטער־טוער, מאַכן אַ פיין בעל־הבתיש לעבן און פאָרן אין אַ שיינעם קאַטש, דווקא פון די לעצטע מאָדעלן!...

די לעצטע 2 טעג פון מיין זיין אין מעקסיקע, בין איך געווען גאָר, גאָר „ביזי". איך האָב נישט דורכגעלאָזט קיין איין שפּאַרונקעלע דאָרט נישט צו זיין. אין דער באַגלייטונג פון רעדאַקטאָר משה רובינשטיין, בין איך געפאָרן אויפן יידישן בית־עולם. איך בין געווען אויף קבר־אבות ביי משה ראָזענבערג ע"ה.

דעם אמת דיר זאָגן — דער יידישער בית־עולם אין מעקסיקע איז דאָס איינציקע פּלאַץ ווו עס איז... נישטאָ קיין אָרדענונג! די מצבות און קברים, גע־לייגט און געשטעלט אָן אַ טאַלק און אָן אַ סיסטעם. מ'דאַרף טרעטן אויף די קברים... עס וואָלט זיך מיר נישט געגלוסט צו שטאַרבן אין מעקסיקע, ווען איך וויים, אַז מען וועט מיך באַגראָבן אויף אָט דעם פּלאַץ ווו עס הערשט אַזאַ אומ־אָרדענונג. אַ גליק נאָך וואָס דער אַריינגאַנג איז אַ שיינער. דער עיקר — פאַראַן אַ ספּעציעלער „אוהל" מיט אַ קינסטלערישער אויסמאָלונג פון קאַמף אין וואַר־שעווער געטאָ. חוץ דעם, איז טאַקע, אין אָט דעם „אוהל" — פון פאָרנט, פאַראַן אַ שיינער מאָנומענט צום אָנדענק פון די קדושים. אָט, דאָס, וואָלטן מיר גע־דאַרפט אָוועקשטעלן אויף אונדזערע בית־עלמינס!...

און, ווי אויף צו „פאַרגיטיקן" מיך האָט מיך פריינט רובינשטיין אָוועקגע־פירט אויף אַן אָרט, וואָס מיינע אויגן האָבן נישט געגלויבט עס זעענדיק. דאָס איז דאָס שענסטע וואָס איך האָב געזען אין מעקסיקע, דער:

— „ייִדישער ספּאָרט־צענטער".

די דאָזיקע אינסטיטוציע פון מעקסיקאַנער ייִדן, וואָס איז ערשט אַלט אַ יאָר פינף, איז די גרעסטע ייִדישע אינסטיטוציע פון לאַנד און פון גאַנץ זיד־ און צענטראַל־אַמעריקע, אריינגערעכנט אונדזערע „העבראַיִקאַ", „מכבי", „הכוח" און ענלעכע אינסטיטוציעס. אין קיין שום לאַנד פון לאַטיין־אַמעריקע איז אַזעל־כעס נישטאָ. שוין נישט־רעכענענדיק, אַז דער „ספּאָרט־צענטער" פאַרנעמט אַ שטח פון אַ סך טויזנטער און טויזנטער מעטער. בלי גוזמא, קאָנען זיך דאָרט באַקוועם אויסשטעלן 2 טויזנט... אויטאָס, מיט וועלכע די געסט קומען אַהין.

אָנהייבן דיר אויסרעכענען אַלעס וואָס דער „ספּאָרט־צענטער" פאַרמאָגט, וואָלט איך געדאַרפט זיצן אַכט טעג און שרייבן און דו וואָלסט געדאַרפט דריי טעג לייענען. גענוג, אַז איך וועל דיר זאָגן, אַז דער „ספּאָרט־צענטער" האָט אַלס הויפּט־אויפגאַבע, נישט בלויז אָנגרייטן שווים־באַסיינען פאַר די באַזוכער און זייערע קינדער — פאַראַן עטלעכע אַזעלכע — דער „ספּאָרט־צענטער" זאָרגט נישט בלויז פאַר דער פיזישער אַנטוויקלונג פון מיטגליד, — נאָר אויך פאַר זייגע גייסטיקע באַדערפענישן. דער הויפּט־ציל פון „ספּאָרט־צענטער" — איז דווקא קולטור! ייִדישע קולטור־אַרבעט. דער „סאָציאַלער טייל פון אָט דעם ספּאָרט־צענטער פאַרמאָגט אייגענע זאַלן, אייגענע ביוראָס און אייגענע לאָקאַלן פאַר זיין פאַרצווייגטער קולטור־טעטיקייט.

דער „ספּאָרט צענטער" גייט איצט אויפבויען אַ ריזיקע ביבליאָטעק מיט ייִדישע העברעיִשע און שפּאַנישע ביכער, וועלכע זאָל אויך דינען אַלס שטאָט ביבליאָטעק, אויך פאַר יענע וועלכע זענען נישט קיין מיטגלידער פון „ספּאָרט־צענטער". עס זיצט שוין אַ קאָמיסיע פון קולטור־מענטשן וואָס שטעלט אויס די ליסטע פון די ביכער וועלכע מען דאַרף איינקויפן.

דער „ספּאָרט־צענטער" פאַרמאָגט אויך 2 דראַמאַטישע סעקציע. איינע אויף ייִדיש, וואָס ווערט אָנגעפירט פון דעם באַגאַבטן ייִדישן לערער שמשון חלפון און די צווייטע אויף שפּאַניש. צו דער ייִדישער פאַרשטעלונג זענען געקומען קרוב צו טויזנט ייִדן.

דער קולטורעלער טעטיקייט פון צענטער דאַרף מען צושרייבן צו דער אי־ניציאַטיוו און אָנגעשטערנגטער אַרבעט פון די קולטור־עסקנים: טוביה מייזעלס, ענריקע גוטווערג, שלום לאַקער און מאַטעאָ ליבניק. דאָס זענען ייִדן, וואָס ווייסן וואָס אַ ישוב — דערהויפּט אַזאַ ישוב ווי מעקסיקע — דאַרף האָבן.

אין רעזומען: דער „ספּאָרט־צענטער" איז די בריק, צווישן עלטערן דור צווישן די טאַטעס — מיט דעם יונגן דור — זייערע קינדער. דער „צענטער" איז זייערע אַ פעסטע בריק און... טאַקע אויך אַ שיינע בריק!

זאָל עס זיי, די מעקסיקאַנער יידן, נישט פאַרשטערט ווערן.

ווען איך בין אַוועקגעגאַנגען, האָב איך זיי אָנגעשריבן אין אַקטן־בוך: געבענטשט זענען די הענט וואָס האָבן אָט דאָס אויפגעבויט.

פאַר מיין פאַרלאָזן מעקסיקע, האָבן מיך חברים געזעגנט אין סאַלאָן פון קולטור־צענטער ביי אַ גלעזל טע. פאָרזיצער איז געווען דער קלוגער און שאַרפּ־קעפּיקער יעקב גלאַנץ. בלויז כדי צו הערן זיין דרשה, האָט זיך מיר געלוינט



די בייע יידישע שול א״ב פון „י. ל. פרץ״

צו קומען קיין מעקסיקע. עס האָבן אויך גערעדט די חברים: מאיר קאָראָנאַ, סאַלאָמאָן קאהאן, חיים לאַזדייסקי, משה רובינשטיין, אינזש. אברהם פינקעל־שטיין, לייב בראָנשטיין, שבתי סולקעס, פּראָפ. יוסף וויניעצקי און בן־ציון גייסינסקי (מאָטיע סטאָליאַרס ע״ה, שוואָגער), נו, פאַרשטייט זיך, אַז איך בין זיי נישט געבליבן שולדיק און האָב זיי נאָר געזאָגט, אַז...

איך וועל נאָך אַמאָל קומען קיין מעקסיקע. איך וועל קומען מיט מערער צייט און מערער... געדולד! אָבער, איך האָב זיי אויך געזאָגט, אַז עס וואָלט נישט געשאַדט אַז זיי זאָלן זיך אויך אַראָפּכאַפּן אין אונדזערע מקומות. טאַקע נישט אַזוי שיין ווי ביי אייך, טאַקע נישטאָ אַזעלכע שולעס און אַזאַ „ספּאָרט־צענטער״, — דערפאַר, האָבן מיר אַ צייטונגס־ און זשורנאַל־וועזן, וואָס איז פעסטער און אַפילו שענער, ווי... אין דער גרויסער נאָרד־אַמעריקע.

XLVII

טייערע גאָלדע,

דאָס דאָזיקע בריוועלע שרייב איך דיר שוין ווידער פון ניו־יאָרק. איך בין פון מעקסיקע געפלויגן קיין מיאַמי, און מיר דוכט זיך, אַז אַט די רייזע וועל איך געדענקען וויפל איך וועל לעבן. איך האָב... געזאָגט ווידוי און אין האַרצן זיך געזעגנט מיט דיר, מיט די קינדער און אייניקלעך און מיט דער שיינער וועלט. דער עראָפּלאַן האָט, אַנשטאָט פליִען גלייך, זיך געוואָרפן ווי אַ שלאַנג, אַרויף און אַראָפּ. דער גאַנצער וועג איז געווען בלויז פון „לופט־גריבער" („פּאָסאָס דע אײרע"). די גאַנצע 6 שעה רייזע זענען אַלע פּאַסאַזשירן געווען אַרומגעבונדן מיטן פּאַס און מען האָט געקרעכצט אויפן קול. פון 30 פּאַסאַזשירן זענען בלויז אַ פּאָר־פּאָלק, געזעסן די גאַנצע צייט רויִק, געלייענט אַ זשורנאַל און... געקייעט „טשיקלעטס". די איבעריקע 28 פּאַסאַזשירן זענען געווען אין טויט־שרעק, און צוויי פון זיי האָט מען הערנאָך — ווען דער עראָפּלאַן איז שוין געשטאַנען אויף דער ערד — געמוזט אַראָפּפירן אונטער די הענט. די צוויי זענען געווען אַ מאַרינע־אָפיצער און... דיין מאַן. עס האָט געדויערט אַ שטיק צייט ביז מיר זענען געקומען צו זיך. די סאַניטאַרע באַהערדן פון דעם מיאַמי־לופט־פּאָרט, האָבן גע־מוזט קומען צו־הילף... עס האָט מיר שטאַרק געשווינדלט אין די אויגן און איך האָב נישט געקאָנט שטיין אויף די פיס. ערגער איז געווען מיט מיין „אַוויאַן־ברודער", דעם מאַרינע־אָפיצער. מען האָט אים צוגענומען מיט אַן אַמבולאַנס. איך האָב געכאַפּט אַ „טאַקסי" און בין, פייל פון בויגן, אַנטלאָפן פון לופט־פּאָרט גלייך צו מענדלען און טאַניען. ווען זיי האָבן מיך דערזען, האָבן זיי געמיינט, אַז איך קום פון יענער וועלט...

דאָס וויל נישט זאָגן, אַז די מעקסיקאַנער עראָפּלאַנען זענען שלעכטע, אָדער אַז איך וועל מער נישט פאָרן מיט קיין אַוויאָן. גאָרנישט. עס איז געווען אַ שלעכטע רייזע, כאָטש דורכן מיקראָפאָן האָט מען אונדז אויף ביידע שפּראַכן: אין ענגליש און שפּאַניש, געגעבן צו וויסן אַלע מינוט, אַז מיר זאָלן זיין רויִק, עס וועט גאָרנישט געשען. עס איז בלויז אַ שלעכטער וועג, פול מיט „גריבער".

אַלס באַווייז, אַז איך האָב קיין מורא נישט צו פאָרן מיטן עראָפּלאַן, האָב איך געוואָלט נעמען דעם ערשטן „פליין", ווי זיי זאָגן, און פליִען קיין ניו־יאָרק. אָבער מענדל און טאַניע האָבן מיר נישט געלאָזט. מיין אויסזען ביים אָנקומען פון לופט־פּאָרט האָט זיי גענוג איבערגעשראָקן. האָב איך גענומען דעם באַן און בין געפאָרן „אהיים" קיין ניו־יאָרק. און אַ „סוד" וועל איך דיר אויסזאָגן: מיטן

באַן —דערהויפּט מיטן אַמעריקאַנער באַן— און גאָר ספּעציעל מיט די באַנען וואָס גייען אויף דער ליניע ניו־יאָרק—מיאַמי, איז אַ סך באַקוועמער צו פאָרן, נישט בלויז ווייל מען פאָרט זיכערער, — נאָר ווייל מען פאַרברענגט 24 שעה אין אַן אַנגענעמער געזעלשאַפט פון אומבאַקאַנטע מענטשן וואָס ווערן דערנאָך פריינט און אַמאָל... פאַרקערט.

אָט, האָב איך געטראָפן אין באַן אַ... אומאַניער יידן, גאָר, גאָר אַ נאָענטער באַקאַנטער פון אונדזער מוני דובין. לאָזט זיך אויס, אַז ער האָט געוווּסט אַז איך דאַרף קומען קיין אַמעריקע. מיר האָבן זיך דערפרייט, צערעדט און... צעקריגט. איך בין געווען נישט פאַרזיכטיק און האָבן אויסגעזעצט עטלעכע „חטאים" אויף דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע און אויף אַמעריקאַנער געזעצן, — נו, נו, האָב איך זיך איינגעקויפט „מפטיר"... מען טאָר וועגן אַמעריקע קיין שלעכטס נישט רעדן.

מיינסט, וואָס פאַר אַ „שלעכטס" האָב איך גערעדט? מיר האָבן זיך צערעדט וועגן „ריטייערן" זיך, וועגן כּובילירן זיך אויף דער עלטער. איך האָב געלייענט, אַז עס גייט אַן אַ באַוועגונג, אַז פרויען זאָלן זיך קאָנען כּובילירן ביי... 62 יאָר (נישט ביי 65, ווי עס איז איצט...) איך האָב געהערט אָדער געלייענט, אַז די רעגירונג איז קעגן אַזאַ געזעץ ווײַלכער קאָן „שעדיקן" די מלוכה־קאַסע. נו, האָב איך געזאָגט, אַז מיר געפעלט נישט אַז אויך פרויען זאָלן ערשט קאָנען אָוועקלייגן די אַרבעט ביי 65 יאָר. האָט מיין „באַן־ברודער" און אומאַניער לאַנדסמאַן, מיר דערלאַנגט אַ פאַרציע! אַלעס וואָס אַמעריקע טוט איז גוט! אפילו דאָס שלעכטע — איז גוט! שוין דער פאַקט אַליין וואָס מען קאָן עפנטלעך דיסקוטירן אַזאַ ענין, וואָס מען קאָן קריטיקירן די רעגירונג — איז אויך אַ גרויסע זאַך!...

און אפשר — איז ער גערעכט געווען?...

נאָך אַן אינטערעסאַנטן פאַל האָב איך געהאַט אין באַן.

אינמיטן וועג, אַרום 10 אַזייגער ביינאַכט, ווען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ „סטיישען", איז אַרויפגעקומען אין מיין וואַגאָן און פאַרנומען דאָס צווייטע בענקל בעבן מיר, אַ דיקע... שוואַרצע פרוי. איר דיקקייט האָט איר געשטערט זיך אַריינצוזעצן אין שטול, אָבער זי איז, יאַקאָש, אַריין אין אים.

די ערשטע צייט האָב איך נישט געפילט קיין אומבאַקוועמלעכקייט, — כאָטש איך האָב זיך שוין נישט געקאָנט אַ ריר־טון און פון האַלטן אַ בוך אין האַנט, איז שוין אויך געווען אָפּגערעדט. שפּעטער אַביסל, ווען די לאָמפּן זענען אויסגעלאָשן געוואָרן, און די פּאַסאַזשירן האָבן „געמאַכט"־נאַכט", האָט מיין

שוואַרצע באַן־שוועסטער נישט געפונען קיין אַנדער פּלאַץ ווי אָוועקצולייגן איר שוואַרצן געקרייזלטן קאָפּ, ווי נאָר אויף מיינע פּלייצעס.

בכלל, פאַרשטיי איך נישט, ווי זי, אַ שוואַרצע, קומט פאַר אַ „שכנה" צו מיר, אַ... ווייסן. אין די בילעטן־קאַבינעס פון די סטאַנציעס אין די זיד־געגנטן פון אַמעריקע, פאַרקויפט מען נישט קיין „ווייסן" אַ צווייט בענקל ווו בײַ דער זייט זיצט אַ שוואַרצער אָדער שוואַרצע. (דאָ, אין אַמעריקע, זאָגט מען נישט „שוואַרצע", אָדער „נעגראָס" — זיי באַליידיקן זיך שטאַרק דערפון און קאָנסט כאַפּן אַ פּסק. מען דאַרף זאָגן: „קאָלירטע"). ווייזט אויס, אַז מען האָט איר פאַר־קויפט דעם בילעט על פּי טעות...

דאָ, האָט זיך בײַ מיר געשאַפן אַ „פּראָבלעם". אָדער, אויסהאַלטן מיין „דע־מאָקראַטישע" איבערצייגונג, און נישט בלויז נישט קאָנען שלאָפן די גאַנצע נאַכט, נאָר אויך מוזן טראָגן אַ שווערע משא און —גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד— אַ שווערן ריח אויך — אָדער...

אָדער בעטן דעם קאָנדוקטאָר, אַז ער זאָל זי אָדער מיך איבערזעצן!...

גאָט האָט מיר אַרויסגעהאָלפן, אַז איך זאָל נישט דאַרפן זינדיקן קעגן מיין געוויסן פון „דיסקרימינאַציע", כאָטש, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ ווייסן אָדער ווייסער דיקער פּרוי פון 120 קילאָ, וואָלט איך אויך נישט געוואָלט טראָגן אויף מיינע אַקסלען... עס איז דורכגעגאַנגען דער אינספּעקטאָר פון באַן, האָט באַ־מערקט מיין לאַגע, האָט ער מיך אַרויסגענומען פון שוואַרצן, דיקן, גהינום און מיר געגעבן אַן אַנדער פּלאַץ. וואָס איך האָב באַמערקט, איז געווען, אַז ער האָט עפּעס פאַרצייכנט, ווייזט אויס, אַז דער בילעטן־פאַרקויפער וועט שוין באַקומען אַן אויסרייד.

וואָס מערער מיר דערנענטערן זיך צו ניו־יאָרק, אַלץ ווייסער ווערן די פעלדער. אָט זענען מיר דורכגעפאָרן וואַשינגטאָן וועלכע איז שוין איין ווייסער ליילעך. עס האָט דאָ אַ פּאָר טעג שטאַרק געשנייט און דער פראָסט איז אויך גאַנץ בשקשהדיק. זעט מען קוים אַרויס די שטייענדע אויטאָס און אַפילו די באַן־וואַגאָנעס זענען מוראדיק פאַרדעקט מיט שניי.

וויפל מאָל איך פאָר אַדורך וואַשינגטאָן קאָן איך זיך זאַט נישט אָנקוקן אין אָט דער הויפּטשטאָט פון דער וועלט. צי עס געפעלט מיר יאָ די פּאָליטיק וואָס מען פירט אָדער עס געפעלט מיר נישט, אָבער אַ פאַקט, איז דאָך, אַז ווען נישט אָט די הויפּטשטאָט מיט די מענטשן וואָס זיצן אין אָט די רעגירונגס־געביידעס, ווער ווייסט וואָס פון דער וועלט וואָלט שוין געוואָרן? פריער פון היטלערן ימח־שמו און דערנאָך פון סטאַלינען — אויך ימח־שמו.

וואָלט איך זיך נישט געאײַלט צו קומען קיין ניו־יאָרק, וואָלט איך דאָ ווידער אָפּגעשטיגן און זיך אַביסל דורכגעשפּאַצירט איבער די וואַשינגטאָנער גאַסן. איך וואָלט נאָך אַ מאָל אַוועק אין קאָנגרעס און ווידער אַמאָל באַזוכט דאָס „ווײַסע הויז“. פון בלויז קוקן אויפן „ווײַסן הויז“ קומט צו אַ שטיק געזונט, דו פילסט זיך געזיכערט. געזיכערט — נישט בלויז דײַן לעבן, נאָר אויך די גאַנצע וועלט. עס איז גאָר קיין ספק נישט: ווען וואַשינגטאָן וועט נישט זײַן — וועט שוין די גאַנצע וועלט נישט עקזיסטירן, דאָס פילט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט. און דאָס איז אויך דער מאָטיוו, וואָס יעדער אַמעריקאַנער נעמט אָן צום גוטן אַלעס וואָס וואַשינגטאָן טוט. מעג עס זײַן אַפילו קעגן זײַן מיינונג, זײַן פאַרשטאַנד און זײַן איבערצייגונג. אויב וואַשינגטאָן האָט אַזוי באַשטימט — דאַרף עס אַזוי זײַן.

מיטן אויסנאַם פון די קאָמוניסטן — רעדט קיינער נישט אין אַמעריקע קיין שלעכט וואָרט אויף וואַשינגטאָן, און אַפילו די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן ווילן בעסער לעבן אונטערן שוץ פון וואַשינגטאָן איידער פון קרעמלין.

אָט די אַלע געדאַנקען קומען מיר אין מוח־אַרײַן ווען איך פאָר איצט ווידער דורך אָט־די — פון גאָט־געבענטשטע שטאָט, ווען מענס „קופּאָל“ איבערן קאַפּיטאָל און דער „אָבעליסק“ זעען זיך אַרויס אַ סך קילאָמעטערס פון שטאָט, ווי אַן אָנזאָג:

כל־זמן מיר שטייען אויף אונדזערע ערטער — וועט די וועלט און די מענטשהייט עקזיסטירן און זײַן זיכער.

און ווי אַן „עכאָ“ פונעם קלאַפּן פון די רעדער פון דער באַן וועלכע פירט מיך איצט איבער וואַשינגטאָנער געגנט, ווײַזט זיך מיר אויס, אַז זיי זאָגן:

די וועלט האָפט אויף דיר, וואַשינגטאָן.

די ציוויליזירטע וועלט בעט גאָט פאַר דיר, וואַשינגטאָן!

אַמעריקע, דו ביסט גרויס!

XLVIII

טייערע גאָלדע,

איצט, ווען איך בין שוין געבליבן „אַ ניו־יאָרקער״, ביז די שיף וועט אָפּגיין און מיך אַהיימנעמען, שפּאַציר איך אַרום איבער די גאַסן, פריר זיך גוט אָפּ די נאָז, באַקען זיך מיט נייע מענטשן און איצט וועל איך זיך מיט דיר טיילן מיינע איינדרוקן פון די לעצטע פּאָר טעג, וואָס איך האָב געזען, געהערט און באַמערקט אין אָט דער גרויסער וועלט־שטאָט. איך וועל דיר דערציילן וואָס אין אַמעריקע קאָן זיך טרעפן!

ווען מען פרעגט מיך, וואָלט איך געזאָגט, אַז אַמעריקע און ספּעציעל ניו־יאָרק זענען די געוווּנטשנסטע שטעט פאַר הונדערטער און טויזנטער „אַוויוואַ־טאָס״, אויסנוצערס, שווינדלערס, וואָס דערציילן אַ באָבע־מעשה, געבן אַריין אין „פּעיפּער״ אַן אַנאָנס און

אַמעריקאַנער יידן שיקן געלט! מען שיקט טאַקע נישט קיין הונדערטערס אָדער טויזנטערס, נאָר צו איינציקע דאָלאַרס און צו פינפער דאָלאַרס, דערלייגט מען אויך נישט...

אָט וויזט מיר אַלטער אַן אַנאָנס וווּ מען שרייבט און מען בעט רחמים פאַר אַ... פּאַראַלייזירטן רב, וועלכער איז הילפלאָז און נויטיקט זיך דרינגענד אין הילף, אלא נישט, דראָעט אים, אַז מען זאָל אים צוריקשיקן אין לאַגער אַריין!

איך בין זיכער, אַז אַלטער, דעם טעפּליקער רבס זון, האָט זיכער פאַרצייכנט דעם אַדרעס פון אָפּיס פון דעם רבי, וועלכער זאַמלט עס געלט פאַרן „פּאַראַלי־זירטן רב״ און האָט זיכער אַריינגעלייגט אין אַ קאָנווערט אַ פּאָר דאָלאַר און האָט זיי אַוועקגעשיקט.

איך, איך האָב נישט געגלויבט אין דער גאַנצער געשיכטע.

אין אַמעריקע זענען פאַראַן צופיל יידישע אינסטיטוציעס וועלכע געבן אַכטונג אויף אַזאַ מענטשן — איבערהויפּט נאָך, ווען ער איז אַזאַ אדם חשוב, אַ רב און תלמיד חכם...

פאַראַן אין ברוקלין אַ ספּעציעלער אַנשטאַלט פאַר אַזעלכע כראָנישע קראַנ־קע. איך בין דאָרט געווען און געזען דעם דאָזיקן שפּיטאָל. פאַראַן דאָרט הונ־דערטער בעטן פאַר אַזעלכע קראַנקע. צו וואָס־זשע אַזוי בעטן רחמים?

בין איך נישט געווען פויל, איך האָב אַלטערן גאָרנישט געזאָגט, גענומען דעם „זשיראָן־טרעין״ און בין אַוועק צום אָנגעוויזענעם אַדרעס...

עס האָט מיך אויפגענומען אַ ייד, אַ יונגער מענטש מיט אַ פיין בערדעלע

און ווען איך האָב אים געזאָגט אַז איך בין אַ זשורנאַליסט און וויל זען דעם פּאַראַליזירטן רב, האָט ער מיר דערציילט, אַז ערשט, נאָר־וואָס, האָט מען אים צוגענומען אין אַ היילאַנשטאַלט. איך זאָל קומען בלי־נדר, די צווייטע וואָך, וועל איך אים טרעפן...

דאָס רביל׳ע האָט געדאַנקט גאָט ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז די צווייטע וואָך פאָר איך שוין אַוועק... ער האָט זיכער געטראַכט:

אַזאַ אָנשיקעניש אויף זיין קאָפּ! מען גייט זיך גאָר הייסן ווייזן זיין „סחורה״ וועלכע ער רעקלאַמירט.

איך האָב עס אַלטערן נישט דערציילט. איך האָב געוואָלט, אַז ער זאָל בלייבן מיט דער מיינונג, אַז ער האָט געטון אַ גוטע, נאָבעלע זאַך: געהאָלפן אַ פּאַראַליזירטן רב, נעבעך...

פּאַראַן, פאַרשטייט זיך, אמתע פאַלן אויך.

אָט האָב איך געלייענט אַן אַנאָנס, אונטערגעשריבן פון די וויכטיקסטע רבנים און רביים פון אַמעריקע, ווי זיי מעלדן אַז:

„ברידער און שוועסטער — רחמנים בני רחמנים!

זייער אַן אָרעמע חתן־כּלה, וואָס האָבן זיך דורך גאָר גרויסע ניסים געראַטעוועט פון די דייטשע גאַז־קאַמערן מוזן, צוליב אַ וויכטיקער אורזאַך, ווי אַמשנעלסטן חתונה האָבן.

די עלנטע קיילעכדיקע יתומים האָבן נעבעך גאָרנישט; עס איז אויף זיי אַן אויסערגעוויינלעך האַרצרייסנדער רחמנות.

מיר ווענדן זיך צו אייך, האַרציקע ברידער און שוועסטער, האָט רחמנות און שיקט זאָפאָרט אַריין אייער האַרציקן דאָנײשאַן!

ובזכותו וועט השי״ת אייך העלפן, איר וועט אָפּגעהיט ווערן פון צער און זוכה זיין אויף שמחות ביי אייערע קינדער — און געבענטשט זיין פון השי״ת מיט כל טוב.

דאָנײשאַנס זאָלן געשיקט ווערן צום באַוווּסטן נדבן און פילאַנטראָפּ (דאָ ווערט אָנגעגעבן אַ נאָמען פון אַ יידן מיט זיין אַדרעס, און אויפן קאָנווערט דאַרף מען שטעלן: „פאַר דער אָרעמער חתן־כּלה״).

און, אַזעלכע פאַלן זענען דאָ אַ סך. כּמעט אַלע טאָג טרעפסטו אין די יידישע „פּעיפּערס״ אַזעלכע אַנאָנסן פון הילף פאַר „פּאַראַליזירטע״, פאַר אַן אָרעמער כּלה וואָס מוז חתונה האָבן און דאַרף האָבן „אויסשטייער״, פאַר פּיצלעך קינדער, וועמענס עלטערן זענען דערהרגעט געוואָרן פון האַלד־אָפּניקעס (אומגעקומען ביי די נאַציס, איז שוין נישט קיין גאַנגבאַרע רעקלאַמע...) אָדער פאַר אַ יתומה, וועמענס עלטערן זענען אומגעקומען פון אַ פייער!

פאַר אַ פייער — ציטערט מען דאָ זייער שטאַרק. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל אָוועקפאָרן פון אַמעריקע און אַפילו נישט זען קיין איין לייטישע שריפה, האָט מיר „מיין גאָט" געהאָלפן און איך האָב שוין געזען אַ שריפה — אַן „ערשט־קלאַסיקע". אויך אויף אָט דעם געביט זענען מיר הינטערשטעליק אפשר פופציק יאָר.

עס האָט געברענט אַ בלאָק מיט וווינונגען, דווקא אינמיטן צענטער פון ניו־יאָרק, אויף דער מעדיסאָן־גאַס. ווען איך בין דאָרט דורכגעגאַנגען, האָט זיך דער „ספעקטאַקל" נאָר־וואָס אָנגעהויבן. דאָך האָבן שוין עטלעכע צענדלינג פייערלעשער אַרומגערינגלט דאָס 12־שטאָקיקע הויז, און גענומען, נישט בלויז גיסן וואַסער — נאָר ראַטעווען פון אינעווייניק די מענטשן.

עס איז געווען נאָך זעקס אַזייגער פאַרנאַכט. סאַמע אין די „ראַש האווערס", — דאָס הייסט אין די שעהן ווען מען גייט אַרויס פון די אָפּיסינעס, טאַזשערן, פאַבריקן און מען לויפט כאַפּן דעם „סאָבוועי" אָדער „באָס". די גאַסן ווערן איי־בערפולט. דאָך, האָט געהערשט אַ מוסטערהאַפטע דיסציפּלין. די געגנט ווערט תיכף אָפּגעשלאָסן פון טראַפיק און פון מענטשן און עס קומען אָן אַלע 5 מינוט אַנדערע פייערלעשער מיט וועגענער און ספעציעלע לייטערס וואָס צענעמען זיך אויטאָמאַטיש אין 30 סעקונדן!

אינדרויסן איז געווען אַ שניידנדיקער פראָסט. די פרויען און קינדערלעך וואָס מען האָט געראַטעוועט פון הויז, זענען דאָך —אין שטוב— נישט געווען ווינטערדיק אָנגעטאָן! אין שטוב איז דאָך וואַרעם ווי אין אַן אויער! וועלכעס הויז האָט נישט קיין „סטים"? און דאָ, ברעכט מען שויבן, מען נעמט אַרויס פיצלעך קינדערלעך, מען וויקלט זיי אַרום מיט וואַרעמע קאָלדרעס און מעגסט זיין זיכער, אַז עס וועט זיך נישט צוקילן!...

איך האָב אויך געזען ווי פרויען און קינדער זענען געשפרונגען דורכן פענצטער. אונטן זענען געשטאַנען די פייערלעשער מיט אויסגעשפרייטע „נעצן" און זיי אויפגעכאַפּט.

דעם אמת דיר זאָגן, גאָלדע. וואָלט דער ענין נישט געווען אַזוי טראַגיש פאַר אַ סך איינוווינער פון אָט־דעם ברענענדיקן הויז, וועלכע זענען, אפשר, געבליבן אין איין העמד — וואָלט איך געזאָגט, אַז איך האָב געזען אַ שיינע פאָר־שטעלונג, פון וועלכער איך האָב שטאַרק הנאה געהאַט. אָבער, אַ לעקציע האָב איך געהאַט. אין אַמעריקע — איז אַלעס מיט פאַרנעם, מיט דער ברייטער האַנט! אַפילו אַ פשוטער פּאַזשאַר, אַ שריפה, איז קאָלאָסאַל! די שריפה האָט זיך אָנגעהויבן אויפן אַכטן שטאָק — אַלץ פון אַ גאַז־איוועלע וואָס אין שכן האָט געניצט —כאָטש אינגאַנצן הויז איז פאַראַן צענטראַלע באַהייצונג— און אין ווײַ־

ביקער פון אַ האַלבער שעה האָבן שוין געברענט אַלע העכערע שטאָקן, די נידעריקערע, האָט מען אָפּגעראַטעוועט און אַזוי באַנעצט, אַז דאָס פייער איז צו זיי נישט צוגעקומען...

און אַז איך האָב דיך שוין באַקענט מיט לוויות (לעווייעס) און שריפות, מיט בר־מצוות און גלאַט שמחות — וועל איך דיך שוין אויך באַקענען מיט אַ יידישער חתונה אין אַמעריקע.



אויף אַ יידישער חתונה אין ניו־יאָרק, וועלכע ווערט געפּראַוועט ווי אין דער אַלטער היים

אויף אָט דעם געביט זענען זיי אויך פאָרגעשריטן אפשר מיט 50 יאָר. זיי זענען זייער פּראַקטיש ביים פּראַווען אַ שמחה.

דאָס ערשטע איז מיט די איינלאַדונגען. ווען מען שיקט דיר אַ בילעט אויף אַ חתונה, שיקט מען דיר אויך אַ „פאָרמולאַר" אויסצופילן. אין דאָזיקן „פאָרמולאַר", דאַרפסטו מעלדן, אַז —

„דו נעמסט אָן די איינלאַדונג און דו מיט דיין פרוי און טעכטערל אָדער זונדעלע וועלן האָבן דעם כבוד און פאַרגעניגן בייצוזיין די שמחה".

ביילייגנדיק, איז שוין דאָ אַ פּאַרטיקער קאָנווערט מיט אַ געדרוקטן אַדרעס און אַפילו אַ צוגעקלעפּטע פּאָסט־מאַרקע. דו פילסט אויס דעם פאָרמולאַר, וואַרפסט אים אַריין אין פּאָסט־קעסטל, וואָס איז פאַראַן ביי יעדער עק גאַס.

אָט, אַזוי אַרום, ווייסט דער בעל־שמחה, וויפיל מענטשן וועלן קומען אויפן יום־טוב און פאַר וויפיל געסט זאָל ער באַשטעלן ביים עמפּרעסאַר.

פאַרשטייט זיך, אַז אין דער לעצטער מינוט, קאָן זיין, אַז אַ פאַמיליע אָדער צוויי אָדער דריי פאַמיליעס זאָלן נישט קאָנען קומען — אָבער, מער־וויניקער, גלייכט זיך שטענדיק דער חשבון.

ביי אונדז, לאָדט מען איין זעקס הונדערט מענטשן, מען באַשטעלט ביים עמפּרעסאַר „מעניוס", פאַר זעקס הונדערט געסט, און עס טרעפט, אַז:

אָדער עס קומען בלויז 400 — און די איבעריקע שיקן... טעלעגראַמעס. אָדער, עס קומען „קאַלאַדאַס" — צוגעטשעפּעטע געסט; יעדע פאַמיליע נעמט מיט די קינדער, די קינדער נעמען מיט זייערע חברטעס... און די שמחה ווערט פאַרשטערט.

און נישט בלויז דערמיט זענען זיי פּראַקטישער פון אונדז. זיי פראַוועז נישט קיין חתונה שבת אויף דער נאַכט. אַ סך געסט, וואָלטן געדאַרפט מחלל־שבת זיין צו קומען אויף דער חתונה, און אַ סך געסט — גאָר אַ סך — אַרבעטן שבת גאָר שפּעט אין דער נאַכט.

שבת — פון פינף פאַרנאַכט, ווען דער באַאַמטער און אַרבעטער קומט אַהיים מיט זיין וואָכן־שכירות, ביז שפּעט אין דער נאַכט, איז די בעסטע צייט פון לייזן געלט. מען האַלט שפּעט אָפן די קלייט און מען קאָן זיך נישט גרייטן צו קיין חתונה...

פראַוועט מען די חתונה אום זונטיק. אָדער זונטיק פון עלף בייטאָג ביז זעקס פאַרנאַכט, אָדער — די צווייטע טורנע — פון זעקס פאַרנאַכט ביז 11 ביינאַכט. נאָך עלף אַזייגער, איז שוין אין סאַלאָן קיינער נישטאָ. מאָרגן, מאָנטיק, איז אַן אַרבעטס־טאָג. מען דאַרף אויפשטיין פרי און ביז מען קומט אַהיים — ווערט אויך געדויערן אַ פּאָר שעה.

ווען איך האָב בעטין געזאָגט, אַז ביי אונדז הוליעט מען אויף אַ חתונה ביז טאָג, האָט זי מיר געענטפערט, אַז מיר זענען ווילדע מענטשן...

אויף איין חתונה בין איך געווען מיט בעטין און מונין. איך וועל אָט די חתונה געדענקען דאָס גאַנצע לעבן. די שיין־געדעקטע טישן, די גרויסע לייכטער מיט די אָנגעצונדענע ליכט, די כשרע מאכלים, די יידישע ניגונים וואָס די מו־זיקער שפּילן ביי יעדן טיש — לויטן פאַרלאַנג פון די געסט אַרום טיש, דאָס טראָגן דאָס יאַרמעלקעלע אויפן קאָפּ און בכלל דער טראַדיציאָנעלער אופן פון

פּראָווען אַן אמתע ייִדישע חתונה — דערמאָנט דיך אין דער אַלטער היים און אין דיינע יונגע קינדער־יאָרן.

ווען דער ראַבאַי, זאָל נאָך די דרשה, געווענדט צו „פּרעזנציס און לי״ (כּלה־חתן) געווען האַלטן אויף ייִדיש — אַנשטאָט ענגליש, — וואָלט איך געדענקט אַז איך בין אין אומאַן אויף אַ היימישער, שיינער, בעל־הבתישער חתונה...

— —

איך שפּאַן איבער די ניו־יאָרקער גאַסן. מען האָט מיר רעקאָמענדירט צו זיין אויף דער 57סטער גאַס, ווו עס געפינען זיך די גרעסטע און וויכטיקסטע קונסט־גאַלעריעס פון קונסט־בילדער און סקולפּטורן. דאָ, אויף דער 57סטער גאַס, קריגסטו די בעסטע מציאות פון בילדער, אָנהייבנדיק פון 50 דאָלאַר אַ בילד, ביז 50 טויזנט דאָלאַר אַ בילד, און ביז 250 טויזנט דאָלאַר אַ בילד. דאָס איז, לויט וועמענס אונטערשריפט דאָס בילד טראָגט.

די „קונסט־גאַס״ פאַרנעמט עטלעכע קוואַרטאַלן, אָנהייבנדיק פון דער 3טער עוועניו, ביז אין דער 5טער עוועניו און נאָך ווייטער.

איך האָב „פאַרבלאָנדזשעט״ אין איין גאַלעריע. עס נעמט מיך אויף, פריער אַ טיר־היטער (פּאָרטעראָ) וועלכער רעדט דווקא שפּאַניש. ער גייט אַוועק און קומט צוריק מיטן אויטאָר פון עטלעכע בילדער וואָס הענגען אויף דער וואַנט און אַרום וועלכע עס שטייען עלטערע מענטשן און באַקוקן זיי. דער אויטאָר רעדט פראַנצויזיש און איך שפּאַניש און מיר פאַרשטייען זיך אייך. ווען איך וויַיז אים מיין זשורנאַליסטן־קאַרנעט און ער דערזעט מיין פאַמיליע, הייבט ער אָן רעדן מיט מיר חצי ייִדיש, חצי דייטש און

— מיר ווערן היימיש. איך ווער געוווירע, אַז: ער איז אַ ייִדיש־פראַנצויזישער קינסטלער. ער קומט פון עלזאַס. אויך זיין פאָטער איז געווען אַ גרויסער קינסטלער, כאָטש... ער איז געשטאָרבן פון הונגער... אָבער ער האָט געהאָט דאָס מזל צו שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט. זיין זיידע איז געווען אַ גרויסער ראַבינער. ער, ווייסט שוין זייער ווייניק וועגן ייִדישקייט. זיין פרוי דערציט זייערע קינדער אין... קריסטלעכן גייסט. זי איז אַ קריסטן און נאָך אַ קאַטוילישע דערצו.

דאָס אַלעס בין איך געוווירע געוואָרן אין די צוויי שעה וואָס איך בין געווען אין אָט דער קונסט־גאַלעריע. איך בין שוין, פאַר איין וועגס, געוווירע געוואָרן, אַז אַ סך קינסטלער זענען ייִדן און אַ סך קונים פון די בילדער זענען ייִדן, אָבער קיינער פון די ביידע צדדים דערמאָנט קיינמאָל נישט און רעדט קיינמאָל נישט וועגן ייִדן, ייִדיש, און ייִדישע קינסטלער.

— —

איך פאַרלאָז די קונסט־גאַלעריעס וואָס איך האָב אָנגעקוקט. למען־האמת,

וועל איך דיר מודה זיין, אַז קיין גרויסער מבין אויף זיי בין איך נישט געווען. איך בין געשטאַנען און באַטראַכט די בילדער אויף וועלכע עס הענגען שוין וויזיט־קאַרטלעך, אַז זיי זענען פאַרקויפט. פאַר אייניקע, זע איך, אַז מען האָט געצאָלט 100 טויזנט דאָלאַר... ווו די קונסט ליגט דאָרט? פאַרוואָס האָט מען באַצאָלט אַזוי פיל? אַלץ צוליב דער אונטערשריפט פון בילד.

און אַז מען גייט שוין אָנקוקן פרעמדע אויסשטעלונגען, האָב איך באַשטימט אויך אַ קוק־טון אויף אַן אייגענער זאַך. איך בין אַוועק אויף דער 92סטער גאַס און 5טע עוועניו, צום
— ייִדישן מוזעאום.

איך בין זיכער, אַז בלויז אין אַמעריקע און בלויז אין ייִדישן ניו־יאָרק איז פאַראַן אַזאַ מוזעאום. מען טרעפט דאָ פון אַלעם וואָס איז פאַרבונדן מיט ייִדישן לעבן און ייִדישער אייַנוואַנדערונג קיין אַמעריקע.

איצט איז די טעטיקייט פון מוזעאום געווידמעט דער אויסשטעלונג פון 300 יאָר ייִדן און ייִדיש לעבן אין אַמעריקע.

ווען מען שפּאַצירט איבערן מוזעאום, טראָגט מען זיך אַריבער מיט 300 יאָרן צוריק און מען לעבט איבער די ערשטע יאָרן פון ייִדישן קומען און ווירקן אין אָט דעם גרויסן לאַנד.

אָט זענען פאַראַן די בילדער פון קאָלומבוסעס ערשטער רייזע צו זוכן אַ וועג קיין אינדיע מיט וועלכע ער האָט אַנטדעקט אַמעריקע. צווישן קאָלומבוסעס מענטשן זענען געווען אַ סך אנוסים (געצוווּנגענע ייִדן צו ווערן קריסטן) און זיי זענען געווען פון די ערשטע צו באַטרעטן אָט־דאָס נייע לאַנד.

אויפן ערשטן שטאָק זענען פאַראַן אַ סך גלעזערנע שאַפּעס און אין זיי שטייען אויסגעשטעלט ייִדישע רעליגיעזע זאַכן פון שפּאַניע, וואָס זיי, — די מאַראַנען — האָבן מיטגענומען מיט זיך אויף זייער רייזע.

דו שפּאַצירסט איבער די איבעריקע זאַלן פון ייִדישן מוזעאום און באַוואונדערסט וואָס ייִדן קאָנען אויפשטעלן! טאַקע נאָר אַמעריקאַנער ייִדן קאָנען דאָס טון! זיי האָבן אַלע טעכנישע און פינאַנציעלע מעגלעכקייט דערצו. פאַראַן דאָ אויף דער אויסשטעלונג אַ זאַל, וואָס סימבאָליזירט די ערשטע שיל וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין יאָר 1799. פאַראַן אַן ארון־קודש מיט אַלטע ספרי־תורהס אינעווייניק. אַן אַלטער באַלעמער מיט אַ פאַרגעלטן סידור וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין ווענעציע, אין יאָר 1717.

פאַראַן אויף דער אויסשטעלונג בילדער פון ייִדן וואָס האָבן געדינט אין דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע. גאָר ספּעציעל ציט די אויפמערקזאַמקייט פון דעם

באַרימטן פּוילישן ייִדן חיים סאַלאָמאָן, וועלכער האָט אַ סך געהאָלפֿן מיט געלט דזשאָרזש וואַשינגטאָנען צו פֿירן די רעוואָלוציע...

פֿאַראַן אויף דער אויסשטעלונג בילדער פֿון ייִדישע פּערזענלעכקייטן וואָס האָבן געהאָלפֿן אַמעריקע גרויס ווערן. פֿאַראַן בילדער פֿון באַרימטע סענאַטאָרן, דעפּוטאַטן (קאָנגרעס-לייט), גובערנאַטאָרן, ריכטער און סתם שטאַטסלייט וואָס האָבן אַ סך נוצן געבראַכט דעם לאַנד.

אויפֿן דריטן שטאָק, טרעפֿט מען אַ שטיק היימיש ייִדיש לעבן. אַ שטיק בערדיטשעוו, אַ שטיקל טעפּליק, אַ שטיקל וואַרשע און ווילנע, און אַ שטיק... ניו־יאָרקער איסט־סייד. די היימישע ייִדישע שטוב פֿון אַמאָל.

מען קאָן זיך אויך דערוויסן אויף דער אויסשטעלונג ווי אַזוי דאָס ייִדישע צייטונגס-וועזן אין אַמעריקע האָט זיך אַנטוויקלט. מען זעט די ייִדישע צייטונגען וואָס האָבן אָנגעהויבן דערשיינען אין אַמעריקע צוריק מיט קרוב צו זעכציק יאָר.

אין אַלגעמיין, אַז מען באַזוכט דעם ייִדישן מוזעאום אין ניו־יאָרק, זעט מען די ייִדישע געשיכטע פֿון אַמעריקע.

אָבער, וויפֿיל אַמעריקאַנער ייִדן האָבן צייט צו גיין אָנקוקן דעם ייִדישן מוזעאום! מען איז דאָך „ביזי"...

איך באַשטים אָוועקפֿאָרן אויף איסט-בראָדוויי. דאָרט, אַרום די צייטונגס־געביידעס, פֿיל איך זיך ווי אַ פֿיש אין וואַסער. דאָרט טרעף איך זיך מיט חברים־שרייבער און מען הערט און מען דערציילט זיך זאַכן — וואָס עס טרעפֿן אין אַמעריקע.

איך באַשליס: נישט צו פֿאָרן מיטן סובטע, נאָר נעמען אַ טאַקסי און זיך פֿירן מעשה גביר.

דאָ, אין ניו־יאָרק, פֿאָר איך זעלטן מיט אַ טעקסי. טאָקע דערפֿאַר, וואָס איך דערמאָן זיך, אַז יעדער דאָלאַר — איז אונדזערס דרייסיק מאָל אַזוי פֿיל, און פֿאַר אַ דאָלאַר — פֿאָרט מען דאָרט זייער ווייניק זיך אָן. איידער דו רירסט זיך — איז שוין נאָכן דאָלאַר. און אויב דער „טעקסי-דרייווער"-שאָפֿער, דערקענט אויף דיר, אַז דו ביסט אַ „גרינער", גיט ער שוין אַזוי אַ „פֿאָר", אַז די רייזע קאָסט דיך דריי מאָל אַזוי פֿיל... מיט מיר אַליין האָט עס שוין געטראָפֿן. דערפֿאַר האָב איך זיך אין אים „געגנוקמט" און נישט געגעבן קיין „טיפּ" (טרינק-געלט).

איצט, טאָקע צוליבן פּראָטעסט, באַשטים איך צו פֿאָרן מיט אַ טעקסי. איך שטעל אָפּ דעם ערשטן וואָס פֿאָרט דורך און זעץ זיך אין אים אַריין.

די טאַקסיס אין ניו־יאָרק, געהערן נישט צו קיין פּריוואַטע שאָפֿערס. דאָ

גייט אַלץ „קאָמפּאַניע־מעסיק". אין אַמעריקע איז פאַרבאָטן „טרוסט", דאָך איז אַלעס מאָנאָפּאָליזירט פון קאָמפּאַניעס און רייכע הענט...

די גרעסטע טאַקסי־קאָמפּאַניע פון ניו־יאָרק האָט אַ סימן ביי די זייטן־טירן. דער צייכן איז אַ... הינטעלע. דאָס איז דער סימבאָל פון דער „וועגס טראַנספּאָרטיישאָן סיסטעם", וואָס פאַרמאָגט אייגענע זעקס הונדערט טאַקסיס, וואָס פאָרן אַרום איבער די ניו־יאָרקער גאַסן. דער פּרעזידענט פון דער דאָזיקער קאָמפּאַניע, דער אמתער בעל־הבית פון אָט די זעקס הונדערט שפּאָגל־נייע אויטאָ־טאַקסיס וואָס פאָרן אַרום איבער די גאַסן, איז אַ ייִד און הייסט דניאל אָרענשטיין. אַ קינד פון אָרעמע עלטערן, וואָס האָט געדאַרפט צו דרייצן יאָר שווער און ביטער האָרעווען, כדי צו העלפן זיין מוטער וואָס איז געבליבן אַן אלמנה. ער האָט ליב געהאַט... אַנצוטרייבן! געוואָרן פריער אַ בעל־עגלה פון אַ וועגעלע וואָס צעפירט מילך, דערנאָך האָט ער זיך געשטעלט ביי דער טיר פון אַ קלוב (אין טשיקאַגאָ) און געזוכט אויטאָס, פאַר די מיטגלידער פון קלוב וואָס דאַרפן אהיימפאָרן, און דערביי זיך אָנגעהאַנגען אויפן אויטאָ און געכאַפּט אַביסעלע אַ שפּאַציר. שפּעטער האָט ער זיך אויסגעלערנט טרייבן אַן אויטאָ און געוואָרן אַ שאָפער פון אַ „קאַמיאָן" (טראָק), און גאָר שפּעטער, האָט ער אָפּגעשפּאָרט געלט און געגרינדעט אַ קאָמפּאַניע — אַזאַ שותפות — פון קאַמיאָנען־פירער, ביז ער האָט זיך דעראַרבעט צו האָבן אַ קאָמפּאַניע פון זעקס הונדערט טאַקסיס וואָס ברענגען אַריין שיין פּרנסה יעדן טאָג.

דאָס, אַזוי זיך אַרויפאַרבעטן, קאָן געשען בלויז אין אַמעריקע, אינעם לאַנד פון טויזנטער מעגלעכקייט. אינעם לאַנד, וואָס גיט יעדן מענטשן אַ געלעגנהייט זיך אַרויפצואַרבעטן, — אויב ער וויל נאָר.

אַנשטאָט צו פאָרן צו דער איסט־בראָדוויי, האָב איך געהייסן דעם שאָפער ער זאָל מיך פירן צו דער פינפטער עוועניו און 42סטער גאַס. דו וואָלסט געמעגט הערן ווי אַזוי איך רעד אַרויס אויף ענגליש אַ נומער פון אַ גאַס. וואָלסט דאָן געשווירן אַז איך בין אַ געבוירענער אַמעריקאַניעץ!...

מיין אויטאָ שטעלט זיך אָפּ ביים נומער 509 פון דער פינפטער עוועניו. דאָ, אין אָט דעם הויז, געפינט זיך אַ שטיק...

„ייִדישע־אַרגענטינער טעריטאָריע".

דאָ, געפינט זיך אַ ייִדיש געשעפט פון אַ יונגן ייִדישן בחור — טאַקע אַ בחור ממש — וואָס האָט געלעבט אין אַרגענטינע אַ סך יאָרן, געווען אַפילו אַ גאַנצער כל ולך אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן, געווען אַן איבערגעגעבענער קאָמי־סיאָנס־מיטגליד פון מושב־זקנים ובית־יתומים, ביז אין אַ שיינעם טאָג, איז אים

נמאס געוואָרן נאָכצולויפן דער... פּעזע, און זי נישט קענען דעריאָגן, האָט ער צונויפגעזאַמלט אויף הוצאות און איז אַוועק קיין אַמעריקע. אַוועק אין דעם לאַנד וואָס גיט אַלע מעגלעכקייט זיך אַרויפצואַרבעטן, און ער האָט די מעגלעכקייט געקריגן!

אמת, די לעצטע פּאָר צענדליגג יאָר איז שוין דאָס „אַרויפאַרבעטן זיך" אָנגעקומען אַ ביסעלע שווערלעך, אָבער, ער, דער אַרגענטינער יידישער יונגער־מאַן, זשאַק ווייַמאַן, הייסט ער, האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שוועריקייטן.



אויף אַרגענטינער „טעריטאָריע" אין ניו־יאָרק, אין רייכסטן צענטער פון שטאָט, אויף דער 5טער עוועניו 509, האָט דער אַרגענטינער יידישער יונ־גערמאַן זשאַק ווייַמאַן, זיין געשעפט פאַר אַרגענטינער טוריסטן. אין אָט דעם געשעפט איז דער צוזאַמענטרעף־„פונקט" פון די אַרגענטינער מענטשן.

ער האָט אָנגעהויבן קליין און איצט, שרייבט ער טשעקן אויף טויזנטער דאָלאַר.

זיין „אַרגענטינער טעריטאָריע" באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט אַ גאַנץ גרויסע קלייט פון „הערן, זען און געדענקען". דו טרעפסט ביי אים אין קלייט, אַלע זאַכן וואָס מען מעג אַריינפירן קיין אַרגענטינע. דו טרעפסט ביי אים, פון אַ גאָל־מעסערל און אַ גאָל־מאַשינקע וואָס מען נוצט אין אַמעריקע, — ביז דעם בעסטן העמד און די בעסטע „ניילאָן"־ און „דאַקראָן"־העמדער און וועש. דו טרעפסט ביי אים אַ „פּאַרקער"־פּען און טרעפסט ביי אים אַ „פּשוטן" בלייפעדער פאַר 80 סענט. מיט איין וואָרט:

פון אַ צייַן-בערשטעלע ביז פליוש פאַר דער פּרויס קלייד — קריגט מען ביי אים צו...

— האַלבע פרייזן.

— פאַרוואָס עפּעס צו האַלבע פרייזן?

גאָר פּשוט. דו ווייסט דאָך מן-הסתם, איז אין אַמעריקע דאַרף מען פאַר יעדער זאַך באַלד באַצאָלן „טעקס" (שטייערן, רעדיטאָס). ווען דו קויפסט אַ זאַך פאַר אַ דאָלאַר, באַצאָלסטו באַלד אויפן אָרט, אַ דאָלאַר מיט דריי אָדער מיט פינף אָדער מיט 10 סענט (לויטן אַרטיקל.) לוקסוס-אַרטיקלען קאָסטן גאָר, גאָר אַ סך שטייערן.

ווער צאָלט נישט קיין שטייער? וועלכער קרעמער מאָנט נישט ביי דיר קיין טעקס?

יענער, וועלכער פאַרקויפט פאַר „עקספּאָרט". דאָס הייסט: ער טאָר נישט פאַרקויפן פאַרן אינערלעכן געברויך, נאָר אויף אַרויספירן קיין אויסלאַנד.

אָט בין איך געווען ביי אים מיט אונדזער בעטין און זי האָט געוואָלט עפּעס קויפן פאַר זיך — האָט ער איר, נישט געוואָלט פאַרקויפן... ווייל, ער פאַרקויפט בלויז פאַר „עקספּאָרט" — דערפאַר קאָסט עס ביליקער.

און צוליב נאָך אַ טעם פאַרקויפט ער ביליקער:

ער קויפט אַלעס „האָל-סייל", דאָס הייסט אין „הורט" — אַלס „פאַר מאַזשאַר" און „פאַר מאַזשאַר" — קאָסט דאָ זייער אַ סך ביליקער ווי אין איינצל-פאַרקויף, און, אַז עס קאָסט אים ביליקער — לייזט ער עס ביליקער... ער שטעלט זיך אַ קליינעם פאַרדינסט כדי צו מאַכן אַ גרויסן „אָבאָראָט".

ווען ער האָט מיך דערזען דאָס ערשטע מאָל, האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט מיט מיר. ער האָט מיך גלייך דערקענט און זיך דערמאָנט יענע יאָרן, ווען ער האָט זיך געקהלט אין מושב-זקנים. דאָס ערשטע האָט ער מיך גענומען אויספרעגן אויף זיינע אַמאָליקע „קאָלעגן", אויף באָריס ראָטבלאָט, אויף משה קליינמאַן, אויף דוד און דאָרא שפּאַניער, אויף משה ווינאָגראַד, אויף מאַרקאָס גוטענמאַכער און אויף נאָך יידן מיט וועמען ער האָט זיך געקהלט אין מושב-זקנים.

מערקווירדיק, ווען ער רעדט וועגן אַרגענטינע, וועגן מושב-זקנים, וועגן אַרגענטינער יידן. הויבן אים אָן די אויגן צו פינקלען. ער פרעגט אויף אַזעלכע, וועלכע ער קען גאָר פון דער ווייטנס .אָט, למשל, פרעגט ער אויף באָריס קנאָבעל, אויף יעקב וועגנגראָווער. זיין פרוי און טאָכטער זענען זיינע קונים. ער האַלט איז איין פרעגן אויף אַרגענטינער יידן, דערהויפּט אויף זיין בעסטן פריינט, — אונ־

דזער באַקאַנטן און פּאָפּולערן כלל־טוער מאיר מאַרגולים. ווייזט אויס, אַז צו אייגנס בענקט זיך.

ביי דעם דאָזיקן זשאַק ווײמאַן האָב איך איינגעהאַנדלט די מתנות וואָס איך פיר אַהיים און דורך דעם דאָזיקן ווײמאַנען בין איך אַ סך געוווּיר געוואָרן וועגן אַמעריקע. ער קאָן שוין ניו־יאָרק, גלייך ער זאָל דאָ האָבן געבוירן געוואָרן.

בכלל האָב איך באַמערקט: ווען איך האָב זיך געוואָלט טרעפן מיט אַרגענ־טינער מענטשן, — בין איך אַוועק צו ווײמאַנען אויף דער פינפטער עוועניו נומער 509, געזאָגט דעם אַסענסאָריסט, אַז ער זאָל מיך אַרויפפירן אויפן פערטן שטאָק, און איך בין

— אויף אַרגענטינער טעריטאָריע, צווישן אַרגענטינער מענטשן.

נעכטן האָב איך דאָ טאַקע געטראָפן פרוי וועגנראָווער און דעם וויצע־פרעז־זידענט פון ביקור־חולים, ה׳ איסאַק פיש. איך האָב דאָ אויך געטראָפן מיין שיפס־שוועסטער, פרוי וועינגיער. נאָך איידער זי דאַרף זיך זעצן אויף דער שיף... פילט זי שוין, אַז דער קאָפּ דרייט זיך איר... איך וועל זי האָבן פאַר אַ שיפס־שוועסטער אויך אויף צוריק...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך קום אַלץ מערער צו דער איבערצייגונג, אַז —

אַמעריקע איז גרויס!

אַט וויס איך, אַז עטלעכע טעג פאַרן פאָרן צוריק, דאַרף מען אַוועקגיין אין אַזאַ רעגירונגס־אָפּטיילונג און דאָרט אויספילן אַ פּאַפּיר ווו דו דאַרפסט אָנווייזן צי דו האָסט עפּעס פאַרדינט געלט אין אַמעריקע פאַר דער צייט וואָס דו ביסט דאָ געווען, און אויב יאָ — צי האָסטו באַצאָלט שטייערן?

אין אַנדערע לענדער, ספּעציעל אין די זיד־אַמעריקאַנער לענדער, וואָלט מען שוין געדאַרפט האָבן אַ ספּעציעלן קאָפּ־ווייטיק מיט שרייבן פּאַפּירן, דערנאָך, טויגן זיי נישט — דאַרף מען אָנשרייבן אַן אַנדער פּאַפּיר, דערנאָך... דאַרף מען קומען מאָרגן, שטיין אין דער רייע אַ פּאָר שעה, ביז גאָט העלפט אַז אַ באַאַמטער פרעגט דיך אויס און... ווער וויס ווי אַזוי עס וואָלט זיך געענדיקט, ווייל... דו האָסט דאָך קיין באַווייזן נישט, אַז דו האָסט נישט געאַרבעט און נישט פאַרדינט.

דאָ, איז דאָס אַזוי איינפאַך, אַזוי שנעל, אַז נאָר אין אַמעריקע קאָן עס געשען.

די ביוראָ פאַר אַט־דעם ענין, געפינט זיך אַ פּאָר קוואַרטאַלן פון זשאַק ווײמאַן. ער האָט מיך אָריענטירט ווי אַזוי צו גיין אַהין, פּונקט ווי ער אָריענטירט איטלעכן, יעדן אַרגענטינער ייִדן וואָהין צו גיין...

איך בין געקומען אַהין, האָב איך געטראָפן עטלעכע צענדלינג אַזעלכע טור־ריסטן ווי איך. מען האָט געהערט רעדן עטלעכע שפּראַכן — אַפילו כינעזיש.

אַ גרויסע טאַבעלע, אין דריי שפּראַכן —שפּאַניש צווישן זיי— ווייזט דיר אָן ווו דו דאַרפסט אויספילן. אין ווייניקער ווי אין... 10 מינוט אַרום, בין איך שוין געווען צוריק אויף דער גאַס. נישט מען פרעגט דיך, נישט מען ענטפערט דיר! מען גלויבט דיר אויפן וואָרט וואָס דו האָסט אָנגעשריבן!

יאָ, גאָלדע! אַמעריקע גלויבט צופיל אויפן וואָרט. עס איז איצט דער גרעס־

שלמה מענדעלסאָן
אַ יידישער קולטור־טוער פון ניו־יאָרק

וועלוול קיזנער
אַ שטיק יידישער שרייבער און נשמהדיקער מענטש, וואָס איז גרייט צו העלפן יעדן גאַסט צו קאָנען נ. יאָרק

טער אומגליק פון דער מענטשהייט, וואָס אַמעריקע האָט צוריק מיט 10 יאָר — אין פּאָטסדאַם און אין יאַלטע, — געגלויבט צופיל אויפן וואָרט!

אָבער אַזוי איז שוין אַמעריקע. מען וויל זיך נישט אַריינגריבלען אין דיין נשמה. דו מעלדעסט אַז דו האָסט אַזוי פיל פאַרדינט און דו דאַרפסט צאָלן אַזוי פיל שטייערן — גלויבט מען דיר אויפן וואָרט. דו מעלדעסט אַז אין משך פון דיין זיין אין אַמעריקע —אַלס טוריסט— האָסטו גאָרנישט פאַרדינט — גלויבט מען דיר אויפן וואָרט.

— אַמעריקע, דו ביסט גרויס !...

XLIX

טייערע גאָלדע,

איך האָב נעכטן געהאַט אַ טאָג פון פאַרגעניגן. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס פאַרגעניגן פון אינדערפרי אָן. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און צוגעגאַנגען צום פענצטער, האָבן מיינע אויגן נישט געגלויבט! אַזוי פיל... שניי אין איין נאַכט — האָב איך אַפילו אין רוסלאַנד נישט געזען. די גאַנצע גאַס, איז אין ווייסער לײַלעך. עס האָט מיך, פשוט אָנגעכאַפּט אַ חשק, אַראָפּצוגיין אונטן און... זיך צעלייגן אין שניי!

איך דענק, אַז מיין בענקעניש נאָך שניי, איז דער אינערלעכער, אומבאַ־וווסטזיניקער, אויסדרוק פון בענקעניש נאָך דער אַלטער היים, נאָך די יונגע יאָרן, נאָך יענע יאָרן, ווען איך בין געגאַנגען פון חדר און אויפן וועג צוריק אַהיים, זיך געשליטלט אויף אַ ברעטל וואָס איצי גדליה מלמדס אָדער יאַנקל דעכטיאר האָבן געשלעפּט...

אַזוי צו אַזוי: ווען איך דערזע אַ שניי — וויל איך נישט אַריינגיין אין שטוב אַריין.

מיין הויפּט־פאַרגעניגן איז געווען, וואָס איך האָב היינט גערעדט דורך דער ראַדיאָ, דורך דער „קולטור־קאָנגרעס שעה״, צו די אַמעריקאַנער ייִדן.

דער דאָזיקער אינטערוויו איז שוין געווען לאַנג צוגעגרייט פאַר מיר דורכן אָנפירער פון אָט דער שעה, דעם באַוווּסטן שרייבער און קולטור־טוער ל. שפּיזמאַן. איך האָב מיינע רייזעס איבער אַמעריקע אויסגעדרייט אַזוי, אַז איך זאָל קאָנען קומען צום טאָג און צו דער שעה צום ראַדיאָ־רעפּאָרטאַזש.

מוני מיט בעטין האָבן מיך צוגעפירט צום „ראַדיאָ־סטיישען״ און אַליין זענען זיי געבליבן זיצן אין זייער קאַר און דורך דער קאַר־ראַדיאָ, געהערט וואָס מען האָט מיך געפרעגט און וואָס איך האָב געענטפערט.

אויך מיט דעם איז אַמעריקע גרויס! דאָ, דאַרף מען נישט אָנשרייבן די רעדע אין פאָראויס און מען ווייסט טאָקע נישט וואָס דער „ספּיקער״ וועט דיך פרעגן און וואָס דו וועסט ענטפערן. דוכט זיך, אַז אין אורוגוויי איז אויך אַזוי ביי פעדראָ שפּרינגבערגס ייִדישע ראַדיאָ־שעה, איז אויך אַזוי פריי און אַזוי באַקוועם ווי דאָ אין אַמעריקע... אָך! ווי עס איז שיין און באַקוועם אַזאַ דעמאָ־קראַטישע האַנדלונג!

צו דער אָפּגערעדטער מינוט, האָב איך זיך אַוועקגעשטעלט ביים מיקראָפאָן אַקעגן דעם חבר ל. שפּיזמאַן און ער שטעלט מיר די ערשטע פראַגע:

ער פרעגט: — ווי אַזוי לעבן איצט די יידן אין אַרגענטינע? און צי האָבן זיי צוריק מיט יאָרן געלעבט בעסער אָדער ערגער?

איך ענטפער: — צוריק מיט דרייסיק יאָר איז דער אַרגענטינער ישוב געווען קליין און אָרעם. היינט איז ער גרויס און רייך. צוריק מיט דרייסיק יאָר, האָבן מיר געהאַט אַ פּראָבלעם מיט „טמאים" און אַן אַרגענטענער ייִד האָט זיך געשעמט אויסצוזאָגן, אַז ער איז פון אַרגענטינע. היינט איז אָט דער פּראָבלעם נישטאָ! ער איז פאַרשוווּנדן, נאָך אַ שווערן קאַמף וואָס מען האָט געפירט מיט אים. היינט איז אַ שטאָלץ צו זאָגן אַז מען איז אַן אַרגענטינער ייִד.

פראַגע: — וויפיל יידן וווינען אין אַרגענטינע און וועלכע זענען די הויפּט־אינסטיטוציעס פון אייער יידישן ישוב?

ענטפער: — מען שאַצט די צאָל יידן אין אַרגענטינע צווישן פיר הונדערט טויזנט און אַ האַלבן מיליאָן נפשות. איך, פּערזענלעך, האַלט אַז עס איז דאָ מערער פון זעקס הונדערט טויזנט יידן. די הויפּט־אינסטיטוציע אונדזערע איז די יידישע קהילה, וועלכע האָט ביז נישט לאַנג געהייסן חברה קדישא און אַ דאַנק אַן אַמביציעזן יידן וואָס האָט געוואָלט אויפטון עפּעס ממשותדיקס, ער הייסט ד"ר משה סלינין, האָט ער, דורך אַ „דעקרעט" פאַרוואַנדלט די חברה קדישא אין אַ „קהילה" און זי איז איצט איינע פון די גרעסטע אינסטיטוציעס מיט 45 טויזנט מיטגלידער. ווען מען נעמט אין אַכט, אַז יעדער מיטגליד איז אַ בעל־משפּחה, אַן „אייגנטימער" פון אַ פרוי און דריי קינדער, דענקט מען, אַז די קהילה פון בוענאָס איירעס פאַרמאָגט אַ פערטל מיליאָן נפשות אַנגעשלאָסענע אין איר...

פראַגע: — דערציילט אונדז וועגן אייער שול־וועזן. וויפל יידישע און העברעישע שולעס פאַרמאָגט איר?

ענטפער: — דאָס שול־וועזן אין אַרגענטינע ווערט פאַרוואַלטעט פון צוויי צענטראַלעס, איינע בלויז פאַר דער שטאָט, וואָס הייסט: „וועד החינוך על ידי הקהילה" — דאָס איז בלויז פאַר דער הויפּטשטאָט; און די צווייטע איז „וועד החינוך הראשי" — וועמענס איינפלוס און טעטיקייט איז בלויז אין אינערן פון לאַנד, אין פּראָווינץ (מיטן אויסנאַם פון אַ מיטל־שול וואָס זיי האָבן אין שטאָט).

אין שטאָט זענען פאַראַן 61 ייִדישע שולעס, צווישן זיי פינף אָדער זעקס „פּראָגרעסיווע", פּשוט: יעווסעקישע. אַלע שולעס באַקומען פערציק פּראָצענט פון זייערע הוצאות געדעקט פון דער קהילה, וואָס טיילט זיי דורכן וועד החינוך. מיטן אויסנאַם פון די „פּראָגרעסיווע" שולעס וועלכע מען האָט אויסגעשלאָסן פון יידישן כלל, פאַר זייער אידענטיפיצירן זיך מיט די פּראַגער אַנטיסעמיטישע פּראָצעסן.

פראַגע: — וויפל יידישע קינדער באַזוכן די יידישע שולעס.

ענטפער: — זייער אַ קליינע צאָל. עס דערגרייכט נישט צו קיין 25 פּראָ־צענט. אמת, אַ סך, זייער אַ סך יידישע קינדער לערנען יידיש ביי פּריוואַטע לערער, ספּעציעל — ערב זייער ווערן בר־מצווה.

פראַגע: — דערציילט פאַר אונדזערע ראַדיאָ־צוהערער וועגן אייער יידישער פּרעסע. וואָס פאַרא יידישע צייטונגען און זשורנאַלן גייען ביי אייך אַרויס און וואָס פאַר אַ טיראַזש האָבן זיי?

ענטפער: — מיר האָבן צוויי, שיינע, פעסטע און אינטערעסאַנטע טאָג־צייטונגען. איינע איז אַלט געוואָרן 40 יאָר און הייסט „די אידישע צייטונג", וועלכע ווערט איצט רעדאַקטירט פון זייער אַ פעיקן שרייבער, וואָס הייסט יצחק גלאַזער, און די צווייטע צייטונג וואָס הייסט „די פרעסע", איז אַלט 36 יאָר, איז אַ קאָאָ־פּעראַטיווע אונטערנעמונג און ווערט רעדאַקטירט פון אַ קאָלעגיום, אין דער שפּיץ פון וועלכע עס שטייען: יעקב באָטאָשאַנסקי, נתן פּרוכטער, עוזר בומאַזשני, יוסף אַקצענסאָף, ד"ר ל. זשיטניצקי, ביי דער נאָענטער מיטאַרבעטערשאַפט פון די פעיקע שרייבער יצחק יאַנאַסאָוויטש, פאַליק לערנער א"אַנד.

חוץ דעם, פאַרמאָגן מיר אַ גרויסע צאָל וועכנטלעכע, צוויי־וועכנטלעכע, מאָנאַטלעכע און פעריאָדישע אויסגאַבעס, וואָס ברענגען נוצן און פאַרשאַפן כבוד אונדזער ישוב. מיר פאַרמאָגן זשורנאַלן וועלכע דערשיינען שוין עטלעכע און צוואַנציק יאָר, ווי למשל: „דער אַרגענטינער מאַגאַזין", „פאָלקסגעזונט", „דער שפּיגל"; „איל. ליטעראַרישע בלעטער", „דוקא", „דאָס פרייע וואָרט", „אַרגענ־טער לעבן", „ראָזאַריער לעבן", „קאָלאָניסט קאָאָפּעראַטאָר" און די פּאַרטייאישע אויס־גאַבעס, ווי: „די יידישע וועלט", — פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, „די נייע צייט" — פון פועלי־ציון התאחדות, „אונדזער וואָרט" — פון די לינקע פועלי־ציון, „אונדזער געדאַנק — פון די בונדיסטן, „שריפטן" — פעריאָדיש אאַ"וו. שרייבער לעבן ביי אונדז בכבוד פון שרייבעריי. דער טיראַזש פון די צייטונגען און זשור־נאַלן איז פאַר די לעצטע צען יאָר נישט געפאַלן — נאָר פאַרגרעסערט געוואָרן. אַרגענטינער יידן — דער עלטערער דור — לייענט נאָך געשמאַק יידיש. מען צאָלט אַפילו שווערע הונדערטער פעזעס פאַרן אַבאָנענט און מען שרייבט אויס דעם „פאָרווערטס", דעם „טאָג־מאָרגנזשורנאַל", „דעם יידישן קעמפער" און די „צוקונפט".

פראַגע: — ווי האַלט עס ביי אייך מיטן פאַרלאַג־וועזן? צי דערשיינען ביי אייך יידישע ביכער?

ענטפער: — פאַר די לעצטע יאָרן האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט אונדזער פאַרלאַג־וועזן, ספּעציעל איז כדאי אונטערצושטרייכן די הונדערט ביכער פון פוילישן יידנטום. אַ גרויסע פאַרלאַג־טעטיקייט האָט אַנטוויקלט דער קולטור־

קאָנגרעס, אַרויסגעבנדיק דובנאָווס 10־בענדיקע געשיכטע. דער פאַרלאַג ייִדבוך האָט אַרויסגעגעבן 11 ביכער; פאַרלאַג „אַרגענטינער מאַגאַזין" — זעקס ביכער; פאַרלאַג „ייִדיש" — זעקס ביכער; ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט — זעקס ביכער; קיום — דריי ביכער; פאַרלאַג „אונדזער וואָרט" — דריי ביכער; פאַרלאַג ג. קאַפּלאַנסקי — עטלעכע טעקסט ביכער; סיגאַל — עטלעכע טעקסט־ביכער. חוץ וויכטיקע „יזכור"־ביכער פון לאַנדסלייט, ווי: מעזריטש, ראַטנע, שעדלעץ; אויך דער „איקוף" האָט אַרויסגעגעבן אַ באַדייטנדע צאָל ביכער.

חוץ לזה האָבן אַ סך שרייבער, אויפן אייגענעם חשבון אַרויסגעגעבן ביכער, ווי למשל: קהת קליגער, מיכל גרינעס, מרדכי בערנשטיין, יוסף האָרן, פאַליק לערנער, בערל גרינבערג, אברהם זאַק, נחמיה צוקער, רבקה קרעמער, אברהם טקאַטש, שמואל צעסלער א״אַנד.

אין אַלגעמיין, ווערן ביי אונדז געדרוקט אַ סך ייִדישע ביכער, וועלכע ווערן גוט פאַרשפרייט און בלייבן נישט ליגן אויף די פּאָליצעס...

פראַגע: — וואָס הערט זיך מיט די דרייסיק שרייבער־פּליטים, וואָס זענען געקומען צו אייך?

ענטפער: — אַלע, אָדער כמעט אַלע, האָבן זיך גוט איינגעאָרדנט, ביים שרייבערישן אָדער לערערישן פאַך. מען האָט שייך פרנסה. בלויז איינער איז צוריקגעפאָרן... די שרייבער און קינסטלער: י. יאַנאַסאָוויטש, מ. בערנשטיין, אַשענדאָרף, א. זאַק, שמחה שוואַרץ, מ. קנאַפּהייס און אַנדערע, פאַרנעמען שוין ביי אונדז פיינע פּאָזיציעס אינעם ייִדישן קולטורעלן און שרייבערישן לעבן.

פראַגע: וואָס פאַר אַ פּאָזיציע פאַרנעמט ביי אייך דער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס?

ענטפער: — איינע פון די שענסטע און פּאָזיטיווסטע ייִדישע אינסטיטוציעס איז ביי אונדז דער קולטור־קאָנגרעס. זיין טעטיקייט איז טאַקע באַגרענעצט בלויז אויף קולטור־אַרבעט, אָבער מען שאַצט אויך אָפּ זיין פאַרלאַג־טעטיקייט און בכלל זיין פאַרבינדן דעם ייִדישן מענטשן, וואָס אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנץ יאָר פאַרנעמען מיט דער זאָרג פאַר עקזיסטענץ — פאַראינטערעסירן אָט דעם מענטשן מיט דער ייִדישער קולטור בכלל און קולטור־טעטיקייט בפרט. צווישן דער גרופּע וואָס האָט פאַרדינסט פאַרן קולטור־קאָנגרעס דאַרף מען דערמאָנען די קולטור־טוער: שמואל ראָזשאַנסקי, יצחק יאַנאַסאָוויטש, מ. לייווא, יונה גאָראָדיצקי, וואָלף ברעסלער און גאָר ספּעציעל דעם פּרעזידענט פון שטאָטישן קאָמיטעט, דעם חבר מאַקס שפּייזער.

פראַגע: — און וואָס הערט זיך ביי אייך מיטן ייִוואָ?

ענטפער: — דער ייִוואָ טוט זייער אַ ממשותדיקע פיבערהאַפטע טעטיקייט

ביי אונדז. אויב צוריק מיט יאָרן האָבן ציוניםֿ מורא געהאַט, אַז דער ייִוואָ וועט „פאַרייִדישן" דעם ישוב — איז די מורא אַוועק און ביים ייִוואָ־טיש זיצן ציונים און בונדיסטן, פועלי־ציון און ראַציאָנאַליסטן און מען טוט אַ וויכטיקע, ממש הייליקע אַרבעט.

געווען אַ צייט, ווען די יעווסעקן האָבן געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אין ייִוואָ. לעצטנס זענען זיי באַזייטיקט געוואָרן פון דאָרט. אַלץ צוליבן „ענין פּראַג"!

דער דערפאָלג פון דער טעטיקייט פון ייִוואָ פאַר די לעצטע יאָרן דאַרף צו־

יעקב מאַרינאָוו

דער באַרימטסטער יידישער שרייבער פאַר די לעצטע יאָרן, געוו. רעדאַק־טאָר פון „גרויסן קונדס", איצט, קיין עין הרע, אַ 85־ער, פאַזירט פאַרן מחברס פאָטאָ־אַפּאַראַטל.

(טעקס: זייט 647)

געשריבן ווערן די ק"ה: מ. רעגאַלסקי, ש. ראָזשאַנסקי, ד"ר זשיטניצקי און מ. בערנשטיין, און די טעכנישע סעקרעטאַרן: ד"ר לייבאָוויטש און מיכל הכהן סיני.

פראַגע: — דערציילט אונדז וועגן יידישן טעאַטער. ווי האַלט עס דאָרט ביי דאָרט ביי אייך מיט דער עקזיסטענץ פון יידישן טעאַטער?

ענטפער: — נישט איבעריק פריילעך. פונקט ווי ביי אייך אין ניו־יאָרק. נאָר אַ ביסעלע פריילעכער. ביי אייך, קיין עין־הרע, האָט איר עטלעכע מיליאָן ייִדן און קוים, קוים איינעם אָדער אַנדערהאַלבן יידישע טעאַטערס. מיר האָבן אין בוענאָס־איירעס אַ צענט־חלק ייִדן פון אייך און האָבן אויך קוים, קוים איין טעאַטער. ביי אונדז איז עס געווענדט אין די גאַסטראָליאָרן. קומט אַ גוטער און פעיִקער אַקטיאָר — מעג ער אַפילו זיין ביי אונדז נישט קיין פנים חדשות — גייט מען אים זען. מיר האָבן אייגענע זייער גוטע שוישפּילער. אָבער דער עולם וויל האָבן „געסט", „גאַסטראָליאָרן"!

מיר ליידן אויך אין מאַנגל פון יונגע שוישפּילער. ווען דער עולם זעט ווי אַן אַקטיאָר אָדער אַקטריסע, וואָס מען קאָן זיי פון טאָג־טעגלעכן לעבן און מען ווייסט, אַז ער איז שוין אַ זיידע און זי — אַ באָבע, גייען שפּילן ראָלן פון אַ חתן־בחור אָדער אַ כלה־מויד — וויל מען אין טעאַטער נישט קומען, און קיין אמתן, יונגן, חתן־בחור אָדער כלה־מויד, האָבן מיר נישט.

פראַגע: — אין רעזומען: אייער יידישער טעאַטער גוססט?

ענטפער: — חלילה וחס! ער איז נאָר פאַרחלשט אַ גוטער אינזשעקסיאָן יונג בלוט, וועט אים אויפמונטערן און שטעלן אויף די פיס.

פראַגע: — וואָס איז געוואָרן פון אייער יידישע קאָלאָניזאַציע? נאָך פאַראַן יידישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע?

ענטפער: — פאַראַן! זייער ווייניק, אָבער פאַראַן! ווייניקער — וועט שוין נישט ווערן! די וואָס זענען געבליבן זיצן ביז היינט — וועלן שוין בלייבן יידישע קאָלאָניסטן. זיי האָבן פּשוט נישט וווהין צו גיין. ווען זיי וועלן פאַרקויפן זייער ערד און בהמות וועט זיי נישט סטייען צו באַצאָלן שליסל־געלט פאַר אַ פּאָר צימערן אין שטאָט. און קיין לייכטע פּרנסות ווי אַמאָל, וואַלגערן זיך איצט נישט אויף די גאַסן און פון פאַרקויפן פּאַסיקלעך אויף דער גאַס — קאָן מען היינט קיין לעבן נישט מאַכן.

— —

ווי נאָר דער אינטערוויו האָט זיך געענדיקט, האָבן אָנגעהויבן קלינגען די טעלעפאָנען אין דער ראַדיאָ־סטיישען. יידן —אומבאַקאַנטע יידן— באַגריסן און באַדאַנקען פאַרן גרוס. אַזוי איז דער מנהג אין אַמעריקע.

ווען איך בין אַרויסגעקומען צום אויטאָ, האָט מיר מוני געזאָגט, אַז:

ער האָט זיך איצט באַקענט מיט אַרגענטינע און... טענק יו — אַ דאַנק פאַרן גרוס!

אַזוי איז אַמעריקע! מען דאַנקט!

L

טייערע גאָלדע,

נעכטן האָב איך זיך אַרומגעדרייט אַ גאַנצן טאָג אין ניו־יאָרק. עס איז שוין די לעצטע טעג פון מיין פּאַרוויילן אין אָט דער ריזן־שטאָט און איך קאָן נישט איינזיצן אין שטוב. איך וויל נאָך עפּעס „אַריינכאַפּן“.

בעטי מיט מוני און פרומע מיט אַלטערן זענען שטאַרק ברוגז אויף מיר. די לעצטע טעג, וואָלטן זיי מיך געוואָלט האָבן אין שטוב. מען וויל זיך אָנרעדן פאַר די אַוועקגעגאַנגענע 35 יאָר, ווער ווייסט וויפיל יאָרן עס וועלן נאָך פאַרביי, ביז מען וועט זיך ווידער זען... זיי זענען טאַקע גערעכט. אָבער, איך מאַך מיין חשבון: ווער ווייסט, וויפיל יאָרן עס וועלן נאָך אַוועק ביז איך וועל ווידער זען ניו־יאָרק. און איך האָב נאָך אַ סך זאַכן צו זען אין ניו־יאָרק.

אייערנעכטן אויף דער נאַכט בין איך געווען אויף „סאַפּער“ (וועטשערע) ביי אַ טעפּליקער פאַמיליע. ביי משהלע דעם חזנס שוועסטער. איר מאַן הייסט: מ. קאָוועגקאָ. איך האָב איר געבראַכט אַ גרוס פון איר שוועסטער פעסי, וואָס לעבט אין אַרגענטינע. איך האָב איר געבראַכט נישט אַזאַ וואָזשנעם גרוס... אָבער, נישט אַלע שוועסטערס האָבן איין מזל.

אָט וווינט דאָ אין אַמעריקע די שוועסטער. זי וווינט אין אַ שיינער וווינונג, שיין איינגעאָרדנט, אַלע באַקוועמלעכקייטן און... נחת פון קינדער און אייניקלעך. דער מאַן איז אַן איינפאַכער אַרבעטער — אָבער, ווי גליקלעך ער לעבט און „מאַכט אַ לעבן“. ער לעבט זיכער, רויקער פון זיין „באָס“, ביי וועמען ער איז באַשעפטיקט. אין משך פון אונדזער געשפּרעך האָבן מאַן און ווייב גערעדט וועגן אַ לוסט־רייזע קיין אַרגענטינע, כדי צו זען די שוועסטער פעסי. זיי — די אַרבעטער וועלן זיכער פאָרן. מוני און בעטי — די רייכע מענטשן, קאָנען נישט איבערלאָזן די געשעפטן און חלומען אפילו נישט פון אַ לוסט־רייזע.

מיר האָבן פאַרבראַכט אין אַ טעפּליקער שטימונג אַ גאַנצן אויפדערנאַכט. מיר האָבן זיך דערמאָנט אין אונדזערע קינדער־יאָרן.

איך בין נעכטן אָפּגעזעסן עטלעכע שעה אין „גאַרדאָנס קאַפעטעריע“. עס האָט מיך נישט געגלוסט אַוועקצוגיין. איך האָב זיך געטראָפן מיט אַ סך שרייבער, געשמועסט, געבאַלאַקעט, אָבער, פון אָט די שמועסן און „באַלאַקען“ האָב איך ווידער אויסגעשטודירט אַ שטיק אַמעריקע!

פאַראַן ייִדישע שרייבער וואָס זענען דאָ זייער פּאָפּולער. ווען זיי קומען קיין אַרגענטינע אויף אַ לעקציע־טור וואָלטן זיי געהאַט אַ סך דערפאָלג. אָבער,

זיי פאַרן נישט! איינציקע — איבער דער עלטער; איינציקע איבער די... הוצאות און איינציקע — ווייל עס איז נישטאָ ווער עס זאָל זיי אַרייסרופן צו אונדז.

ווען, למשל, דוד איינהאָרן קומט אַהער, וואָלט ער דאָך געהאַט טויזנטער צוהערער ביי זיינע לעקציעס, איז ער שוין —ביז 120 יאָר— אַ זיבעציקער און עס איז אים שווער צו פאָרן.

ווען שאול סאָפיר קומט צו אונדז, וואָלט טויזנטער און טויזנטער לייענער פון זיינע היסטאָרישע ראָמאַנען וואָס דרוקן זיך אין „די אידישע ציַיטונג" און אין ביכער, אים געלאָפן זעען און הערן. נו, איז נישטאָ ווער עס זאָל אַראָפּ־ברענגען... ווען לעאָן קרישטאָל, פּרעזידענט פון שרייבער־פאַראיין, קומט אַהער, וואָלט ער אויפגערודערט אונדזער ישוב מיט זיינע לעקציעס, ציִ למשל, דער ליבער און באַליבטער ברוך שעפנער, וועמען אַרגענטינער יידן קאָנען שוין פון די פאַריקע יאָרן. מען וואָלט דאָך אים אויף די הענט געטראָגן! אַז מען רעדט אָט די חברים, שרייבער פון פאָרן קיין אַרגענטינע, הערן זיי דיך אויס מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט, ווי איינער רעדט:

— נו, אדרבא, זע אַז איך זאָל קאָנען קומען צו אייך!

איך זיץ אין דער קאָפעטעריע ביי אַ פענצטער. עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז איך זיץ אין אָדעס, אויף דער גאַספּיטאַלנע אָדער פּראַכאַראָווסקע גאַס אָדער גאָר מיאַסאיעדעוווסקי צו אויף מאַלאַי אַרנאַוטסקאַ און באַטראַכט דאָס לעבן. אויך דאָרט האָט זיך דאָס יידישע לעבן אַזוי באַוויזן... צי אפשר פאַרקערט: — אויך דאָ, אויף דער איסט־סייד, נעבן די יידישע רעדאַקציעס, נעבן די יידישע בוכהאַנדלונגען, באַוועגט זיך אַזוי דאָס יידישע לעבן ווי דאָרט, אין אָדעס אָדער אין קיעוו, ביים קרעשטשאַטיק.

פּלוצים ווערט אינדרויסן אַ געלויף און אַ פייפעריי. דאָס לויפן פּאָליציי־מענטשן. זיי יאָגן נאָך מיטן „פּאָליציי־קאַר" אַ צווייטן קאַר, ווו עס זיצן האָלד־אַפּניקעס אָדער „קידנעפּער" — אויסכאַפּער פון מענטשן אָדער קינדער, וואָס פאַרכאַפּן אַן אומשולדיק נפשל, כדי צו פאָדערן דערנאָך „אויסלייז־געלט". דאָס איז דער גרויסער שאָטן פון אַמעריקאַנער לעבן. דאָס „קידנעפּען" אַן אומשולדיק קינד, עס דערהרגענען און פאָדערן אויסלייז־געלט, איז פון די העסלעכע זאַכן וואָס קומען פאָר אין אַמעריקע און... בלויז אין אַמעריקע. די פּאָליציי קאָן דאָ גאָרנישט אויפטון און דער געזעץ — נאָך ווייניקער! מען זעצט דערפאַר אויפן „עלעקטרישן טשער" און עס העלפט נישט.

ניו־יאָרקער מענטשן זענען שוין געוווינט צום פייפן פון דער פּאָליציי. מען

האָט זיך פון די בענקלעך נישט אויפגעהויבן און בלויז געקוקט דורכן פענצטער צו זען וואָס עס קומט פאָר אויף דער גאַס.

ווי איך האָב דיר שוין געשריבן: — דאָס לעבן פון דער ניו־יאָרקער פּאָליציי איז נישט באַשאָטן מיט בלומען. ער, דער פּאָליציי־מענטשן, פאַרדינט דאָ נישט קיין סך, און קיין „זייט־געלט" (כאַבאַר) האָט ער דאָ אויך נישט. אין אַמעריקע —ווי אויף דער גאַנצער וועלט, זינט די וועלט שטייט— עקזיסטירט כאַבאַר. איך בין נישט זיכער צי אויף יענער־וועלט עקזיסטירט נישט קיין כאַבאַר.

ביי אונדז, אין דער אַלער היים, האָבן גענומען כאַבאַר... אַלע! פון „סאָטסקי", סטראַזשניק און פּריסטאַוו, — ביזן קריגס־מיניסטער און ביזן פּרינץ. אינעם סאָוועטישן גן־עדן, קאָן מען דאָך נישט לעבן קיין טאָג אָן כאַבאַר.

דאָ, אין אַמעריקע, נעמען כאַבאַר, גאָר גאָר גרויסע לייט, ביי... באַשטעלונגען פון מלוכהשע מאַטעריאַלן אָדער ביים קריגן אַ קאָנצעסיע. ערשט נישט לאַנג, האָט מען אויפגעדעקט אַזאַ „כאַבאַר־סקאַנדאַל" (דאָ, הייסט עס „גרעפט־סקאַנדאַל").

דער באַרימטער יידישער שרייבער, מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס", ד. ניימאַרק, דערמאָנט שיינע געשיכטעס פון אַמאָליקן כאַבאַר־געבן און כאַבאַר־נעמען אין אונדזער אַלטער היים:

„אין די אַמאָליקע שטעט און שטעטלעך איז דער כאַבאַר געווען זייער פאַרשפּרייט. עס איז באמת געווען אַ טייל פון דעם לעבן, פון דער עקזיסטענץ. ווען עס פלעגט אין שטאָט אָנקומען אַ נייער פּאָליציימאַן, איז די ערשטע פראַגע וועגן אים געווען — צי ער „נעמט"? ווען מען האָט געהערט, אַז ער „נעמט" — האָט מען פרייער אָפּגעאָטעמט, און אויב נישט, איז דאָס גאַנצע שטעטל געווען אין טרויער. מען האָט זיך געריכט אויף גרויסע צרות. עס איז אָבער כמעט נישט געווען קיין רוסישער, אָדער פּוילישער, און אוודאי און אוודאי נישט אַ רומענישער באַאַמטער, וואָס זאָל נישט נעמען כאַבאַר. מען האָט אים שוין די „מלאכה" אויסגעלערנט.

כאַבאַר האָבן אַלע געגעבן, אַפילו מלמדים, ווייל אין די אויגן פון יענע געזעצן איז יעדער געווען טריף, און מען וואָלט יעדן איינציקן באַדאַרפט פאַרשיקן אין טורמע אַריין.

מיט וואָס איז דער מלמד געווען טריף?

דער יידישער מלמד האָט אַ סך „געזינדיקט" קעגן דעם געזעץ. ערשטנס, האָט ער באַדאַרפט האָבן אַ „ראַזראַשעניע" (דערלויבעניש) ער זאָל מעגן זיין אַ מלמד. דאָס איז אָנגעקומען נישט אַזוי לייכט אַרויסצוקריגן. איינער פון צוואַנציק האָט געהאַט אַ „ראַזראַשעניע", און אַלע איבעריקע האָבן זיך אויסגעקויפט

מיט כּאַבאַר. צווייטנס, האָט אַ מלמד לויטן געזעץ געדאַרפט האָבן אַ ספּעציעלן צימער ווו צו לערנען מיט די קינדער. אין אַזאַ צימער האָבן נישט געטאָרט זיין קיין בעטן. דאָס איז, פאַרשטייט זיך נישט געווען דערגרייכבאַר פאַר אַן אָרעמען מלמד אין אַ שטעטל. זיין גאַנצע דירה איז באַשטאַנען פון איין אָרעמען צימער, וועלכער האָט געדינט פאַר אַ קיך, עס־צימער, שלאָף־צימער און אויך פאַרן חדר. און פאַר אַ פּאָר צענדלינג קאָפּיקעס וואָס דער פּאָליציימאַן האָט באַקומען זענען שוין אַלע קשיות פאַרענטפערט געוואָרן.

איך דערמאָן זיך, אַז דער סטראַזשניק פלעגט אַמאָל קומען צום מלמד און אים זאָגן, אַז דעם און דעם טאָג וועט קומען אַ „קאָמיסיע“ צו באַקוקן דעם חדר. פאַר יענעם טאָג האָט מען פון חדר אַרויסגעטראָגן די בעטן, און בכלל פיין צוגערוימט. נאָכדעם ווי די קאָמיסיע איז אַוועק, האָט מען די בעטן צוריק אַריינגעטראָגן.

אין אַלגעמיין, אויב עס זענען אין שטעטל געווען אַ „גוטער“ פּריסטאַוו און „גוטע“ ריכטער, וואָס האָבן „גענומען“, האָט מען אַלץ געקאָנט טאָן. עס האָט נישט עקזיסטירט קיין געזעץ. ביי אונדז אין שטאָט האָט אַ ייִד אָפענערהייט געפירט אַ בראָנפן־פאַבריקל, כאָטש דערפאַר האָט געקאָנט קומען אַ פּאָר יאָר טורמע. יעדן פרייטיק איז די שטוב ביי אים געווען פול מיט ייִדן, וועלכע זענען געקומען קויפן בראָנפן אויף שבת. אַ צווייטער ייִד האָט אויסגעאַרבעט פּאַפּיראָסן און, נאַטירלעך אָן באַנדעראָלן, וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז מען האָט קיין שום שטייערן פון די פּאַפּיראָסן נישט געצאָלט.

און צוליב דעם טאַקע, וואָס מען האָט די גאַנצע פּאָליציי געקאָנט אָפּקויפן, האָבן ייִדן נישט אַזוי שטאַרק זיך געשראָקן פאַר נייע גזירות. זיי האָבן געוווסט, אַז עס וועט אויסגיין צו נאָך אַ פּאָר רובל.

אַ ייִד אין דעם אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד האָט אַזוי געזאָגט: ווען דער קייסער וויל איינפירן אַ נייע גזירה פאַר ייִדן, וואָס טוט ער? ער גיט עס איבער דעם אינערן־מיניסטער, אַז ער זאָל אויסאַרבעטן די גזירה. דער אינערן־מיניס־טער שיקט איבער דעם פּראָיעקט פון דער גזירה צום גאָסודאַרסטווענעם סאָוועט. דאָ ווערט באַשטימט אַ קאָמיסיע, וועלכע שאַפט אַ סוב־קאָמיטעט, און זי אַרבעט אויס די גזירה, וועלכע גייט צוריק צו דער קאָמיסיע, און זי שיקט זי איבער צום גאָסודאַרסטווענעם סאָוועט. אומעטום, נאַטירלעך, קומען פאָר לאַנגע דיסקו־סיעס. שפּעטער שיקט מען די גזירה צוריק צום מיניסטער, וועלכער גיט זי דעם קייסער צום אונטערשרייבן. דאַן שיקט דער קייסער זי צוריק צום מיניסטער, און יענער שיקט זיי צו די גענעראַל־גובערנאַטאָרן. זיי שיקן זי צו די גובער־נאַטאָרן און פון זיי גייט די גזירה צו דעם גראַדאָנאַטשאַלניק פון מיין שטאָט, און

ער גיט זי איבער צום פּריסטאַוו. דער פּריסטאַוו קומט צו מיר דורכצופירן די גזירה, גיב איך אים צען קערבלעך, און — עס איז אויס מיט אַלעם. די גאַנצע אַרבעט, פון קייסער ביז צום גראַדאָנאַטשאַלניק איז געווען אַרויסגעוואָרפן...

אָבער, גאָלדע, דאָס אַלעס איז פאַרגעקומען אין צאַרישן רוסלאַנד. דאָ, אין אַמעריקע מוז דער פּאָליצײַ־קאָמיסאַר און דער פּאָליצײַ־מאַן, לעבן פון זיין געהאַלט וועלכער איז קלענער ווי פון אַ פּשוטן אַרבעטער און ער מוז אויסקומען דערמיט. דאָ — גיט מען נישט קיין פּאָליצײַ־מאַן קיין כאַבאַר. אויך אין דעם איז אַמעריקע אַן אויסנאַם!

און, אָט האָסטו אַן אַמעריקאַנער קוריאָז:

אַ פּאָליצײַ־מאַן צאָלט פון זיין אייגענער קעשענע פאַר די קוילן (פּוליעס) פון זיין רעוואָלווער. אויב ער שיסט אויס עטלעכע קוילן אויף אַ פאַרברעכער, אָדער אין פאַל פון זעלבסט־פאַרטיידיקונג — טוט ער עס אויך אויף זיין אייגענעם חשבון.

נו, האָב איך געזאָגט אַ חבר, אַ שרייבער, אַז אַזאַ „דעמאָקראַטיע" געפעלט מיר נישט, — איז ער געוואָרן אויף מיר ברוגז. ער האַלט, אַז דאָס איז דער בעסטער קאָנטראָל אַז אַ פּאָליצײַ־מאַן וועט נישט שיסן גלאַט אין דער וועלט אַריין, ווייסנדיק, אַז יעדע קויל וואָס ער שיסט אויס — גייט אויף זיין חשבון...

וויפיל זענען דאָ פּאָליצײַ־לייט אין אַזאַ כרך ווי ניו־יאָרק?

אַמעריקאַנער מענטשן, וועלכע לעבן אויף סטאַטיסטיק, וועלכע ווייסן וויפיל פונט ברויט ניו־יאָרק פאַרנוצט אין אַ יאָר — ווייסן אַוודאי צו ענטפערן אויף אָט דער פראַגע. דער ענטפער איז:

— 20.878 פּערזאָן.

אַז מען נעמט אין אַכט, אַז אין „גרויס ניו־יאָרק" זענען פאַראַן מיליאָנען מענטשן — זענען טאַקע דאָ ווייניק פּאָליצײַ־לייט און אפשר דערפאַר, איז ניו־יאָרק פאַרפלייצט פון פאַרברעכער...

— וויפיל פאַרדינט אַ פּאָליצײַ־מאַן אַ יאָר?

— עטוואָס ווייניקער פון הונדערט דאָלאַר אַ וואָך ברוטאָ. הייבט מען אָן ביי אים אַראָפּנעמען פאַרשידענע איינצאָלונגען און שטייערן און „יוניע"־אָפּצאָל. בלייבט אים ווייניקער פון העלפט...

חוץ דעם דאַרף ער אויסגעבן געלט אויף אַנדערע מכשירים, וואָס ער נוצט ביים דינסט. אַפילו די קייטלעך, וואָס ער טוט־אָן אַ פאַרברעכער, דאַרף ער אַליין קויפן. אַפילו די... קאָקאַרדע פון היטל און די שפּילקע וואָס ער טראָגט, — מוז ער אַליין קויפן...

און, אפשר זענען זיי גערעכט? אפשר הייסט דאָס אמתע, אָריגינעלע דע־מאָקראַטיע...

און, אַז מען רעדט פון סטאַטיסטיק איז דאָך נישט שייך. איך האָב דיר שוין געשריבן, אַז קיין שום לאַנד אויף דער וועלט לעבט נישט מיט אַזוי פיל חשבון — זיי רופן עס סטאַטיסטיק — ווי עס לעבן די אַמעריקאַנער. פאַראַן גאַנצע אוניווערזיטעטן וועגן און פאַר סטאַטיסטיק. עס זיצן פּראָפעסאָרן מיט גרויע האָר אָדער אַזעלכע ביי וועמען די האָר פון קאָפּ זענען שוין אַרויסגעפאַלן און מען האַלט אין איין חשבונען און צוזאַמענשטעלן „סטאַטיסטיקעס". מען רעכנט דיר אויס וויפיל מענטשן שטאַרבן אַ יאָר מיט אַ נאַטירלעכן טויט און וויפיל — דורך אַקצידענטן אָדער מערדערייען. מען רעכנט דיר אויס וויפיל ליטער וואַסער ניו־יאָרק פאַרברויכט אין אַ יאָר און וויפיל וואַסער ניו־יאָרק וועט דאַרפן האָבן אין יאָר 1965...

אָט, למשל, האָב איך היינט געלייענט אין די „פּעיפּערס", אַז אַ דריטל מענטשן וואָס זענען געשטאָרבן פאַראַיאָרן אין אַמעריקע, איז געווען פון... האַרץ־קראַנקייט. פון אַנדערהאַלבן מיליאָן מענטשן וואָס דער טויט האָט צוגענומען אין אַמעריקע, זענען העכער 500 טויזנט געשטאָרבן פון האַרץ־קראַנקייט, אַ 100 טויזנט פון אַקצידענטן, אַרום 20 טויזנט האָבן זיך „גענומען דאָס לעבן" און די איבעריקע — פון געוויינלעכע שלאַפקייטן. די קלענערע צאָל טויטע זענען: דיאַבעטיס — 25 טויזנט אַ יאָר און רעומאַטיזם — ביי די צוויי טויזנט אַ יאָר.

פאַר מיר, איז גאָר קיין חידוש נישט וואָס אַזאַ גרויסע צאָל מענטשן ליידן אין אַמעריקע פון האַרץ־שלאַפקייטן. עס איז מיר גיכער אַ חידוש וואָס אָט דאָס קלוגע און פּראַקטישע אַמעריקאַנער פאָלק באַמערקט נישט, וואָס אַזאַ לעבן ווי זיי פירן, קירצט זיי די יאָרן און שלעפּט זיי אין קבר אַריין... דאָס אויפשטיין פאַרטאָג און ציטערן, טאָמער וועט מען פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט — שעדיקט זיכער דאָס האַרץ. דאָס קומען צו לויפן אין אַרבעטס־פּלאַץ, דאָס כאַפּן בייטאָג אַ סענדוויטש אויף איין פיס, דאָס לויפן דערנאָך פון דער אַרבעט צום סאָבוועי און ציטערן, טאָמער וועט מען זיך נישט קאָנען אַריינשטופּן איז דעם שמוציקן וואַגאָן — ווירקט, אָן ספק, אויפן האַרצן. און דער רעזולטאַט איז: אין אַמעריקע, אין דעם גרויסן אַמעריקע, אין אַמעריקע וואָס איז טעכניש דאָס אַנטוויקלטסטע לאַנד אויף דער וועלט, אין אָט דעם אַמעריקע, לעבן 160 אָדער 170 מיליאָן מענטשן אין אַזאַ איילעניש, אַז דאָס האַרץ האַלט נישט אויס און:

אַ דריטל פון אַלע נפטרים פון אַ יאָר — נעמט זיך פון האַרץ־קראַנקייטן!

ווי זאָל מיר געפעלן אַזאַ לעבן?

און, לסוף, ווייל איך דיר דערציילן וואָס איך בין געוווּיר געוואָרן ביים „שטודירן“ די אַמעריקאַנער סטאַטיסטיק וועגן שלאָפקייטן.

לויט אָט די סטאַטיסטיקער, שטאַרבן אויס אין אַמעריקע צען פּראָצענט — פון אַלע געשטאָרבענע — דורך שלאָפקייט פון קאָפּ... טאַקע ווייל דער קאָפּ האַלט אין איין זאָרגן, אי ביים גרויסן, אי ביים קלענערן מענטשן, אי ביים אַרבעטער. וועלכער וויל זיך אַרויפאַרבעטן, אַרויס פון „שאָפּ“ און אַרבעטן פאַר זיך, איז דער נערוון-סיסטעם נישט אין גאַנצן אין אָרדענונג. בעסער געזאָגט: — דער קאָפּ אַרבעט צופיל און צו אָנגעשטרענגט. פאַרגעס נישט, אַז דער אַמעריקאַנער מענטש אַרבעט, נישט בלויז פאַר זיך — נאָר פאַרזאָרגט אַ שטיק פון דער וועלט. מיליאָנען מענטשן ווערן אויסגעהאַלטן און דערנערט אַ דאַנק דעם אַמעריקאַנער דאָלאַר און אַ דאַנק אַמעריקאַנער פינאַנציעלער הילף. דאָס אַלעס נעמט מען ביים אַמעריקאַנער שטייער-צאָלער. און פון אָנשטרענגונג און אפשר אויך זאָרג, ווערט דער נערוון-סיסטעם אָפּגעשוואַכט, און...

צען פּראָצענט טויט-פאַלן פון יאָר געבן אָט די נערוון-פאַלן...

פאַראַן אין אַמעריקע אַ סך שפּיטעלער פאַר נערוון-קראַנקע. פאַרוואָס עס איז נישטאָ אַפילו קיין איין ידישער שפּיטאָל פון אָט דער ספּעציאַליטעט? — בלייבט פאַר מיר אַ רעטעניש!

איך שפּאַציר איבער ניו-יאָרק. איך וויל אַריינכאַפּן וואָס מערער.

אָט האָב איך היינט אַריינגעכאַפּט אַ וויכטיקע אינפאָרמע וועגן... ידישע קאָלאָניסטן אין אַמעריקע. איך האָב, נאָך אין אַרגענטינע, געהערט זאָגן, אַז אין אַמעריקע זענען פאַראַן אַ סך ידישע קאָלאָניסטן (דאָ, הייסן זיי „פאַרמערס“). אַן אַמעריקאַנער ידן, מיט וועלכן איך האָב זיך באַקענט ביי אונדז און וואָס איז געקומען צו-גאַסט צו זיינעם אַ ברודער פון בוענאָס-איירעס, האָט מיר נאָך צוריק מיט פינף יאָר דערציילט, אַז ער איז אַ „פאַרמער“ אין אַמעריקע. ער האָט אַ שיינעם פאַרם אין ניו-דזשוירזי-שטאַט און ער גיט זיך אָפּ מיט עופות-צוכט און מיט מילך. ער איז געקומען קיין אַרגענטינע מיטן געדאַנק דאָ צו זיין דריי חדשים און איז אַנטלאָפן צו די דריי וואָכן. ער האָט נישט געקאָנט פאַרליידן אונדזער... חזיריש לעבן, אונדזער טריף-לעבן, און דעם רעש פון בוענאָס-איירעס.

דאָרט, אין ניו-דזשוירזי-שטאַט, ביי זיך אויף דער פאַרם לעבט זיך אים גאָר אַנדערש.

היינט האָב איך געזעען, אַז ער זאָגט אמת.

אין אַן „אָפיס“ אויף „יוניאָן-סקוועיר“ האָב איך זיך צופעליק באַקענט מיט אַזאַ פאַרמער. ער דערציילט מיר, אַז דער מיסחר מיט בצים און עופות און אין

אַ גרויסער מאָס — מיט מילך און פרישן קעז און פּוטער, — ליגט־איין, אין „זיין״ סטעיט, אין יידישע הענט. עטלעכע הונדערט יידישע פאַרמס זענען דאָרט פאַראַן, וועלכע געבן זיך־אָפּ מיט אָט־דער ווירטשאַפט. ספּעציעל געבן זיך־אָפּ יידישע פאַרמערס מיט אויפנעמען זומער-געסט, וועלכע פאָרן אויף אַ פאַרם אַלס „דאַטש־ניקעס״. זיי עסן דאָרט פרישע אייער, טרינקען וואַרעמע מילך פון דער קי און פאָרן רייטנדיק אויף אַ פערד.

וויפיל זענען דאָ אַזעלכע יידישע פאַרמס אין אַמעריקע?

לויט דער סטאַטיסטיק זענען פאַראַן אַרום 120 טויזנט יידישע פאַרמערס, דאָס הייסט, אַז אַרום 30 טויזנט יידישע פאַרמס זענען פאַראַן אין אַמעריקע.

זעסטו, גאָלדע, דאָס איז שוין ביי מיר געווען אַ נייעס. איך האָב געוווּסט, אַז אין אַמעריקע זענען פאַראַן יידישע... שניידער, לעכער־שלייפער, פרעסער, גראָסערי און בוטשערס (אַלמאַסאַנעראָס און קצבים) און פאַרשטייט זיך: יידישע שרייבער, קינסטלער און... מיליאָנערן און מולטימיליאָנערן. אָבער, אַז אין אַמעריקע זענען פאַראַן 120 אָדער 150 טויזנט יידישע קאָלאָניסטן — איז שוין פאַר מיר געווען אַ נייעס — און אפשר וועט עס זיין אַ נייעס פאַר אַ סך אַרגענטינער יידן!... עס וועט אויך זיין אינטערעסאַנט צו וויסן, אַז אַ גרויסע טייל פון אָט די פאַרמערס, זענען... „גרינע״, ערשט נישט־לאַנג אָנגעקומענע פון די לאַגערן, וועמען די יידישע אַגריקולטור־געזעלשאַפט אין אַמעריקע און טאַקע זייערע פריינט און קרובים, האָבן געהאָלפן זיך באַזעצן אויף אַ פאַרם.

דעם אמת דיר זאָגן, ווען איך דאַרף, אָדער מוז, זיך באַזעצן אין אַמעריקע, וואָלט איך אויך בעסער געוואָלט וווינען אויף אַ פאַרם אין ניו־דזשוירזשי־שטאַט — איידער אויף דער 42סטער אָדער 34סטער גאַס פון ניו־יאָרק...

ס'איז געוואָרן אַ ביסעלע וואַרעמער. דער פראָסט הייבט אָן נאָכלאָזן. פאַר־נאַכט שיינט די זון און עס ווייזט זיך אויס אַז אָט, קומט דער פרילינג. פון שניי ווערן ריטשקעס וואַסער, אָבער — מעגסט זיכער זיין, — קיין בלאָטע וועט נישט ווערן.

וואָס איך האָב יאָ באַמערקט איז, אַז יידן —דערהויפּט איסט־סייד־יידן— גרייטן זיך שוין צום...

— פסח.

אמת, עס פעלן נאָך אַ זיבן וואָכן צו פסח, אָבער, ווייזט אויס, אַז אויך אין דעם זינען, לעבן די אַמעריקאַנער יידן ווי ביי אונדז אין דער אַלטער היים. מען גרייט דעם פסח מיט דריי חדשים פריער. אין די יידישע צייטונגען הייבן שוין אָן דערשיינען די אַנאָנסן מיט די פסחדיקע אַרטיקלען צום פסח־טיש. די

הויפּט־אַנאָנסן, זענען, פאַרשטייט זיך, פון ב. מאַנישעוויצעס מצה־פאַבריק. דער־נאָך קומען די אַנאָנסן פון די האָטעלן, הן אין ניו־יאָרק, און דער עיקר — אין די נאָענטסטע „וואַקאַציע־האָטעלן" וואָס אַרום ניו־יאָרק. די האָטעלן גרייטן צו נישט בלויז גוטע צימערן און גוטע, געשמאַקע פּסחדיקע מאכלים — ספּעציעל די פאַרשידענע כרעמזלעך און קוגעלעך וועלכע מען פלעגט עסן אין דער אַלטער היים, — נאָר מען גרייט אויך צו די גרעסטע און בעסטע חזנים, וועלכע וועלן אין די האָטעלן אָפּריכטן די סדרים און וועלן דאַוונען מעריב און שחרית פאַר די געסט פון האָטעל. צוליב אָט־דעם שיינעם מינהג וואָלט איך נאָך אַ בעלן געווען צו זיין איינמאָל אויף מיין לעבן אויף פּסח אין אַמעריקע. מען דערציילט מיר, אַז דער פּסח, דאָ אין ניו־יאָרק, ווי בכלל אין יידישן אַמעריקע, פילט זיך אויף יעדן טריט און שריט.

אָט בין איך געווען אויף חנוכה אין ניו־יאָרק און אומעטום, ווו איך האָב זיך אַ ריר־געטון, האָב איך געפילט אָט דעם יום־טוב. מען האָט אים געפילט אין שטוב ווו עס האָבן געברענט די חנוכה־ליכטלעך און מען האָט אים געפילט אין דרויסן, אין די געשעפטן, ווו די עלטערן האָבן געקויפט פאַר זייערע קינ־דערלעך חנוכה־מתנות.

מען האָט מיר דאָ דערציילט און טאַקע דערוויזן מיט סטאַטיסטישע ציפערן, אַז אַמעריקע אַליין גיט־אויס אויף קינדער־שפּילערייען אין איין יאָר מערער וויפיל... די גאַנצע איבעריקע וועלט. סטאַטיסטיקער האַלטן, אַז אַמעריקאַנער טאַטעס און מאַמעס געבן אויס אויף שפּילצייג אַזוי פיל, וויפיל עס באַטרעפט דער מלוכה־ביודזשעט פונעם גאַנצן מיטעלן מזרח אָדער פון די דריי גרעסטע... לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער... סטאַטיסטיקער האַלטן, אַז אַמעריקאַנער טאַטע־מאַמע, געבן אויס טויזנט פינפהונדערט מיליאָן (1.500) דאָלאַר אַ יאָר אויף שפּיל־צייג פאַר די קינדער און... אייניקלעך. אַ סברא, אַז די זיידעס און באַבעס געבן אויס מערער וויפיל די טאַטע־מאַמע. דער חילוק איז, וואָס דער טאַטע קויפט דעם קינד אַ שפּילעכל פאַר אַ דאָלאַר און דער זיידע און באַבע, קויפן שוין „טאָך־זאַכן". אַ בייסיקל (ביסיקלעט) און ענלעכע גרויסע מתנות. די הויפּט־צייט פון קויפן מתנות פאַרן קינד און אייניקל איז, אַ חוץ דעם געבורטסטאָג און קריסטמעס, (נאַווידאַד) און להבדיל, חנוכה. דער חנוכה־יום־טוב קריצט זיך איין די קינדער אין זיכרון, טאַקע צוליב די גרויסע מתנות וואָס זיי באַקומען...

אינטערעסאַנט דיר צו באַשרייבן: מיט וואָס שפּילן זיך אַממערסטן די אַמעריקאַנער קינדער?

נעבן מוניס געשעפט, אויף „קינגס האַיווי", איז פאַראַן אַ גרויס געשעפט פון שפּילוואַרג. בין איך געוואָרן גוטער־ברודער מיטן זון פון בעל־הבית פון

אָט דער קליט, און אַזוי ווי ער קאָן גאַנצע... צוועלף שפּאַנישע ווערטער און איך קאָן שוין 40 ענגלישע ווערטער, האָבן מיר זיך גאַנץ נישקשהדיק צונויפגערעדט און איך בין אינפאָרמירט געוואָרן:

פאַר יינגלעך, קויפט מען „עקיפּאַס" פון קאָוו־באַי־מכשירים: אַ רעוואָלווער, אַ פּאַס מיט „קוילן" און די איבעריקע זאַכן וואָס גאַרי קופּער און טאָם מיקס באַנוצן. די לעצטע יאָרן האָט מען שוין פאַר די קינדער — יינגלעך — געקויפט „מעקאַנאָס" אויף צוזאַמענצושטעלן עראָפּלאַנען. איצט, איז אין דער מאָדע „אַטאָמישע" שפּילצייג...

פאַר מיידלעך איז נאָך אַלץ די בעסטע מתנה אַ ליאַלקע אָדער „עלעקטריש" נײַ־מאַשינדל, אָדער זאַכן אויף אויסצואַרבעטן „סוועטערס" פאַרן גרענד־פּאַ אָדער גרענד־מאַ. איך האָב געזען אין די שוין־פענצטער ליאַלקעס (דאַליס) אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, וואָס קאָסטן 50 דאָלאַר (1.500 פּעזעס) און עלטערן — נישט קיין מיליאָנערן, אַפילו נישט אַזעלכע וואָס לעבן פון רענט, — האָבן זיי געקויפט זייערע קינדער אַלס קריסטמעס־פּרעזענט...

אָט, האָבן מוני און בעטי געשיקט מיט מיר צו זייער אייניקל קיין מיאַמי, אַ חנוכה־מתנה — אַ „בייסיקל" וואָס האָט געקאָסט 50 דאָלאַר! נו, ווי אַזוי זאָל דאָס קינד נישט וואַרטן אויף חנוכה?.. .

איך האָב דיר שוין איינמאָל געשריבן:

דער ערגסטער יום־טוב ביי די אַמעריקאַנער איז... ווען מען פּראַוועט דאָס נײַ־יאָר. דער דאָזיקער יום־טוב ברענגט אַ סך קרבנות.

מען הוליעט אַזוי אין די גאַסן, אין די רעסטאָראַנען און אויפן פרייען פּאַרק, מען שיכורט זיך אַזוי אָן, אַז דעם צווייטן יאַנואַר דאַרף מען... מקבר זיין עטלעכע הונדערט מענטשן וואָס האָבן פאַרלוירן זייער לעבן סיי דורך שיסערייען, שיכורערהייט, סיי ביים טרייבן דעם אויטאָ — אויך אין אַ שיכורן צושטאַנד און הרגענען יענעם און אַליין געהרגעט ווערן.

איך וועל מיין גאַנץ לעבן געדענקען אַז דאָס יאָר 1955 האָב איך באַגעגנט אין ניו־יאָרק. האָב געזען אַ מיליאָן מענטשן שטייען נעבן דער „ניו יאָרק טיימס" און ווען דער זייגער האָט געשלאָגן 12 — איז אַ מיליאָן מענטשן... ווילד געוואָרן! מען האָט אַזוי געהירזשעט, אַזוי געוואָלדעוועט און געוואָרפן היטלען און שלאַ־פּעס אין דער הייך, גלייך ווי זיי זענען זיכער געווען אַז דאָס נייע יאָר וואָס קומט איצט, וועט זיי ברענגען בלויז גליק, בלויז „פּראָספּעריטי". די בלעטער דאָ האָבן געשריבן, אַז 4.000 פּלעצער מיט דערלויבענישן צו פאַרקויפן שאַרפע גע־טראַנקען, זענען געווען אָפן אַ גאַנצע נאַכט אין ניו־יאָרק, און דער עולם האָט

היינטיקס יאָר אויסגעטרינקען כמעט דאָפּלט ווי פאַראַיאָר. מען ווייסט נישט צי עס איז פאַר פרייד און ווייל די געשעפטן גייען אַזוי גוט, צי מען האָט געוואָלט... פאַרגעסן די צרות וואָס דאָס אַלטע יאָר האָט איבערגעלאָזט...

אַלטער, וואָס לייענט אַלע טאָג די „ניו־יאָרק טאַימס״, אַפילו די זונטיק־„טייַמס״, וואָס וועגט... זעקס קילאָ — זאָגט מיר, אַז היינטיקס יאָר איז פון ניי־יאָר־פייערונגען געווען מערער קרבנות ווי פאַראַיאָרן און איבער אַ יאָר וועט זיין מערער ווי היינטיקס יאָר — און דאָס האַלט נישט אָפּ דעם אַמעריקאַנער מענטשן אַז ער זאָל אַ הוליע טון אין דער נאַכט ווען מען דאַרף „פאַרברענגען״, שיכורן און... שיסן פון רעוואָלווערן.

אַזוי איז דער אַמעריקאַנער!...

אַפילו דערמיט איז אַמעריקע גרויס!

פריינט געזעגענען זיך מיטן מחבר.

פון רעכטס: מוני און בעטי דובין; לינקס: אַלטער און פרומע מערסאָן (טעפּליקער רבס זון)

LI

טייערע גאָלדע.

איך האָב נאָך געציילטע טעג צו זיין אין אַמעריקע. מיר דוכט זיך, אַז איך האָב אַ סך געזען אין אַמעריקע. דאָך, גלייב איך, אַז ווען איך קום אַהער נאָך אויף דריי חדשים אָדער נאָך אויף זעקס חדשים, וואָלט איך נאָך אַלץ נישט געקענט אַמעריקע, ווי למשל, איך קאָן אַרגענטינע.

מען זאָגט מיר דאָ, אַז אַמעריקע — ספּעציעל ניו־יאָרק — בייט זיך פון טאָג צו טאָג. עס פּראָגרעסירט אַזוי פיל, אַז דאָס אויג פאַרכאַפּט נישט. פאַראַן דאָ געגנטן ווו איך בין דאָ געווען צוריק מיט זעקס וואָכן, האָט מען אָנגעהויבן בויען אַ בלאָק הייזער. נעכטן בין איך דורכגעפאָרן דורך אַזאַ „בלאָק" און... מען וווינט שוין דאָ. אַ סברא, אַז אין 10 טעג צייט ווערט דאָ אויפגעשטעלט אַ גרויס הויז! די טעכניק איז געוואַלדיק אַנטוויקלט.

איך זיך נעכטן מיט אַ חבר, אַ שרייבער פון „טאָג־מאָרגנזשורנאַל" און מיר שמועסן ווי אַזוי אַמעריקע וועט אויסזען אין צען יאָר אַרום. פאַראַן מענטשן וואָס זאָגן נביאות, אַז אין צען יאָר אַרום וועט אַמעריקע אַזוי פּראָגרעסירן, אַז קיין שום לאַנד אין דער וועלט וועט זי נישט קאָנען אָניאָגן.

למשל: אין צען יאָר אַרום, וועט אַמעריקע האָבן אַ באַפעלקערונג פון 200 מיליאָן מענטשן (איצט זענען פאַראַן 160 מיליאָן) און מען זאָגט נביאות, אַז דעם גרעסטן טייל צוּוווּקס פון מענטשן וועלן געבן די... שוואַרצע און די פּאָרטאָ־ריקאַנער. פאַראַן אַזעלכע וואָס זאָגן פאָראויס, אַז אין 25 יאָר אַרום, וועלן די „קאָלירטע" מענטשן מיט די פּאָרטאָריקאַנער בשותפות, האָבן אַזוי פיל שטימען, אַז דאָס אויסוויילן אַ פּרעזידענט וועט זיין געווענדט אין זיי און בלויז אין זיי...

מען זאָגט פאָר, אַז אין צען יאָר אַרום וועט אַמעריקע אויסזען אַזוי:

אויטאָמאָבילן וועט זיין — מער־ווייניקער — צווישן 80 און 90 מיליאָן. דאָס הייסט, יעדער צווייטער נפש אין אַמעריקע וועט האָבן אַן אייגענעם „קאַר". דאָס פאַרגעניגן צו האָבן אַ קאַר וועט קאָסטן זייער ביליק. ערשטנס, וועט מען נישט נוצן קיין נאַפט. יעדער אויטאָ וועט געטריבן ווערן מיט אַטאָמישער ענערגיע. עס וועט אויך זיין אַטאָמישע באַלייכטונג און דער אייז־קאַסטן און די „קאָנדיציאָנירטע־לופט" (אַירע קאָנדיסיאָנאַדאָ" — עיר־קאָנדישאָנינג) וועט אַרבעטן מיט אַטאָמישער ענערגיע...

מען זאָגט אויך פאָראויס, אַז אין צען, שפּעטסטנס פופצן יאָר אַרום, וועט יעדער אַמעריקאַנער אַרבעטן פיר טעג אין דער וואָך. די איבעריקע דריי טעג וועט

ער קאָנען רוען, פאַרברענגען, טראַכטן, פוסטעפּאַסטעווען און דערקוטשען די פרוי, די קינדער און די פריינט. גרויסע געלערנטע ברעכן זיך שוין די קעפּ: וואָס וועט דער מענטש טון מיט זיין איבעריקער צייט, ספּעציעל איז דאָס אַ פּראָבלעם פאַר די יונגע מענטשן. די יוגנט, אין אַמעריקע, טאָר נישט האָבן אַזוי פיל פרייע צייט און לעבן אַזאַ ראָסקאָש־לעבן, אויב מען וויל נישט, אַז זי, די יוגנט, זאָל פאַר ווילטאָג, זיך נישט נעמען צו פאַרברעכנס...

אַזוי איז אַמעריקע. דאָ זיצן גרויסע וויסנשאַפטסלייט, אינזשיניערן און כע־מיקער, פיזיאָלאָגן און מאַטעמאַטיקער און מען האַלט אין איין טראַכטן און אין איין קלערן: וואָס וועט זיין שפּעטער.

לויט די נייע דערפינדונגען, האָט מען אין אַמעריקע קיין מורא נישט, אַז עס וועט נישט סטייען קיין עסנוואַרג פאַר דער גרויסער באַפעלקערונג וואָס וועט זיין אין צען אָדער אין צוואַנציק יאָר אַרום. די נייעסטע וויטאַמינען וואָס מען געפינט אויס, וועלן שוין פאַרזאָרגן דעם אַמעריקאַנער מענטשן זיינע טאָג־טעג־לעכע „קאַלאָריעס", וועלכע וועלן זיין געשמאַק און באַטעמט, אפשר נאָך מער ווי די איצטיקע עסנוואַרגס וואָס אַמעריקע פאַרנוצט. מען האָט אויך קיין מורא נישט פאַר קיין מאַנגל אין וווינונגען. דאָס לאַנד איז גרויס און די „פאַרשטעטלעך" פון ניו־יאָרק, וועלן זיך ציִען ביז פילאַדעלפיע און באָסטאָן. וואָס מען זאָרגט זיך יאָ איז: וואָס וועט מען טון מיט דער פרייער צייט, וואָס עס וועט בלייבן יעדע וואָך?...

און... עס וועט דיר אויסווייזן קאָמיש. אָבער, אַ פריינט, וועלכער קאָן דאָס אַמעריקאַנער לעבן און איז אויסגעבונדן אין סטאַטיסטיק, האָט מיר געזאָגט, אַז אין צען אָדער אין 20 יאָר אַרום וועלן אַמעריקאַנער אַרבעטער זיין... געזיכערט מיט אַרבעט אַ גאַנץ יאָר! עס וועט נישט זיין קיין „סלעק", קיין וואָכן און חדשים, נאָכן סעזאָן, וואָס עס איז נישטאָ קיין אַרבעט און מען קריגט נישט קיין שכירות פון בעל־הבית!

זעסטו, אָט דער „סיסטעם" געפעלט מיר נישט!...

ווען איך האָב זיי געזאָגט, אַז ביי אונדז איז שוין, אין אָט דעם פּרט בעסער, אַז ווען אַן אַרבעטער אַרבעט אָפּ אויף אַ פלאַץ 30 טעג איז אים שווער אָפּצוזאָגן: אַז קיין באַאַמטן פון אַ באַנק אָדער סעגוראַס־קאָמפּאַניע (אינשורענס קאָמפּ.) קאָן מען בכלל נישט אָפּזאָגן, סיידן, מען פּאַקט אים ביי אַ גנבה אָדער ביי אַ צווייטן פאַרברעכן! אַז איך האָב זיי געזאָגט, אַז ווען אַ בחור וואָס אַרבעט אויף אַ פלאַץ. גייט אַוועק אין דער אַרמיי, איז דער בעל־הבית אים מחויב דערנאָך צוריקצונעמען, ווען ער ענדיקט דינען און אַנדערע אינסטיטוציעס דאַרפן אים אויך צאָלן אַ טייל פון זיין געהאַלט, ווען איך האָב זיי דאָס דערציילט, האָבן:

אַ טייל — מיר נישט געוואָלט גלויבן און

אַ טייל — האָבן געזאָגט, אַז... מיר זענען ווילדע מענטשן!

פּאַרשטייסט! אַז מיר האָבן אַזעלכע פּאַרגעשריטענע אַרבעטער־געזעצן — הייסן מיר „ווילדע"...

רעדנדיק ווייטער, ווי אַזוי וועט אַמעריקע אויסזען אין 10 יאָר אַרום, ווייזט מען אָן, אַז:

יעדער מענטש וועט טראָגן אַ טעלעפאָניש אַפּאַראַטל אין קעשענע מיט וועלכן ער וועט זיך קאָנען פאַרבינדן מיט וועמען ער וויל. היינט צו טאָג, זענען אין אַמע־ריקע פאַראַן מיליאָנען אויטאָס און טאַקסיס, וואָס האָבן טעלעפאָן אין זייער „קאַר". איצט, אַרבעט מען דערויף, אַז ער זאָל אַזאַ אַפּאַראַט האָבן אין קעשענע.

גאָר ספּעציעל אַרבעט מען איצט אין אַמעריקע צו פאַרלענגערן דעם מענטשנס יאָרן, און דער עיקר, — ווען ער קומט אויף דער עלטער, די זיבעציקער און אַכ־ציקער, זאָל ער האָבן דעם כוח — לפּחות ווי ביי די פופציקער יאָרן. זיי זאָגן שוין אַפּילו פאָראויס, אַז דאַן וועט אַרויס אַ געזעץ, אַז אויף צו „ריטאַיערן" זיך (כובי־לירן) דאַרף מען אַלט זיין נישט ווייניקער פון 75 יאָר...

מיין פריינט, דער שרייבער, דערציילט מיר, אַז אַ היגער פּאָפּולערער „מע־גאַזין" (זשורנאַל) האָט געשריבן וועגן „אַמעריקע אין 10 יאָר אַרום" און האָט אַרויסגעבראַכט, נישט בלויז די שיינע זאַכן וואָס וועלן דעמאָלט פאָרקומען, נאָר אויך די שלעכטע, די שאָטנדיקע זייטן פון דעם אַמעריקאַנער לעבן, אין 10 יאָר אַרום...

דער מחבר פון אַרטיקל אויף אָט דער טעמע, ווייזט אָן, אַז אין צען יאָר אַרום, וועט מען זיך האַלטן אין איין... גטן! פון יעדע דריי חתונות — וועט איין פּאָרל זיך גטן אַ פּאָר יאָר נאָך דער חתונה...

ער ווייזט אויך אָן, אַז נישט־קוקנדיק אויף אַלע דערפינדונגען, וועלן מענטשן אַ סך ליידן — ספּעציעל אויפן... קאָפּ! פון עמאָציאָנעלע צערודערונג אָדער סתם פון נערוועזישע איבערלעבונג. אויב איצט איז דאָס לעבן אין אַמעריקע אַ שטענ־דיקער הו־האַ, אַ שטענדיקער רעשיקער, וועט עס אין צען יאָר אַרום זיין 10 מאָל מערער! צייטונגען וועלן דערשיינען אַלע שעה, אַלע האַלבע שעה, מיט די „לעצטע נייעסן". אַ צייטונג פון אינדערפרי, וועט אַרום 6 אַזייגער נאָך מיטיק זיין שוין „אַלט געבאַקן" און אַ צייטונג פון 2 אַזייגער בייטאָג — וועט מען פאַרן שלאָפן אַפּילו אין דער האַנט נישט וועלן נעמען, צוליב אירע „פאַרעלטערטע נייעסן". די אַבאָנענטן פון די ניו־יאָרקער צייטונגען וואָס וווינען אין מיאַמי, אין קאַליפאָרניע אָדער אין טעקסאַס, וועלן באַקומען די צייטונג אַ פּאָר שעה נאָך זייער דערשיינען, צוגעשיקט מיט העליקאָפּטערס אָדער עראָפּלאַנען אויף „שטויס־קראַפט"...

נו, ווי קאָן מען נישט ווערן עמאָציאָנירט אָדער באַגייסטערט אָדער גאָר צע־טרייסלט פון אַזוי פיל נייעסן אין טאָג? דאָס אַלעס וועט זיך אָפּרופן אויף די נערוון און מענטשן וועלן אַ סך קרענקן! מען וועט לעבן לאַנג און מען וועט קרענקן!...

רעדנדיק וועגן קרענקן, דערציילט דער דאָזיקער זשורנאַל, אַז אין צען יאָר אַרום וועט מען שוין נישט וויסן פון קיין „קענסער", פון „פּאָליעמעליטיס", פון „אולסעראָס" און פון „דיאַבעטיס". די אַלע שלאַפקייטן וועלן אויסגעהיילט ווערן, נאָך איידער דער מענטש וועט זיי באַקומען. מען וועט אויך נישט נוצן קיין „אינזשעקסיאָנעס". מען וועט שלינגען פּילדאָראָס. מען וועט זיי איינעמען, נאָך איידער מען וועט באַקומען ווען עס איז שלאַפקייט; בלויז צו די נערוון און קאָפּ־ווייטיק וועט מען גאָרנישט קאָנען העלפן...

מיין מיטשמועסער וואָרנט מיך:

אויב איר ווילט זיך גוט באַקענען מיטן היינטיקן אַמעריקע — דאַרפט איר קומען אין אַ יאָר אָדער אין צוויי יאָר אַרום. טאָמער קומט איר אין צען יאָר אַרום, — וועט איר טרעפן אַן אַנדער אַמעריקע...

איך האָב זיך היינט געזעגנט מיט מיין אַמעריקע, מיט איסט־בראָדוויי. איך האָב זיך געזעגנט מיט די גאַסן וואָס זענען מיר געוואָרן אַזוי היימיש און אפשר... ליב, און מיט די ייִדן מיט וועלכע איך האָב זיך באַקענט און באַפריינדעט. אין לעצטן טאָג האָב איך ביי וואַקסערן אין בוכהאַנדלונג איינגעהאַנדלט פאַר העכער 100 דאָלאַר ייִדישע ביכער און מיין נייער פריינט פּאָול (בעטיס שוועסטער־קינד), האָט זיי מיר צוגעפירט צו דער שיף מיט זיין קאַר. פאַראַן נאָך אין אַמעריקע מענטשן — אמת, זייער ווייניק — וואָס רייסן זיך אָפּ פון געשעפט און פאַרן טוען אַ מענטשן, אַ „גרינעם" אַ טובה.

איך האָב זיך אויך געטראָפן מיטן באַוווסטן און באַליבטן דיכטער יעקב מאַרינאָוו (געוועזענער רעדאַקטאָר פון „קונדס") און ער האָט „פאַזירט" פאַר מיין „לייקאַ־אַפּאַראַטל". אַך, ווען עמעצער זאָגט מיר, מיט 25 יאָר צוריק, אַז דער גרויסער, דער מעכטיקער רעדאַקטאָר פון „גרויסן קונדס", וועט זיך אויפהויבן פון זיין בענקל אין דער „קאַפעטעריע גאָרדאָן", וועט אַרויסגיין אינדרויסן ווו דער פראָסט האָט „געבערענט", דאָס פּנים און די הענט, און וועט —נישט בלויז דער־לויבן, נאָר וועט מיט פאַרגעניגן— זיך אָוועקשטעלן אין דער „פּאָזע", אַז איך זאָל אים פאָטאָגראַפירן, — וואָלט איך יענעם געשיקט זיך... אויסשלאָפן. די שאַרפע, שניידנדיקע פען פון יעקב מאַרינאָוו האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף שרייבער און לייענער. „דער גרויסער קונדס" איז געווען די מעכטיקסטע אויסגאַבע, די מער־געלייענסטע צווישן ייִדן. אירע הויפּט־מיטאַרבעטער זענען געווען: אברהם רייזען

ע״ה, משה נאַדיר ע״ה, יהואש ע״ה און אים צו לענגערע יאָר — דער לעבעדיקער (ה. גוטמאַן). דעם הויפּט־טאָן האָט געגעבן דער פּעיקער אומדערשראָקענער, אומ־בויגזאַמער יעקב מאַרינאָוו.

היינט איז ער שוין — ביז 120 יאָר — אַ ייד, אַ זקן, אַ 85ער, אָבער, ער איז נאָך פעסט און גלייך און עס איז אַ פאַרגעניגן צו זעען ווי אַזוי ער באַוועגט זיך.

אויב עס וועט מיר זיין באַשערט צו זיין אין צען יאָר אַמאָל אין אַמעריקע, און אויב איך וועל טרעפן אַן אַנדער אַמעריקע, בעט איך ביי גאָט נאָך צו טרעפן אַלע מיינע אַמעריקאַנער פריינט און דעם אַלט־„יונגן" יעקב מאַרינאָוו — צווישן זיי!

— —

אַלע, כמעט אַלע חברים מיט וועמען איך האָב זיך געזעגנט, האָבן מיר גע־שטעלט די זעלבע פראַגע:

נו, ווי געפעלט אייך אַמעריקע? צי וואָלט איר דאָ געקומען וווינען אויף שטענדיק?

איך האָב אַלע געענטפערט דאָס זעלבע:

אַמעריקע — געפעלט מיר פאַר... די אַמעריקאַנער! פאַר אונדז, מענטשן פון אַנדערע לענדער, וועמען מען יאָגט נישט און מען טרייבט נישט און מיר קענען זיך אויסלעבן אונדזערע יאָרן אין די לענדער וווּ מיר וווינען, פאַר אַזעלכע ווי איך, למשל, איז אַמעריקע נישט צוגעפּאַסט, אַז עס זאָל מיך ציִען צו קומען אַהער לעבן.

עס געפעלט מיר נישט אייער שנעל לעבן; אייער הור־האַ־לעבן; אייער „קיין צייט נישט האָבן" צו לעבן!

אין אַלגעמיין, אָבער, איז אייער לאַנד אַ גרויס, מעכטיק גרויס, לאַנד! איך גלויב, אַז אַ סך לענדער פון קאָנטינענט און אַפילו אויף דער גאָרער וועלט, זענען הינטערשטעליק קעגן אייך אין צענדליקער און צענדליקער יאָרן...

מיר, די ציוויליזירטע מענטשן פון דער וועלט, ווייסן, אַז די אויגן פון דעם פרייען מענטשן זענען געווענדט צו אייער לאַנד, וועלכעס איז דאָס איינציקע לאַנד וואָס קאָן פאַרטיידיקן די פרייהייט. מיר ווייסן אויך, אַז מיליאָנען פאַרשקלאַפטע מענטשן, קוקן אויס די אויגן צו אייך, מיט דער האָפענונג באַפרייט צו ווערן, אַ דאַנק אייער ווירקונג אָדער דירעקטער הילף.

ערשט איצט, זייענדיק אין אַמעריקע, באַקענענדיק זיך נעענטער מיט אייער גרויסקייט, מיט אייער מעכטיקייט און מיט אייערע גרויסע מעגלעכקייטן, וואָס אייער לאַנד פאַרמאָגט, בין איך איבערצייגט, אַז די האָפענונג פון דער פרייער וועלט איז נישט קיין אומזיסטע.

מיין חבר פרעגט מיך:
וואָס האָט איך מערער פון אַלעס איבערראַשט דאָ?
און איך ענטפער אים:
אייער גרויסע ליבע צו אייער לאַנד! די גרויסע ליבע פון אייערע קינדער צו זייער פאָטערלאַנד, און די גרויסע ליבע און אַכטונג פון אייך, די אימיגראַנטן. וואָס האָבן געמאַכט אַמעריקע פאַר זייער אייביקער היים.
איך בין שוין אויסגעפאָרן אַ וועלט. איך בין ערשט נישט לאַנג געווען אין איראָפּע, און מיטן אויסנאַם פון ישראל, ווו יעדער איינער האָט אויך ליב זיין לאַנד, וואָס איז ביי אים פאַרהייליקט, — איז אַמעריקע דאָס צווייטע לאַנד אין דער וועלט וועמענס איינוווינער —גאַנצע 99 פּראָצענט פון די בירגער— האָבן ליב דאָס לאַנד און זענען זיך גרייט מקריב צו זיין!...
איך האָב זיך געטראָפן מיט מאַמעס וואָס האָבן געהאַט אַלע זייערע זין אויפן מלחמה־פראָנט. זיי זענען נישט געווען פאַרצווייפלט, נישט געזוכט זיי „ראַטעווען" פון פריינט. זיי זענען געפאָרן צו זיי ערגעץ אויפן פאַסיפיק, כדי זיי צו מוטיקן און זיי געבן האָפענונג!...
איך האָב דאָ געקענט מאַמעס, וועלכע האָבן געשיקט זייערע קינדער אויפן מלחמה־פראָנט און נישט אַלע זענען געקומען צוריק! נישט אַלע זענען געקומען געזונט! דאָך, ווען זיי רעדן וועגן אַמעריקע, רעדן זיי מיט אַזאַ ליבע, מיט אַזוי־פיל פייער און איבערגעגעבנקייט צום לאַנד, אַז... מען מוז ווערן איבערראַשט! אָט די מאַמעס, זענען ווידער גרייט צו שיקן זייערע זין אויפן פראָנט צו פאַר־טיידיקן אַמעריקע, צו פאַרטיידיקן אַמעריקעס אינטערעסן און אַמעריקעס כבוד און שטאָלץ!
אָט דאָס האָט מיך איבערראַשט! און
אָט דערפאַר איז אַמעריקע, אייער אַמעריקע, דער וועלטס אַמעריקע, גרויס! זייער גרויס!
און, אויב עס וועט שוין מער קיין מלחמה נישט זיין, אויב די שונאים פון דער פרייהייט וואָס האָבן אַראָפּגעלאָזט אַן אייזערנעם פאַרהאַנג צווישן דער ציוויליזירטער פרייער וועלט און דער וועלט פון שקלאַפן און „אַרבעטס־לאַגערן", — אויב יענע מערדער פון מיליאָנען אייגענע ברידער זייערע, וועלן נישט שיקן זייערע כלי־משחיתים צו פאַרטיליקן די פרייע וועלט, וועט דאָס זיין דערפאַר וואָס זיי ווייסן, אַז
אַמעריקע איז גרויס!
אַמעריקע איז מעכטיק און אַז
אַמעריקע וועט ענטפערן מיט צען קלעפּ פאַר איינעם!

און נאָך אַ זאַך ווייסן זיי, די שונאים פון אַמעריקע:
זיי ווייסן ווי ליב איר האָט אַמעריקע!
זיי קאָנען די שטימונג פון אַמעריקאַנער מענטשן!
זיי ווייסן, אַז יונג און אַלט, מאַן און פרוי, וועט איר אויפשטיין צו פאַר־טיידיקן אייער לאַנד, אייער פרייהייט, די פרייהייט פון דער וועלט, — און זיי וועלן מורא האָבן אָנהויבן מיט אייך!
אָט דאָס איז, אין סינטעסיז, מיין מיינונג וועגן אייער אַמעריקע!

זוכצעטל

א.

אביגדור, יעקב, רב — 604.
אַבראַמאָוויטש, רפאל — 429, 483.
אַ בלאַט גמרא דורך ראַדיאָ — 215.
אדעס — 517.
אַדואַנאַ, נ. י. — 95.
אַטראַן־הויז — 261, 368, 484.
אַטלאַנטיק־סיטי — 317.
איינהאָרן, דוד — 433, 430, 634.
איידעלסבערג, דוד — 359, 108.
אייזנהאַוער — 542, 671.
אַלטמאַן, בערנאַרדאַ־לאַה — 419.
אַלפּערין, א. א. — 108.
אסלאַן, פּרוי — 503.
„אַרגענטינער ביימעלעך — 433, 629.
„אַרגענטינער לעבן" — 629.
אסטראה — 362.
אַקסענצאָוו, יוסף — 629.
אחיעזר החדשה — 418, 350.
אַרבעטער־רינג — 484.
אַפּטער, פּ. — 354.
„אָרט" — 482.
אַרענשטיין, ר. — 622.
אַראַבישע ליגע, נ. י. — 516.
אַרענסאָן, לעאָן — 418.
אַשענדאָרף — 630.
אַפּטייקער, הערמאַן — 406.
אַשעראָוויטש, מ. — 103, 105, 285, 431.
„אָרט", בראַזיל — 37, 41.
אַש, שלום — 427.

או.

אוטיאַנסקי, דוד — 82.
„אום־פּאַרלאַג — 328.
אומאַן — 264.
אונגער, מנשה — 267, 103, 108.
„אונדזער געדאַנק" — 629.
„אונדזער וואָרט" — 629.
„אונ" — 493, 495, 496, 497, 492.
„אוניאָן איז. קאַראַקאַס" — 58.
אויערבאַך, אפרים — 108, 478.
אויהלער, רבי — 277.
אויסטרי־דן, י. — 590.

אי.

איזבאַן, ש. — 285.
„איזוועסטיאַ" — 285.
„איל. ליטער. בלעטער" — 629.
איקוף — 630.
איריס, ש. — 348.
אָרזשוף, משה — 27.

ב.

באַטאַשאַנסקי, יעקב — 8, 494, 629.
באַלטימאָר — 228, 389.
באַלאַבאַן — 570.
באליס, הארי — 311.
באַרבאַראַש, מרדכי — 570.
באַרענשטיין, יצחק — 25, 26.
באַרוכאָוויטש, אליהו — 570.
באַשעוויס, י. — 428.
בומאַזשני, עוזר — 629, 294, 494, 28.
בזשוסטאָווסקי, י. א. — 188.
ביאַליק־שול — 350.
ביאַליסטאָקער מ. זקנים — 433, 189, 176.
ביאַנטשי — 15.
ביאַליק הרצל שול (קאַראַקאַס) — 51.
ביקל, שלמה, ד"ר — 486, 281.
ביקל, פּרוי — 485.
בלאָך, פּובל. קאָמפּ. — 326.
בלאָך, אליהו־מאיר ע"ה — 407.
בייבי־סיטערס, שול — 504.
בעז, ח. — 368, 349.
בלאַנק, א. מ. — 472.

בעטשער, חיים — 349, 487.
בלעכאראָוויטש, אברהם — 570.
בעלער, יעקב — 46, 68.
בלומענטאַל — 348.
בלאָושטיין, יעקב — 467.
בערדיטשעווסקי, בן־ציון — 348.
בערדיטשעווסקי, שושנה — 348.
בענסאָן, עזרא — 186.
בערגער, מאיר — 285, 590.
בערענשטיין, מרדכי — 630.
בערלינער, יצחק — 578.
בערעביטשעז, זבולון א. — 586, 590.
בראָסלאָו, ישראל — 334.
ברעסלער, וואָלף — 630.
בראָון, מענדל (באסאק) — 4, 550.
בראָון, טאָני (טויע) — 4, 550.
בראָון, אַרטור — 371.
בראָנשטיין, אשר־וועלוול — 507, 515.
בראָנשטיין, ל. — 609.

ג.

גאָטעספעלד, חנא — 332.
גאָטפריד, י. — 353.
גאָטליעב, יצחק — 56.
גאָלאָמב, א. — 583, 590, 594.
גאָליבאָ — 348.
גאָלדשטיין, ווילוש — 348.
גאָלדשטיין, שמעון־יוסף — 432.
גאָלדבערג, ב. צ. — 108.
גאָלדבערג, ג. — 347.
גאָלדמאַן, נחום ד"ר — 375.
גאָלדבערג, איסר — 367.
גאָלדמאַן, משה, רבי — 421.
גאָק, משה — 25, 26.
גאָרדאָן, אבא — 424.
גאָרדאָן, ניסן — 108, 454.
גאָרענשטיין, פעליפע — 598.
גאָרנשטיין, י. — 594.
גאָנסאַלעז, עד. און זון — 489.
גאָרפיין, ה. — 140.
גאָראָדיצקי, יונה — 630.
„גאָרדאָנ'ס קאַפעטעריע" — 330.
גוטווערג, אברהם — 587, 590.
גוטמאַן, אהרן — 570.
גוטמאַן, דוב — 570.
גוטמאַן, ח. — 551.
גוטענמאַכער, מאַרקאָס — 624.
גוטשטיין, אברהם ד"ר — 366.
גינזבערג, מ. — 479.
גינזבערג, גרשון — 35.
גימבעלס — 242.
גייסינסקי, בן־ציון — 590.
גלאָזער, יצחק — 629.
גלאָטשטיין, יעקב — 108.
גלאַנץ, יעקב — 578, 583, 606.
גלושאַקאָוו, א. ד. — 395.
גליקאַ, מ. — 486.
גערטנער, ל. — 441, 253.
געשענזאָן, ש. — 590.
גראַדע, חיים — 478.
גראָסמאַן, א. — 346.
גראָס (קאַראַקאַס) — 65.
גראַפאַ, כ. — 594.
גרינעס, מיכל — 326, 630.
גרייווער, מיכאל — 79, 574.
גרינבאום, מאיר — 17, 36, 55
גרינבערג, ב. — 630.

ד.

דאָווידזאָן, דוד — 30, 33.
דאָווידזאָן, שול (באַלטימאָר) — 393
דאַשעווסקי, קלמן — 570.
דובין, מיני — 4, 95, 643.
דובין, בעטי — 4, 95, 643.
דובינסקי, דוד — 179, 483, 523.
דוקאַ — 629.
דולצין, לייב — 580, 602.
דזשויש־צענטער (קינגס־ה.) — 366
דוכאָווני, משה — 246.
דזשווינט — 482.
דזשאָוויץ, דזשייקאָב — 174.
דובעלמאַן, א. — 77.

דובראָווסקי, אפרים ע״ה — 503.
דזשעלקע, מ. ד. — 435.
דזשוליוס, מאַרק, ראַבאַי — 472.
דינגאָל, ס. — 103, 108.
„די נייע צייט״ — 629.
„די פּרעסע״ — 27, 293, 494, 629.
„די שטימע״ (מעקסיקע) — 585.
דלוזשנאָווסקי, משה — 433.
„דעבאָראַ״, סאַנאַטאָריע — 292.
„דער אַרגענטינער מאַגאַזין״ — 350, 629.
„דער וועג״ (מעקסיקע) — 575.
„דער ייד״ — 328.
„דער לעבעדיקער״ — 550, 648.
„דער נייער מאָמענט״ — 26.
דער סענאַט־זאַל (בילד) — 533.
„דער שפּיגל״ — 434, 629.
דרייזין, נתן ד״ר — 396.

ה.

האַוואַנאַ — 76.
האַיאַס — 482.
האָטיס — 260, 493.
האָרן, יוסף — 326, 630.
האַרמאָני־קלוב — 508.
„היסטאָרישער גלאָק״ (בילד) — 297.
היסט. קאַניאַנדל (בילד) — 534.
היצקאָפּ, דוד — 570.
הירש, דוד — 349.
הירשפעלד, ז. — 348.
הייסין — 264.
„הייזער אויף רעדלעך״ — 320.
העלד, אַדאָלפאַ — 179, 375, 481, 482.
הענקין, י. — 142.
הערענרייך, ח. — 347, 432.
„הערצל־גאַס״ — 174, 172.

וו.

וואָלאָווניק, מ. — 18.
וואָלפאָוויטש, א. — 602.
וואָל־סטריט — 90, 488.
וואָלף, אליעזר — 587, 597.
וואָלטשאַנסקי, ג. — 434.
וואָסערצוג, זלמן — 326.
וואַפּניאַרקע — 320.
וואַקסמאַן (בוכהאַנדלונג) — 329, 647.
וואַרשעווער שיל (בילד) — 451, 364.
וואַרבורג, עפּליקס — 468.
וואַרבורג, עד. — 466.
וואַרשאַווסקי, יצחק (זינגער) — 109, 428.
וואַשינגטאָן — 388, 527.
„וווינונגען אין ניו־יאָרק״ — 225.
וויגאָדאַ (חזן) — 364.
ווילנער — 570.
ווינאָגראַד, משה — 624.
וויליאַמסבורג — 264.
וויניעצקי, י. — 588, 609.
ווײַמאַן, זשאַק — 623.
וויניק, פּיליפּ — 556.
וויינער, משה — 39.
ווייץ, קלמן — 570.
ווילנער שיל, נ. י. — 364, 365.
וויינשטיין, א. ז. — 82.
ווענגראָווער, יעקב — 624.
וויינער, ז. — 418.
ווענעסועלאַ — 45.
ווייס, סטיפן, הויז — 527, 485.
וויינבערג, יוסף — 484.
ווייסבוים, אברהם — 580.
ווישניאַק, סעם — 590, 593.
וועבער, ש. — 329.
וועלטמאַן — 35.
ווענגיער, העלענאַ — 18.

ז.

זאַק, אברהם — 630.
זעליקאָוויטש, בערנאַרדאַ — 521.
זוקערמאַן, דזש. — 502.
„זיבעטע עוועניו״ — 521.
זינגער, י. י. — 428.
זיידענוועבער, ג. — 586, 590.
זשיטניצקי, ל., ד״ר — 494, 629.
זלאָטניק, שלמה — 557.
זלאָטאָווסקי, ד. — 285.

ח.

חדקל, לעאָן — 570.
חיפה — 53.
חלפון, שמשון — 608.

ט.

טאַבאַטשינסקי, ב. — 369, 368.
„טאָג־מאָרגנזשורנאַל" — 103.
טאָמאַשעווסקי, באָריס — 5.
טאַנדעטער, יואל — 349.
טאַכמאַן, פּ. — 348.
טאַראַזאַ, אלטער — 113.
טוב, משה ד"ר — 500, 497.
טורנאָוו, סאַלי — 294.
טורקאָוו, מאַרק — 367, 328, 486.
טייטעלבוים, יואל — 211.
טייטץ, יונתן רב — 266.
טיימס־סקווער (בילד) — 187.
טעלזער ישיבה — 407, 409.
טעפּליק — 264.
טעפּעליאָוו, א. ד. — 590.
טעפּליצקי, ליאָווע — 133, 150.
טעמפּל קוראַסאַאָ — 73.
טעמפּל פילאַדעלפיאַ — 303, 305.
„טעלעפאָן־קאַמפּיין" — 173.
טערניוּוקע — 264.
טקאַטש, אברהם — 596, 630.
טראַטנער, מ. — 590.
טריוואַקס, הירש — 434.

טש.

טשאַרני, דניאל — 484, 545, 290, 291.
טשיקאַגאָ — 398, 399, 401, 400.
טשערנאָוועצקי, רחל — 406.

י.

יאַבלאָקאָוו, ה. — 346.
יאַנאָסאָוויטש, יצחק — 494, 629.
יאָפע, היענע — 479, 103, 200, 192.
יאַקובאָוויטש, יעקב — 447.
יאַקובאָוויטש, מאַרקאָס — 329.
„יוניאָן־סקווער" — 515.
„יבנה"־שול (מעקסיקע) — 593.
ישיבה, אונ. (באַלטימאָר) — 392.
יוד נחום — 109.
יידיש, טעאַטער — 345.
י. ל. פּרץ שרייבער פאַריין — 492.
יונייטעד דזש. אַפּעל — 246.
ייד. אַרב. קאָמיטעט — 482, 179.
ייד. צענט. קאָמ. (מעקסיקע) — 576.
ייד. וועלט־קאָנגרעס — 485.
ייד. ספּאָרט־צענטער — 608.
יידיש ברוויט — 461.
יידישע צייטונג (ב. א.) — 5, 27, 629.
ייד. צדקה פעדעראַציע — 199.
ייד. מוזעאום, נ. י. — 620.
ייד. שפּיטאָל, פילעדאַלפיאַ — 309.
ישראל — 649.
„ייוואָ" — 630.
„יידישע וועלט" — 629.
ישיבה תורה ויראה — 269.
„ייד־בוך" — 630, 328.
ייד. חתונה אין נ. י. — 617.
ייד. „מלוכה" אין נ. י. — 136.
יוקען, אהרן — 82.
יעפּרויקין, ז. — 428.
ישראל־אתרוגים — 455.
יולא, מילטאָן — 502.

כ.

כאַטין, בעסעראַביע — 506.
כאַנין, נחום — 484, 483.
כאשטשעוואטע — 264.
כריסטינאָווקא — 320.
כ"ץ שלמה, רבי — 212.
כימענעס, מאַרקאָס — 45.
כרושטשעוו — 529.

ל.

לא גוואיירא — 45.
לאַזדייסקי, חיים — 575, 590.
לאַזאַרוס, עמאַ — 500.
לאַלאַ (יזראעל) — 333, 332.
לאַפּאַיעט, האָטעל — 530.

לאַפּידוס, מאָריס — 564.
לייוויק, ה. — 478.
ליפּמאַן, ברידער — 434.
ליפּסקי, לויס — 375.
ליכט, דוד — 346.
ליבמאַן, וואלטער — 502.
ליובאָווסקי, קלמן — 63.
לייוואַ, משה — 630.
לייבאָוויטש, ד״ר — 631.
ליבערמאַן, חיים — 103, 105, 108, 407, 426, 427.
ליכטענשטיין, הרב — 209.
לאַדיזשענסקי, וואָלף — 180.
לעהמאַן, ג. — 468.
לעוו, ס. — 418.
לעווין, העררי — 393.
לעשטשינסקי, יעקב — 550, 549, 349, 312.
לערער, מרים — 348.
לערער, שפרה — 348.
לערנער, פאַליק — 494, 630.
לערער, סעמינאַר נ. י. — 357.

מ.

מאַלקעס, ל. — 237.
מדרש, י. — 479.
„מאָדערס דעי״ — 199.
מאַטוסעוויטש, כאַסע ד״ר — 598.
מטמון, חיים — 475.
מאַלאַדאָווסקי, קאַדיע — 193.
מאַנישעוויטץ, ב. קאָמ. — 136, 137, 139, 140, 452.
מאַנישעוויטץ, בערנאַרדאַ — 138, 142.
מאַנישעוויטץ, וויליאַם — 138.
מאַנדלאַך, מ. — 590.
מאַונט, סיני שפּיט., קלעוולאַנד — 420.
מ. סיני שפּיט., באַלטימאָר — 391.
מ. סיני סעמענט. — 250.
מאַנהעטן־סענטער — 208.
מאָנטעווידעאָ — 570.
מאַר דעל פּלאַטאַ — 565.
מאַלאַטאָוו — 534.
מאַלענקאָוו — 528.
מאַזור, זעליק — 433.
מאָורער, יוסף — 348.
מאַרינאָוו, יעקב — 647, 631.
מאַרקוס, דוד (בראַזיל) — 31.
מוקדוני, ד״ר א. — 349, 550, 549.
מושב זקנים, קלעוולאַנד — 421.
מושב זקנים פון וואַרשעווער — 193.
מושב זקנים, פילאַדעלפיע — 299, 300.
„מוהלים־סעמינאַר״ — 249.
מיאַמי־ביטש — 548.
מייזעלס, טוביה — 583, 594.
מיטעלבערג, אברהם — 367, 328.
מעקלער, ד. — 103, 108.
מעקסיקע — 573.
מעצקער, י. — 367.
מעזריטש — 363, 630.
מעלבער, יהודה — 82.
מערקור, וואָלף — 285.
מענדעלסאָן, יוסף — 358, 596.
מערעסאָן, אַלטער — 4, 95, 643.
מערעסאָן, פרומע — 4, 643.
מענדעלסאָן, שלמה — 626.
מעיסעס (געשעפט) — 242.
מעקסיקאַנער „סוחרים״ (בילד) — 606.

נ.

נאָוואַק, בען — 564.
נאַגאַר, אברהם — 475.
נאַרעפּקין — 346.
נדחי ישראל — 350, 599.
נוואַרק — 353.
נודעלמאַן, מ. — 285.
ניו־יאָרק — 85.
נטורי קרתא — 206.
ניגער, שמואל — 349, 291.
ניעמאַי, פיניע — 326.
נייטאַן, שטראַוס־גאַס — 172.
ניימאַרק, ד. — 635.
נייבערג, העררי — 342.
ניישאַנעל, דעז. ביוראָ — 501.

ס.

סאָ פּאָולאָ — 25, 26.
סאַטמאַרער, רבי — 209, 366.
סאַנטאָס — 25.
„סאַלאָמאָן״־היים — 621.
סאָפּאָטשניק, פראַנציסקאַ — 349.
סאפרא, ישראל — 568.
סאַפּיר, שאול — 430, 634.
סאָשעל־סעקיוריטי — 164.
טשאַרלעס סאַלאָמאָן — 445.
סווערדלין, נ. ד״ר — 108.
סטאַליאַר, מאָטיע ע״ה — 27.
סטאַליאַר, גיטל — 350.
סטראַוס סקווער — 173.
סטיווענסאָן אַלאַי — 482.
סלאָסער, חיים — 467.
סליניז, משה ד״ר — 628.
סמיט, א. — 371.
סמיט, האַנס וו. — 506.
סיגאַל, כאַסע ד״ר — 598.
„ס. געיט״ — 446.
סילווער, הלל ד״ר — 424.
סילווער, אליעזר — 139.
סיני, מיכל הכהן — 631
סטוטשקאָוו, נחום — 241.
סמאָליאַר, באָריס — 508, 297.
סינגאַלאָווסקי, אקרן ד״ר — 201.
סענדערס, ל. — 128, 322.
סעגאַל, יעקב — 294.
סעגאַל, ד. — 428.
סעגאַל — 18, 90.
סיגאַל — 630, 328.

ע.

עזרת נשים — 501.
עליאָוויטש, א. — 82.
עדעלמאַן, יעקב — 397.
על מונדאָ איזר. (קאַראַקאַס) — 59.
עלבוים, משה — 428, 210.
עיכמאַן, יוסף — 294.
עמנו־אל, טעמפל (פ—יא) — 301.
עמפּ. סטייט בולד. — 222.
עמנו־אל, טעמפּ. — 468.
ערמאַן, הערבערט — 467.
ערליך, הרב — 266.
ענגעל, אירווינג — 467.

פּ.

פּאַט, יעקב — 484.
פּאַסליכט, א. — 590.
פּאַגעלמאַן, ל. ד״ר — 103, 105, 426.
פּרוסקי, עטא — 4.
פּרוסקי, ישראל — 4, 544, 290.
פּאַכינאַס העברעאַס — 59.
פּאָמעראַנץ, חיים — 140, 144.
פּעלץ — 348.
פּערעלמאַן, מאַקס — 348.
פּרץ, מ. ד״ר — 604.
פּראָסקוראָווער פּאַראיין — 353.
פּולטוסק — 362.
פּאָרטאָ־ריקאָ — 386.
פּאַניעמאַן, זרח — 434.
פּראָסקאָוער, יוסף — 467.
פּליסקין, שמואל הרב — 389.
פּלאָסאָ אָנסע — 515.
פּעקאר, נאָום — 513.
פּערעלמוטער, יעקב הרב — 390.
פּרנס, יעקב — 32.
פּראָוודאָ — 288.

פ.

פאַרבער, מאַקסוועל רבי — 301, 302.
פאָלקס־ביבליאָטעק, נ. י. — 324.
„פאָרווערטס״ — 103, 105.
„פאָרווערטס־געביידע״ (בילד) — 431.
פיינבערג, ל. — 108, 217.
פילאַדעלפיא — 290.
„פאָדערס־דעי״ — 197.
פאָונטעבלאו — 564.
פּרוכטער, נתן — 69, 494, 629.
„פאָלקס־געזונט — 434, 629.
„פריי־וואָרט״ — 629.

פינק, יעקב הרב — 33, 34, 40, 41.
פיש, איסאַק — 625.
פעלד, מאַריאַנאָ — 21.
פישמאַן, מימון הרב — 137.
פּאַטאָווסקי — 483.
פעלבוים — 348.
פעלנער, אברהם — 349.
פעלדשטיין, מאַריאַנאָ — 349.
פינקעלשטיין, חיים — 350.
פרידמאַן, הלל — 353.
פריימאַן, דזשוליאַן, — 375.
פעלדמאַן, שמשון — 598.
פינקעלשטיין, ס. — 418.
פרידמאַן — 515.
„פריינט פון נאָענטן מזרח" — 516.
פלאָרידאַ — 552.
פרייהייט סטאַטוע — 500.
פרידמאַן, ליפּע — 213.
פיינשטיין, ג. — 585.
פינקעלשטיין, אברהם אינזש. — 578, 590.

צ.

ציקער, נחמיה — 348, 630.
צוקערמאַן, ש. ז. — 103.
ציקא — 367.
צעדער, מ. ד. — 521.
ציונ. געדעראַציע (מעקסיקע) — 562.
צעסלער, ש. — 630.
צענטראַל־קאָמיטעט — 587.

ק.

קאַהן, אַלכסנדר (בילד) — 429.
קרישטאָל, לעאָן — 493, 500, 492, 634,
180, 259, 241.
קאָמערץ־בירזשע (בילד) — 244.
קאַץ, פּיניע — 326.
קראַסנאַסטאָוו — 264.
קאַהאַן, ליזאַ — 582.
קאַהאָן, סאַלאָמאָן — 582.
קאַפּלאַן, סענדער — 77.
קאָראָנאַ, מאיר — 579, 590.
קאַץ, עזרא — 494, 294.
קאָראָנאַ, רישקע — 581.
קאַהאַן, ש. — 590.
קאַפּלאַנסקי, ג. — 630, 328.
קאָווגער, ב. — 551.
קאַפּלאַן, דוד — 348.
קאַכאַ פלאָרעסטאַ — 464.
קאַכאַ וויזשאַ לוראָ — 464.
קאַהאַן, בנימין — 499.
קראַוז, אשר אַנשיל הרב — 266, 328.
קאָזלאָוו, דזשעק — 279.
קערשטיין, ז. מ. — 327.
קרייטשמאַר, מאָטיע — 28, 294, 494.
קאָנסטאַנטינאָווסקי, משה — 326.
קאָנסטאַנטינאָווסקי, מנשה — 326.
קעניג, שרה — 197.
קיזנער, וועלוול — 101, 626.
קולטור־קאָנגרעס, נ. י. — 627.
קנאָבעל, באָריס — 349, 624.
קליינמאַן, מ. — 624.
קאָוועגקאָ, מ. — 633.
„קאָל. קאָאָפּעראַטאָר" — 629.
קהת, קליגער — 630.
קנאַפּהייס, מ. — 630.
קרעמער, רבקה — 630.
קוטשער, שלמה — 586, 590.
קאָברינסקי, ב. — 596.
קעסעל, צבי (בילד) — 580, 599.
קניאַזשאַנסקי, אברהם — 4.
קניאַזשאַנסקי, שרה — 4.
קאָלאָדנע, פּרוי — 19.
קאַראַקאַס — 45.
קוראַסאַאָ — 68.
קאָרדאָסאַ ישורון — 70.
קאָנסקי, מ. — 83.
קרעיג, ס. מ. — 117.
קוטשינסקי, מאיר — 144.
קירשבאַום, ברידער — 342.
קלינגער, נתן — 348.
קופּפערשמידט, מאַקסימאָ — 349.
קליינמאַן, משה — 349.

קליין, ס. — 242.
קלוב פון מיליאָנערן — 372.
קלוב פון ייד. פּרעזידענטן — 375.
קלוב פון סטאַטיסטיקער — 358.
קלוב פון דיאַבעטיקער — 376.
קלוב פון גאָסן־בעטלער — 379.
קלוב פאַר געגטע מענער און פרויען — 382.
קלוב פון „אונטערגעוואָרפענע" קינדער — 384.
קאַטץ, חיים מרדכי — 418, 411, 410.
קלוטשניק, פיליפּ — 375.
קוליש, כאַסע — 434.
„קענעדער אַדלער" — 478.
קופערמאַן, איסאַק — 513.
קעלעמער, בערל און שמואל — 570.
קאָנגרעגאַציע, קלעווולאַנד (בילד) — 423.
קלעוולאַנד — 406.
הויז אין קלעוולאַנד (בילד) — 415.
קובאַ — 76.
קובאַ — 76, 81, 576.

ר.

ראַגאָף, הלל — 103, 106, 426 (בילד), 425.
ראַבינאָוויטש, לואיס — 246.
ראַסקין, ש. — 327.
ראָזמאַרין, אהרן ד״ר — 410, 481 (בילד), 328, 208.
ראָזשאַנסקי, ש. — 630.
ראָקפעלער סענטר — 222.
רעגאַלסקי, מ. — 631.
ראָזאַריער לעבן — 629.
ראַטנע — 630.
רעזניק, מאַרקאָס — 103, 349.
ריאָ דע זשאַניירא — 30, 570.
ראָזענבערג, מ. ע״ה — 350, 575.
ראָזענבערג, סאָניע — 350, 575.
רובינשטיין, סערגיי — 279.
ראָזענבוים, מאיר — 82.
ראַפּאַל, אסתר — 348.
ראָזענטאַל, ש. — 348.
ראָזענבערג, סאָול — 349.
ראָזענוואַלד, יוליוס — 467.
ראַבינאָוויטש, ישראל — 479.
ראָזענמאַכער, אברהם — 570.
רובינשטיין, מאַקס — (בילד) 585, 577.
ראַפּאַלאָוויטש, הרב — 584.
רובינשטיין, חיענע — 586.
רומענישע, שול — 363.
ראַבינאָוויטש, הערשל — 597.
ראַפּאַלין, ש. הרב — 598.
רוזוועלט, פ. ד. — 531.
רוזוועלט, טעאָדאָר — 47.
רוזוועלט, האָטעל — 576.
ראָטבלאַט, באָריס — 624.
רובינשטיין, משה (בילד) — 584, 577, 575, 606.
רובינשטיין, מ. — 590.
ראָטענבערג, י. — 590.
ראַטנערס, רעסטאָראַן — 440.
ראָזאַריאָ — 570.

ש.

שבח (שויפער) גרשון — 4, 406.
שבח (שויפער) מאַרי, מיסעס — 4, 416.
שענדעריי, משה — 326.
שניידערמאַן, ש. ל. (בילד) — 259.
שדכנים־ביוראָ — 253.
שעפנער, ברוך — 103, 105, 431, 634, 285.
שייקעוויטש — 329.
שקליאַרסקי, מ. — 331.
שוואַרבאַרט, יצחק ד״ר (בילד — 180), 179.
„שותפותדיקע שול" (בילד) — 306, 307.
שוואַרץ, מאַקס — 311.
שוואַרץ, יוסף (בילד) — 322.
שפּאַניער, דוד — 624.
שפּאַניער, דאָראַ — 624.
שפּיזמאַן, ל. — 368, 349, 627.
שיינין מ. — 28.
שטיין, מענדל (בדחן) — 272.

„שריפטן" — 629.
שעדלעץ — 630.
שוואַרץ, ש. — 630.
שפייזער, מאַקס — 630.
שולגאַטער, ד"ר 589, 582, 590.
שימאַנאָוויטש, גרונם — 585, 590.
שמוליעוויטש י. (בילד) — 432, 431, 468,
117, 360.
שניידער, יעקב — 56.
שאַפּירא, הרב — 64.
שפּרינבערג, משה — 326.
שפּרינבערג, פעדראָ — 627.
שפּריצער און פורמאַן — 74.
שטיינבערג, י. — 82.
שאַשקעס, חיים ד"ר — 61, 434.
שול פון שוואַרצע יידן — 116.
שניידערמאַן, ש. ל. — 494.
שלום עליכם שול — 350.
שטערן שולע — 369.
ביים לערנען אַ „שיעור" (בילד) — 417.
שיסגאַל, א. מ. — 365.
שפּאַק, מ. א. — 418.
שעפּאַרד, ד"ר — 434.
שוואַרץ, יוסף ד"ר — 468.
שיף, דזשייקאָב — 468.
שיל פון תימנער יידן — 574.
שערמאַן, בצלאל — 479.
שילדקראַוט, ל. — 564.
שטאַטס־דעפּאַרטאַמענט — 532.
שוואַרץ, לייבעלע — 570.
שטיין, סאַלאָמאָן — 586.
שטראַמער — 348.
שורין, א. ב., רב — 407.
שוואַרץ, מאָריס — 347, 432, 346.
שוסטערמאַן, אברהם ד"ר — 396.

ת.

תל אביב שול — 350.



פראַנקלין ד. רוזוועלט
FRANKLIN D. ROOSEVELT
President: 1933-1945



הערבערט ק. הוּווער
HERBERT C. HOOVER
President: 1929-1933



קאַלווין קולידזש
CALVIN COOLIDGE
President: 1923-1929



האַררי ס. טרומאַן
HARRY S. TRUMAN
President: 1945-1953

דווייט ד. אייזענהאַואער
D. D. EISENHOWER
President: 1953



טעאָדאָר רוזוועלט
THEODORE ROOSEVELT
President: 1901-1909

וויליאַם מק. קינליי
WILLIAM McKINLEY
President 1897-1901



בענדזשאַמין עריסאָן
BENJAMIN HARRISON
President: 1889-1893



וואַרען ג. האַרדינג
WARREN G. HARDING
President: 1921-1923

וודראָ ווילסאָן
WOODROW WILSON
President: 1913-1921



וויליאַם ה. טאַפט
WILLIAM HOWARD TAFT
President: 1909-1913



אַנדריי דזשאָנסאָן
ANDREW JOHNSON
President: 1865-1869

יוליסעס ס. גראַנט
ULYSSES S. GRANT
President: 1869-1877



רוטעפֿאָרד ב. אייעס
RUTHERFORD B. HAYES
President: 1877-1881

דזשיימס א. גאַרפֿיעלד
JAMES A. GARFIELD
President: 1881

טשעסטער א. אַרטור
CHESTER A. ARTHUR
President: 1881-1885

גראָווער קלעוועלאַנד
GROVER CLEVELAND
President: 1885-1889
President: 1893-1897



מייזשאַרד פיילמאָר
MILLARD FILLMORE
President: 1850-1853



זכריה טיילאָר
ZACHARY TAYLOR
President: 1849-1850



דזשיימס ק. פאָלק
JAMES K. POLK
President: 1845-1849

אברהם לינקאָלן
ABRAHAM LINCOLN
President: 1861-1865



דזשיימס ביוכאַנאַן
JAMES BUCHANAN
President: 1857-1861



פראַנקדלין פּיירס
FRANKLIN PIERCE
President: 1853-1857



אַנדריי זשאַקסאָן

ANDREW JACKSON

President: 1829-1837



דזשאָן קינס אַדאַמס

JOHN QUINCY ADAMS

President: 1825-1829

דזשיימס מאָנראָע

JAMES MONROE

President: 1817-1825



דזשאָן טיילאָר

JOHN TYLER

President: 1841-1845



וויליאַם ה. העריסאָן

WILLIAM HENRY HARRIS

President: 1841



מאַרטין וו. בורן

MARTIN VAN BUREN

President: 1837-1841

די פרעזידענטן פון דער נאָרד-אַמעריקאַנער רעפּובליק זינט איר גרינדונג.

THE PRESIDENTS OF THE NORTH AMERICAN REPUBLIC SINCE ITS FOUNDATION



דזשאָרדזש וואַשינגטאָן
GEORGE WASHINGTON
President: 1789-1797



דזשיימס מעדיסאָן
JAMES MADISON
President: 1809-1817



טאָמאַס דזשעפערסאָן
THOMAS JEFFERSON
President: 1801-1809



דזשאָן אַדאַמס
JOHN ADAMS
President: 1797-1801

that every nation has such a leader as it deserves and the leader such a nation as he is worthy of. The N. Am. people are worthy of the Presidents they had during all the years of its existence and independence, and all the Presidents of the past up to this day, deserve to have such a faithful, zealous and for the sake of truth, intelligent people.

And these are the reasons why North America is great.

VALENTIN CHERNOVETZKY

Buenos Aires.

At the third time, in the war of Korea, the American fathers and mothers have sent there their best sons to fight and not to permit that the free world shall fall into the paws of the communistic beast.

Right here you can find the greatness of America!

And I'll give you more reasons why I lay stress upon the fact that America is great: and one of the principal ones is the love, the unlimited love and affection that the American people have for their own country, their zeal in the protection of the good name of their America, and their acceptance with approbation and satisfaction even of the defects, the dark sides, which their country — as well as any other else on the earth — possesses.

And very struck with wonder I was especially, when I used to converse with the American citizen, about the ancestors of his land, who had helped in its building up, about the presidents who have led the land to greatness and brought it to that high position of advancement in which it is placed nowadays.

He, the American citizen, independently of any situation and class, may he belong or not to any party, speaks about these persons with deferential regard and extraordinary affection.

Now, in honour of this American citizen and as a token of esteem paid to the great respect he shows to the leaders of the North American Republic since its foundation till nowadays, I give here, in my book, my observations about this great land of U.S.A. and the pictures of all the presidents since the birth of this Republic.

And herewith, I wish as well to emphasize that the N. Am. citizens, who exceedingly love their homeland, helped to aggrandize their native country, that North America has become great and mighty thanks to its sons and daughters, fathers and mothers, who are ever ready to offer their life for their beloved fatherland, and that the personalities, who laid the foundation and gradually conducted the country to progress, governing it since 1776, up to this day, have helped as well to make it great. There is an old Talmudic Saying (Arachin 17): "The generation is according to the leader and the leader is according to his generation", that means

PREFACE

These two books which I have the honour to bring to the friendly reader, are the product of two months stay in the great republic of the North, travelling continuously over the country, walking along the streets of the cities and towns and observing attentively both the social life and the mode of living of the different classes of the North-American people, and then departing from there more delighted and more enravished than I had ever imagined, while hearing or reading about North America; and as a consequence of my inspiration and rapture of delight, is the name I have given to my work, the two books of my impressions:

AMERICA, YOU ARE GREAT!

And it is neither overrated nor exaggerated! America, this country of the North, is great in all the senses: great and mighty as a military state, great and mighty both technically and industrially; and great and mighty in the field of intelligence, science and . . . democracy.

When somebody comes to America as an indifferent tourist, he must leave the country as a friend and admirer. When somebody comes to America as a friend, he departs from there with more friendliness. And when one comes as an adversary, even as an enemy, he must, volens-nolens, go away with a different opinion and become necessarily a friend of that great country.

On my return journey, on shipboard, many of the most bitter-tempered adversaries of America, have confessed to me, that this country is worthy of friendship and deserves respect.

Every adherent of democracy, and especially, every sincere Jew, sympathizes with this great country of North America. Everybody that is honest with himself and is high-minded remembers very well that this great land, the United States of America, has twice rescued the world from falling into the fauces of the beasts.

DWIGHT D. EISENHOWER
President of the U.S.A.

V. CHERNOVETZKY

AMERICA, DU BIST GROIS

AMERICA, ERES GRANDE!

★

Editado por:
"EL MAGAZINE ARGENTINO"
BUENOS AIRES — 1956

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by:
VALENTIN CHERNOVETZKY
(Bs. Aires - R. Argentina)

V. CHERNOVETZKY

América, you are great!

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 29 DE SEPTIEMBRE DE 1956
EN LOS TALL. GRAF. "ZLOTOPIORO HNOS.", GASCON 1231, BS. AS. (R. A.)